STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04176

IN SOVETISHN GEBOY

Ab. Victor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. וויקטאָר

אין סאָוועטישן געבוי

באַשרייבונגען און איינדרוקן פון אַ
רייזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד אין
האַרבסט פון יאָר 1929

פאַרלאַג „מאָרגן-פרייהייט“
50 איסט 13טע גאַס, ניו יאָרק
33

אַרויסגעגעבן פון
שטאַטישן קאָמיטעט אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
דעטראָיט, מישיגען

COPYRIGHT 1931
by Ab. Victor

אינהאַלט:

פאָרוואָרט

1. בערלין - לענינגראַד — 7
2. דער פענצטער צו אייראָפּע — 13
3. דניעפּראָפּעטראָווסק — 23
4. ביי די מעטאַליסטן — 33
5. אַלץ פאַר'ן אַרבעטער — 40
6. פון אומקום צום אויפקום — 48
7. א־נו־קא, דניעפּר, טו זיך א רוק — 57
8. ביי די „בעזפּריזאָרנע" — 65
9. פון זאַפּאָראָזשיע ביז ניקאָפּאָל — 73
10. איבער די אידישע קאָלאָניעס — 78
11. מיט'ן דניעפּר צום שוואַרצן ים — 87
12. דער יונגער מעטאַליסט — 93
13. אין און אַרום קאַלינינדאָרף — 99
14. אָדעס — 106
15. אַ שטעטל גייט כאָדאָראָם — 112
16. דאָפּר נומער 3 — 119
17. שולן, קולטור־טעמפּלען, מוזייען און קאָנווייערס — 126
18. סאָוועטישע קינאָ־צענזור — 133
19. פיר מעת־לעת אויף דער גרוזיע — 140
20. „טיפלאָכאָד גרוזיא" — 147
21. פּאַנאָראַמע קרימער־קריג — 154
22. פון פעאָדאָסיע ביז באַטום — 160
23. פון שוואַרצן ים ביז'ן קאַספּישן — 176
24. אין און אַרום באַקו — 187
25. אויף באַזוך ביי דער רויטער אַרמיי — 197
26. נאַפט קוואַלן און ראַפינירזאַוואָדן — 205
27. „בוכטאַ איליטשאַ" — 217
28. מיט'ן סאָוועטישן שנעל־צוג — 225
29. „טשיסטקא" — 231
30. אין קאָך פון סאָוועטישן טיגל — 237

פאָרוואָרט

דער שרייבער האָט פאַרבראַכט אין סאָוועטנפאַרבאַנד איבער דריי חדשים צייט אין סוף פון יאָר 1929. דער רעזולטאַט פון זיין באַרייזן די סאָוועטישע רעפובליקן אין יענע טעג איז דערדאָזיגער בוך „אין סאָוועטישן געבוי", רייזע־בילדער און איינדרוקן, באַאָבאַכטונגען און שטיקער לעבן פון אינטענסיווער אַרבעט און איבערבוי, מעכטיגער פאַרמעסט פון 5־יאָריגן פלאַן אויף אַלע געביטן סיי אינדוסטריעל, סיי קולטורעל, און אויך די דאָרטיגע אידישע קאָלאָניזאַציע, דער־אָ גרויסער פאַרנעם צו פאַרוואַנדלען די אידישע לופט־מענטשן אין נוצלעכע און פראָדוקטיווע סאָוועטישע בירגער.

פון סוף 1929 ביז היינט איז דער 5־יאָר פלאַן אַוועק מיט אַזאַ ריזיגן טעמפּאָ, אַז דער סאָציאַליסטישער אויפבוי אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געוואָרן די טאָג־טעגלעכע רייד פון דער גאָרער וועלט. אַ פרייד פאַר די פריינט און אַ שרעק פאַר די שונאים. אודאי קומען צו מיט יעדן טאָג נייע איינדרוקן און רייכערע לעבנסבילדער אין איצטיגן סאָוועטישן געבוי און זיכער וועט דער מאָרגן ברענגען נאָך נייערע און מער אינטערעסאַנטע.

אַ טייל פון דעם בוך איז געדרוקט געווען אין דער „מאָרגן־פרייהייט קאַפּיטלעכווייז פון צייט צו צייט. דאָס איבעריגע איז ביז איצט אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט.

א. וו.

בערלין—לענינגראַד

(מיט די דייטשישע חברים. רויטע פאָן אין שטעטינער האַפן.
מאַקס העלץ).

„קאַרל־ליבקנעכט־הויז” אין בערלין פאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַר־טאַל אין אַרבעטער־געגנט. דאָ איז דאָס האַרץ פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי. אויפגענומען האָט אונז דער חבר פּאול ב., דער הויפּט פון אויסלענדישן אָפּטייל אין דער „רויטער פאָן”, די בערלינער טעגלעכע צייטונג פון דער אָרטיגער קאָמפּאַרטיי. דער חבר שרעקער איז געווען אונזער פירער און וועגווייזער.

ווייל מען זיך כאָטש פון אויבנאויף באַקאָנען מיט דער־אָ „קאַרל־ליבקנעכט־הויז” און מיט אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין איר, מוז מען אַוועקגעבן שיינע עטלעכע שעה אויף דעם. ס'איז אָבער כדאי. די עטלעכע שעה פליען אַוועק אומבאַמערקטערהייט, און דער הונגער טוט ערשט אַ רופע, ווען די נאָזלעכער דערשמעקן דעם רייצנדיגן ריח פון גוטע פּאַטראַוועס. איז אדרבא. טאַקע אין אונטערשטן גאָרן איז די גאָרקיך. קריגט איר דעם געשמאַקן מאָלצייט מיט אַ היבשן קופל שוימיגן ביר, און זאָל אייך וואויל באַקומען.

חוץ וואָס איז סתם כדאי, איז אויך ווערט צו באַקאָנען זיך מיט דער ליבקנעכט־הויז, כדי צו נעמען אַ מוסטער פון די דייטשישע חברים אין פּינקטלעכקייט, אין אויפגערוימטקייט און אין גוטן סדר און אָרדנונג. צי איר גייט דורך די ריזיגע דרוקעריי מיט די גוואַל־דיגע פרעס־מאַשינען, צי די ביבליאָטעקן און ארכיוון, צי ביכער און זשורנאַל חדרים, אָדער אַנדערע אָפּטיילונגען, — אומעטום, וואו איר זאָלט זיך ניט קערן און ווענדן, הערשט אויפזיכט און אָרדנונג גע־וועלטיגט. און וויפיל מאָל אַשטייגער האָט זיך די נאַטסקישע פּאָליציי אהער אַריינגעריסן און אָנגעמאַכט חורבנות גאַנצע? — דער חבר שרעקער האָט וועגן דעם אַ סך צו דערציילן. ווערט מען פּטור פון אַ פּאָליציי־איבערפאַל, וואַרפט מען גלייך אַרויס די אומאָרדנונג, וואָס זי האָט גורם געווען. אמת'ע מערעשקעס. אַ פּאַסקודנער שטיוול

האָט מיטן גאַנצן כּח אַריינגעטאָפּטשעט אין זייער היים־בערגל און איבערגעקערט אַלץ מיט אַנאַנדער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. פּטור געוואָרן פון דעם כּאַמולסקן פוס, איז גלייך צו דער אַרבעט צורעכט צו מאַכן דעם חורבן, צו פאַרריכטן דעם שאָדן און ווייטער אין פולער אָרדנונג.

פון ליבקנעכט־הויז זיינען מיר געפאָרן צו פרידריך־פעלד. אויף דעם דאָזיגן בית־עולם אין אַ באַזונדער ווינקל ליגן די געפאַלענע העלדן פון ספּאַרטאַקן־אויפשטאַנד אונטער סערפּ און האַמער דענקמאַל, וואָס בליאַסקעט פונווייטנס מיטן רויטן עמבלעם און שיט מיט שפּיז־לעך צווישן די בוימער. זייט ביי זייט זיינען די קברים פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסנבורג. אָפּגערוקט אַ ביסל רוט פראַנץ מעהרינג. 22 קברים פון די דערשאָסענע מאַטראָזן. דאָ ליגט אויך ווילהעלם זולט, דער פירער פון די עלעקטרישע באַנען־אַרבעטער, וועל־כער איז אָן צערעמאָניעס דערשאָסן געוואָרן אין פּאָליציי־פּרעזידיום, וואוהין ער איז גענומען געוואָרן כּלומרשט אויף פאַרהער, און אָט זיינען די פרישע קברים פון די געפאַלענע אַרבעטער דעם ערשטן מאַי אין „ניי־קעלן“, די אומגעקומענע דורך די הענט פון דער נאָסקישער ממשלה.

אַרומגערינגלט איז דער זויבערער און איינפאַכער סערפּ און האַמער דענקמאַל מיט שורות און שורות קברים, מיט אויפשריפטן און אָן אויפשריפטן, און אַרומגערינגלט זיינען די קברים מיט בלומען, און די בלומען זיינען לעבעדיגע און פרישע, באַוואַסערט און באַטויט פון חבר'ישע הענט און אַזוי זאָרגפעלטיג אָפּגעהיט. אַהערצו קומט מען מיט פאַראַדן און מיט רויטע פאָנען, אַהערצו קומט מען אין קליינע גרופּן און אַהערצו קומט מען אויך אַליין, אַ חבר, אַ נאָענטער, אַ פריינט. דאָ ווערט די פּראָלעטאַרישע שבועה געגעבן, צי אויפן קול, צי שטילערהייט אין די טיפענישן פון האַרץ און נשמה, נים אויף נקמה צו נעמען, נאָר צו קעמפן פאַר דער פולער באַפרייאונג פונם אַרבעטער־קלאַס און ביזן ענדגילטיגן זיג פונם האָרעפּאַשניק. ניטאָ דאָ קיין טויטע, פאַרוועלקטע בלומען־קרענץ. פריש זיינען די בלומען און רויט זיינען זיי, ווי פריש און רויט עס זיינען די לעצטע מאַי־געשעענישן אין „וועדינג“.

זיינען נאָך ניט פאַרהיילט די קוילן־וואונדן אפילו אויף די ווענט פון די הייזער אין די דאָרטיגע אַרבעטער־קוואַרטאַלן... יע, דער ערשטער מאַי אין יאָר 1929, ווען דער בערלינער פּראָלעטאַריאַט האָט אויף באַריקאַדן געקעמפט, און אַרבעטער האָבן זייערע קעפּ אויף די ברוק־שטיינער אוועקגעלייגט... אָרעמקייט? נויט? הונגער? — צו

יעדער צייט קאָן מען געפינען געגנוג חברים אַרבעטער אין זייערע לאָקאַלן, און בילדער פון אויסגעצערטע מאַמעס און קינדער פון שרייענדיגן פּיין און אומקום, פון זעלבסטמאָרד... נו, און אין דעם לאַנד פון שפע, אין רייכסטן ווינקל אויפן ערד־קוגל, ווי גייט עס דאָרט? — אָ! מען ווייסט, מען איז ניט פאַרבלענדט אין דעם. און — — גיט איבער אונזער פלאַמיגן גרוס צום גאַנצן סאָוועטנ־פאַרבאַנד, חברים, און פאַרגעסט ניט צו אונז אהער פון דאָרטן אַ גרוס צו ברענגען.

:: :: ::

אונז דוכט זיך, אַז דער צוג קריכט. און אויב מיר פאַרשפּע־טיגן, וועט דאָס מיינען אָפּצוהיניען אין שטעטין כמעט אַ גאַנצע וואָך אומזיסט־אומנישט. די פרוי, וואָס זיצט אונז אַנטקעגן, פאַרזיכערט אונז, אַז מיר׳ן קומען אין צייט. זי ווייסט שוין פון דערפאַרונג. די פרוי רעדט צו אונז אין אַ פּליסיגן ענגליש. איז זי דאָ אַ גאַסט, אַ דורכפאָרערין?... ניין. זי איז אַ דייטשקע, אַ הי־געבוירענע. געוואוינט אין אַמעריקע אַ צוויי צענדליג יאָר. זי האָט קינדער אי דאָ, אי דאָרט. אין צייט פון דער וועלט־מלחמה זיינען אירע זין גע־טריבן געוואָרן צו גיין אין שלאַכט פוןביידע זייטן. איז איר געווען קלאָגעדיג און טרויעריג. לייבלעכע ברידער און גיי קוילע איינער דעם אַנדערן. אַז מען איז גאָר קיין שונאים ניט. אדרבא, מען גינט זיך איינס ס׳אַנדערע אַלדאָסגוטס. אָט אַזאַ אומגליק... פון דאַמאָלסט אָן ליגט אַזוי איר מוטער־האַרץ אַ צעשניטענע; איין טייל דאָ און דער צווייטער טייל ליגט אויף יענער זייט אַטלאַנטיק. אָפּגעלעבט אַ לעבן לאַנג מיט קינדער און קינדס־קינדער, און ערשט אויף דער עלטער זיך אַרומגעזען, אַז אַזוי טויג ניט, ס׳איז ניט מענטשלעך אַזאַ וועלט־פירערײַ...

דער צוג שטעלט זיך האַסטיג אָפּ, ווי ער וואָלט זיך פאַרסאָפּעט יאָגנדיג, און רייסט איבער דעם שמועס. שטעטין. אין ווייניגער פון אַ האַלבער שעה זיינען מיר שוין ביים האַפן און אויף דער שנעל־שיף „פּרייסן״. גוט. איינגעאָרדנט זיך אויף גיך אין דער קאַבינע און אַרויס אויפן אויבערשטן דעק אַ קוק צו טאָן אויפן אַרום און אויפן גוואַלדיג גרויסן עולם, וואָס ברויזט אַזוי פריידיג אויפן ברעג. עפּעס קומט דאָ פאָר. זיכער איז, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּאַסאַזשירן קיין לענינגראַד, בכלל ניט קיין פּאַסאַזשירן. וואָס־זשע זאָל דאָס באַטייטן? אפשר באַגלייט מען יונגע פּאָרלעך אויף זייער האָניג־חודש, צי וואָס?

מיין מיטפאָרערין לויפט צו אָן אָן אָטעם.

— די רויטע פאָן. אָן דאָרט שווימט אַרום אונזער שיף אַ קאַטער (מאָטאָר־שיפל) מיט דער רויטער פאָן אַרויפגעצויגן. .. רוסישע זיינען דאָרטן...

איך גיב איר צו פאַרשטיין, אַז ביז לעני־נגראַד האָבן מיר נאָך אַ יאַזדע פון גוטע דריטהאַלבן מעת־לעת, און אַז דערווייל זיינען מיר נאָך אין דייטשלאַנד, איז ניטאָ וואָס צו חלום'ען... זי פליט אַוועק, ניט אויסהערנדיג מיך ביזן סוף, און אין אַ מינוט אַרום צופּט זי שוין מיין אַרבל...

— אַזאַ ניט־גלויביגער. טאָ קום און זע און איבערצייג זיך אַליין...

יע, גערעכט. אין שיפל זיצן אַ גרופּע ציווילע און מאַ.ירּאָזן סאָוועטישע. איינער שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליד: „לאַנג האָט מען אונז אין תפיסות געהאַלטן, געקנורטעוועט, געפּייניגט צום טויט"... פאַרנאַכטיג ווינטל האָט אַ בלאָזאויף געטאָן די רויטע פאָן, און „סערפּ־און־האַמער", סאָוועטישער עמבלעם, האָט זיך אַ שפּרייט־אויס געטאָן אין גאַנצער בולט'קייט. די „פּרייסן" האָט אַ בויטע געטאָן מיטן שרויף אונטערן וואַסער און האָט זיך גענומען רירן אין וועג אַריין. פון ברעג האָט אַ הילך געטאָן אָרקעסטער און אויסגעמישט זיך מיט בראַוואָ־פּאַטשעריי און ווינשעוואַניעס פון איין ריזיג האַלז. ביים פּאָרענטש איז געשטאַנען מיטן פּנים צום עולם און מיט אָפּגעדעקטן קאָפּ אַ פעסט־געבויטער מאַן אין אַ קורטקע, האַנט אויסגעצויגן ביזן עלנבויגן און פון עלנבויגן אויפגעהויבן אַרויף מיט אַ פאַרשטייפטן פויסט, און אויף אַלע באַגריסונגען און גוטע וואונטשן געענטפערט קורץ און ברוסטיג: „רויטער פראָנט... רויטער פראָנט"...

דאָס איז געווען מאַקס העלץ, דער געוועזענער אָפיציר פון דער קייזערלעכער אַרמיי און איצט באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער, פּאָרקעמפער פון דייטשישן פּראָלעטאַריאַט. געווען פאַר'משפּט צום טויט, אָפּגעפינצטערט לאַנגע יאָרן אין געפענגעניש, און איצט, אָקאָרשט אַ באַפרייטער, פאָרט ער צו גאַסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויף דער איינלאַדונג פון דער אַרבעטער און פּויערים מלוכה. געקומען זיינען דייטשישע האָרעוואַניקעס צו געזעגענען זיך מיט אים און צו באַגלייטן מיט מוזיק און רעוואָלוציאָנערן געזאַנג. זיינען אויך אַראָפּ סאָוועטישע מאַטראָזן פון די פּראַכט־שיפן, וואָס ברייננגען פון לענינגראַד אַהערצו געהילץ און אַנדערע סחורות, און אויך אנטייל גענומען אין יום־טוב ווי געהעריג איז.

פּנים'ער געלויכטן און אויגן געשיינט, און לאַנג־לאַנג נאָך, ביז

נאָכט האָט זיך אוועקגעלייגט אַ שטאָק פינצטערע, האָבן בײדע ברעגן פון שמאָלן וואַסער־וועג צום אָפענעם ים צו, וואו נאָר אַ שטיקל לאַנדונג איז געווען, גערוישט און געהילכט מיט מוזיק און געזאַנג פון האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס זיינען ארויסגעקומען צו זאָגן דעם „פאָר־געזונט" צו זייער ליבלינג מאַקס העליץ, און ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער אָנגענומענער פּאָזע, בליציגע בליקן גע־שיקט, און ברוסטיגער אויסרוף „רוטער פראָנט"...

אין עס־זאַל ביים טיש האָבן מיר זיך באַקאַנט. צי מחמת זיין אויסזען האָט אימפּאָנירט, צי דערפאַר, ווייל מיר האָבן אויף אים געקוקט מיט אַנדערע אויגן, סיי ווי סיי, מאַקס העליץ איז גע־וואָרן דער צענטער, אין וועמענס קרייז יעדער האָט זיך געוואָלט געפינען. אפילו די „יאַנקים" פון ניו יאָרק, דאָס פּאָרפאָלק מאָרעי, זיינען ניט אָפּגעשטאַנען. די פרוי מאָרעי איז שוין איינמאָל געווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד און איצט האָט זי מיטגעפירט מיט זיך איר „גרויסן" מאַן, אַ וויקסיגער מענטש, אפשר זיבעטהאַלבן פוס די הויך, ער זאָל אויך זען דאָס דאָזיגע מאָדנע לאַנד מיט די נייע איינפירונגען. אַליין האָט זי זיך אַלע ווײלע דערקלערט אין ליבע צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, פשוט ראַמאַנסירט, און ער, דער „גרויסער" מאַן אירער, פלעגט אונטער׳חוזק׳ן אויף דזשענטלמעניש שטייגער פון זיין כוואַט־סקער דאַמע, נאָר טאָמער האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס, פלעגט ער גלייך דאָס פאַרריכטן מיט אַ גלאָז ביר, צי מיט אַ באָקאַל פּאָרט־ווײן, אָדער גאָר מיט אַ קעלישעקל שנאַפּס. ער, דער מיסטער מאָרעי, האָט ניט געגליכן די באָלשעוויקעס, ניט זייערע פאַראָנדקעס און ניט זייער לאַנד. ס׳איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט זיך זיין בעסערע העלפט, אַזאַ הויך־געבילדעטע, אַזוי פאַרליאַפּעט אין „זיי" און שלעפּט אים, דעם שאַרפזיניגן געשעפטסמאַן פון ניו יאָרק, אויך אַהין־צו. נישט מער וואָדען? אַז ער וועט שוין זיין אין מאָסקווע, וועט ער שוין איינוועגס אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן מכח „ביזנעס"... אים האָט זיך זייער געגלוסט הערן, וואָס דער דייטשי־שער רעוואָלוציאָנער האָט וועגן דעם צו זאָגן...

מאַקס העליץ איז אָבער ניט באַרעדעוודיג געווען. ער האָט בכלל אויסגעמיטן נודנע געזעלשאַפט. מערסטנס פלעגט ער ארומשפּאַצירן איבער דער אָפענער פּאַלובע אָן אַ היטל און פלעגט זיך שטענדיג אָפּשטעלן מיט די אויגן געווענדט אַהין, וואוהין מיר האָבן זיך כסדר דערנענטערט. האָט ער באַמערקט, אַז מען קלייבט זיך אים באַלאַגערן, איז ער אוועק אין אַ ווינקל און פאַרטיפט זיך אין עפּעס.

איינמאָל זיינען מיר אַזוי געזעסן זאַלבענאַנד אין דער קאַיוטע

און געשמועסט. מאַקס העלץ האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך אין אַ נייענקן, שיינעם בונד, און זיינע פינגער האָבן אַזוי געפּירט איבערן דינעם בלעטער־שניט און געלאָזט לויפן די ווייסע פּאַפּיר־בּרעגן אין שטיל־פלאַטערדיגן געזשום. באַמערקנדיג מיין פאַרשנדיגן קוק אויפן בוך, האָט ער, ווי אַ ביסל שעמעוודיג געזאָגט:

— דאָס איז מיין אייגענער בוך, מיינע דערפאַרונגען און אַז. וו. נאָר וואָס דערשינען פון דרוק. חברים האָבן מיר דאָס מיטגעגעבן אויפן וועג... צום באַדויערן איז דאָס דער איינציגער עקזעמפּליאַר, וואָס איך פאַרמעג...

מאָנטאג, דעם 19טן אויגוסט, ווען איך בין אַרויס אינדערפרי אויפן דעק פון דער „פרייסן", איז מאַקס העלץ שוין געווען האַלב־אויסגעצויגן אויפן סאַמע נאָז פון דער שיף און מיט הענט אַרומ־גענומען דעם שטאַנג. ס'איז געווען וואָלקנדיג און ס'האָט זיך געקליבן רעגענען. דורכן נעפּל האָבן זיינע שאַרפע אויגן געזוכט דעם ברעג פון געגאַרטן לאַנד. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט זען, ניט געוואָלט הערן קיינעמס רייד, ניט געוואָלט, אַז די שיף־וואַכעדיג־קייט זאָל צעשטערן זיין עקזאַלטירטן יום־טוב־צושטאַנד. אָט שווימען מיר פאַרביי קראָנשטאַט. סאָוועטישער לאָצמאַן נעמט איבער די „פרייסן" אונטער זיין קאָמאַנדע. אָט שטייען מיר שוין אין אַ ענגער גרופּע, און מאַקס העלץ ווערט ווי צוגעשמידט צום סאָוועטישן שיף־פירער, און אָט איז שוין לענינגראַד...

אַ דריבנער איינגעגעסענער רעגן, נאָר צום האַפן מאַרשירן אין אַ געדיכטער קאָלאָנע אַרבעטער אונטער די קלאַנגען פון „אינטער־נאַציאָנאַל" און מיט פאַנאַנדערגעוויקלטע רויטע פאָנען. אין רייען געשלאָסענע און מיט פרייד אויף די פּנים'ער זיינען געקומען די אַרבעט־טער פון דער פאַבריק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאַקס־העלץ", צו באַגעגענען זייער חבר־שעף.

ווארעמע און פעסטע האַנט־דרוקן. ווען מיר זיך נאָך זען?... אָ, מעגלעך... זיכער מעגלעך...

יע, מיר האָבן זיך נאָך אַמאָל געטראָפן מיט 3 מאָנאַטן שפּעטער אין מאָסקווע.

דער פענצטער צו אייראָפּע

„פּיאָטר דער גרויסער", דער רוסישער צאַר, האָט געגרינדעט די שטאָט סט. פּעטערסבורג אויף די בלאָטעס און זומפּן ביים פינישן ים־אויסגוס און האָט מיט דעם דורכגעהאַקט אַ פענצטער צו אייראָפּע. דורך דעם דאָזיגן פענצטער האָט פּיאָטר מיט גוואַלד געשלעפּט די אייראָפּייאישע קולטור פאַר די אויסגעפלאָכטענע, באַפּוצטע צעפּ און זי געשליידערט אין די אָרעמס פון זיינע ליביגע און בערדיגע באָיאַרן, כדי זיי אויסצומענטשלען. די אָרטאָדאָקסישע באָיאַרן (פּריצים, אַדעליגע) האָבן זיך געʼעקשנʼט, געמאָרדעוועט, ניט געוואָלט אויפנעמען די דעקאָלטירטע אייראָפּע אין זייערע היימען. ס'האָט זיי ניט געהאָלפן. זיי האָבן זיך געמוזט אויסמענטשלען אונטערן צאַריש־דעספּאָטישן צוואַנג. די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט זיך אַריינגעקליבן מיט איר גאַנצער קאָסמעטיק, און פּעטערסבורג איז געוואָרן די ערשט־קלאַסיגע רעזידענץ פון דער צאַרישער אימפּעריע.

אַ שלל מיט אוצרות האָט דער זומפּיגער באָדן איינגעשלונגען ביז מען האָט אים פאַרגרונטעוועט. פון דעם ווייסט מען. וויפיל אָבער ווייסן פון דעם אומגעהייערן שלל פון מענטשלעכע לעבנס, וואָס זיינען דאָ אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף אויפצובויען אָט די דאָזיגע אָריגינעל שיינע, ערשט־קלאַסיגע שטאָט? — צענדליגער און הונדערטער טויזנטער פּויערים און אַרבעטער־שקלאַפן האָבן מיט זייערע ביינער דעם גרונט געלייגט און געהאַרטעוועט דעם באָדן. אויסגעוואַקסן און צעשפּרייט זיך די צאַרישע רעזידענץ מיט פּאַלאַצן פאַר ווילדע אָרגיעס און משוגע־רייכע הוליאַנקעס אויף איין זייט פון נעוואַ־טייך, און פּונקט אַנטקעגן אויפן צווייטן ברעג איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקע פעסטונג מיט די שטיינערנע קברים, וואו די געפאַנגענע רעוואָלוציאָנערן זיינען געוועזן לעבעדיגערהייט באַגראָבן. די רוסישע צאַרן, די יורשים פונם „גרויסן פּיאָטר", האָבן אַנדערש ניט געקאַנט זיך זעטיגן מיט דער אייראָפּייאישער קולטור און הנאה האָבן פון איר ציוויליזאַציע סיידן ווען זיי האָבן געהאַט שטענדיג פאַר די אויגן די עשאַפאָטן, אויף וועלכע זיי האָבן אומגע־

בראַכט די „בונטאָוושטשיקעס״, די ווידערשפעניגער פון זעלבסטהער־שאַפט. אין דעם האָבן זיך די ראָמאַנאָווס ניט אונטערשיידט פון „איוואַן דעם שרעקלעכן״, וואָס האָט נאָך אפילו קיין אַנונג ניט געהאַט פון אַ „פענצטער צו אייראָפּע״... און איז ווייט געווען פון קולטור און ציוויליזאַציע בכלל. דער צאַר „איוואַן גראָזני״ האָט אויף אַזעלכע זאַכן ניט פּרעטענדירט, און לויט זיין השגה האָט זיך זייער גוט קאָמבינירט דער מאָסקווער „קרעמל״ מיט די גאָלדענע קופּאָלן און צלמים, דער קלויסטער פון „הייליגן באַזיל״, און גלייך אין שכנות, אויפן רויטן סקווער, דאָס באַוואוסטע „לאָבנאָיע מעסטאָ״ (קעפּונג־פּלאַץ).

פּעטערסבורג, פּיאָטר׳ס פענצטער צו אייראָפּע, האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן דאָס אָנטועכץ, וואָס די קולטורעלע און אַנטוויקלטע אייראָפּע האָט צוגעשניטן און אויפגענייט. גלאַנץ, פּראַכט און משוגע׳נע אָרגיעס פאַר די הערשער און די פּריצים, און אָרעמקייט, נויט און דחקות פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן.

ביים אַריינגאַנג צום „סמאָלני״ שטייט אויף אַ קיילעכיגן פּעדע־סטאַל די סטאַטוע פון לענינען מיט אויסגעשטרעקטער האַנט און מיטן פּנים צום גאַס. עס קוקט אויס ווי לענין האָט זיך מיט אַ כיון פאַרקליבן אויף אַ הויכן זייל, כדי פון דער הויך אָנצואווייזן דער היינטיגער לענינגראַד, ווי דורכן פענצטער צו אייראָפּע טראָגט זיך דער פּראָלעטאַרישער גוס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אַהין צום בור־זשואַזן מערב און צו דער גאָרער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: נאַט, זעט; ניטאָ דאָ מער קיין צילינדערס מיט פראַקן, ניטאָ מער קיין דאַמען און הערן פון „הויכער געזעלשאַפט״; וועט מען דאָ אויף אַ רפואה ניט געפינען קיין גענעראַלסקע ליאַמפּאַסן און שליפעס. און די גאַנצע אויסגעצאַצקעטע פּאָמפּע פון געוועלטיגער איז אין אָפּגרונט פאַרזונקען און וועט מער קיין תחית־המתים ניט אויפשטיין...

שוויבלט לענינגראַד מיט האָרעפּאַשנע מאַסן. פּעטראָגראַד, דער יורש פון „פּיטער״ (פּעטערבורג), איז דורך דער צייט פון אינטער־ווענציע און בירגער־קריג צעטרייסלט געוואָרן און געפּוסטעוועט. באַ־פעלקערונג צעלאָפן און אויסגערונען. גאַסן, סקווערן און מערק צע־ריעט. אָפּגעקאַלופּעטע ווענט און צעביסענע מויערן מיט פאַרלאָפענע שויבן איבער פאַרטרויערטע טראָטואַרן... אוי, אַ צייטעלע געווען!...

לענינגראַד לעבט איצט אויף און פילט זיך אויס, ווי איינער וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ געפערלעכער קרענק. גייט אָן דער רעמאָנט אין פולן ברען אומעטום, און צוזאַמען מיטן אויספאַרריכטן דאָס פאַרבליבענע גייט אויך אָן אין פולן שוואונג דער אויפבוי פון

נייע קוואַרטאַלן פאַר אַרבעטער־וואוינונגען אין די פאָרשטעט. און אַז מען פאַרגלייכט לענינגראַד מיט מאָסקווע, קומט אויס, אַז די לעצטע האָט זיך שוין אָפּגעזעצט מער אָדער ווייניגער, ווען די ערשטע האַלט נאָך אין שוימען און אין אויסמישן דאָס אַלטע מיט דאָס נייע. אַזוי קוקט דאָס אויך אויס אין אינדוסטריעלן געבוי. דער זאַוואָד „רויטער פּוטילאָוועץ" איז אונטער רעמאָנט, נאָר צו דער זעלביגער צייט איז די פּראָדוקציע אויף אים ניט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אויף דער טריקאָטאַזשנער פאַבריק „רויטע פאָן" זיינען אין געברויך די נייע, העכסט מאָדערנע קאָרפּוסן און אויך די אַלטע, הינטערשטעליגע געביידן. גרויס איז דער קאָנטראַסט אין די פאַרבערייען. די אַלטע בנינים, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט איבערגענומען פון די פריערדיגע באַלעבאַטים, און האָט זיי ווי ווייט מעגלעך אויסגערעמאָנטירט און אויסגעבעסערט, זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן, ווי פינצטערע לעכער אין פאַרגלייך מיט די נייע קאָרפּוסן, געבויטע פון די סאָוועטן. דאָ, אין די נייע פאַבריק־געביידן, שימערירן די אויסגעווייסטע ווענט, און דורך די אומענדלעכע רייען שויבן שטראָמט אָן אויפהער טאָגליכט אַריין. די מאָדערנסטע ווענטילאַציע־סיסטעם האַלט אָן די לופט פריש און אויף אַ באַשטימטער גראַד וואַרימקייט. זינגענדיג גייט די אַרבעט, און דער פרויען אַרבעטער־עלעמענט (ערך 85% אויף דער פאַבריק „רויטע פאָן") העלפט אַ סך אויס דערצו. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פאַבריק, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע צאָל פרויען־אַרבעטער, איז באַזאָרגט מיט אַלע אַטריבוטן, ווי קינדער־גערטנער און אַלע אַנדערע קינדער און מוטער־אַנשטאַלטן.

די אַרבעטער־פרוי, וואָס האָט אַ זויג־קינד, אַרבעט ווייניגער מיט אַ שעה. דאָס עופּה'לע ווערט אָפּגעהיט אונטער דער השגחה פון געניטע אויפזעער. דאָס ניי־געבוירענע קינד קריגט אַ ספּעציעלע פּענסיע פון דער מלוכה פאַר די ערשטע 9 חדשים. די, וואָס אַרבעטן אין די אַלטע בודינקעס, וואו די היגיענישע באַדינגונגען זיינען הינטערשטעליג, קריגן באַזונדערע פּריווילעגיעס בנוגע שפּייז און אורלויב. קיין פרויען אַרבעטן דאָרט בכלל ניט.

אויף דער מעדיצינישער פאַבריק „פאַרמאַקאָן" ווערן אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פּרעפּאַראַטן פון הויכער מעדיצינישער קוואַליטעט און פאַרשיידענע כעמישע שטאָפן. דער פּרעפּאַראַט „אַדרענאַלין" קומט אַרויס ניט ערגער, ווי ביי דער וועלט־באַוואוסטער פירמע „פּאַרק, דייווים עט. קאָ.", כאָטש די דאָזיגע מיליאָנערסקע פירמע פאַרמאָגט אַלע מאָדערנסטע און בעסטע איינריכטונגען מיט די שענסטע אויסגעשטאַטעטע לאַבאָראַטאָריעס, און „פאַרמאַקאָן" אין לעגיי־

גראַד באַרעט זיך מיט נויט, און ס'פעלט אויס צומאָל דאָס סאַמע דרינגנדיגע. קומט אויס צו באַנוצן זיך מיט אַלטע מאַשינעריע. מען ווייסט אָבער פון די נייעסטע מעטאָדן. מוטשעט מען זיך דער־ווײַלע ביז מען וועט אימשטאַנד זיין אײַנשטעלן די בעסטע מאַשינען און אַפּאַראַטן, ביז מען וועט באַזאָרגן אַלע קאַבינעטן מיט די בעסטע מכשירים. מען אַרבעט אינטענסיוו, אָנגעשטריינגט, אָבער מיט אַ פרייליכן קוק צום מאָרגן.

ביי „פּאַרק, דייוויס עט .קאָ." אַרבעטן טויזנטער יונגע מיידלעך אָנגעשטריינגט טאָג איין, טאָג אויס מיט אַ טרויעריגן קוק צום זייגער, וואָס רוקט זיינע ווייזערס אַזוי פּאַוואָליע, אַזוי שלאַבעריג... און ווי ווייט איז נאָך צום סוף פון טאָג־שקלאַפעריי? — און וואָס וועט זיין מאָרגן?... ווער ווייסט? — אפשר וועט מען מאָרגן אַריינ־ברענגען עפּעס אַ נייע מאַשין, און אַזוי פיל און אַזוי פיל מיידלעך וועלן פאַרלירן זייער „דזשאַב"... אמת, דאָס העכסטע לוין־אַרבעט פאַר אַ מיידל ביי דער מיליאָנערסקער פירמע איז 25 סענט אַ שעה. אָבער בלייבן אין גאַנצן אָן אַרבעט איז נאָך ערגער. איז ניטאָ קיין מאָרגן.

זייער אַ וויכטיגער אַנשטאַלט איז דער לענינגראַדער אינסטיטוט אויף אויסצופאָרשן פּראָפעסיאָנעלע קראַנקהייטן. באַנוצט מען זיך ניט נאָר מיט דעם אַליין, וואָס מען היילט דעם אָנגעגריפענעם אַרבע־טער פון דער קרענק, וואָס זיין פּראָפעסיע האָט גורם געווען, נאָר מען פאָרשט אויך אויס, וואָסער אַרבעט איז בעסער צוגעפּאַסט פאַר זיין געזונטהייטס־צושטאַנד. דער רעזולטאַט איז אַ צווייענדיגער: אי געראַטעוועט אַרבעטער־געזונט, אי דאָס געזונט אויסצונוצן אויפן בעסטן מענטשלעכן אופן. פּראָלעטאַרישע הערשאַפט קאָן זיך אַזאַ זאַך פאַרגינען. ווען דער פאַרבער ל. ס. איז אין ניו יאָרק קראַנק געוואָרן אויף בליי־פאַרגיפטונג, האָט אים די צדקה־קליניקע אַרויס־געגעבן אַ צעטל מיט פאַרשריפטן אַזוי און אַזוי צו טאָן, אָנגעוויזן וואָסער שפייז און וועלכע לופט איז פאַר אים בעסער און נויטיגער און נאָך אַזעלכע קליינינקייטן, און איבערגעלאָזן צום קראַנקן, אַז ער זאָל דאָס אַלץ אַליין פאַר זיך באַזאָרגן... און פטור. דעמאָקראַטיע.

„יאַסלי" (אַנשטאַלט פאַר עופּה'לעך) נומער 64. דאָ האַלטן זיך אויף פּיצלעך קינדער אין עלטער פון 2 חדשים ביז 3 יאָר. יעדער באַזוכער מוז איבערלאָזן אין פּירהויז זיינע אויבערשטע בגדים און אָנטאָן אַ ריינעם, ווייסן כאַלאַט איידער ער ווערט צוגעלאָזן אין די אינעווייניגסטע חדרים, וואו די קינדערלעך געפינען זיך. דאָס איז אַ שוץ־מיטל קעגן אַריינצוברענגען מיקראָבן פון דער גאַס. די

הויפּט־אויפזעערין, אַ קליין־געוויקסיגע, קוועקזילבערדיגע פרוי מיט אַ באַוועגלעכן געזיכט, פירט אַ שמועס מיט אַ דעלעגאַציע פון הויז־פּרויען וועגן הויז־סאַניטאַריע און קינדער־היגיענע. „יאַסלי" נומער 64 ווערט אויסגעהאַלטן אויף די מיטלען פון אַ פרויען־קאָאָפּעראַטיוו. די פרויען־דעלעגאַציע איז געקומען אַהערצו אי צו אונטערזוכן דעם צושטאַנד פון די קינדערלעך און זייער היים, אי צו לערנען זיך, ווי צו באַגיין זיך מיט זייערע קינדער ביי זיך אין דער היים.

די פאַרוואַלטערקע פון „יאַסלי" נומער 64 רעדט מיט באַזונדערן אינטערעס פון איינער אַ יונגער פרוי מיט אַ שנור קרעלן אַרום שיינעם, ווייסן האַלז:

— אָט־אָ די־אָ ז'געווען אַ פּשוט'ע פּינטיפּליושקע, שטענדיג קאָקעטירט מיטן שפּיגל, געפאַרבט די ליפּן און כסדר געפלירטעוועט מיט אַלע יונגען. אַ פּוסטן לעבן געפירט. איצט איז זי גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן ביי אונז. טוט גוטע, נוצלעכע אַרבעט. די קינדער־לעך קלעפּן זיך צו איר. און נאָך אַ קורצער פּויזע:

— איך בין זיכער, אַז אין גיכן וועט זי די פּאַטשערקעס אויך אוועקוואַרפן...

די יונגע פרוי מיטן שנור קרעלן אַרום שיינעם, ווייסן האַלז פאַררויטלט זיך, ווי אַ יונג מיידל, און שמייכלט גוטמוטיג.

:: :: ::

אינזשעניער ט., אַ געבוירענער אַמעריקאַנער, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זיינען אוועק אין „קוזבאַס". ער איז דערנאָך געקומען צוריק צו זען זיך מיט זיינע קרובים און חברים. און נאָך אַ קורצן באַזוך ווידער אוועק אין סאָוועטנלאַנד. געטראָפן זיך מיט אים אין לענינגראַד. ער אַרבעט אויף אַ זאַוואָד און קלערט גאָר ניט פון אומקערן זיך אַהיים... היימישע באַקוועמליכקייטן? — נו, יע. געווען אַ ביסל פריקרע, אָבער וואָס איז דאָס אַלץ אין פאַרגלייך מיטן סאָוועטישן אויפבוי־שוואונג?... דאָס לעבן דאָ איז דאָך פול און אינטערעסאַנט אָט אַזוי־אָ אַרום און אַרום. נוצלעכע אַרבעט אַזוי אַנערקענט און געשעצט. עך־מאַ... ער גיט דערביי אַ פיר מיטן האַנט אויפן עכט־רוסישן מאַניער.

מיר זיצן ביי אַ זידנדיגן סאַמאָוואַר, טרינקען לחיים אַ געשמאַקן קאַבעטינער און לאָזן זיך וואוילגיין אין אַ האַרציגן שמועס. אינ־זשעניער ט. איז ביי זיך אין דער היים. זיין גאַנצע באַנעמונג דריקט דאָס אויס אָן ווערטער. ער איז מכבד אַמעריקאַנער געסט און פרעגט זיך נאָך, צי די געסט האָבן שוין באַזוכט דעם ערמיטאַזש, דעם מוזיי־רעוואָלוציע, די געוועזענע צאַרסקע פּאַלאַצן, די פּעטראָפּאַוו־

לאָווסקע פעסטונג, די וואונדער־שיינע סקווערן, די פאָלקס־פּאַרקן, די סאָוו־קינאָ און אַז. וו. און אַז. וו. און, יע, ווי געפעלט אונז די „פוגאַלאָ” ?... אין צענטער פון סקווער „אויפשטאַנד”, אין סאַמע קאָך פון טראַמווייען, פוסגייער און אויטאָס, שטייט דער מאָנומענט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, ווי ער זיצט רייטנדיק אויף אַ פערד. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט אַרויפגעשלאָגן גרויסע טאָוולען אויף דעם דאָזיגן צאַרישן זכר מיטן אויפשריפט „פוגאַלאָ” (טשוטשעלע).

:: :: ::

זיאמע, אַ יונגער זאַוואָד־אַרבעטער, איז אודאי צופרידן צו באַקאָנען זיך מיט קרובים אַזש פון אַמעריקע. זיין מאַמע האָט אים אַ סך אָנדערציילט פון איר שוועסטער, אָבער זיאמע עפנט זיך ערשט אויף נאַסטיעזש, ווען ער דערקונדיגט זיך, אַז די קרובים האָבן אַזא מין באַציאונג די ווערט. און וויבאַלד אַזוי, איז „פּאָ־טאָוואַרישטשעסקי”, חבריש און וואַרעם, און ביים ערשטן נאָמען אַזוי און אַזוי־אָ, איז אַדרבא ואדרבא, אין פּאַרק צו דער יוגנט,, און זעט, ווי די יוגנט ברויזט, רוישט און פאַרברייִנגט אָן אָוונט. אָט איז דער טעאַטער זייערער, און אָט אונטערן פרייען הימל די ערנסטע לעקציעס אין באַוועגלעכע בילדער, און אָט אין יענעם ווייטן ווינקל אַ לעבעדיגע כוואַליע אַרום זינגער־קופּלעטיסטן, און אָט אַזוי אין מיטן דרינען צעטאַנצט זיך די יוגנט אויף די גרינע לאָנקעס. או־אַך! די ערד ברענט אונטער די פיס...

זיאמע ציִגט אָן אויף אַ שיין־געשניצטן באַלקאָן. פון דעם דאָזיגן באַלקאָנטשיק האָט חבר לענין זיין ערשטע רעדע געהאַלטן פאַר די לענינגראַדער אַרבעטער. דער בנין? — דאָס איז געווען דער פּאַלאַץ, וואָס ניקאָלאַי דער לעצטער האָט אויסגעבויט פאַר זיין געליבטער, די באַלערינאַ קזשעשינסקאַ... זיאמען אינטערעסירט די יוגנט אין אַמעריקע, די דאָרטיגע אויסזיכטן, די הויכע מעכאַניזאַציע און טעכנישע אַנטוויקלונג... נו, אָט איז ער דאָך שיר אַליין ניט געוואָרן אָן אַמעריקאַנער. דעם טאַטן זיינעם האָט זיך פאַרגלוסט די גאָלדענע מדינה... אַליין רעדט זיאמע ניט קיין פּולע. ער האָט בכלל ניט ליב צו פּאַרטייטשן קיין זאַכן. נישט מער עס געפעלט אים דער ענין נאָכצופאָרשן שוויגענדיגערהייט די איינדרוקן פון סאָוועטישן שטייגער אויף די פריש־אָנגעקומענע אַזש פון אַמעריקע. בפרט איז אים דאָס זייער טשיקאַווע צו זען, וויסנדיג, אַז די דאָזיגע אַמעריקאַנער קרובים זיינען גלייך אַריינגעפאַלן פון בערלין אין לענינגראַד. אין בערלין איז אַלץ צוגעקאַמט און אונטערגעשוירן, אויסגעצוואָגן און צוגעפּרעסט מיטן קנייטשעלע און צום טשאַק, און דאָ—

אין לענינגראַד—גייט איצט אָן דער רעמאָנט אויף אַלע גאַסן. ווענט שטייען אָפּגעשיילטע. הורבעס ברוק־שטיינער און זאַמד, און קלעצלעך, און אויפגעריסענע שפּאַלטן. נאָר מען זאָל ניט מיינען, אַז אַזוי איז די ריכטיגע צורה פון לענינגראַד. דאָרטן און דאָרטן בויט מען איצט גאַנצע הויפן פאַר אַרבעטער־וואוינונגען, וואָלט זיך אַמעריקע געמעגט לערנען, אָט. און בעת מען איז אין פּראָצעס פון בויען איז מען אויסגעשמירט.

זיאמען טוט גרויס הנאה, וואָס זיינע אַמעריקאַנער קרובים פאַרשטייען אַן ענין און זיינען ניט שמאָלקעפּיג. קומט שוין אויס ממילא, אַז אין זייער קריטיקירן איז ניטאָ קיין ביטערקייט. אדרבא, אַ געזונטע קריטיק איז נויטיג און וויכטיג. אָט למשל זיין פעטער מ. ב., וואָס איז פון אַן אָרעם אינגל ערגעץ אין אַ קליין שטעטל איצט געוואָרן אַן אָנזיכטיגער באַאַמטער אין סאָוועטישן פלאָט, אַן אַדמיראַל, אַ גאַנצע „שישקע”, קען מען זאָגן. איז דאָס טאַקע נאָר אַ דאַנק דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָרים אונטער צאַרישן רעזשים וואָלט דאָך אַזאַ זאַך אוממעגלעך געווען פאַר אַ אידישן אינגל, אפילו ווען ער וואָלט געווען פון רייכסטער אָפּשטאַמונג און פאַרמאָגט די בעסטע פייאיגקייטן. די אָקטיאַבר־רעוואָלוציע האָט אַ סך אַזעלכע אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט. און בפרט, אַז זיין פעטער איז אַ פייאיקער מענטש און אַ זעלטענער אַרבעטער. געווען אין דער מלחמה אויף די פראָנטן נאָך אונטערן צאַר, דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע און בירגערקריג מיט אַלע שרעקן, פאַרלוירן אַן אויג און ניט איין מאָל גראַניעט געוואָרן, איז אָבער געבליבן לעבן, געענדיגט די פלאָטן־אַקאַדעמיע און זיך אויסגעצייכנט. איז דאָס אַ פאַקט, גוט און וואויל. אָבער דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז מען דאַרף פאָטאַקעווען די שעדלעכע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס דער דאָזיגער פעטער, דער „ווידוויזשעניעץ”, באַזיצט. גייציקייט, שמאָלע קאַרגשאַפט, זעלבסטזוכט זיינען פאַר קיינעם ניט קיין גוטער אַטעסטאַט, פאַר אַ קאָמוניסט אודאי און אודאי ניט.

— האָט דאָך חבר לענין געזאָגט, אַז מיר, דער עלטערער דור און די האַלב־עלטערע, און נאָך אפילו פון די כלומר'שט אינגערע, זיינען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט דער אַמאָליגער פאַרדאָרבנקייט פון קאַפּיטאַליסטישע באַגריפן, אַז ביז די טיפענישן פון מאַרך אין די ביינער...

ס'איז איין זאַך צו קאָנען אָפּשאַצן אַ צושטאַנד, באַגרייפן און באַנעמען אים אַזוי־אָ, און אַן אַנדער זאַך איז צו זיין אַ קלאָג־און־ווײַ מוטער און אַרומגיין און כניטשען און רק נאָכגיין איינעם, וואָס איז מיט לייב און לעבן פאַרטאָן אין אַ וויכטיגן ענין, און האַלטן אים

אין איין דערקוטשען צוליב אַ קנעפּל אָן אָפּגעריסעענם, אָדער צוליב אַן אויסגעריבענעם עלנבויגן אין קאַפטן. אָט, און אַז מען פאָלט אריין פון דער אויסגעקראָכמאַליעטער מערב־אייראָפּע גלייך אין לעגינגראַדער גאַסן, וואו ס׳טראָגט מיטן ריח פון ליים און וואַפּנע, און אין די פאָלקס־קיכן זיצט מען פאַרנומען אַרום הייסן פּשוט׳ן באָרשטש מיט די לוסטעס שוואַרצן ברויט און מען קייט דוקא אויף ביידע באַקן, און די באַקן זיינען דוקא ראָז און ניט אָפּגעצערט; און דערביי הויבט מען אפילו ניט אָן צו בייגקען נאָך די צוגעציילטע ווייסע בולקעלעך אין בערלין, אָדער נאָך די שטעקלעך־ברויט אין פאַריז,— איז שוין אַזאַ איינעם גאָר ניט שווער אָנצוטאַפּן דעם ריכט־שנור און באַקומען די געהעריגע אָריענטאַציע. דערזעט מען, ווי פון גרויסן געמיש שיילט זיך אַרויס דער נייער שטייגער אויף אַלע געביטן. ווערט מען ניט נתפעל, ווען שטיקער אַלטוואַרג שלעפּט זיך נאָך מיט פאַסמעס ציוויליזאַציע פון דעם מין, וואָס דער צאַר פּיאָטר האָט מיט אַזאַ פּאָמפּע געשלעפּט אַהער דורך דעם פענצטער, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט צו אייראָפּע...

ערגעץ אין אַ פאָלקס־באָד געפינט זיך נאָך אַ באָד־משרת, וואָס קריכט פון הויט, כדי צו אויסנעמען ביים אַמעריקאַנער גאַסט. וואַשט ער און זייפט דעם אויסלענדער מיט גרויס אייפער און האָפט אויף אַ טרינקגעלט פון ברייטער האַנט. איז ער גרייט אפילו איינצוגיין אויף דעם, אויב אים דוכט זיך נאָר, אַז דאָס וועט דעם גאַסט זיין צום הארצן, אַז — —

— אָ, אונטערן צאַר האָט זיך געלעבט בעסער און באַקוועמער, זיכער.

— אַזוי גאָר?...

ווערט שוין דער חברה־מאַן מבולבל און ווייסט שוין ניט, וואָס פאַר אַ קונד ער האָט דאָ געפּאַקט, און ער הויבט זיך שוין אָן דרייען אויפן קאָרעק אַזוי און אַזוי, אַז גראָד פאַרקערט.

דעם יונגן זאַוואָד־אַרבעטער, זיאַמען, געפעלט די געשיכטע מיטן „פאַרשטשיק” אין באָד. ער לאַכט הארציג און יונג:

— אָט אַ כיטראַק!...

:: :: ::

אין „דיעטסקאָיע סעלאָ” (קינדער־דאָרף), געוועזענע „צאַרסקאָיע־סעלאָ”, געפינט זיך די הויז פון די וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציע. פאַר דער רעוואָלוציע איז דאָס געווען דער פּאַלאַץ פון קאָטשובעי, אַ פּראַכטפולער בנין. דער חבר מאָטשאַלאָוו, אויפזעער פונם אַנשטאַלט, גייט אָפּריער געוואויר ווערן, צי דער 84־יאָריגער שוועצאָוו האָט חשק

א ביסל אַ שמועס טאָן מיט געסט... ער קערט זיך אום מיט אַ ברייטן שמייכל:

— דער אַלטער אונזערער איז גערן אייך אויפצונעמען, חברים. ביטע.

דער אַלטער רעוואָלוציאָנער באַגעגנט אונז מיט ליכטיגע אויגן. זיין לייבן־קאָפּ ווייזט ווייניג סימנים פון זיין הויכן עלטער. פון זיך וויל ער ניט ריידן. עט! אויך מיר אַן עסק. ער איז מער פאַר־אינטערעסירט מיט דער באַוועגונג אין אויסלאַנד, און יעדע אינ־פאָרמאַציע שאַצט ער זייער גערן. שרייבן? — אַ, יע, גרייט צו שרייבן אפילו פאַר דער אידישער „פרייהייט" אין ניו יאָרק. נישט מער, מען וועט דאַרפן איבערזעצן. טאָמער ווילט איר, איז נאַט אייך מיין אדרעס, און דער אַלטער, 84־יעריגער שוועצאָוו שמייכלט אַזוי חבריש־גוטמוטיג. ער גיט צו, אַז לעצטנס ווערט ער גיך מיד און ס'ציט אים צום בעט.

דער 81־יעריגער פראָלענקאָ טענצלט נאָך אַרום שטיפעריש און רוימט אונז איין אַ סוד אַזוי אין אַ טאָן פון אַ וויסן־חברה'ניק, אַז זיי האָבן נאָך דאָ צווישן זיך גאַנץ יונגע רעוואָלוציאָנערקעס... אָן יענע מיטן גרייז־גרויען קאָפּ איז נאָך גאָר אַ יוגנט. ערשט ניט לאַנג־אָ געפייערט איר 71טן געבורטסטאָג...

די באַקוועמלעכקייטן מיטן קאָמפאָרט, מיט וועלכע די פּראָלעטאַ־רישע דיקטאַטור האָט אַרומגערינגלט די וועטעראַנען פון דער רעוואָ־לוציע, קאָנען נאָר געמאָלט זיין אין אַ לאַנד פון אַרבעטער און פּויערים סאָוועטן.

אין פּעטערהאָף. זונטאָג. די וועלט־באַרימטע פאָנטאַנען זיינען נאָך אָפן. אָן אמת'ע סימפאָניע פון פאָנטאַנען און וואונדערלעכע קאַסקאַדן הויבן זיך אָן פון די טרעפּ פון אומבאַשרייבלעכע פּאַלאַצן און ציען זיך אַוועק אין טיפן, ווייטן וואַלד־גאָרטן. פאָנטאַן „זון", פאָנטאַן „שמשון", פאָנטאַן „לייבן־קאַסקאַד", די גרופּע פאָנטאַנען בײַם גרויסן פּאַלאַץ, דער פאָנטאַן ביים פּאַלאַץ „מאָנפּלעזיר", פאָנ־טאַן „אָדם", די פּאַלאַצן אינעווייניג, דער גאַנצער אַרום מיט אַזוי פיל שיינקייט... א־א־א!... אָט דאָ האָבן דאָס די צאַרן געהוליעט און געהולטעוועט אויפן חשבון פון אונטערדריקטע קלאַסן, נאַציעס און ראַסן, און איצט שפּאַצירן דאָ אום אַרבעטער־בלוזעס און פּויערשע קאַפּטאַנעס, און אַזוי פיל עקסקורסיעס פון יונגוואַרג, רויט־אַרמייער, אַרבעטער, געסט, באַזוכער, און אַ גאַנצע אַרמיי פון וועגווייזער און לערער פירן, ווייזן און פאַרטייטשן, און דער עולם אַזאַ גיריגער צו הערן און צו לערנען.

אין פּאַלאַץ „מאָנפּלעזיר" איז דער צאַר פּיאָטר געזעסן און האָט דורכן פענצטער געקוקט, ווי אַזוי די אײנגעלאַדענע מערב־אײראָפּײאי־שע ציוויליזאַציע נעסטלט זיך אײן אין זײַן נײַער הויפּטשטאָט „פּעטערבורג", און ער האָט פון פרײד גע׳שכור׳ט און געפּרעסן מיט זײַנע נאָענטע. איצט איז דער „מאָנפּלעזיר" (מײַן פאַרגעניגן) אַ פאָלקס־מוזײ. אָט ליגן נאָך פּיאָטר׳ס קאַפּטאַנעס און גאָלדענע קאַמ־זוילן און אַנדערע הויז־זאַכן. אַן איבערבלײַבעכץ פון אַמאָליגן זעלבסטהערשער.

בײַם אַרײַנגאַנג צום „סמאָלני" אין לענינגראַד שטײט לענין אין וואָכעדיקן צעקנײטשטן אַנצוג מיט אויסגעשטרעקטער האַנט, און מיטן פּנים אַהינצו, צו דער גאָרער, בורזשואַזער וועלט, וואוהין ס׳טראָגט זיך דורכן „פענצטער צו אײראָפּע" דער פּאַר׳עקשנ׳טער פּראָלעטאַ־רישער גוס פון אַ נײַעם לעבן־אויפגאַנג. סאָוועטישער געבוי...

די צוגן פון פּעטערהאָף צו לענינגראַד זײַנען געפּאַקט. דער וועג איז אַ פרײלעכער און פּולסירט מיט לעבעדיגקײט און אינטע־רעס. און ווען אײנער מיט אַ הײבשן ציגאַר אין מויל ספּאַטיקעט זיך אָן אַ פּאַק געטראָגן פון צוויי פּויערים, באַקומט ער די באַמערקונג, וואָס קלינגט מער מיט גוט־ברודערישקײט, אײדער מיט אַ בײזער:

—עי, טי ס׳גאַראָי, קודאַ פּריאָש... (העי, דו מיטן ציגאַר, וואוהין קריכסטו ?).

די בײשטײער לאַכן ברוסטיג און כוואַליעדיג און שאָקלען מיט די קעפּ.

טאַקע, דו מיטן אײראָפּײאישן ציגאַר אין מויל, וואוהין קריכ־סטו ?... וועסט זיך ספּאַטיקען...

דניעפּראָפּעטראָווסק

דעם אָטעם פון דניעפּראָפּעטראָווסק — געוועזענע יעקאַטערינאָ־סלאַוו—דערפילט מען נאָך איידער מ׳טרעט איבער אירע שוועלן. דאָס איז דער אָטעם פון דער שווערער אינדוסטריע. דער שוואונג פון די מעכטיגע האַמערס, די עכאָס פון די שטאָל־ברוסטיגע קאָוואַדלעס, דאָס זודיגע סאָפּען פון די פעסלדיגע דינאַמאָס, די רויט־פייערדיגע טייכן פון צעשמאָלצענעם טשוהון,—אַלע גיסן זיך צוזאַמען מיט׳ן טרוקענעם רעלסן־ און באַנען־שטויס און געקלאַפּ, פלעכטן זיך צענויף מיט׳ן פייכטן לאָקאָמאָטיוו און זאַוואָדן־געפּייף און שאַפן יענע גוואַל־דיגע, פון אַלע זייטן פאַרכאַפּענדיגע און פאַקנדיגע געשאַל־געזאַנגען, וואָס נאָר די גרויסע מעטאַל־פּראָדוקציע איז בכח צו באַווייזן. די רייען און רייען רויכיגע קוימענס אַרום און אַרום שטייען, ווי אַן אויס־געמושטירטער כאָר פון שלאַנקע ריזן, וואָס כאַפּן אויף די הייסע, קאָכיגע מעטאַל־אַריעס גלייך פון די גליאיגע אָפענע אויוונס אַרויס און צעוואַרפן זיי ברייטהאַנטיג פון די פולע העלזער ווייט, ווייט איבער׳ן רוישיגן דניעפּר.

דער צוג דערנעענטערט זיך צום לאַנג־לאַנגן אייזערנעם בריק, וואָס שטייט אַזוי קאָזאַקיש איינגעשפּאַרט און געזונט־פוסיג צעשפּרייט אויף ביידע זייטן טייך. אויף יענער זייט טייך איז דניעפּראָפּעט־ראָווסק. ס׳ווערט ענג. פון וואַנען האָט זיך די ענגשאַפט גענומען? די צאָל פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן איז ניט פאַרמערט געוואָרן, ניט אַלע פאַלן צו מיט אַזאַ אימפּעט צו די שויבן צו, נאָר די הענט רייסן זיך וואָס מערער פענצטער אויפצועפענען. ס׳איז ענג אין ברוסט־קאַסטן, און אַ הונגער, אַזאַ גרויסער, באַפאַלט די אויגן, אַז אָט־אָט, דוכט זיך, וועלן די הונגעריגע אויגן אַלץ, אַלץ איינשלינגען. דערווייל ווערן זיי, די אויגן, פאַרצויגן מיט יענעם אויפגלאַנץ, וואָס ווערט ביי אַנדערע פאַרוואַנדלט אין אַ טרער, אַ געזאַלצענער. אַראָפּגעשווינקט דעם אויפברויז און באַרואיגט זיך. ביי אַנדערע ווידער צעוואַקסט זיך דער־אָ אויפגלאַנץ אַלץ טיפער און טיפער, גייט אַוועק אַלץ מער אינע־

װײניג, און עס װערט געבױרן יענער העלער קוק, װאָס ברעכט דורך װענט און מױערן.

שרה שטײט אײנגעקלאַמערט אָן דעם מעשענעם שטאַנגל בײם פענצטער. א יונגער רױט־אַרמײער, א אוקראַאינער, פאָראינטערעסירט זיך:

— געװיס אױסלענדער ?...

— יאָ.

— אודאי אַמעריקאַנער ?...

— געטראָפן.

— נו, ניט אַזא גרױסער קונץ צו טרעפן. לעצטנס זעט מען זיך אָן גענוג פון דעם מין. אַמאָל איז מען אַנטלאָפן פון דאַנען. איצט קומט מען צוריק אַ קוק טאָן, װי ס'לעבט זיך אונטער די סאָװעטן. נו, מהיכא־תיתא, קומט, זעט. מיר באַהאַלטן זיך ניט. אַלץ איז אָפן. אָרעמקײט איז ניט קײן זינד. עס איז אַ צרה, און מיט אַ צרה באָרען מיר זיך, און מיר װעלן בײקומען אױך. שױן אַ סך איבערגעקומען — ע־עך, אַ סך...

זײן אוקראַאינישע שפּראַך גיסט זיך אַזױ פליסיג, זאַפטיג און זינגעװדיג. ניט אַלעס קען מײן ניט צוגעװאױנטער אױער אַזױ גרינג אױפנעמען. ער באַמערקט עס און פאַרטײטשט מיר גוטמוטיג אין רוסיש.

— באַדאַרפט זען, װאָס פון דער שטאָט איז געװאָרן אין צײט פון בירגער־קריג. הײנט אײנער, מאָרגן אַן אַנדערער. פעטליוראָװ־צעס, מאַכנאָװצעס, גריגאָריעװצעס... װײסט זײ דאָרטן דער רוח װױפיל נאָך. איבערגעלאָזן חורבות און הרוגים...

שרה טוט אַ ציטער. איר אַ ברודער, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט דאָ ערגעץ זײן קאָפּ אװעקגעלײגט אין מלחמה מיט די גריגאָ־ריעװצעס. געפאַלן אין שלאַכט מיט'ן רױבערדיגן רעװאָלװער אין פאַרשטײפטער האַנט. ליגט ער אין ברודער־קבר צװישן אַלע אַנדערע געפאַלענע חברים אױפ'ן שײנעם, פאָרנעמען „סקװער־רעװאָלוציע“ אין האַרץ פון שטאָט.

אַ צװײטער מיטפאָרער, אַ ציװילער, טוט שטאַלץ אַ זאָג:

— כדאי צו אָפּשטאַטן אַ װיזיט אונזער „פּיטסבורג“... ער טוט בעת מעשה אַ בליציגן פיר מיט די אױגן, װי אײנער װאָס װיל אַרױס־רופן אַ געגנער, צי אַ קאָנקורענט, אױף אַ געפעכט: לאָמיר זען, װער — װעמען? אױף דער פראַגע, צי איז ער געװען דאָרטן, אין פּיטסבורג? ענטפערט ער אַזױ ניט געאײלט, װי אײנער װאָס לײגט זיך איבער:

— יאָ געווען, ניט געווען. ניט דאָס איז וויכטיג. נאָר פון, „אייער” פיטסבורג ווייסן מיר סאָי־ווי־סאָי, און קרובים האָבן מיר דאָרטן אויך, און הענט און פיס דאָרט באגראָבענע אויך פאראן פון אונזעריגע, און אַלץ מיט אנאנדער. און דאָס איז דניעפּראָפּעטראָווסק. און דניעפּראָפּעטראָווסק איז „אונזער” פיטסבורג. אדרבא זעט אליין.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן באַן־הויף, איז ער אזוי א פריילעכער א שוועב דורך געטאָן איבערן וואגאָן מיט׳ן פעקל אין האנט, געטאָן א שטיפערישן שפרונג אראָפּ פון די טרעפּלעך אויפן פעראָן, אונטערפייפנדיג אַן אוקראַינישן פאָלקס־מאָטיוו:

„האָי, איר וועגן־וועגעלעך,
אין וועלכן סטעפּ צעלויפט איר זיך”.

:: :: ::

אויפן טיש איז געווען פון כל־טוב. די אמת׳ע קערטשער הערינגלעך, גוטער קאוויאַר, פּוטער, קעז, ווייסער און שווארצער ברויט. דער סאַמאָוואר האָט פריילעך געשיפּעט, און אביסל גוטע משקה האָט אויך ניט געפעלט. ארום הויפט־גאַסט האָט מען זיך ארומגעדרייט, ווי די פּלאַנעטן ארום זון. **אזא מין יום־טוב.** אזא מין אָנגעלייגטער גאַסט. יאָ, ס׳איז ניט קיין סוד, אַז פּאָליטיש איז מען ניט פון איין שניט... נו, ווייס מען שוין, ווי צו האנדלען. מ׳וועט שוין בעסער פריילעך זיין, גוט פארברייינגען. אזוי פיל זכרונות פון יאָרן פארגאנגענע... אך! ווי ס׳האָט זיך דעמאָלט היים געקעמפּט... געדיינקסטו דאָרט און דאָרט? און .י טורמע? און דער שפּיטאָל, פון וואנען שרה איז אין א ווינטער־נאכט אנטלאָפן כמעט א באָרוועסע... געווען צייטן... און איצט... שאַ. בעסער ניט ריידן... ער, דער שיינער ברונעט רעדט יאָ. ער רעדט שיין, ליטעראריש. ער האָט ליב מ׳זאָל אים הערן, ווען ער רעדט.

ער איז ניט צופרידן. ער האָט טענות בכלל וואָס איז דאָס פאר א מאָדע געוואָרן ביי „זיי” צו געבן אַנדערע נעמען גאַסן און שטעט... מילא, גאַסן איז נאָך צו דערליידן, אנדערשט מען איבער דעם נאָמען פון א גאַס וואו־ניט־וואו, נ־נאָ. האָט מען דאָס פריער אויך פּראַקטיצירט, כאָטש ניט אזוי אָגולנע, ווי איצט. נו, איז פּטור. אָבער שטעט?... און נאָך וואָסערע שטעט — זעט איר „לענינגראַד”, דאָס פארשטייט ער, אויף דעם איז ער אפילו מסכים. געווען סאַנקט־פּעטערבורג, געוואָרן פּעטראָגראַד, איז איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, א נאָמען געגעבן נאָך לענינען, „לענינגראַד”. און אדרבא, ס׳איז טאַקע שיין אויך אזוי. ניטאָ מער ווי איין לענין, און בפרט, אַז ער

איז שוין טויט. מיט „סטאַלינגראַד" קען מען נאָך אויך מיט אים מושוה ווערן. האַלטן פון סטאַלינען האַלט ער דוקא ניט, און ווען ס'זאָל זיך אָן אים ווענדן, וואָלט ער אָט דעם „אייזערנעם בחור" עוקר־מן־השורש זיין. און מיינט איר פאַרוואָס? צוליב פּערזענ־לעכע צוועקן? חלילה! וואָרים וואָס הייסט? אָט אַרבעט ער דאָך ביי דער רעגירונג, איז אַליין אַ „סאָוויזנער". ניט מער וואָדען? — ער קען בשום אופן ניט מוחל זיין סטאַלינען דעם גלות פון טראָצקין... אי, פאַרוואָס איז ער געווען אש להבה אויף דעם זעלביגן טראָצקין פאַרן גלות...? נו, דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערער ענין. וויל ער ניט צונויפמישן. סאַי־ווי, פון „צאַריצין" אויף „סטאַלינגראַד" — קען ער נאָך ווי ס'איז איינגיין. אָבער פון „יעקאַטערינאָסלאַוו", אַזאַ ווייך־קלינגענדיגער נאָמען, מיט אַ טאָן פון מוזיקאַלישקייט אין דעם, אויב מ'זאָל זיך גוט איינהערן, — אַריבערגיין אויף שפּיציגע קיזל־שטיינער, אויף אַ נאָמען האַרט און שטעכיג, וואָס רייסט דעם אויער און ברעכט די ציינער... אָט הערט זיך איין אַליין:

— „דניעפּראָפּעטר־ראָווסק"... נ־נאַ! אָט אַ מאַניע ביי „זיי"...

ווער „זיי" זיינען איז שוין קלאָר און באַוואוסט. דעם וואָרט „באָלשעוויקעס" מיידט ער אויס, ווי איינער וואָס וויל אויף די ליפּן ניט ברענגען עפּעס אַ ניט שיין וואָרט. אין דער „אמת" אָבער איז דאָס באַנ'אים אַ מין פּאַרטל פון פּאַרזיכט. מ'דאַרף זיין אויף דער וואַך. ווי זאָגט מען „גאָט היט דעם אָפּגעהיטן". און ער, אַ אינטעליגענט, געענדיגט אַמאָל די גימנאַזיע, אַרומגעטראָגן זיך מיט גרויסע אַמביציעס און מיט „הויכע" אידעאַלן, איצט אָן אָנגעשטעלטער אין אַ מלוכה־־פאַבריק אַלס אויפזעער אויף אַ געווסין טייל, באַדאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט, בפרט פאַר אַ פרישן מענטשן. נאָר ווען ער דערזעדט זיך וועגן די אויפטועכצן אויף זיין זאַוואָד, מיט וואָס פאַר אַ טעמפּ די פּראָדוקציע האָט זיך לעצטנס אַ לאָז געטאָן, ווי אַזוי מ'גייט דעריאָגן אַמעריקע און אפילו איבעריאָגן, דערוואַרעמט ער זיך אַזוי, אַז ער באַמערקט ניט, ווי ער פאַרט אַריבער פון „זיי" אויף „מיר" און ס'גייט אַוועק אַ סדרה: „מירן דאָס און דאָס באַווייזן, הכלל „מיר" טוען אויף און וועלן אויפטאָן, און אָט נאָט אייך ציפערן...

באַמערקנדיג אַ שמייכל אויפן פּנים פונם פרישן מענטשן, טוט ער ראַפּטאָם אַ שפּרונג צוריק צו זיינע טענות און אומצופרידנקייט:

דער בייט פון „יעקאַטערינאָסלאַוו" אויף „דניעפּראָפּעטראָווסק" געפעלט אים שוין גאָר־גאָר ניט. ניטאָ קיין עסטעטיק אין דעם.

דער אַלטיטשקער, שוין ווייט אין די זיבעציגער, האָט, זעט אויס, געמאַכט גרויסע שפּאַן אין זיין דאַווענען. שנעל־שנעל האָט ער אָפּגעטשאַמקעט מיט זיינע הוילע יאַסלעס זיין מורמלען, אַראָפּגענומען מיט ציטערדיגע הענט טלית און תפילין. ניט געוואָלט מפסיק זיין אין מיטן דאַווענען. ער מישט זיך אריין מיט זיין כריפּקן קול:

— וואָס מיר נאָמען, ווען מיר נאָמען? אַ חילוק „קאַטערינאָסלאַוו", צי אַנדערש. ווייסיך וואָס? און אַז „קאַטערינאָסלאַוו", לאָזט מען דען אַ קאָפּ אויפהויבן? — לאָזט מען האַנדלען? האַ?

— וואָס־זשע, אייך ווילט זיך נאָך האַנדלען?...

— ווער רעדט ווענן מיר? מיר ווילט זיך שוין גאָרניט. וועל שוין אַזוי דערציען דאָס רעשטל מיינס. כ'מיין דעם איד בכלל. ס'איז דאָך פּשוט אַזאַ האַרצווייטאָג. פאַבריקן, זאַוואָדן ארבעטן אויף אַלע כלים, וואָלט אַ איד געקענט פאַרדינען אַ קערבל, איז ניין און ניין! מ'לאָזט ניט. ער טוט אַ מאַך מיט'ן האַנט, ווי איינער וואָס איז זיך שוין פון אַלץ מיאש.

דער זון זיינער, אַ איד מיט רויטע בעקלעך און וואַסערדיגע אויגן, כאַפּט אונטער:

— נאַ דיר גאָר אַ מלוכה אַ קרעמערקע, אַ מאַרק־זיצערקע. אַז מיט אַלץ וויל דאָס אַליין האַנדלען. און וואָלטן „זיי" כאָטש געקענט די מלאכה, איז לא מיט אַן אלף. אַ מכה אין טעפּעלע. אָט ווען די קראָם איז געווען מיינע, איז אַלץ געווען צום פאַרקויפן. אי פּוטער, אי אייער. אַלץ געווען. האָט מען מיך ארומגעלייגט מיט צינזן, נאַלאָגן, אויסגעזויגן פון מיר דאָס לעצטע. איצט איז שוין די קראָם „זייערע". נו, איז וואָס? קריגט מען דאָרט אַ פייג אונטערן דעכעלע, ניט קיין פּוטער, ניט קיין אייער, ניט קיין ברויט — גאָרנישט.

— היינט איז אַפילו קיין קאַרטאָפל ניטאָ אין „צערעבקאָפּ". (קראָם פון ארבעטער קאָאָפּעראַטיוו).

דאָס האָט געזאָגט אַראָן און האָט אויף גיך אַ וואָרף געטאָן אַ בריאיגן בליק צו זיין שוועסטער, שרה.

ער, אַראָן, און זיין שוועסטער שרה האָבן זיך ניט געזען שוין באַלד נאָענט צו דריי צענדליג יאָר. אַמאָל איז ער געווען זיין שוועסטערס לערער, ער האָט זי אריינגעפירט אין דער ארבעטער־באַוועגונג, וואו זיין שוועסטער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענע אַקטיווע טוערן. איצט איז די שוועסטער געקומען זיך זען מיט'ן ברודער. זי, די שוועסטער, איז אַן איבערגעגעבענע קאָמוניסטקע, אַ באָלשעוויק דורך און דורך. ער, דער ברודער און לערער, איז פאַרבליבן אַ

מענשעוויק, מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ ליידיגער געגוואָרט. די פאַרשטענדיגונג צווישן די צוויי איז געווען ניט אַ אַנרירן קיינע פּאָליטישע ענינים פאַר דער צייט פון קורצן באַזוך. אי ברודער, אי שוועסטער האָבן זיך גוט געקאָנט, אַז מ׳וועט זיך ניט שאַנעווען, ווען ס׳וועט קומען צו אַ געפעכט, איז בעסער זיך ניט צו פאַרטשעפּען. אַראָן האָט זיך ספּאָטיקעט. די באַמערקונג, אַז אין „צערעבקאָפּ“ איז היינט אַפילו קיין קאַרטאָפל ניטאָ, האָט זיך ביי אים עפּעס אַזוי אַרויסגעכאַפּט ספּאָנטאַן, ווי די לופט פון אַ גע־פּלאַצטן פּאָכיר און אפשר איז דאָס געווע׳ דערפאַר, וואָס ער, אַראָן, האָט געוואָלט שלום־מאַכן מיט זיין פּאַניע׳ן, וועלכע האָט מיט אים געפירט אַ ברוגז׳ל, און כדי צו שלום־מאַכן מיט זיין פּאַניען, איז דער בעסטער מיטל אַריינצולאָזן אַ שפּילקע די באָלשעוויקעס. זיין פּאַניע יעפימאָוונע האָט גרויס הנאה דערפון, וועט זי זיך לאָזן איבערבעטן.

יאַקאָוו ראַטעוועט די סיטואַציע. יאַקאָו איז אַן אַרבעטער אויפן זאַוואָד. גייט שטענדיג אין זיין אַרבעטער־העמדל איבער די הויזן. קיין שנור אָדער פּאַסיק טראָגט ער ניט, אַזוי אַז זיין דאַרער, אויסגעהאָרעוועטער גוף ווערט פאַרפאַלן אין די פאַלדן פון זיין לויזער בלוזע. קיין פּאַרטייער איז יאַקאָוו ניט. אָבער דאָס וואָרט „חבר“ איז אין אים איינגעקנאָטן און איינגעבאַקן אין האַרצן, פּונקט ווי זיין צעך. די „ווייסע קאָלנערס“, די אינטעליגענטן, (יאַקאָוו זאָגט ניט אינטעליגענטן, נאָר אינטעלעהענטן), און בפרט די „געוועזענע“, האָט געוואָלט שלום־מאַכן מיט זיין פּאַניע׳ן, וועלכע האָט מיט אים ניט אָנקוקן, און עס איבלט אים צו הערן, ווי יענער פאַרשוועכט דעם וואָרט „חבר“. באַדאַרפט געווען פריער די ליפּן וואַשן. אַהער, צו אַראָנען, וואָלט ער אויך ניט געקומען. וואָרים וואָס איז פאַרבליבן פון דעם אַמאָליגן אַראָן ? געקומען איז ער צוליבן גאַסט. און גע־קומען איז ער דערציילן וועגן זיין „קאָקסאָסטראָי“, דעם נייעם קוילן־זאַוואָד, וואָס דאַרף די טעג זיך עפענען. נאָר אַזוי ווי דער ברונעט האָט, ווי אַן עכטער בורזשוי, פאַרמאָנאָפּאָלירט דעם גאַנצן טיש מיט אַלעמען האַק־און־פּאַק, האָט ער, יאַקאָוו, געוואַרט. נו, אָבער צו אַ סקאַנדאַל וועט ער ניט דערלאָזן. ער קאָן גוט שרה׳ן און איר ברו־דער אַראָנען... איז אַרויס מיט׳ן קאָקסאָסטראָי, ווען דער נייער זאַוואָד וועט זיך עפענען, ווי אַזוי ער וועט אַרבעטן, וויפיל טאָן קוילן וועלן טעגלעך פאַרוואַנדלט ווערן אין גאַזגלאָזן הייץ־מאַטעריאַל.

יאַקאָווס צעאַקערטער, האָרעפּאַשנער פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— חסרונות זוכן — טאַ ! דערלאַנגען אַלץ פּיקס־און־פּאַרטי־גע. אפשר צעקייען אויך און אין מויל אַריינלייגן. און ווער זאָגט

עס, אז קיין פעלערן זיינען ניטאָ? א נייעם אביסל. פארריכט מען.
נו, קומט בעסער אויף עפעס א קוק טאָן. אָט וואָס.
און מיר זיינען געגאנגען.

:: :: ::

זאַוואָד „פעטראָווסקי" איז איינער פון אַ ריי זאַוואָדן, וואָס איז פריער געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען „בריאַנסקער". נאָך אין אָנהויב פון איצטיגן יאָרהונדערט האָבן די דאָזיגע יעקאַטערינאָ־סלאַווער זאַוואָדן גע׳שמ׳ט איבערן לאַנד. דעם צאַרס טרייע משחיתים האָבן שטענדיג געהאַלטן אַן אויג אויף דעם־אַ געגנט, וואָס איז געווען אַ נעסט פון רעוואָלוציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען. דאָ פלעגן אויסברעכן סטרייקס, אומרוען. דאָ פלעגן אויך פאָרקומען הוליאַנקעס, אַרבעטער־פאַרוויילונגען און טענץ. די טעטיגסטע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פלעגן אין דעם אַלעם נעמען דעם טיכטיג־סטען אַנטייל. די אַרבעטער, די מעטאַליסטן, קוים פלעגן זיי באַ־קערט ווערן און ווערן באַוואוסטזיניגע אַרבעטער און באַגרייפן דעם קלאַסן־קאַמף, — נו, וואָס איז דאָ צו ברייען? — פעלזנפעסט און פאַרהאַרטעוועט ווי דער שטאָל אַליין איז געוואַקסן די אַרבעטער־אַרמיי. געפינען זיך נאָך איצט עטלעכע אַרבעטער אויף די זעל־ביגע גיסערייען, וואָס האָבן אַזוי פיל אינטערעסאַנטעס צו דער־ציילן:

— געדיינקסטו יאַשקע׳ן דעם גבור? געווען אַ צעלאָזענער יונג, אַ שכור, אַ מיאוסער הוליאַקע. מיידלעך פלעגן ציטערן פאַר זיין דוך. ער פלעגט קיין איינער ניט דורכלאָזן. און דערנאָך? געוואָרן קלאַסנבאַוואוסט. גוט און אַלזייטיג באַנומען דעם אַרבע־טערס אינטערעסן. גאָר אַן אַנדער יאַשקע געוואָרן. ניט געווען צו דערקענען. רוען איצט זיינע ביינער אין אַ ברודער־קבר. אָט אַ קעמפער געווען...

קיין סך צייט צו באַלאַקען ניטאָ. 18 טויזנט אַרבעטער זיי־נען דאָ אויפן פעטראָווסקי, באַשעפטיגט אין די גיסערייען פון אייזן, טשוהון און שטאָל. און פאַלט מען אַריין אַהער, אין דעם נעץ פון גלאַנציגע רעלסן, אין דעם געפלעכט פון קאָרפוסן און געביידעס, וואו אַלץ רוישט, זידט און קאָכט — ווערט מען בטל בששים. וואָס טוט זיך דאָ? — דאָ שמידט דער ניי־געבוירענער סאָוועטסקער אַרבעטער זיין געזונטן פונדאַמענט אויס. דאָ זעט מען באַשיינפּער־לעך, ווי דער אַרבעטער פילט זיך אַלס אמת׳ער באַלעבאָס, דער קאָלעקטיווער **שאַפער און הערשער פון זיין אייגענעם לעבן, פון זיין** אייגענער וועלט. יעדער פאַך אין זיין צעך. יעדער צעך אין פאַר־

וואַלטונג. פאַרוואַלטונג פון יעדער פאַבריק און צוזאַמענשטעל מיט אַנדערע פון זעלבן מין. אויף די 2—3 זאַוואָדן — אַ קאָמפּאַקטע אַרבעטער־מאַסע פון אַריבער 35 טויזנט. יעדן טאָג ווערן אָפּגעגאָסן 1700 טאָן טשוגון, 600 טאָן שטאָל. און וויפיל סטויגן דראָט — ניט איבערצוציילן. אַזאַ קאָמפּאַקטע אַרבעטער־מאַסע. אַ שטאָט, וואָס רוט ניט, ווי דער סמבטיון. היין און צוריק, אויף און אָפּ באַוועגט זיך די דאָזיגע הודיענדיגע שטאָט. שאָקלען זיך די בריקן. ציטערט די ערד אונטער די פיס. ווי קאָן מען דאָ אויסטיילן דעם איינצלנעם? קוים אָבער טיילט זיך אויס אַן אַרבעטער מיט וואָס עס זאָל ניט זיין, ווערט ער גלייך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט. און שטאָלץ און מיט ווירדע טרעט אַרויס דער אַרויסגערוקטער. און וויי וועט זיין צו אים, אויב ער וועט פאַרגעסן אויף אַ מינוט די אויף אים אַרויפגעלייגטע גרויסע אחריות.

אין שכנות מיט די מעטאַלורגישע זאַוואָדן געפינען זיך דער קולטור־פּאַלאַץ פאַר די אַרבעטער־מעטאַליסטן; דער פּראָפילאַקטיק־פּאַלאַץ צו פאַרהיטן דעם אַרבעטערס געזונט; די שיינע נייע אַרבעטער־שטעטל „פּרונזע”. נאָר דאָס איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער ענין פאַר זיך אַליין. דאָ אויף די זאַוואָדן זיינען פאַראַן וויכטיגע טאָג־טעגלעכע געשעפטן גלייך אויפן פּלאַץ צו פאַרהאַנדלען. און דער אַרבעטער איז באַלעבאָס. און אַ גוטער, טיכטיגער באַלעבאָס לייגט קיינמאָל ניט אָפּ אויף שפּעטער דאָס, וואָס דאַרף געטאָן ווערן איצט. גלייך אויפן פּלאַץ. פאַרזאַמלט מען זיך גלייך נאָך דער „סמענע” (משמרות. צייט, ווען ס׳בייטן זיך די רייען), צי מ׳רייסט אָפּ פון מיטאָג־צייט. דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר האָט שוין גרייט דעם טאָג־אָרדנונג. פּונקטן קאָנקרעטע, צוויי מאָל צוויי, און צום ענין, ניט געדראָשן קיין פּראָזן. און אַלע קומען. אַלט און יונג, מאַן און פרוי, ניט איד און איד — אַלע, קוים די הענט און פּנים אַ וואַש געטאָן, אַמאָל דאָס אויך ניט. אַ קלונג מיטן גלעקל, און זאָג, אויב דו האָסט וואָס צו זאָגן. פרעג, וואָס דו ווילסט פרעגן.

קריטיקירן? — אודאי און אודאי. דאָס מוז מען. אבי באַלבאַ ניט אומזיסט־אומנישט. און ווען באַשלאָסן — איז פאָלג, און פאָלג אויס פּינקטלעך. אַ־ניט? — נו, דיין אייגענע שולד וועט עס זיין, און האָב קיין טענות ניט...

דער „סילאָוואָי־צעך” (צעך פון עלעקטרישער קראַפט) פאַרלאַנגט, אַז די אַמעריקאַנער געסט זאָלן קומען זאָגן אַ וואָרט אויף זיין מאָרגנדיגער פאַרזאַמלונג. טאַקע דאָ אויפן „פּעטראָווסקי”, אין זייער קלוב־צימער. אַרבעטער ווילן עפּעס הערן פון פאָרד׳ס מדינה.

ווילן וויסן, וואָס טוט זיך דאָרט, און האָבן שוין פאַרטיג אַ פּעקל „פּאַרוואָסן” אויך.

— אַלזאָ, מאָרגן חברים, און פאַרגעסט ניט. מירן וואַרטן אויף אייך.

:: :: ::

אויפן בריק, וואָס פירט ארויס פון די שמעלץ־הויפן. הויך אי־בערן געדריי און געלאָף פון לאָקאָמאָטיוון, וואַגאָנעס און וואַגאָנעט־קעס, בלייב איך שטיין אַ פאַרגאַפטער. פליען דורך אין קאָפּ די שמועסן דאָ און דאָרט. דער רויט־אַרמייער, דער ציווילער. „אונ־זער פּיטסבורג”, דאָס באַוויינען און באַקלאָגן זיך פון די „ווייסע קאָלנערס” ביי אַ טיש געדעקט מיט אַלעם בעסטנס. די רייען מיט די קווישלעך ביי די „צעראָבקאָפּן”. סטייטש! קיין קאַרטאָפּל היינט ניט געווען... דערמאָנען זיך נאָר וואָס געהערטע פון אַרבע־טער באַמערקונגען:

— עך! ווען מיר האָבן די נייעסטע מאַשינעריי — טע־טע־טע!

— די פוילענצער, אַ ניכפּע אויף זיי. מ'קאָן זיי נאָך אַלץ ניט אויסראָטן. אַט!

— אַז מיט הוילע הענט און פון חורבות, פאַרריכט און אויפ־געבויט...

— נו־יע, ס'איז שווער. מ'מוז פון מויל דעם ביסן רייסן. אָבער מ'קאָן ניט אַנדערש. ס'גייט אָבער צו בעסער און בעסער. אויף צו להכעיס אַלע שונאים.

— האָ־האָ־האָ... נאָך ווי אַזוי...

יע־יע, אַרבעטער־בינען. נאָך ווי אַזוי, נאָך ווי אַזוי, כאָטש גרויס איז דער מהלך. און ווי זאָגן יענע: פאָלג מיר אַ גאַנג... קומט אַהער, טוט אַ קוק אויף די דאָזיגע מעטאַלורגישע פאַבריקן. און אָט האָט איר דאָ ביים דניעפּר...

א מהלך, פאָלג אַ גאַנג מיר... נו, אָט האָסטו:
קאָכן קעסלען־קראַטערס, שיסן שטאָל־געזאָט.
מיינסט ס'איז פּיטסבורג, נאָר דאָס איז פּעטראָווסקי.
קנעט מען באַלקנס, רעלסן. פלעכט מען דינעם דראָט.

דאָ ביים דניעפּר. צענער טויזנט. און מעת־לעת'ן פולע.
וואַלגערט וואַלץ־געוואַלגער קלעצער פייער אויס ווי טויג.

שערן שניידן שלאַנגען, דרייען זיי אויף שפּולן.
וואקסן טאָנען, טאָנען. וואקסן סטויג נאָך סטויג.

וואַסער־מאַנטלען קילן די דינאַמאָס,
און אין רויטע פּאַסן גיסט זיך דער טשוהון.
אין געפּייף, געפּילדער קייקלען זיך די באַנען, —
מיינסט שיקאַגאָ שפּילט זיך: ווינט און שויב און זון.

פאָלג מיר אַ מהלך. דאָ איז רויטער ווינקל.
פאַר די מעטאַליסטן — טעמפּל פון קולטור.
אויפן באַרג נאָך העכער אַלע שויבן פינקלען.
פּראָפילאַקטיק־פּאַלאַץ, אַרבעט׳ס בעסטער קור.

אַלץ אַליין צו בויען. קיינער וויל ניט באָרגן.
דאָס געזונט פאַרהיטן. באָרען זיך מיט נויט.
און אַהינטער רוקן טייוולס מאַניפאָרגעס:
„אוי, ניטאָ קיין פּוטער... אוי, ניטאָ קיין ברויט...״

אוי און אָך. און ווידער: האָט אַ מענטש אַ מאָגן,
דאַרף אַ מאָגן עסן. גוף — ניט אומגיין הויל.
יאָגט מען גאָר „דעריאָגן״, יאָגט מען „איבעריאָגן״ —
אָט אַ שיינע מעשה! כאָטש נעם שפּיי אוים די זייל...

נאָר די האַמערס שווינגען. עכאָן די קאָוואַדלעס:
שטערט אונז ניט די אַרבעט. אַלץ וועט זיין דערפון.
כאָר פון אויוונס הודיעט: נו, גענוג קאַזאַלעס!
זאָל מעטאַל זיך שמעלצן, אייזן, שטאָל, טשוהון. —

רוישן די זאַוואָדן. — העי! זאַוואָד „פּעטראָווסקי״ —
העי, זאַוואָד „לענין״! און פון „קאַמענסקאָי״ —
צעך פון בריקן — אָ, מאַכיניע! — איז אָט האָסטו,
דאָ ביים דניעפּר, אין סאָוועטישן געבוי....

ביי די מעטאַליסטן

— אַלזאָ, חברים, מאָרגן. בעסער קומט אַביסל פריער, וועלן מיר אַ שמועס טאָן...

ס׳טועֿן אַ גלאַנץ שורות ווייסע ציינער. ברוסטיגער געלעכטער שפּאַרט פון אינעווייניג אַרויס אין קורצע, רוישיגע וועלן, ווי פריי־לעכע כוואַליעס פון טייך פאַר אַ זוניגן זומער־רעגן. באַגעגענען זיך שייַנענדיגע אויגן מיט שמייכלענדיגע מיילער און פאַרברידערן זיך, און צוויי פאָר ווייכע הענט ווערן מיט חשק פאַרפאַלן אין וואַרימען חברשן דרוק פון הענט פאַרמאַזאָליעטע...

— ביז מאָרגן, חברים...

איינער שרייט נאָך:

— „צייט איז געלט”...

ער מאַכט דערביי אַ מינע פון גרויס באַדייטונג. זיין שפּאַ־סיגער טאָן גיט אים אַרויס. ער באַקומט אַ גוט־ברודעריש שטורך אין זייט פון אַ חבר׳שן עלנבויגן:

— אָט אַן עכטער אַמעריקאַנעץ, אַ ניכפּע...

:: :: ::

ס׳איז צווישן צוויי און דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. אין פולן ברען פון אַלטעגלעכער אַרבעט־רוטין אָטעמט היים „זאַוואָד פּעטראָוו־סקי” אויף זיין גאַנצן ריזיגן שטח. די לופט אַרום און אַרום איז אין אַן עקזאַלטירטן צושטאַנד. די פייערדיגע ציינגער טאַנצן אַרויס פון די דיקע, שדעריגע קוימען־מיילער כדי צו כאַפּן אַ לעק און ווידער אַ לעק פון די לופט־שריים אַרום זיי און לאָזן זיך באַלד אַראָפּ אונטן מיט זייער רויב, ווי קליינע גנבים׳לעך. ציען זיך שערענגעס אַרבע־טער הין און צוריק איבערן בריק, דורך פילדערנדיגע הויפן, איבער רעלסן־געפלעכט און דורך אונטערערדישן טונעל. אומבייט־צייט פון אַרבעט. דורך טירן און טויערן ווערן גאַנצע גרופּן פאַרשלונגען. פיס געניטע פירן גלייך צו די געשטעל־וואַרשטאַטן צו און די אַר־בעט גייט אָן ווייטער, ווייטער, אָן הפסקה, אָן איבעררייס...

„זאָל מעטאַל זיך גיסן: אייזן, שטאָל, טשוהון...
יאָגן, איבעריאָגן... דעם גיגאַנט־באַלון...“

:: :: ::

אָ, יע. ער איז אַן אינזשעניר. געוועזן אַמאָל אין דער „גאָל־דענער מדינה“. געגעסן אין דעטראָיט עפּעס אַ מאָדנע פּרוכט, וואָס האָט דעם טעם פון ציטרין און אַפּעלסין צוזאַמענגעמישט, אַ ממזר׳יר־שער טעם, אָבער גאַנץ גוט. פאַרגעסן, ווי מ׳רופט דאָס דאָרטן באַנ־איך... זיכער, באַזוכט פאָרדס זאַוואָדן. אַ שאלה! אודאי איז ער באַגייסטערט פון פאָרדס מעטאָדן און פון דער גרויסער טיכטיג־קייט אויף יעדן געביט. אַ ברעקל אַפּפאַל גייט ניט אין ניוועץ אַוועק. אַ טראָפּן ענערגיע ווערט ניט פאַרפאַלן אומזיסט־אומנישט. יעדע באַוועגונג אויסגערעכנט צום האָר, צום קווינט... ער בויגט זיך צו נענטער:

— וואָס פאַראַן צו ריידן? הלואי אויף אונז אינגיכן געזאָגט געוואָרן דאָ, ביי אונז. זעט איר, פאָרדס טיכטיגקייט איז זייער און זייער מקנא צו זיין. איז טאַקע איצט ביי אונז דאָ זייער שאַרף און הויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער לאָזונג „פאָרדיזאַציע“. יאָגן מיר אין פולן שוואונג, וועלן מיר דעריאָגן און אויך איבעריאָגן...

ער בויגט זיך נאָך נענטער, ווי איינער, וואָס וויל אריינרוימען אַ וויכטיגן סוד אין אויער:

— אָבער, די מעטאָדן, די טיכטיגקייט פון אייער לאַנד, דאָס יע. דאָס נעמען מיר אָן מיט ביידע הענט. ווייטער ניט. אונזערע צוועקן זיינען גאַנץ אַנדערע, דורכאויס אַנדערע. דער חסרון איז, וואָס די אַרבעטער, נאָך פיל פון זיי, האָבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן די אַרבעטער־באַדינגונגען און אַרבעטער־לעבן פון פאָרדס אַרבעטער ביי אייך. עס מישט זיך ביי זיי צענויף טיכטיגקייט פון פּראָדוק־ציע מיט מענטשלעכער גוטסקייט אין איין קלומפּן, און ס׳קומט אויס, אַז ביי מיסטער פאָרדן לעבן אַלע אַרבעטער אין עושר און אין כבוד, האָבן זייערע אייגענע וויינגערטנער און קאַטאַיען זיך אין פאָרדלעך אויף וואָס די וועלט שטייט און וויפיל זייער הארץ טוט נאָר טאָן גלוסטן. דאַרום איז טאַקע זייער און זייער נויטיג, אַז וואָס מער אַמעריקאַנער געסט און באַזוכער זאָלן אַ שמועס טאָן מיט אונזער היגער פּראָווינציעלער חברה־יאַטן און באַלויכטן זיי דעם ענין אַט־אַזוי־אָ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווילן מיר אייך אויך אויסנוצן צום גוטן...

:: :: ::

דער גראַמער צימער פּילט זיך שנעל אָן. דער שטראָם אַרבע־טער־בלוזעס פּלייצט אַריין אין ליכטיגן פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון אַ זייטיגער טירל, ווי אַ שטראָם לעבעדיג וואַסער וואָלט זיך אַ לאָז געטאָן דורך אַ געעפנטער שליוזע. די הויכע, בלינדע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם „סילאָוואָי צעך״ פון קלוב, שטייט דאַמבע־פעסט און היט אויפריכטיג אָפּ, אַז דער טורבינען־רויש זאָל ניט שטערן די אַר־בעטער פאַרזאַמלונג. דאָ קלייבן זיך צונויף די אַקטיוויסטע טוער פונם צעך אין וויכטיגע און נויטיגע פאַלן גלייך פון די וואַרשטאַטן. דאָ שפּילט מען זיך ניט. דאָ האַנדלט מען ענינים, וואָס פאָדערן באַלדיגע אויפמערקזאַמקייט.

היינטיגער מיטינג איז ספּעציעל צוליב „וואַלן פאַרן פרויען־אָפּטייל״. די צאָל פרויען־אַרבעטער פאַרמערן זיך אין צעך. אַ ספּעציעלע פרויען־קאָמיסיע איז אומבאַדינגט נויטיג, כדי אָנצופירן אָנגעצייכנטע אַרבעטן און קולטור־טעטיגקייט צווישן די פרויען־אַרבעטער. ווערט דער דאָזיגער מיטינג פאַררופן גלייך פון דער אַרבעט, כדי אויסצומיידן פוילע תירוצים: „ניט געקאָנט קומען״. — „פאַרשפּעטיגט דעם טראַמוואַי״ א. ד. גל., און אַגב וועט מען שוין אין איינוועגס עפּעס הערן פון די געסט־באַזוכער. זיי, די געסט־באַזוכער, קומען דאָך פאָרט פון „פאָרדס מעטראָפּאָליע״... נו, נו, אדרבא.

צוליב די אָנגעקומענע פון „פאָרדס מעטראָפּאָליע״ זיינען היינט דאָ צו דער פאַרזאַמלונג אַ היבשע צאָל פון די ווייניגער אַקטיווע אַרבעטער, פון די, וואָס האָבן ליב צו שטיין פון דער וויטן מיט אַ קריטישן שמייכעלע אויף די ליפּן און האָבן פולע קעשענעס אָנגע־פּאַקט מיט קשיות. איז דאָך אודאי כדאי.

אין צימער הוזשעט ווי אין אַ בינשטאָק. אַרום די געסט פון „פאָרדס מעטראָפּאָליע״ שטייט מען אין רעדלעך. ווי פיילן פליען געצילעוועטע פראַגן און באַמערקונגען פון אַלע זייטן. צווישן אויס־רופן און לאַכנדיגע אויסגעשרייען אין רוסיש און אין אוקראַיניש דערהערט זיך אויך אין געזונטן אידיש:

— יאַנקל, דו הערסט? — נו, וואָסטו איצטער דבר'ן? — אַ רוח דיר אין די ביינער...

יאַנקל טוט אַ שטאַרקן שמאָרע מיט דער נאָז. זיינע אויגן טוען אַ בלאָנדזשע אַרום, ווי איינער, וואָס זוכט עפּעס אַ גינסטיגן ווינקל, וואו זיך צו ראַטעווען. די אַרומיגע שיסן אויס אין אַ געלעכטער:

— האַ, געפּאַקט, יאַנקוץ?...

איך באַהאַלט ניט מיין גרויס־פאַרוואונדערונג:

— אידן ?...

— נו, יע, אָט ווי איר זעט. וואָרים וואָסי ? — ניט אונטער צאַרישן רעזשים לעבן מיר איצטער. מיר לעבן אונטער סאָוועטישער מאַכט. פּראָלעטארישע דיקטאטור מאכט ניט קיין חילוק צווישען איד און ניט־איד. דער חילוק איז ארבעטער און בורזשוי. ע־עך, חבר...

דאָס קלינגט ווי א פאָרוואורף. איך פּרואוו געבן צו פארשטיין, אז מיין פארוואונדערן זיך איז, וואָס אידן טויגן זיך אוים אין דער מעטאַל־אינדוסטריע. א קוק אויף די אידישע ארבעטער־מעטאַליסטען, ברייטפּלייצינע יאַטן מיט א לויטערן בליק אין די אויגן, פארשפּאַרט ווייטערדיגע פּירושים.

א שארפער קלונג מיטן גלעקל:

— פארנעמט אייערע פּלעצער, חברים. אָרדנונג.

:: :: ::

מאַשוטקא איז יונג, בויגעוודיג און פול מיט ברויזנדער פולבלוטיגקייט. זי זיצט אויף דער לאנגער, הילצערנער באַנק פאזע דער בלינדער וואנט צווישן א כאָפּטע פרויען־ארבעטער. מאַשוטקא איז אן אָנגעזעענער מיטגליד אין צעך. פון אַלע זייטן נאָמינירט מען זי אלס אָנפירערן מיט דער פאראנטוואָרטלעכער ארבעט פונם דערוויילטען פרויען־קאָמיטעט. מאַשוטקאָס אויגן לויפן אום אומרואיג, ווי געכאפּטע אין א פּאַסטקע. מאַשוטקא איז בייז אויף זיך אליין, נאָך וואָס האָט עס איר אָנגעטראָגן צו זעצן זיך אָט־דאָ־אָ אויף דער זייטיגער באַנק אַלעמען אויף די אויגן ? כאי וואָלט זי בעסער זיצן אויסגעמישט צווישן עולם. מאַשוטקאָס פּנים ברענט אין שעמעוודיגער רויטקייט. די רויטקייט פון איר יונגן פּנים גיסט זיך צונויף מיט דער רויטקייט פון טיכל אויף איר שיינעם קאָפּ. מאַשוטקא רעדט קוים ארוים:

— פאראן עלטערע פון מיר, פאראן — — — —

איר טענה ווערט איבערגעהאַקט מיט א פריילעכן האַ־האַ־האָ...

— אָט א חבר'טע אביסל. — פּע, ניט שיין צו שעמען זיך אזוי־אָ. דאָס איז ניט קיין פּראָלעטארישע שעמעוודיגקייט. דאָס איז פון בורזשויסקן גאַטונעק אָט אזא מין שעמעוודיגקייט.

— שעמען מעגסטו זיך, מאַשוטקא. — וואָס הייסט ? אז מ'וויל דיך... טאָ.

מאַשוטקא נעמט אָן די ארויפגעלייגטע אויף איר גרויסע אחריות:

— נו, אַן עק זאָל דאָס נעמען. וואָס ט'איר זיך צוגאָנאָטשעט

אזוי? בעסער זאָל מען לאָזן עפּעס הערן אַ וואָרט פון אונזערע געסט, וואָס, ניין? אַ געלענדער אויף זיי.

:: :: ::

— חברים אַרבעטער־מעטאַליסטן...

די שטילקייט איז געקומען מיט אַמאָל און האָט דערשטיקט יעדן שפּור פון גערויש. דער געוויינטלעכער זשום פון אַריבער־געוואָרפענע ווערטלעך איז געבליבן ליגן אַ דערוואָרגענער אויפן דיל אונטער די בענקלעך. סיי די זיצער, סיי די שטייער האָבן זיך אַ דריי־אויס געטאָן מיט די פּנים׳ער צו די רעדנער, אַ גלייך־אויס גע־טאָן די פּלייצעס, אָנגענומען יעדערער זיין באַקוועמערע פּאָזע און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך אַריינגעטאָן אין אויסהערן אויפמערק־זאַם די געסט פון „פּאָרדס מעטראָפּאָליע״.

די געסט פון „פּאָרדס מעטראָפּאָליע״ האָבן קורץ און זאַכלעך דערציילט פונם טאָג־טעגלעכן לעבן פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער בכלל, און בפרט זיך מער אָפּגעשטעלט אויף די „גרויסע גליקן״, וואָס רינגלען ארום דעם האַרעפּאַשניק אויף די אויטאָ־זאַוואָדן, ווי אזוי ער ווערט „באַזאָרגט״ מיט אַלעם נויטיגן פון זיינע באַלעבאַטים, ווי אזוי ער ווערט „באַשיצט און באַשירעמט״ אין אַן עת־צרה. די געסט האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען וועגן דער קולטורעלער שפּייז, מיט וועלכער דער אַמעריקאַנער אַרבעטער ווערט געהאָדעוועט פון דער באַלעבאַטישער ברייטהאַרציגקייט, און וואָס פאַרטעמפּט דעם אַרבעטערס קלאַסן־קאַמף אידעאָלאָגיע, און נאָך, און נאָך — —

— וועגן דעם אַרבעטערס „אייגענע״ הייזער און אויטאָמאָבילן, ווי אזוי חוץ פויגל־מילך פעלט גאַנץ אָפּטלעך דעם אַמעריקאַנעם האָרע־פּאַשניק אויך אויס ברויט... יע, פּשוט ברויט... נו, און סטרייקס, און — — —

ס׳האָט אַ הילך געטאָן, ווי פון אַ כאָר:

— אזוי־אַ גאָר... צום טייוול...

—הייסט עס, אַז אַן אַרבעטער ווערט קראַנק...

— קריינקט ער אויפן אייגענעם חשבון. קיינער שטערט אים ניט. אַ פּריוואַטער ענין.

— און אַז אַ פאַמיליע־מאַן?

— הונגערט מען אַבי געזונט...

— וואַקאַציע קריגט מען?

— אַמאָל וואָכן, אַמאָל מאָנאַטן גאַנצע... ס׳געווענדט זיך, אויף ווי לאַנג מ׳לייגט אָפּ...

— באַצאָלטע וואַקאַציע?...
— אַט אַ טיפּש...
— נו, און די מלוכה?...
— וואָס באַלבעט ער דאָרטן, וואָס? — — —
— אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. אַבי מ'דערציילט זיך אָן אַזעלכע נישט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע קאַזאַלעס, אַז הכלל און הכלל. קומט אויס, אַז פּאָרדס אַרבעטער גייען אָנגעטאָן אין גינגאַלד, טרעטן אויף זייד און אויף סאַמעט, פּאָרן אין קאַרעטן, און ער, דער כראַביע אַליין, שטייט און קוקט זיינע אַרבעטער אין די אויגן אַריין און איז שטענדיג מוכן ומזומן זיי צוטראָגן דאָס טעלערל פון הימל... אַט אַן אויסקלערעניש...
— ס'איז דיר נאָר די געשיכטע מיט דער קאַלב, וואָס האָט זיבן קעפּ... ווער זיינען זיי, אַט די שעדלעכע אויסטראַכטער? מ'באַדאַרף זיי די זייטן אונטערהאַקן. אַזעלכע טויגעניכצן. שעדיגער בלויז, אַט...
אַן עלטערער מעטאַליסט רעדט געלאַסן:
— ע־עך, חברים, ברידערלעך ליבינקע. ס'איז קיינעם ניט צו באַשולדיגן, קיינעם ניט, זאָג איך אייך. ס'איז אונזער אייגענע בלינדקייט. אַריינטראַכטן באַדאַרף מען זיך, און מיט אַ טאָלק. טאָמער. פעלט אונז עפּעס אויף אַ ווייל אויס, איז הימל עפן זיך אַ טאַראַראַם, אַ געפילדער און קולות „ס'טויג ניט"... און רק טענות. צו וועמען טענות? צו דער מלוכה? און וועמענס איז די מלוכה? דאָך אונזערע. מכּנא זיין פּאָרדס אַרבעטער... הם... פון וואַנען האָבן זיך פּאָרדס מיליאַרדן גענומען, פרעג איך אייך, ניט פון דעם אַרבעטערס בלוטיגן שוויים? און דאָ בויען מיר איבער אונזער גאַנצע וועלט, און זיך אַליין אויך. באַדאַרף מען זיך גוט אַריינטראַכטן, און מיט אַ טאָלק. געדולד באַדאַרף מען האָבן און שטריינגע אויסגעהאַלטנקייט. ניט פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ און פאַרהולן זיך מיט קינדערשער איינריידעניש. אַלע בורזשויען־באַלעבאַטים זיינען פון איין שניט, יאַגעדעס פון איין ביימעלע, איין שוואַרץ־יאָר. אַט וואָס. און ווער עס וויל זיך בייטן מיט מיסטער פּאָרדס אַרבעטער — — —
— מוחל, מוחל. איך ניט.
— איך אויך ניט...
יאַנקוץ, אפשר דו?...
יאַנקוץ טוט אַ שמאָרע מיט דער נאָז, נאָר זיינע אויגן בלאָנדזשען מער ניט אום, ווי איינער, וואָס זוכט אַ גינסטיג ווינקלעלע,

כדי צו ראַטעווען זיך. איצט טוט ער א גוט־ברודערישן שטורך אין די ריפּן זיין שכן:

— היינט א וואַזשנער אָוונט אין אונזער קולטור־פּאַלאַץ. א ווייכטיגער רעפּעראַט. מ׳מוז זיין אין צייט. מ׳דאַרף גיין אַהיים זיך אַרומוואַשן. קום.

אַרויסגייענדיג מיטן עולם דורכן טונעל און איבער די רוישיגע הויפן, האָבן זיך צום אויער נאָך לאַנג דערטראָגן אָפּגעריסענע פראַזן, גוטברודערשע, פּעפּערדיגע זידלערייען און פייערלעכער, ברוסטיגער געלעכטער. פּאָרד איז אויף ליפּן געהאַנגען און מלייער האָבן זאַפּטיג געשפּיגן. די פייערדיגע ציינגער האָבן נאָך אַלץ שטיפּעריש אונטער־געשפּרונגען און געלעקט די לופט־שיריים.

פון וויטן האָט מיט אַלע שויבן געלויכטן דער מעטאַליסטן קולטור־פּאַלאַץ — — —

אַלץ פאַרן אַרבעטער

„קולטור פאַלאַץ „לענין“ פאַר מעטאַליסטן“

די דאָזיגע אויפשריפט איז אין אוקראַיניש. די גאָלדענע אותיות בליאַסקען אַראָפּ פון אונטער'ן הויכן קאַרניז איבער'ן ברייטן הויפּט־אַריינגאַנג, וואָס געפינט זיך אין מיטלסטן טייל פונם גראַנדיעזן בנין. די צוויי זייטיגע טיילן בויגן זיך אויס אַמפיטעאַטראַליש צום אָפענעם שליאַך, ווי צוויי מעכטיגע אָדלער־פליגל, גרייט צו באַשיצן דאָס הארץ פון אַ שונא. אויפן גאַנצן ריזיגן שטח זיינעם באַגעגנט אייך דער קולטור־פאַלאַץ „לענין“ מיט זיין איינפאַכן, פול־אויגיגן פאַסאַד: שויב און ליכטיגקייט, שויב און זונשיין, שויב און גאַסטפריינדלאַכקייט, פינסטערע פענצטער און באַהאַלטענע טיפקייט פון אַלטמאָדישע הויפן זיינען דאָרט ניט פאַראַן. איינפאַכע אָפנקייט ליגט אויסגעשפּרייט אין פולער לענג־און־ברייט איבער אַלע בעטאָן־געפלאַסטערטע אויפשטייג־טרעפּ צו די הויפּט־טירן. שוין ביים ערשטן טראָט אַרויף דערהערט איר מיט דעם גאַנצן וועזן דעם אָן־ווערטערדיגן ברייט־האַרציגן: ווילקאָמען, חבר!

איינפאַכע שיינקייט און שיינע איינפאַכקייט זיינען סינאָנימען, וואָס פּאַסטן זיך גוט צו צום אויסערלעכן אויסזען פון דעם גראַנדיעזן קולטור־פאַלאַץ „לענין“. איבערן וועג, עטוואָס ווייטער פון שטאָטישן ישוב און נענטער צום טייך, שלאָגן מיט פלאַם־פייערדיגן אויפברויז די מעטאַלורגישע זאַוואָדן פון דניעפּראָפּעטראָווסק. צווישן די צוויי שכנים, בערגל אַרויף, אָפגערוקט פון עלעקטרישן טראַם געקלינגל, ציט זיך אין משופּע'דיגער מאַסיווקייט דער „פּראָפילאַקטיק פאַלאַץ“, אַן אַנשטאַלט צו פאַרהיטן דעם אַרבעטערס געזונט צושטאַנד, צו פאַרפעסטיגן זיינע אָרגאַנען און צו פאַרשטאַרקערן אין זיי דעם נויטיגן ווידערשטאַנד געגן קראַנקהייט־אָנגריף. הינטערן רוקן פון „פּראָפילאַקטיק“, בערגל־באַרג נאָך העכער, טוקען זיך צווישן שטאַכעטלדיגע גערטנדלאַך שורות, שורות ווייסע שטיבער באַשלייערטע מיט אייזנבלעך דעכער אין רויטן געפאַרבט, וואָס זאָגן עדות

מיט זייערע פאַרוויכערטע קוימען־נעז, אַז מקאַכט דאָ אמת׳ע מיטאָגן, פאַר אמת׳ע ארבעטער, וואָס זיינען דאָ אויף צו דער׳אמת׳ן. און אנטקעגן דעמדאָזיגן שטיל־חנ׳עוודיגן ארבעטער־שטעטל „פרונזע", אויף יענער זייט, אויפ׳ן העכערן, פון יונגן בוימער־גאָרטן, פאַנאַנ־דערגעלייגט אין ציכטיגע סקווערן און דורכגעשניטן מיט סטעזשקעס איינגעהאַרטעוועטע, וואַקסן און וואַקסן פון סאָלידע פונדאַמענטן ארויס נייע הייזער־שטעט מיט אַזאַ־אָ פאַרנעם. ארבעטער־היימען, שטעט גאַנצע. אַ הויז אַ שטאָט.

גיבן זיך אַזוי־אָ אַ שפּאַר ארויס פון פריידיגער באַנעמונג אייערע אויגן, אויב איר זיינט אַ פריינט, אָדער אייערע אויגן ווערן פאַרגאָסן מיט שנאה־בלוט, אויב איר זיינט אַ פיינט, ווען איר כאַפּט מיטן קוק ארום אָט די־דאָזיגע קרובה׳שע נאָכבארשאַפט. אַלע זיינען דאָ שכנים נאָנטע. מיטן האַנט פון איינעם צום צווייטן צו דערלאַנגען. אַלע זיינען דאָ קרובים, קלאַסן־קרובים. אַלע דאָ זיינען ארבעטער און אַלץ, וואָס דאָ איז פאַראַן, איז פאַר׳ן ארבעטער...

זאַלבעפערט. צוויי פאַרלאַך. דער קווער־פּלייציגער און אויס־געפּילטער אַ. מיט זיין נידעריטשקע פלונית׳טע שטעלן צוזאַמען איין פּאָרל. זיי זיינען אָרטיגע איינוואוינער, שוין איינגעזעסענע. די איינגעזעסנקייט, אַ פאַרצוויטעטע, קוקט אַראָפּ פון זייערע ביידנס פּנימ׳ער מיטן פילאָזאָפישן טרויערל און בייניקענדיגן אומעטל פון אַלטמאָדישער אינמעליגענטישקייט. ביידנס אויגן־לאַמטערנדלאַך האַלטן נאָך אַלץ אין איין זוכן די יושר־רפואה פאַרן וועלט־שמערץ... די סאָוועטן־מאַכט האָט די היילונג ניט געבראַכט. וואָס שפּעטער וועט זיין—זיינען זיי ניט מחויב אונטער די איצטיגע פאַראַנדקעס פאַראויס צו זאָגן. אַז מ׳פרעגט ביי זיי ניט, טאָ צו וואָס זיך מישן? מישן זיי זיך ניט. זיצן זיי זיך ווארעם איינגענעסטלט אין קאַבינעטל ביי זיך, פראַקטיצירן זייער פרייע פּראָפעסיע און—אַ חוץ זייער שאָדן, איז אויף אַלע פריינט געזאָגט געוואָרן. גיין באַקוקן די סאָוועטסקע נייסן?—עט! און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז דער קולטור פּאַלאַץ „לענין" פאַר די מעטאַליסטן האָט אָפּגעקאָסט אַזאַ אוצר, גאַנצע צוויי מיליאָן רובל, האָבן זיי אין פאַרצווייפלונג די הענט פאַרבראָכן:

— ס׳טייטש, אַזאַ פאַרשווענדעריי! צוויי מיליאָן רובל אין אַ צייט פון אַזוי פיל עלעמענטאַרע נויטבאַדערפטיגקייטן...

און די נידעריטשקע מיט׳ן פויגלשן אויסזען האָט געטריי אונ־טערגעכאַפּט:

— נו, וואָדען? מ׳נעמט דעם ארבעטער׳ס בלוט און שוייס,

מ׳צאַפּט ארוים פון אים ס׳לעצטע, און די „אויסגעשלאָסענע״, די אר־בעטסלאָזע, זאָלן לייגן די ציין אויף די פּאָליצעס. באָלשעוויסטישער יושר, וואָרען?

איז דאָס אָרטיגע פּאַרל, אן איינגעזעסענע, נאָר דעם קולטור־פּאַלאַץ „לענין״ פאר די מעטאַליסטן האָט דאָס דאָזיגע פּאָרל ביז איצט ניט אָנגעקוקט. איצט, צוליבן צווייטן פּאָרל, אראָפּגעקומענע געסט פון ווייטן, דייכן לאנד, גייט דאָס אָרטיגע פּאָרל אויך מיט, אָט א בליק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרטן אין קולטור־פּאַלאַץ... פּכע! מ׳איז טאָלעראנט... גייט מען זאָלבעפערט.

ביים קוועך־פּלייציגן און אויסגעפּילטן א. זיינען מויל און אויערן אָנגעשטעלט. די אויגן זיינע שלינגען פון ארומיגן שטיקערהוויז. די אינעווייניגסטע האַרץ־קלאַפּעניש שפּרינגט ארוים מיט א ציטער אויף זיינע אָט אויפגעעפענטע, אָט צוגעמאכטע ליפּן, און זיינע שוואַרץ־אפּלען וויקלען זיך איין פון צייט צו צייט אין א ווייכער פייכטקייט.

— הייסט עס...

— יע, יע, הייסט עס...

דער ריזיגער, דריי־שטאָקיגער קולטור־בנין איז ווי אן אויג אָנ־געגאָסן מיט דער ליכטיגקייט פון טאָג. די צענדליגער צימערן און זאָלן זיינען אי צוועקמעסיג, אי שיין אויסגעפּלאָנירט. די אויסשטאַ־טונג א צוגעפּאַסטע אי פּיזיש, אי געמיטלעך. יעדער ווינקל זאָגט עפּעס, רעדט און לערנט אומבאַמערקטערהייט יעדן אריינקומער, מאַן, פרוי, יונג און אלט. אָט איז א זאַל־מוזיי פון גאָט און געצנדינעריי אויף אָלערליי אופנים און שטייגערס פון פארשידענע פעלקער און פארשיידענע עפּאָכן, אָנהויבנדיג פון האָליך און שטיין־אָפּגעטער ביזן „ראַפינירטן גאָט אין הימל״... דערקענט איר גלייך אין זיי די לייב־לעבע קרובה׳שאפט פון גאָט און הערשער־משפחה. דערפילט איר גלייך די גרויזאַמע שקלאַפן־קייט פונם „פּאָלג און ניט פרעג״ געבאָט, וואָס האָט זיך אָזוי איינגעפרעסן אין בלוט און פלייש פון ארבעטער־ריז און לאָזט אים ניט פריי אָטעמען...

— דאָס איז א וויכטיגער ענין...

— אודאי א וויכטיגער...

צוויי ביבליאָטעקן. פאר דערוואקסענע און פארן יונגוואַרג. די ערשטע פאַרמאָגט ארום פערציג טויזנט ביכער מיט א לעזער־ארמיי פון פינף טויזנט דריי הונדערט. די קינדער־ביבליאָטעק האָט פינף טויזנט ביכער און זעכצן הונדערט לעזער. לייען־צימערן באַזונדערע.

אַזוי אויך די אַפּרו־פּלעצער. די מעבל און בילדער און בכלל די אומ־געבונג, אַלץ איז פון פריער אויסגערעכנט געוואָרן פאַרן לעזער און אַפּרו־זוכער, צו וואָסער עלטער ער באַלאַנגט. יונגוואַרג איז מער באַוועגלאַך, איז בטבע רירעוודיג, קוועקזילבערדיג אפילו אין אַפּרו־צושטאַנד, זיינען די שטולן און דיוואַנען אין פעסטערע געשטעלן מיט שטייפן, שטאַרקן לעדער באַצויגן. עלטערע, האַרעפּאַשניקעס נויטיגן זיך אין מער געמיטלעכער און שטילער רואיגקייט, איז פאַר זיי די אויסמעבלירונג פון אן אנדער מין. אַנטיק־מעבל פון אמאָליגע צאַרישע הויפן, פון פּאַלאַצן, פון אמאָליגע נאָבל־לייט, און אַרום אויף די ווענט אַזעלכע שטילע, פאַרוויגנדיגע קונסט־בילדער.

שפּיל און פאַרוויילונגס־פּלעצער פאַר ביליאַרד, שאַך, דאָמינאָ און אַנדערע. גרויסע גימנאַסטיק און ספּאָרט־זאַל, מיט מאָדערנסטע איינריכטונגען פאַר פיזקולטור. קינאָ־טעאַטער און קאָנצערט־זאַל, מיט באַקוועמע זיץ־פּלעצער פאַר 650, וואו מ׳וואָלט אוטערן „פּריוואַט־קאָדעקס" זיכער אויסגעזעצט אַ טויזנט בילעטן־קויפער. דאָ איז אָבער ניט פאַר פּריוואַטע פּראָפיטן. דאָ איז אַלץ פאַרן אַרבעטער־האַרעפּאַשניק. ווען מען נאָך אין הינטערגרונט פון דעם־אָ קולטור־פּאַלאַץ צובויען אַ גרויסן דראַמע און אָפּערא־טעאַטער אַזוי, אַז דער גאַנצער בנין וועט באַקומען דעם אויסזען פון אַ ריזיגן עראָפּלאַן.

— און וואָס באַדייט דאָס?

אין ליכטיגן געראַמען צימער אַ היבשע צאָל ניי־מאַשינקעס מיט נויטיגע מכשירים, עטאַזשערקעס, טישלאַך, ביינקלאַך, און אויף יענער זייט וואַנט, כמעט דורכאויס אַ גלעזערנע, רייען קליינע, ציכטיגע בעטלאַך און שפּילצייג פאַר עופה׳לאַך... מאָדנע, וואָס איז דאָס?

— אַ—אַ... און מיט אַ גוטמוטיגן שמייכל: דאָ וועלן זיין קורסן, ניי־קורסן פאַר אונזערע מיטגלידערס פרויען, פאַר זייער היימישן געברויך. אגב, קולטורעלע שמועסן אויך. נו, זיינען פאַראַן צווישן די דאָזיגע פרויען מאַמעס מיט זויג־קינדערלאַך און סתם קליינע חברה, אויף וועלכע מ׳דאַרף אכטונג געבן אין דער צייט, ווען די מאַמעס זיינען פאַרנומען מיט וויכטיגע אַרבעטן—נו, איז אָט. אָט דאָס איז דאָס.

גייט מען אַזוי זאַלבעפערט. שוין דורכגעקוקט יעדן שפּאַן פון קאַנטאָר און זיצונגס־זאַל ביז די באָדע־צימערן און שפּריץ־בעדער. אויגן זיינען פריילאַך פאַרנומען. קורצע און זאַכלעכע פראַגן און ענטפערס וועבן זיך דורך, ווי קאָלירפולע פעדים, אין חבר׳שן שמועס־

געוועב מיט דעם, אָדער יענעם אָנגעשטעלטן. דערוויסט מען זיך, אז די פאַרוואַלטונג פונם קולטור־פּאַלאַץ „לענין“ באשטייט פון 55 מיט־גלידער. צוויי פון זיי, דער פּאָרזיצער און דער סעקרעטאַר, געפינען זיך כסדר אין אנשטאַלט און קריגן באצאָלט. פון „סטאַנאָק“ (וואַר־שטאַט) זיי אראָפּגענומען און אוועקעשטעלט דאָ צו טאָן קולטור־ארבעט. פּייאַנע און פּאַראַנטוואָרטלעכע יונגען. פון „סטאַנאָק“— איז דער בעסטער אָטעסטאַט. די איבעריגע טוען די ארבעט פריי־ווילליג אין זייער פרייער צייט. צו באדינען דעם קולטור־פּאַלאַץ פאָדערן זיך 80 מענטשן, און די אויסגאַבן אויף אויפצוהאַלטן דעם דאָזיגן ארבעטער־אינסטיטוט מיט אַלע הוצאות ארום און ארום וועט באַטרעפן בערך 150 טויזנט רובל א יאָר.

די נידעריטשקע מיטן פויגלשן פּנים שפּרינגט אונטער, ווי אן אונטערגעשאָסענע:

— וואַ־אָ־ס?... אזא הוצאָה... אומגעהערט...

אהא. געפּאַקט מיטן שנעבעלע, און זי וועט עס שוין אזוי גיך ניט אָפּלאָזן. זי מוט זיך אזוי א ווייבערישן שאַר־צו צו איר קווער־פּלייציגן און אויסגעפּילטן מאַן, גיט א בלישטשע מיט אירע אויגעלאַך צו אים אַרויף־צו און הערט ניט אויף צו שמוצערן מיט די צונג־פּאַרבטע ליפּעלאַך. זי ווערט ברייטער ווי לייגער, ווען איר מאַן פּאַטאַקעוועט:

— טאַקע, דאָס איז צו פיל. 150 טויזנט רובל א יאָר... אויס־ברייגנגעריי... כאָטש די זאַך איינגאַנצן גענומען איז אן אויפטו. דאָס איז א „פּליוס“...

אָט דער־אָ „פּליוס“ (מעלה, געווינס) ליגט דער נידעריטשקער אין די ביינער. זי האָט גלאַט פיינט צו הערן, ווי יעדער איוואַן און סטעפּאַן דריידלט מיט זיין ניט־געלערנטן צונג די ווערטער „פּליוס“ און „מינוס“ (חסרון, פּאַרלוסט)). די דאָזיגע טערמינען געהערן צו מאַטעמאַטיקע, און מאַטעמאַטיקע איז פּאַר מענטשן געלערנטע, ניט פּאַר יעדן גראָביאַן... איז ווען מ׳רעדט פון די „מינוסן“ פון באָל־שעוויסטישן רעזשים, איז נאָך צו דערליידן. אדרבא, ס׳טוט איר הנאָה. אָבער די „פּליוסן“—צו זייערע קעפּ, צו זייערע הענט און פיס... וואָסערע „פּליוסן“ האָבן זיי, די באָלשעוויקעס? אָט האָבן „זיי ביי איר שיר די דירה ניט צוגענומען, אָדער געוואָלט איר, אין „איר“ דירה, אריינזעצן א שכן, א ניט־געוואונשענעם. ס׳האָט טאַקע געהאַלטן גאַנץ שמאָל דער עסק, אזוי אז איר מאַן, דער געשיקטער ציין־טעכניקער, האָט געמוזט ווערן א „סאָיוזנער“, אוועקגעבן גאַנצע

פיר שעה א טאָג אין דער מלוכה׳שער ציין־לאַבאָראַטאָריע, און אין הויז ביי זיך האָט מען געמוזט באַזעצן דעם אַלטן טאַטן, כדי . . .

ווייסט דאָך דאָס איר מאַן גאַנץ גוט. ער ווייסט דאָך אויך, אַז שיין וואָלט מען אויסגעזען ווען מ׳וואָלט געדאַרפט לעבן בלויז אויף מלוכה׳שן געהאַלט, וואָרום מיט ווייניגער פון צען רובל א טאָג קאָנען זיי ניט אויסקומען בשום אופן ניט. איז א שטיקל גליק, וואָס די מלוכה קוקט נאָך דערוויילע אויף דער פריוואַטער פּראַקטיקע דורך די פינגער... טאָ ווי אַזוי קומט אהער דער „פּליוס״? און ווער גיט דאָס צו? ער, איר מאַן, אויף וועמען זי האָט איר לעבן אוועקגע־ לייט צו מאַכן פון אים, א „ניעסטשאַסטנע״ אַרבעטער, אָט דאָס, וואָס ער איז איצט... אַפּנים, ערגעץ פאַרבאָרגן אין אים, אָט אין דעם „געוועזענעם״, ליגט נאָך באַהאַלטן דאָס אַמאָליגע זיינע, ווי פייער־פונקען אין א בערגל אַש. פון אויבן דוכט זיך, איז גאָרנישט, קאַלטער אַש, און אונטן איז גאָר—מ׳דאַרף נאָר צעבלאָזן, און פאַרטיג.

איז מען דורכגעגאַנגען דעם ניי־אויסגעלייגטן, שיינעם גאָרטן־ סקווער אַנטקעגן דעם „איספּאָלקאָם״, אויפן פּלאַץ פון אַמאָליגער צאַרישער „אַרעסטאַנטסקער ראָטע״—איז „פּליוס״, מילא. איז מען אַרויסגעפאָרן צו דעם וואונדערבאַרן „פּאָטיאָמקין״ גאָרטן־סאַד אויפן ברעג פון דניעפּר, באַקוקט די פריש־אויסגעלייגטע שיינע טעראַסן, די שטעגן און וועגן אָפּגעהיטע און זאָרגפעלטיג באַפּוצטע,—ווידער פּליוס. באַטראַכט דעם זעלטענעם „פּאָטיאָמקין־פּאַלאַץ״, וואָס איז פון די באָלשעוויקעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן אָפּרו־היים פאַר די אַרבעטער—וויי‍טער „פּליוס״... וועט שוין ביי אים, דעם געווע־ זענעם, אויך באַלד רעכט זיין, אַז די אידישע ביבליאָטעק מיט די צען טויזנט „זשאַרגאָנישע״ ביכער, דער אידישער שניידער־פּאַראיין מיט זייער קלוב און ביבליאָטעק—דער פריערדיגער „גובערנאַטאָר־ פּלאַץ״ און איצט הויז פאַר פאָלקס־בילדונג, און מאַלע וואָס נאָך— אַלץ „פּליוס״ און „פּליוס״...

אָט דער־אָ „פּליוס״ ליגט דער נידעריטשקער אין די ביינער שוין צו טיף. זי איז מיד, ס׳שווינדלט איר אין קאָפּ פון צופיל אָנשטריינ־ גאַכץ. איז אַהיים, אין קאַבינעטל, אויף דער קושעטקע וועט זי זיך אויסרוען, אַביסל צו זיך קומען...

דער פּאַלאַץ צו פאַרהיטן ס׳געזונט פון פאָלק איז ניט קיין שפּי־ טאָל. קיין קראַנקע, וואָס דאַרפן אויסליגן זייער צייט, זיינען דאָרט ניטאָ. דער גאַנצער צעפליגלטער בנין מיט אַלע זיינע אָפּטיילונגען און מאָדערנסטע איינריכטונגען, ווי עלעקטרישע אַפּאַראַטן, אולטראַ־

וויאַלעט שטראַלן, הידראָפּאַטישע וואַנעס און שפּריצן און צענדליגער אַנדערע הייל־מיטלען, אַלץ טראָגט מער דעם כאַראַקטער פון א גרונ־טאַוונער קליניקע פאַר קומענדיגע און גייענדיגע ליידנדע. מערסטנס באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיגן הייל־אַנשטאַלט די אַרבעטער פון'ם דער־בייאיגן אַרבעטער־שטעטל „פּרונזע". ס'איז אונטערן האַנט. די דאָק־טוירים, מערסטנס פרויען, מיט זייערע געהילפן זיינען אויסגעטיילט לויט זייערע ספּעציאַליטעטן נאָך, אין באַזונדערע, גראַמע קאַבינעטן און באַזאָרגט מיט אַלע נויטיגע מכשירים און אינסטרומענטן. קליינע אָפּעראַציעס ווערן דאָ אויך דורכגעפירט. דאָ ווערן אויך געהאַלטן לעק־ציעס, ווי צו באַגיין זיך אין פאַל, ווען מ'ווערט אָנגעגריפן פון א קראַנק־הייט; ווי צו לעבן סאַניטאַריש, קינדער־היגיענע, א. א. וו. דאָ איז אויך פאַראַן א לעניןווינקל, צייטונגען, בראָשורן און זשורנאַלן צום לעזן, און חוץ דעם אַלעם אז דאָ אויך איינגעאָרדנט א שיינער און באַקוועמער קינאָ־טעאַטר.

— אַלץ פאַר'ן אַרבעטער. צי ער קומט אַהער נאָך מעדיצינישער באַהאַנדלונג, צי אַזוי באַראַטן זיך וועגן זיין געזונטס־צושטאַנד, אָדער ער קומט נאָך וועלכער ניט איז אינפאָרמאַציע אויף דעם געביט, סיי־ווי־סיי דאַרף דער אַרבעטער ניט איבערגעלאָזט ווערן צו זיצן און לאַנגווייליגן זיך, ווען אים קומט אויס צו וואַרטן אויף זיין ריי, צי וואָס. דאָס איז אויך פאַר אים זיין היילונגס־היים, פונקט ווי זיין אָפּרו־היים, באַגלייך ווי זיין וואוינונג־אָרט. און די אָנגעשטעלטע, וואָס געפינען זיך דאָ צו באַדינען דעם אַרבעטער, זיינען דאָך אַליין אויך אַרבעטער. א צאָל פון זיי וואוינען טאַקע דאָ־אָ. נו, איז אָט...

ס'קומט אויס, אז דער וואונדער איז נאָר, פאַרוואָס מ'וואונדערט זיך און מען באַטראַכט אָט־דעם דאָזיגן גאַנצן ענין, ווי עפּעס אן אויסטערלישעס. איינע פון די וועכטערינס טוט א זאָג:

— מיר האַנדלען דאָ ניט מיט עצות און רפואות, ווי ביי אייך דאָרטן...

ווען דער קווער־פּלייציגער א. וואָלט ניט אוועקגעמאַרשירט נאָך דער נידעריטשקער צו זיך אין קאַבינעטל צוליבן „מיגרען", וואָס האָט זיך פּלוצלונג צעשפּילט ביי איר, וואָלט ער זיכער צוגעוואָרפן די באַלשעוויקעס נאָך א „פּלוס"...

א פּריש געברוקירטע גאַס. שטילע אַרבעטער־וואוינונגען פון ביידע זייטן. די טראָטואַרן זיינען אויפגעהויבן העכער פון גאַס־

פלאַך. דאָס פּאָרל, די אַראָפּגעקומענע געסט פון ווייטן, רייכן לאַנד, בלאָנקען אַרום דאָ אויף איין זייט, דאָ אויף דער צווייטער זייט. דער פאַרלאַנג אַריינצוגיין אינעווייניג, אין וואָסערער ניט איז אַרבעטערהויז, שפּאַרט זיך פון זייערע אויגן אַרויס, קריכט אויף גאַניקעס, לויערט דורך די פענסטער און באַטאַפּט שוועל און טירן...

— טאָמער ט'מען נישט אַריינלאָזן...

— איז נישט. פּרוּוון מעג מען.

יע אַריינגעלאָזן. און נאָך אַזוי גאַסטפרייַנטלעך, אַ מחיה. זי, די ווירטין, איז אַליין אין הויז. זי קאָכט מיטאָג, צי וועטשערע פאַר'ן הויזגעזינד. דער מאַן, אַ מעטאַליסט, אַרבעט נאָך איצט. די קינדער זייַנען נאָך אין שול. די דירה באַשטייט פון צוויי גראַמע צימערן און אַ ניט ווייניגער גראַמערע קיך. ווענט ריין אויסגעווייסט. שויבן לויכטן, דיל געוואַשענער מיט ציכטיגע ראָגאָזשקעס פאַרשפּרייט. בלומען־טעפּלאַך און בילדער. די בעטן בלאַנקען און שפּיצן זיך מיט פּיראַמידן קישנס צום סופית צו. עלעקטרישע באַלויכטונג. פאַראַן אַ טואַלעט, קיין וואַנע ניט, אָבער די פאָלקס־בעדער זייַנען ניט ווייט. איז זי צופרידן? יע, זי איז צופרידן, אָבער... ס'פעלן אַמאָל אויס פּראָדוקטן... און זי האָט ניט ליב צו שטיין אין ריי... הונגעריג? — אָ, ניין! מען עסט צו זאַט, למאַי זאָל זי לייקענען? — און אונטער די סאָוועטן לעבט זיך בעסער, אָטעמט זיך פרייער, געוויס אַזוי. פאַר'ן יונגוואַרג — אַ גן־עדן, ניטאָ וואָס צו ברייען. זייער וועלט. נאָר אָט די דירה, אמת אַ גוטע דירה, קיינמאָל אַזאַ דירה פריער ניט געהאַט. אָ! אַפילו ניט גע'חלומ'ט אַזאַ זאַך. וואָס אמת, איז אמת. קאָסט אָבער אַן אוצר מיט רובלס יעדן חודש, גאַנצע פ י נ ף רובל אַ חודש אַרום און אַרום...

— און וויפיל פאַרדינט דער מאַן?

— 120 רובל אַ חודש.

— און וויפיל פלעגט ער אַמאָל פאַרדינען אַ חודש...?

זי ווערט ווי אַביסל בייזלעך. איר אָפענער, קייַלעכיגער פּנים מיט'ן פאַררייסענעם נאָז טוט זיך כלומר'שט אַ קנייטש אויף אַ ברוגז, נאָר אירע חן־גריבלעך שמייכלען גוטמוטיג.

— נו, אָט! געהערט אַביסל... אַמאָל... טפו! ווער דאַרף דעם אַמאָל? צו וואָסער שוואַרץ יאָר? — היינט איז דאָך ניט אַמאָל... היינט איז דאָך אַלץ פאַר'ן אַרבעטער...

פון אומקום צום אויפקום

„. . . נאָר דיר די „זינד“ זיי קאָנען ניט פאַרגעסן,
פאַרוואָס דו האָסט אין צען מעת־לעת׳ן
צעטרייסלט זייער וועלט . . .“

ליגט דער אלטער לעבנס־שטייגער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט נאָר א צעטרייסלטער, ניט נאָר א צערודערטער און אויף דערווייל א פּריטשמעליעטער. דער אלטער לעבנסשטייגער ליגט דאָרט א צע־שאָסענער און א צעלעכערטער אויף דורך און דורך. די האַק פון דער רעוואָלוציע האָט אויף שטיקער צעהאַקט די שלאַנג, די זיבן־פאַרביגע, מיט די צוויי אָדלער־קעפּ. ס׳איז אויס מיטן צאַר־באַ־טיושקאַ, ס׳איז אויס מיט די נאָבל־לייט און פּריצים. אויס מיט די געטלעכע פּריידיגער און שאַרלאַטאַנעס ליידיג־גייער. ס׳ווערט אויך אויס מיט באַגריפן פריערדיגע פון באַלעבאַטישער אָפּשטאַמונג. די גיפטיגע שלאַנג, די זיבן־פאַרביגע, וואָס האָט מיט איר אָטעם גע׳סמ׳ט אַלץ וואָס ארום איר, ליגט אויף שטיקער צעהאַקט פון דער האַק פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

איז שוין די טבע פון א צעהאַקטער שלאַנג צו וואַרפן זיך אין עקשנות־דיגן געדריי אויף אַלע זייטן, כלומר׳שט עס לעבט נאָך, דער אויסגע־געמאָרעטער וואָלף ליאַסקעט נאָך אַלץ מיט די ציינער־קליקעס אין זיין גוסס׳דיגן סוף, ווי איינער וואָס איז גרייט צום פאַרצוקן. ניטאָ אָבער פאַרוואָס צו שרעקן זיך. די אַלטע געביידע, די פון אויסוויי־ניג מיט באַפּוצערייען באַליישטע און אינעווייניג ביז צום גרונט צעפוילטע, איז אַראָפּגעריסן און אין שטיקער צענומען. געפינען זיך נאָך דאָ און דאָרט זרובעס־וואַנט איינגעשפּאַרטע, וואָס לאָזן זיך ניט, וואָס ווילן זיך בשום אופן ניט שיידן פון די איינגעזע־סענע פונדאַמעטן. מיט ציין און נעגל קלאַמערט זיך דאָס אָפּגע־לעבטע אָן דעם שטיקעלע קיום און וויל אין דער רו ניט גיין. שטייט אין פעלענעם פאַרטוך די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, האָרעפּאַשנע ברוסט צעבראַסטעט, פיס און באָדן צונויפגעהעפט, ווי מאַגנעט מיט אייזן, פּנים אָפּענער צו פינף־זעקסטל וועלט געווענדעט, אָרעמס מוה־

קולירטע בויגיג אָנגעשטייפּט, און האַלט אין אָדערדיגע הענט סערפּ און האַמער, זעג, דלאָט און צירקל, גראָב־אייזן און לאָם און קירקע...

— העי! דאַ אוכניעם... פון אומקום צום אויפקום...

פאַלן אָפּ שטיק נאָך שטיק די איינגעשפּאַרטע זרובעס־ווענט אונטער קלעפּ אום׳ברחמנות׳דיגע פון שווערע לאָמען. דאָס רעשטל אַלטוואַרג ווערט אָן אָפּשטעל אויסגעוואָרצלט ביז צום לעצטן פּעדימל, און אויף פלעצער אָפּגעריייניגטע ווערט דאָס נייע געבויט.

אין פּעלענעם פאַרטוך און האָרעפּאַשנע ברוסט צעכראַסטעט שטייט פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור און טייטלט מיט קנופּיגע פינגער אין פלענער אויסגעווירעטע, צום האָר, צום קווינט אויסגערעכנטע און אויסגעמאָסטענע; פירט מיטן שוואַרצן, אָפּגעבראָכענעם נאָגל איבער די שורות ציפערן אין ביכער אַלטע און נייע. גריבלט זיך און לערנט. לערנט זיך און בויט...

— העי! דאַ אוכניעם... פון אומקום צום אויפקום...

דער אווטאָבוס (מאָטאָר־אָמניבוס) נומער אַזוי און אַזוי גייט קיין זאַפּאָראָזשיע און צוריק יעדן טאָג אין וואָך, ווען קיין שטערונגען זיינען ניטאָ, אָדער טרעפן זיך ניט אויפן וועג. אַ גוס־רעגן איז אַ שטערונג. דער שליאַך איז נאָך מערסטנס ניט געברוקירט, און די פעטע שוואַרצע ערד ווערט אי קלעפּיג, אי גליטשיג פון רעגן און שטערט דעם פאַרקער. אין זומער־טעג קלערט מען ניט פון דעם. טאָמער גיסט אַמאָל אַ רעגן, קומט די דרום־זון ווי אַ גוטע מאַמע, טוט אַ געטרייען שיין אַרויס, און ס׳ווערט ווידער טרוקן און וואויל. קומט אָבער אין האַרבסטיגע טעג, ווען זונשיין איז קאַרג און רעגן־כמאַרעס אַ סך, איז מען שוין ניט אַזוי זיכער מיט דער יאַזדע. די אָרטיגע ווייסן דאָס, באַדאַרף מען זיי ניט אויסטייטשן. געסט, אָנגעקומענע פון דער פרעמד, אַזעלכע דאַרף מען וואָרענען. בפרט, אַז דער אווטאָבוס־טרעסט איז ניט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג, וואָס קוקט אויפן קונד, ווי אויף אַ קוואַל פון פּראָפיטן.

די פלעצער אין אווטאָבוס זיינען גענומערירטע. פאַרכאַפּן קיין פּלאַץ איז ניטאָ. שטיי־פלעצער ווערן אויסגעמיטן, סיידן דער אָדער יענער פּאַסאַזשיר פּאָרט אַ קורצע שטרעקע און איז מרוצה צו שטיין, צי צוואַוואַרטן ביז אַן אַנדערער וועט אַראָפּשטייגן. דער חבר פּאַרוואַלטער רעדט זיך דורך מיטן חבר טרייבער. זיי ביידע באַטראַכטן דעם אָנגעכמורעטן הימל, פילן מיט די געעפנטע דלאָניעס אַרויפצו,

אויף וויפיל ס׳הויבט אָן צו מאָראָסיען פון אויבן, און—נו, געפאָרן. און פאָרזיכטיג.

דער טרייבער, א יונג מיט ביינער, טוט שמייכלענדיג א טרייסל מיט דער קוטשמע, ווי איינער זאָגט: עט, מיר וויסן שוין. ניט דאָס ערשטע מאָל. דער האָרן טוט א הודיע, און דער גרויסער, שווערער אווטאָבוס גיט זיך א קאַטשע אויף זיינע ברייטע גומענע רעדער.

אַן אויטאָמאָביל־שאָפער אין סאָוועטן־פארבאנד דארף וויסן מער ווי צו קאָנען האלטן און קירעווען מיטן רעדל. ער דארף זיין א מע־כאניק און מוז אויך קאָנען אין פאַל פון נויט ארייננדרינגען אין די איינגעווייד פון מאָטאָר, כדי צו פאַרריכטן דאָס, וואָס עס פאָדערט דער אָדער יענער צופאַל. קיין אויטאָ־סטאנציעס און גאראזשן זיינען נאָך ניט בנמצא אויף די שאָסייען און שליאכן אפילו ארום די גרויסע און גרעסערע צענטער־שטעט, בפרט אויף דער וויטער פראָווינץ. דערפאר די גרויסע אחריות, וואָס דער אויטאָמאָביל־טרייבער אין סאָוועטן־פארבאנד טראָגט אויף זיך.

אַלע זיץ־פּלעצער אין אויטאָבוס זיינען פארנומען. ס׳פאָרן אייניגע מיט פאָרטפעלן. ס׳פאָרן פויערים און פויערטעס מיט קלומ־קעס און קאָשיקעס. ס׳פאָרן אויך בחורים און מיידלאך, אפנים שילער פון א שול. דער עולם פאָרט. אנטרונען איז דער אמאָלי־גער אָפשיי פונם דאָרפס־מענטש פאר דער „טשוהונקע״ (באן), און ס׳זיינען שוין פאראן גענוג בעלנים א פאר צו טאָן אויפן אווטאָבוס. נאָר דאָס באַריידעוודיגקייט פום סאָוועטישן בירגער איז אויף א האָר ניט געמינערט געוואָרן פון דעם אמאָליגן שמועס־טאָן, פון רוסישער אָפּנקייט. צעוואַקסט זיך דער שמועס און וויגט זיך איבער אַלע קעפּ, צעלייגט זיך אזוי ברייטהארציג פריי אויף אַלע ביינק, שפרייט זיך אויפן דיל און שפּאַרט אונטער דעם דאָך.

מ׳רעדט וועגן אַלץ און פון אַלץ. מ׳רעדט פון די אומרוען אויפ׳ן מאנדזשורישן גרעניץ. איינער זידלט שטארק די „קיטאיצעס״ (כי־נעזער). דער אנדערער גיט אים צו פארשטיין, אז שולדיג זיינען אין דעם ניט די כינעזער, נאָר די אויסגעשפּיגענע וויים־גוואַרדייער, וואָס חלום׳ען נאָך אַלץ צו געווינען די אויבערהאנט מיט דער הילף פון די שונאים פון סאָוועטן־פארבאנד. אן עלטערע פויערטע דערציילט פון א לויה...

— פארשטייסט, ליבינקע, איך זע א רעדל לעבן גרויסן, וויסן מויער, פאזע דעם שטאָט־גאָרטן. וויבאַלד אז א רעדל, קלער איך מיר,

באַדאַרף מען געוואויר ווערן, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס אין שטאָט. ערשט ס׳איז א לויה.

— ווער איז געשטאָרבן?

— א חבר איז געשטאָרבן, ניט קיין היגער. געשיקט געוואָרן אהערצו פון וויטן אוראַל. אַרבעטער האָבן אים געשיקט עפּעס דאָ אויסצוגעפינען מכח מעטאַל־ערץ. אַזוי האָט מען דערציילט צווישן עולם. אָי, איז דאָס א רחמנות געווען צו קוקן אויפן וועקסענעם פּנים. נאָך גאָר א יונגערמאַן און אַזוי אויסגעדאַרט, הויט און ביינער. בסך הכל, זאָגט מען, איז ער אומגעקומען פון צופיל אָנגעשטריינגטער אַרבעט. אודאי אין דער היים איבערגעלאָזן א יונגע ווייבל און אפשר א פּאָר קינדערלעך קליינע. אָרימע פייגעלאך...

די עלטערע פרויערטע טוט א פינטל מיט די אויגן, וויל פאַר־קוועטשן אן אָנגעלאָפּענע טרער און זיפצט אָפּ:

— און ס׳אַרא לויה... אַ טאַטעלעך! איינגאַנצן א היינטיגע. ניט קיין פּאָפּ, ניט קיין ווייררויך און ניט קיין תפילות. אָן אָרקעס־טער גאָר, א מיליטערישער. געשפּילט אַזוי טרויעריג, אַזש ס׳האַרץ האָט געריסן, און ווער ס׳זאָל באַוויינען דעם טויטן איז ניט געווען, אָרי־מינקע אַלמנה, נעבעך... רעדעס זיינען דוקא יע געווען פון רעוואָ־לוציע און קרבנות, פון יונגע לעבנס, וואָס ווערן אויסגעשמאָלצן, ווי ליכטלעך אויפן ווינט, אָבער געשמאַק א ווײן טאָן, אַזוי־אָ אויפן קול זיך גוט אויסרעוועון, ווי אין די אַלטע צייטן,—דאָס ניט. אָט א וועלט געוואָרן...

איינע פון די מיידלעך, וואָס זיצן הינטער דער אַלטער, שפּרייט אויס אירע הענט מיט פאַרבויגענע עלנבויגנס איבערן אָנלען פון באַנק אונטער דער אַלטערס פּלייצעס, בויגט אַריבער איר קאָפּ צו דער אַל־טער׳ס פּנים און רעדט אַרויס ווייך־זינגעוודיג!

— נו, נו, מומעלע, גענוג שוין געדעוועט און געוויינט האָבן מיר אויף טויטע, אי אויף לעבעדיגע. מיר, היינט וויינען נישט. א שאָד די צייט. מיר לערנען זיך. פון יעדער זאַך לערנען מיר, אָט־וואָס. און אין שטורעם פון דער רעוואָלוציע ווערן א סך טייערע לעבנס, ווי חלב׳נע ליכט אויסגעשמאָלצן און צערונען. אונזערע שאַנעוועון זיך ניט. אָט אַזוי איז דאָס. נו, און די פּאַקל־פּראָצעסיע פון די קאָמסאָמאָלצעס נעכטן ביינאַכט האָסטו געזען?

— זי וואַרט אָפּ אַ ווײַלע. די אַלטע ענטפערט ניט, נאָר קוקט מיט פאַרוואונדערונג. די אַלטע פרויערטע ווייסט, אז פון דאָרף אין שטאָט קומט מען ניט יעדן מיטוואָך, איז ווען מ׳קומט שוין יע אין

שטאָט, באַדאַרף מען וואָס מערער זען און הערן און אָנזאַפּן זיך מיט אַלע לעצטע נייסן און געשעענישן. אין דאָרף וועט מען אַלץ אויס־כאַפּן, ווי מצה־וואַסער, טאָ ווי אַזוי האָט זי פאַרזען אַזאַ וויכטיגן ענין?... זי נעמט עס אָן, ווי אַ באַשערטע זאַך, וואָס די יונגע האָט זיך דאָ געמאַכט אונטערן האַנט.

— אַך, ליבינקע, דערצייל, דערצייל. דו רעדסט דאָך אַזוי זיס און מחיה׳דיג... זי שטעלט אָן מויל און אויערן. מיט די שפּיצן פּאַטשיילע ארום איר געקנייטשטן פּנים שאָקלט זי צו איר דאַנקבאַר־קייט די גאַנצע צייט, וואָס די אינגערע מאָלט פאַר איר דאָס שיין בילד פון דער פּאַקעל־פּראָצעסיע איבערן לאַנגן און ברייטן פּראָס־פּעקט. צווישן די בוימער־אַלייען, אין נאַכטיגער האַלב־טונקלקייט, האָבן זיך אין געשלאָסענע קאָלאָנען געצויגן קאָמיוגיסטן און קאָמיור־ניסטקעס. מוזיק און פאָנען פּאַראַויס פאַר יעדן אָפּטייל, פייער־פּאַקעלן און רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען אין דער מיט. יעדע אויפגע־הויבענע האַנט אַ פייער־זייל. יעדער אָפענער מויל אַ דערמונטערונג צו די וואַקלענדיגע, אַ נצחון־שאַל צו די קעמפּנדיגע און אַ וואָרנונג צו די שונאים—אָפענע און באַהאַלטענע. און די לאָזונגען — קורץ, שאַרף, און ווי זיי שניידן זיך אריין אין מח. וועסט זיי שוין פון דאָרט ניט ארויסמעקן. און טאָמער האָסטו זיך נאָך ניט אויסגע־לערנט צו לייענען, ריידן צו דיר די הילכיגע און קאָלירפולע געמע־לעכצן אויף די צענדליגער, הונדערטער פּלאַקאַטן, אַז:

— שכרות מאַכט פון מענטשן אַ ווילדע בעסטיע.

— רעליגיע פאַרוואַנדלט דיך אין אַ נארישער שעפּס.

— אַרבעטער! לערנט זיך אויך עסן צוזאַמען, ס׳איז נאָך אַ טראָט צום סאָציאַליזם.

— סאָוועטישע מאַכט און רויטע אַרמיי זיינען צוויי הענט פון איין גוף.

— לייזדאַקעס און פוילאַקעס זיינען די ערגסטע שונאים פון סאָציאַליסטישן אויפבוי.

— פיינט האָבן אַ צווייטן, ווייל ער איז פון אַן אַנדער ראַסע, צי פון אַן אַנדער הויט־קאָליר, איז די געפערלעכסטע חרפּה.

די עלטערע פּויערטע זיצט נאָך אַ היבשע ווײַלע אַזוי־אָ, ווי האַלב אין חלום און האַלב אויף וואָר. ניט אַלץ כאַפּט זי אויף אַקוראַט, ניט אַלץ פּאַטאַיפּעט זיך אין איר מח, נאָר דעם לאָזונג וועגן שכרות, דאָס באַנעמט זי זייער גוט. אַ סך האָט זי אין איר לעבן זיך אויסגעליטן פון אַמ־דער־אָ צרה.

— מיין אַלטער איז פון שטענדיג אַן א גוטער האַרעפּאַשניק. ניכטערערהייד—א סאַמעטענער מענטש. שכור׳ערהייט—א בעסטיע. נו, געהאָרעוועט לאַנג און שווער. צו דער ביטערער גויט קיין סוף ניט געזען. דערנידעריגט אונטער יעדערן „דיעסיאַטסקי׳ס״ פּיס. האָט ער געטרונקען. איז געקומען א זונטאג, א חגא איז שוין געווען א תירוץ אויף אָנצוזשליאָקען זיך, ווי א חזיר. מיין וואַיעווען האָט ניט געהאָלפן. פלעג נאָך ארייַנקריגן מיט די שטיוול אין בויך. איצ־טערשט, זעסטו ? — ניט צו דערקענען מיין אַלטן, זאָג איך דיר. און זינט מיין בחור איז צוריקגעקומען פון דער רויטער ארמיי האָט זיך מיין אַלטער אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. פון אָנפאַנג איז אים ניט אָנגעשטאַנען דער עסק: ס׳טייטש ! די אייער ווילן גאָר לערנען די הינער... ביסלעכווייז אָבער איז ער אייַנגעגאַנגען, און איצטער איז מען כאַווער־לאַוועט אָט־אַזוי־אָ, א חיות, גייט מען ביידינקע אין „סעל־סאָוועט״ (דאָרפס־ראַט) און נאָר מ׳רעדט פון „קאָלכאָזן״ (קאָלעק־טיווע ווירטשאַפטן) און נאָך אַזוינע זאַכענישן. אמת, קלויסטער און תפילות זיינען פאַרגעסן, חגאות אַוועקגעשטופּט אַן א זייט. מ׳איז אָבער מענטשן, ניט קיין ווילדע קאַבאַנעס, ווי פריער, און מיט די שטיוואַליעס אין בויך שלאָגט מען זיך ניט מער. אלא, מ׳צלמ׳ט זיך נישט מער ? — נו, וועט שוין דער „הייליגער יעזוס״ מוזן מוחל זיין...

אַן אנדער פויערטע מיט א פיר־עקיגן פּנים קלאָגט זיך, אז אין איר דאָרף שכור׳ט מען נאָך אויף וואָס די וועלט שטייט, און אמאָל קומט עס אויך צו געשלעגן און דראַקעס. זי גיט א וואָרף א קנאָה־בליק אויף דער גליקלעכער פויערטע, וועמענס אַלטער האָט זיך אַזוי איבערגעאַנדערשט צום גוטן. זי גיט אָבער צו, אז ס׳איז ניט דאָס, וואָס אמאָל, ניין :

— זאָלן שוין אַלע „הייליגע״ באַשירעמען און באַשיצן פון דעם פאַסקודנעם אמאָל...

א פויער מיט א היבשן קלומעק אויף די קני דערציילט זיין שכן, א שטאָטישער, זעט אויס, וועגן „אָקרוזשנאָי סוד״ (קרייז־געריכט). ווי אזוי קומט ער אַהין ? — ניין, ניט אייגענע אינטערעסן. ער האָט קיינע משפּטים ניט אין שטאָט. געקומען איז ער אין שטאָט צוליב ווירטשאַפט־ענינים. דערוואוסט זיך, אז זיינעם א קרוב׳ס א זון משפּט מען פאַר מאָרד, איז ער געווען א בעלן אויסצוגעפינען וואָס און ווען... נו, מילא, דעם בחור האָט מען באַפרייט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ער איז גאָר אַן אָרענטלעכער ארבעטער און ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. עפּעס א מיידל, א פינטיפליושקע, האָט דעם

בחור געוואָלט אונטערשטעלן אַ פּיסל, פּאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. וועט מען שוין איצט אודאי נעמען דאָס מיידל אויפן צימבל פאַרן פאַלש דאַנאָסעווען...

ביידע, אי דער פּויער, אי דער שטאָטישער, ריידן מיטאַמאָל און שלאָגן איבער איינער דעם אַנדערן. מ׳וויל אַרויסברייינגען די פּרטים פונם מאָרד און פונם בחור מיט דער פינטיפּליושקע... זיי זיינען אָבער ביידע מסכים, אַז אונטערן סאָוועטישן רעזשים וועט מען מסתמא פון אַזעלכע שלעק פּטור ווערן, וואָרים ס׳איז דאָך אַן אַר־בעטער־ און פּויערים־מלוכה, טאָרן אַזעלכע מעשים ניט געשען, אפילו זעלטן אויך ניט. מ׳עט עס זיכער אויסראָטן. אַ דריטער וואַרפט אַריין אַ וואָרט, אַז אין דעם רייכן אַמעריקע זיינען רויבערייען און מאָרדן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג... האַלט שוין דערביי, אַז דער שמועס זאָל זיך אַריבערטראָגן אין דער רייכער אַמעריקע. מען איז שטאַרקע בעלנים אויף אַזאַ שמועס. איז אָבער דער דריטער ווי אומיסטנע אַנטשוויגן געוואָרן, און דער פּויער כאַפּט צוריק אויף די איבערגעריסענע פאָדים—אַז די זאַך, בירגער, איז גאָר אַט־וואָס . . .

דער דאָרפישער פּויער, זעט אויס, אַרבעט שווערלעך מיט די נעהירן. ער וויל אַם קלאָרסטן אַרויסברייינגען מיט וואָס דער „אָקרוזש־נאָי־סוד" האָט אים איבערראַשט. ער מישט זיין אוקראַיניש מיט אַ סך רוסישע ווערטער, מסתם כדי אַלע זאָלן אים פאַרשטיין. ער ווערט רויט אין געזיכט, אָבער ער לאָזט ניט אָפּ ביז עם באַקומט זיך, אַז ניט די אויסוויינינגסטע זייט פון דעם ענין אינטערעסירט אים, נאָר די אינעווייניגסטע, אָט דאָס איז דער עיקר. וואָרים דער נאָמען „אָקרוזשנאָי סוד" איז דאָך דער אייגענער, וואָס אמאָל. דער בנין, די טרעפּ, דער אַריינגאַנג, די זאַלן און קאָרידאָרן, — אַלץ דאָס זעל־ביגע, ווי נאָך פון די צאַרישע צייטן. אַלאַ וואָדען? ווי אַזוי די פּראָ־צעסן ווערן איצטער געפירט. ווי מען באַגייט זיך מיט די אָנגעקלאָגטע. אַז קיין זשאַנדאַרן מיט די בלויזע שווערדן זעט מען ניט אויף אַ רפואה, אפילו אַרום דעם גע׳משפּט׳ן. אַרעסטירטע פירט מען ניט אַריין געשמידט אין קייטן און מ׳שטופּט זיי ניט אונטער מיט די „פּריקלאַדן" (קאָלבעם) פון די ביקסן. קיין זידל־ווערטער הערט מען ניט און מען שטייט ניט אין ציטערניש פאַר די ריכטער. און ווער זיינען די ריכ־טער? אַרבעטער פּשוט׳ע, אָן שליפעס, אָן טאַראַראַם. איז גייסטו אַריין אין „אָקרוזשנאָי סוד" מיט אויסגעראַטשעטע אויגן, נעמסט זיך אָן מיט מוט און מיט שרעקעדיגן דרך־ארץ און—גאָר.

— אָט ווי ביי זיך אין דאָרף, אין אייגענעם „סעלסאָוועט”... און גאָרנישט...

איין זאך באַנעמט ער ניט. דער פּראָקוראָר א „באבע” (פּרוי). ס׳קוקט אוים פּריקרע. געוועדט האָט אפילו אָט־דער־אָ פּראָקוראָר אין קליידל געזונט און טאָלקאָווע, אָבער א פּראָקוראָר אין הויזן איז . . .

אַלע פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס גיבן זיך א וואָרף צו די פענצטער. איבערהויפּט די דאָרפס־לייט. פון די קאָלכאָזן, וואָס געפינען זיך אין דעם געגנט, ציען זיך אין לאנגע צוויי שורות פוירערשע וועגענער געשפּאַנט צו איין און צו צוויי פערד. די פערד גייען לאנגזאם אונטערן דריבנעם רעגנדל, טאָפּטשען אין דער דינער בלאָטקע, וואָס גלאַנצט פון פעטער שוואַרצקייט. די וועגענער אָנגעלאָדן מיט זעקתבואה זיינען מיט רעדניעס באַדעקט.

— מלוכה׳שע תבואה פּארגרייטונג...

עמיצער האָט עס א זאָג געטאָן, און אלע, איבערהויפּט די דאָרפסלייט, האָבן זיך מיט חשק א נעם געטאָן א דרעש צו טאָן דעם ענין פון מלוכה׳שער תבואה־זאַמלונג און פּארגרייטונג.

מ׳האָט גערעדט אי איינציגווייז, אי צו עטלעכע מיטאַמאָל, אי געלאַסענער, אי געהיצט זיך. ווי ווען דער ענין האָט אָנגערירט. מ׳האָט קריטיקירט די רעגירונג. מ׳האָט פּארטיידיגט די רעגירונג. אייניגע האָבן געזידלט און געשאָלטן, געשאָטן פעך און שוועבל אויף די באָלשעוויקעס. למאי די רעגיר׳ונג צאָלט „הארטע” פּרייזן פארן ווייץ און קאָרן. למאי ס׳פעלן אוים סחורות און ארטיקלען. למאי אזוי און למאי אזוי. און למאי זיינען נאָך קיין אויסגעפלאסטערטע וועגן ניטאָ... אָט שלעפּט מען זיך אין אווטאָבוס איבעריגע שעה׳ען. וואָסי? א רעגנדל... טאָ וואו־זשע איז דער קאָמוניזם, וואו?...

פון דער גרופּע בחורים און מיידלעך, אפּנים שילער פון א שול, איז אַרויסגעטראָטן איינע מיט אן ערנסטן פּנים און ליכטיג־בלויע אויגן. קורץ־געשוירענער קאָפּ סאָליד אויף די שמאָלע אקסלען. איבער דער כאקי־בלוזע, פון לינקן אקסל צו דער רעכטער זייט אין אלכסון, א רימען מיט אייזערנער ספּראָנזשקע אויף מיליטערישן שטייגער. א קאָמסאָמאָלקע. זי האָט קיינעם ניט גע׳מוסר׳ט, קיינעם ניט פארטיידיגט, נאָר פאקטן צעגלידערט, גערעכנט און צונויפגערעכנט, אָנגעוויזן, באַוויזן און דערוויזן: נאט, אָט האָט איר דעם גאנצן ענין און זעט אליין...

אויסגעקוקט האָט עס, ווי אן אלט־דערפארענער לערער גיט אן „אורָאָק” (לעקציע) צו קינדער ניט אָנגעדונגענערהייט, נאָר פון ליב-

שאפט וועגן, און די קינדער האָבן דאָס פארשטאנען, באגריפן און דערזען.

— וואָס פאראן צו ריידן? קאָמוניזם ליגט ניט אָנגעגרייט אויפן פּאָליצע אין קראָם...

— אז קיינער באַרגט ניט. אליץ מיט אייגענע הענט. ציט מען די קליי...

—זיי? קולאַקעס פארשיווע. קולאצקע נשמות...

— וואָס ווייניגער ריידן. ארבעטן דארף מען. אָט וואָס.

— אודאי אזוי. אָבער דאָס, וואָס פעלט אויס, פעלט.

— סחורות און ארטיקלען פאלן ניט, ווי מאנע פון הימל... זאוואָדן, פאבריקן, מאשינעס, ס'קאָסט גאָלד. אי, די וואָס באַלבען? בהמות. הערן זיך צו צו שונאים, צו שלענג...

— נו, די שלענג זיינען שוין צעהאקטע אין שטיקער...

— אָבער די שטיקער ווארפן זיך נאָך, כלומר'שט לעבעדיגע. שרעקן דעם עולם... ע־עך—

דער אווטאָבוס האָט זיך ווי פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, א ביסל א גליטש־טועגדיג זיך אויפ'ן נאסן ברוק. דער עולם פאסאזשירן האָט זיך א ריר געטאָן צום ארויסגאנג.

— דניעפּראָסטראָי... (דניעפּר־בוי).

אַ־נו־קאַ, דניעפּר, טו זיך אַ רוק

דער טייך דניעפּר איז אודאי ניט ווייניגער באַוואוסט אין סאָוועטן־לאַנד פון דער וואָלגע. היסטאָריש און לעגענדאַריש איז דער דניעפּר געווען פאַררעכנט פאַר זייער אַ וואַזשנעם מיוחס. אויף זיינע ברעגן איז די שיינע שטאָט קיעוו אויסגעוואַקסן און געמאַכט געוואָרן באַרימט מיט טויזנט־יאָריגע „הייליגקייטן" איבער לייוונג און ברייט פון אַמאָליגער צאַרישער אימפּעריע. אין די וואַסערן פון דניעפּר האָט מיט איבער טויזנט יאָר צוריק וולאַדימיר דער „הייליגער" מיט גוואַלד גע'טובל'ט זיינע האַרדעס קנעכט און מיט זיין פּירשטלאַכן פאַרזאָג פאַרוואַנדלט זיינע „באַרבאַרישע געצנדינער" אין „גוטע, ליבנדיגע קריסטן" פון אַלט־גריכישן שניט. וולאַדימיר האָט זיך גע'שדכנ'ט צו דער יונגער טאָכטער פון דעם קריסטלאַכן ביזאַנטישן קיסר, און די יונגע, קריסטלעכע פּרינצעסין האָט אודאי די ווערט געהאַט דעם „הייליגן" אויפּטו...

דער טייך האָט געשפּרודלט מיט יחוס אין דער אַמאָליגער צאַרישער אימפּעריע. אויף זיינע הויכע ברעגן האָבן זיך שטילע, בלויע נעכט פאַרקליבן און ביים שטערן־שיין נעצן לעגענדעס געוועבט. פּאָעטן האָבן אים אויף אַלערליי אָקטאַוועס באַזונגען. היסטאָריקער האָבן אויף זייער שטייגער דעם דניעפּר זיין רעכט געטאָן. דער טייך דניעפּר איז געווען אַ סך מערער באַוואוסט מיט זיינע „הייליגע" יחוס־בריוו, איידער מיט זיינע מעטאַל־פאַבריקן, וואָס האָבן זיך לעצטענס אויף זיינע ברעגן פאַרזייט.

אלס אַ וואַסער־וועג איז דער דניעפּר ווייט הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט דער „מוטער־וואָלגאַ". זיינע אור־אַלטע פעלזיגע שוועלן־שפּיצן („פּאָראָגי"), וואָס ליגן אונטער זיין וואַסער־פלאַך אין געוויסע ערטער, שטערן דעם גלייך־מעסיגן שיף־פאַרקער. אפשר זיינען די דאָזיגע „שוועלן" דניעפּרס גוטע טעמעס פאַר פּאָעטישע שאַפונגען פון „ריינער־קונסט" פאַסאָן. אפשר קען די שוימיגע ענערגיע, וואָס קלייבט זיך אָן אַרום די דאָזיגע שוועלן אָן אויפהער און אָן

אָפּשטעל, ארויסרופן זייער טיפע „אינזיכיסטישע“ שטימונגען. קיין שיפן, צי מיט פּאַסאַזשירן, צי אָנגעלאָדן מיט לאַסט, קענען דאָרט ניט דורכשווימען, און די גוואַלדיגע וואַסער־ענערגיע איז איינגאַנצן אַוועק לאַבוד אונטער דער זעלבסט־הערשאַפט פון „טאַטעלע־צאַר“. געשאַל־טעוועט און געוואַלטעוועט האָט די זעלבסט־הערשאַפט איבער די קנעכט אונטערטאַנען אין נאָמען פון גאָט... און דער „אַלמעכטיגער“ קען זיך גאַנץ שיין באַנוגענען, אויב דער האָרפּאַשנער פּויער, וועט באַלויכטן זיין פינצטערע כאַטקע מיט א „לוטשינע“ (דראַסקע); אויב דער האָרעוואַניק־אַרבעטער וועט זיך באַגיין מיט א חלב'ן ליכטל. עלעקטריע איז ראָסקאָש, עולם־הזה, און די „זינדיגע“ עולם־הזה איז דער ערגסטער שונא פון דער „הייליגער“ עולם־הבא. מילא, די פּריצים, די נאָבל־לייט, די רייכע קענען זיך איינהאַנדלען א חלק עולם־הבא מיט צדקה־געבן. מיט וואָס וועט זיך אָבער באַוואָרענען אויף „יענער־וועלט“ דער פּשוט'ער, גראָבער המון...? זיכער מיט זיין אָפּקומען אויף דער וועלט... און וואָס גרעסער איז דאָס אָפּקומעניש דאָ אויף דער ערד, אַלץ מערער איז די באַלוינונג אין הימל... איז דער גרויסער אָרעמער המון, אַרבעטער און פּויערים, אָפּגעקומען פון וויג ביז צום קבר. קיין ליכטיגע פינטעלע פאַר זיך, קיין אויסזיכט פון פאַרבעסע־רונג ניט געזען אונטער צאַרישן רעזשים.

איז געקומען די גרויסע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע צוגיין, האָט אָנגענומען ביים קאָלנער די גאַנצע „פּני“, מיט אַלע זייערע משרתים, מיטן גאַנצן „כלי־קודש“ און קלאַפּער־געצייג, מיטן גאַנצן „אויבן אָן“ און האָט עס אַרויסגעשליידערט מיט אַלץ מיט אַנאַנדער צו אַלדי־שוואַרץ יאָר אויף די מיסט־הויפן, און אוים... איז געקומען לענין, דער גרויסער לערער און וועג־ווייזער פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע און האָט אויסגעשריען: „עלעקטריפיקאַציע!“... זאָל דאָס גאַנצע פּויערים־און־אַרבעטער לאַנד עלעקטריפיצירט ווערן. קיין ברע־קעל ענערגיע זאָל ניט אַוועקגיין אין ניוועץ. ליכט זאָל זיין. אַלץ פאַרן אַרבעטער און אָרעמען פּויער. אַלע נאַטירלעכע כחות זאָלן זיי דינען און פון זייערטוועגן אין שפּאַן גיין. אָט איצט, אונטער סאָוועטישער מאַכט, וואַקסן די מעכטיגע עלעקטרישע סטאַנציעס. אַרום לעניג־גראַד „וואָלכאָווסטראָי“. אין שכנות פון די „דניעפּר־שוועלן“ — „דניעפּראָסטראָי“...

:: :: ::

דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ לעבן הויפּט אַריינגאַנג פון א גראַנדיעזן בנין. דאָס איז די הויפּט־קאַנטאָר פון ריזיגן דניעפּרבוי.

דאָ ווערט געפירט סיי די געשעפטלעכע זייט, סיי די קאָנסטרוקטיווע פון דער־אָ גיגאַנטישער אונטערנעמונג. דאָ שווּבלט און גריבלט כסדר מיט פּלאַן־און־בוי אַקטיוויטעט, ווי ביי מערעשקעס אין זייערע גע־וועלכן. פון ערשטן בליק אויפן פּאַסאַד פון דעם־אָ גראַנדיעזן און שטאַרק־באַפּענסטערטן בנין דערפילט זיך די ערנסטע פּאַרנומענקייט פון דעם עקשנות׳דיגן אויפבוי־פּראָצעס און אין דער זעלבער צייט אַ סאָלידע גרינגקייט פון מאָדערנעם סטיל. דער נייער בוי־שטייגער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צי דאָס איז פאַר אַרבעטער־קוואַרטאַלן, צי פאַר קולטור־צוועקן, צי דאָס איז פאַר מלוכה־שע אָנפירונגען, אָדער אַפּאַ־ראַט־פאַרוואַלטונגען — אומעטום ווערט צו ביסלעך דער אַלטער בוי־מעטאָד, דער סומנע־שווערער און שטיינערדיג האַמעטנער, פאַרביטן אויפן נייעם, מאָדערניזירטן געבוי אויפשטעל. דאָס באַמערקט זיך אויך אין די נייע קאָרפּוסן פון פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אונטער סאָוועטישער אַרכיטעקטור. די אַלטע אָנגע־ליאַפּעטקייט פון אָנגעפּושטע פּעסטונג־ווענט ווערט אַנטרונען.

אינעווייניג—אַ בינשטאָק. דער טיק־טיק געזשום פון די שרייב־מאַשינקעס ציט זיך פון אַלע חדרים אַרויס, שפּאַרט זיך דורך פענס־טער און טירן, אָפענע און פאַרמאַכטע, פילט דעם גאַנצן חלל פון אויבערשטן גאָרן ביזן אונטערשטן. טעלעפאָנען קלינגען. קולות רופן. קולות ענטפערן. קעפּ איינגענורעטע אין גרויסע ביכער. פּלייצעס איינגעבויגענע איבער געווירעטע און צעפינטלטע פּאַפּירן. צייכענונ־גען אויף ווענט, צייכענונגען אויף טישן. קורירן שמייען אום מיט פּעק און פּעקלעך אין די אָרעמס. מען איז ערנסט פאַרנומען. רוסיש, ענגליש און דייטש — דרייאייניגקייט פון שפּראַכן — מישן זיך און פלעכטן זיך צוזאַמען און שטערן ניט איינס דאָס אַנדערע. אַ היבשן אָרט פאַרנעמען דאָ די אַמעריקאַנער בוי־אינזשענעַרן און זייערע אַרויסהעלפער. און ניט אויף קאַטאַוועס זיינען די דאָזיגע אַהער געקומען. דער אַמעריקאַנער „ווילעדזש" (דערפל) ליגט גאַנץ ברייט־לעך דאָ דערביי צעלייגט מיט זיינע איינגעפונדעוועטע „קאַטעדזש־עס", מיט אַלע זיבן זאַכן אויפן עכט אַמעריקאַנעם שטייגער. דאָס איז אויף איין זייט פון דער הויפּט־קאַנטאָר, צום ישוב־צו. אויף דער צווייטער זייט, צום פעלד־צו, נאָכן ניי און שיין־אויסגעלייגטן גאָרטן מיט סטעזשקעס און ביינק, שטייט דער אימפּאָזאַנטער קאָאָפּעראַטיוו בנין מיט די פאַרנעמע ווערענדעס. דאָס איז די אַלגעמיינע קיך. דער גראַ־מער עס־זאַל אָנגעפּיקעוועט מיט טישלעך און ביינקלעך פאַר פּאָרלעך, זאַלבאַפערט, צי מער. לעבינס בילד און בילדער פון די אָנגעזעענסטע

פירער און בויער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד אויף די ווענט. און לאָזונ־גען, לאָזונגען איבעראַל. דאָ איז דער בופעט פאַר לייכטע צובייסנס. דורך די האַלב־קיילעכדיגע עפענונגען ווערן די געריכטן דערלאַנגט. די שפייז איז געזונט און פריש. די קעסלען שעמערירן פון ריינקייט, און די קוכערס אין די ווייסע מיצן און יאקן זיינען דורכאויס פאַרטאָן אין זייער אַרבעט. קלוב, רויטער ווינקל, ביבליאָטעק, לייען־צימער און אַלע אַנדערע נויטיגע איינריכטונגען פאַרן אַרבעטער,—נו, פון דעם איז דאָך אָפּגערעדט. ניטאָ נאָך דערוויילע אויפן גאַנצן ערד־קוגל אַזאַ לאַנד, ועמענס מלוכה זאָל אַזוי זאָרגן פאַרן וואוילזיין פון אַרבעטער, סיי פיזיש, סיי גייסטיג, ווי די רעגירונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פירט דער וועג דורכן שפּאַציר און אָפּרו־גאָרטן, אַ ביסל אַרויף־צו, צום שפּיטאָל און צו דער סטאַנציע „ערשטע הילף". דאָקטוירים, וערטערינס, אַמבולאַנסן. אַליץ איז גרייט צו ענטפערן דעם רוף. צאָל פון באַהאַנדלטע ניט אַנזיכטיג.

— וויפיל אַרבעטער זיינען דורכשניטלעך באַשעפטיגט אויפן דניעפּראָסטראָי?

— אַרום דריטהאַלבן צענדליג טויזנט...

— אָפּטע אומגליקס־פאַלן פאַראַן געגוג...?

די פרוי־דאָקטאָר ענטפערט ניט באַלד. פון איר אויג וואַנדערט אַרויס אַ באַדויערנדיגער בליק און שטעלט זיך אָפּ אויפן פרעגער מיט'ן אויסדרוק פון דעם סאָרט רחמנות, וואָס קאָמפּלימענטירט שוין גאָר־גאָרנישט דעם, צו וועמען דאָס איז געווענדעט...

— אָפּטע... פאַרוואָס עפּעס אָפּטע?... ס'איז איבעריג דאָס, וואָס אַן אומגליק־פאַל טרעפט זעלטן. אַלע פּאָרזיכט-מיטלען ווערן אָנגענומען, און דאָס וואָס מען ווייסט נאָך ניט, לערנט מען זיך אויס־צוגעפינען. אודאי וואָלט בעסער געווען, ווען יעדער אַרבעטער וואָלט גרינדלעך פאַרשטאַנען, וואָס פאַרהיטן מיינט, אפילו אין קלייניגקייט־טען, ווי אַ פינגער פאַרשטעכן, צי אַ שטיקל הויט אָפּרייבן ביי דער אַרבעט... נו, האָבן מיר נאָך, ליידער, אַ היבש ביסל אָפּגעשטאַנענ־קייט אין די אַרבעטער־רייען. נו, באַהאַנדלען מיר די אַרבעטער און מיר לערנען זיי. אָט.

ניט ווילנדיג קומט אויפן געדאַנק די „לאַנד פון ראָבאָטס" מיט די ריזיגע פאַבריקן און גיגאַנטישע מאַטאָרן, וואָס זיינען געהייליגט צום יחיד-קאַפּיטאַל, צום איינצעלנעם אויבער־פּריסטער פון גאָט מאַ־מאָן... דאָרט איז דער אַרבעטער ניט מער, ווי אַ ראָבאָט, און אַזוי

ווערט ער באַהאַנדלט. אַרויסגעצויגן פֿון אים דאָס לעצטע, אָפּגענוצט —און אַרויסגעוואָרפֿן אין ברוך, אויפֿן סמעטניק און אויסגעקערט. פריש־צאַפּלדיגע מחנות „ראָבאָטס", פֿון נויט־קנוט געטריבענע, שטייען גרייטע זיך צום פּאַרקויפֿן פֿאַרן שטיקל ברויט, און דאָ?... מען באַהאַנדלט דעם אַרבעטער און מען לערנט אים. אָט דער גאַנצער איבערברוך פֿון אַלטן מיטן גאַנצן אויפֿשוואונג פֿון נייעם איבערבוי פֿאַר וועמען? פֿאַר אים, דעם אַרבעטער, פֿאַר אים, דעם פּויער. איז אָט דער גאַנצער „דניעפּראָסטראָי"...

שטייט לעניז פֿון שטיין אויסגעהאַקט, צי פֿון גיפּס אויסגעגאָסן. האַנט אויסגעשטרעקט פֿאַר זיך און צייג־פֿינגער צום דניעפּער געווענדעט. ליפּן געעפֿנט, ווי צום אויסשרייען:

— אַ נו־קאַ, דניעפּער! טו זיך אַ רוק!...

און — — — — —

ס'הערט אַלטער דניעפּער און קנייטשט זיך פֿאַרוואונדערט:
וואַגן, ווער וואַגט דאָס אַזוי מיר צו טאָן...?
באַשר איך צייל ניט קיין יאָרן אין הונדערטס, —
ווייסט מיך היסטאָריע פֿון אייביגקייט אָן,
ווייסן לעגענדעס ווער איז דער דניעפּ...
וואַגן, ווער וואַגט דאָס אַזוי מיר צו טאָן...?
עלעקטרישע נעסטן מיר צווינגען צו טראָגן,
אָנטאָן מיר פֿאַרטוך פֿון שווערן בעטאָן — — —
גאָגאָל, מיין גאָגאָל, וואָס וואָלסטו איצט זאָגן...?
מען יאָגט דאָך מיך איצטער אַרויס פֿון מיין בעט.

היים גייט די אַרבעט אויף ווערסטן און ווערסטן;
באַגען און קראַנען, און ס'רייסט דינאַמיט...
„אָט איז אַן אויפֿטו...!" פֿון אומעטום הערסטו:
הייסן פֿאַרטרינקען אַ געגנט וואָס בליט, —
גאָגאָל, וואָס וואָלסטו איצט זאָגן צו דעם?
וואַסער־טעראַסן און צוימען פֿון דאַמבעס.
גיי, אַלטער דניעפּער, פֿאַריאָך זיך אין שפּאַן...
ווינט, אַלטע אָדעס, כאָרייען און יאַמבן!!! (1

ס'וואַגט צו באַפֿוילן סאָוועטסקער טיטאַן:
דניעפּער, אַ נו־קאַ! —נו, טו זיך אַ רוק — — — —

1) אָדעס, כאָרייען, יאַמבן: פּאָעטישע פֿאָרמען.

רעדט אַלטער דניעפּר און וואַרפט מיט די כוואַליעס.
היים זידט די אַרבעט פון ריז „דניעפּראָסטראָי“,
צוואַנציק־פיר טויזנט שמידן פאַרפאַליעט
שענסטן געזאַנג פון סאָוועטיש־געבוי,
גרעסטע פאָעמע פון האַמער און סערפּ.

ביידע ברעגן פון ברייטן דניעפּר זיינען פאַרפּלייצט מיט מעטאַלן, מיט באַראַקן, מיט אָנגעהויבעטע מאַטעריאַלן פון כל־המינים און מיט גלייכע און קרומע צעגראָבענע טראַנשייען. שטאָלענער געפלעכט, ערטערווייז אין דער הויך, ערטערווייז אין דער נידער, ציט זיך ווי אַ מיסטעריעזער געוועב, וואָס טראָגט אין זיך עטוואָס גראַנדיעזעס פאַרוויקלט. אָט־אָט וועט זיך פאַלד נאָך פאַלד אויפעפענען, אויסשפּרייטן, און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער, גרויסער און ברייטער וועלט וועט זיך אַנטפּלעקן יענער „עמוד האש“, פייערדיגער זייל, וואָס וועט אויף אייביק פאַרטרייבן די פינצטערניש אין אייביגער רו אַריין.

דערווייליע שניידן זיך טיף אַריין די גוואַלדיגע גראָב־אייזנס און שלעפּן אַרויס גרודעס ערד און שטיינער. דערווייליע וואַקסט פון אונטערן וואַסער אַרויס די מעכטיגע דאַמבע און שפּרייט זיך, ווי אַ פּאַרטוך איבער די לענדן פון דניעפּר. דערווייליע טרייסלען אויף די דינאַמיט־אויפרייסן די געדערים פון די פעלזן און רייסן אַרויס פלאַכטעס גאַנצע. שטייען די צוויי הויכע און קיילעכדיגע טורעמס פון ביידע ברעגן פון טייך, איין טורעם אַנטקעגן אַנדערן, און שיקן אין דער טיפעניש די געפּרעסטע לופט צו טאָן די נויטיגע שליחות. גערודער, געפייף און געפּילדער. נעץ פון רעלסן. געדריי פון באַנען. דומפּער רויש פון אייזן, בלעך און שטאָל. צעמענט, שטיין און ציגל. מחנות אין אַרבעטער בלוזעס, אין קליינע גרופּעס, אין קופּעס, אָט ווי די פליגן צונעקלעפּטע, אָט צעשאָטענע, ווי אַ פויגלשע חתונה, מיט פריילעכן או־או־או... רעדער, פּאַסן און רויך פון קוימענס. געזאַנג פון זעגן בליאַסקענדיגע איבערן געשמאַקן ריח פון פרישן האָלץ, טאַ־טאַ־טאַ פון טאַנצנדיגע האַמערס איבער שטאָלענע גווינטן. געשפּריץ פון פונקען איבער געדרילעוועטע לעכער, פּיס געשנורעוועטע אין געטומל פון ברענענדיגער אַרבעט. געזאַנג פון שאַפן. געשאַל פון בויען, דניעפּראָסטראָי...

— פאַרזיכטיג, בירגער. ס׳איז די שעה פון אויפרייסן. האַלט זיך בעסער אָן אַ זייט. נעמט זיך אַהינצו, אָן צו יענער ליניע. טאָמער

עפּעס, — איז גלייך אונטער אַ דעכל דאָרט אַרום. דאָס זיינען שויך־ערטער, איר זעט...?

דער וואָס האָט עס געזאָגט צום פרעמדן באַזוכער, האָט זיך ערשט דאַן באַרויִקט, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין וואָרנונג איז ריכטיג פאַרשטאַנען געוואָרן. אַוועקגייענדיג, האָט ער פונדעסט־וועגן זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט מיטן פּנים אויף צוריק. אפשר איז זיין אָנווייז ניט גוט דערהערט געוואָרן, צי מאַלע וואָס.

און די אויפרייסן קומען אין זייער אויסגעשטעלטער צייט. דאָס איז די בין־השמשות־שעה, ווען די אַלע אַרבעטן, וואָס פאָדערן טאָג־ליכט, ווערן אָפּגעשטעלט. די פון פריער אָנגעצייכנטע פּלעצער ווערן אונטערגעמינעוועט און צוגעגרייט פון אונטן, און פון אויבן ווערן די ליניעס געצויגן און באַוואָרנט פאַר דורכגייער און פאַר די, וואָס אַרבעטן אין נאָענטער שכנות.

צוויי אינזשענערן אין הויכע כאָליעוועס גייען פאַרביי פּאַרטאָ־נענע אין אַ שמועס. לויטן אַקצענט פון זייער ענגליש איז גרינג צו דערקענען איינעם אַ סקאַנדינאַוועער, און דער צווייטער אַן אַמעריקאַ־נער. מ'רעדט קורץ און געשעפטלעך. מ'רעדט וועגן טעמפּ פון דער אַרבעט, וואָס גייט דאָ־אָ אָן; מען פאַרגלייכט — — —

— וועט זיין אַן אמת'ע „ניאַגאַראַ"...

— אַ, יע, זיכער, און מיט אויסבעסערונגען...

זייער ווייטערדיגער שמועס ווערט מיט אַמאָל פאַרדומפּט, ווי מ'וואָלט זייערע מיילער אין איבערגעקערטע טעפּ אַריינגערוקט. דער פאַרלייגטער דינאַמיט האָט ערגעץ טיף זיין ענגבער אַ דריי געטאָן, און אויפגעבורעט האָט זיך די ערד, אַ כוואַליע געטאָן אין דער הויך און אַ זעץ געטאָן זיך אַראָפּ אַ צעשאָטענע. איבערגע'חזר'ט האָט זיך די דאָזיגע קינסטלעכע ערד־ציטערניש מיט קורצע איבעררייסונגען ביז די אויפּטרייסלונג איז געבליבן ליגן אַן אויסגעשעפּטע.

:: :: ::

אויף דער ברייטער ווערענדע פונם קאָאָפּעראַטיוו מאַכט איי־נער קלאָר פאַר די נייגעריגע דעם גרויסן מהות פון דניעפּרבוי; וויפיל צענדליגער, צי הונדערטער טויזנט פערד־קראַפט אַט דער־אַ גיגאַנט וועט שאַפן; וויפיל מיליאָנען קילאָוואַט עלעקטרישע ענערגיע ס'וועט אַרויסגעצויגן ווערן פון אַט די באַהאַלטענע נאַטור־כחות, און די גרויסע נוצן פאַרן גאַנצן אַרבעטער־פאָלק, וואָס וועט ברענגען. מען הערט מיט געשפּאַנקייט יעדע איינצלהייט.

— יע, זיכער וועט דער געגנט דאָ אַרום פאַרטרונקען ווערן. אַ

גרויסער וואַסער רעזערוואואַר וועט דאָ זיין, און פאַרן דניעפּר ווערט אויסגעבעט אַ נייע בעט. ער וועט זיך אַ רוק טאָן, דער אַלטער. אָבער קיינער קימערט זיך ניט. די מלוכה האָט שוין באַזאָרגט די קאָלאָניס־טען און איינוואוינער צום איבערוואַנדערן אויף אַנדערע ערטער, און די אומגעהויערע, אויסערסט וויכטיגע און אויסערסט נוצלעכע רע־זולטאַטן פון דעם—ע״עד...

ווי מאָן צעשאָטענער האָבן זיך אַ צינד אָן געטאָן „אילאַיטשעס לעמפּעלעך" אויףביידע ברעגן פון ברייטן דניעפּר. אויף וויאָרסטן און וויאָרסטן אַרום און אַרום האָבן פריילעך געפינטלט די טויזנט אויגינע פייערלעך אין יונג־נאַכטיגער בלויקייט. ניט גאָט האָט זיין „ריזע" אַ טרייסל געטאָן איבערן דניעפּר, דאָס האָט געטאָן דער פּראָ־לעטאַרישער אָרעם פון דער סאָוועטישער מאַכט — — —

דניעפּראָסטראָי... סאָוועטישע ניאַגאַראַ....

ביי די „בעזפּריזאָרנע״

ביי דער טאַלאַנטפולער סאָוועטישער שרייבערין, לידיא סייפו־לינא, איז פאַראַן אַ דערציילונג „די געזעץ־ברעכער״. אין דער דאָזי־גער בילד־רייכער דערציילונג שטייט אויף פאַרן לעזער אין דער גאַנ־צער שוידערלעכקייט דאָס פאַרווילדעטע לעבן פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, די „בעזפּריזאָרנע״, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט טרעט אַרויס דער אויסגערעכנטער, האַרטנעקיגער, און סיסטעמאַ־טיש־אָנגעפירטער קאַמף פון דער סאָוועטישער מאַכט צו אַרויסראַ־טעווען אָט־די־אָ פאַראומגליקטע באַשעפענישן פון זייער חיה'שן צו־שטאַנד און צו פאַרוואַנדלען זיי אין געזונטע, נוצלעכע בירגער.

די מיליאָניגע מאַסע פאַרוואָרלאָזטע קינדער האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַקומען אַלס צולאַג צו די מלחמה־יאָרן, צום בירגער־קריג און צו דער הונגער־מגפה. מחנות היישעריקן, טיטשקעס פעלד־מייז, האָגל און טריקעניש—ניין! ניטאָ קיין פאַרגלייכעניש צו אַזאַ־אָ שרעק־לעכער ירושה־אָנשיקעניש. טשאַטעס־ווייז האָבן די פאַרוואָרלאָזטע, קיילעכיגע יתומים אַרומגעבראָדיעט איבער פעלדער און וועלדער, אי־בער שטעט, איבער אַלע וועגן און שטעגן, און אומעטום פאַרשפּרייט די שרעק פון פאַנאַנדערפאַלונג. ערגער ווי קעץ און הינט אויפן גאַס האָבן אָט די דאָזיגע קופּעס הפקר־קינדער געלעבט. גרויל פון אומקום. עיפוש פון שמוציגע לייבער. איבל פון מיאוס'ע צעפוילטע קראַנק־הייטן. אומגעלומפּערטע שרעק. שוידערלעכע לעגיאָנען, וואָס האָבן באַפאַלן, ווי פונגוס־שוואָמען דעם שטח פון סאָוועטישן בוים ביז די סאַמע וואָרצלען.

די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן. פונקט ווי אַלע אַנדערע געפאַרן, וואָס האָבן איר געדראָט מיט פאַרניכטונג, אַזוי האָט זי אויך די דאָזיגע געפאַר באַזייטיגט און גובר געווען. נעצן גאַנ־צע פון היימען, אַנשטאַלטן און שולן פאַר די „בעזפּריזאָרנע״ זיינען איצט פאַרשפּרייט איבער דער לייַנג און ברייט פון סאָוועטן־פאַר־באַנד. שטעטלעך גאַנצע. מוסטער היימען. מוסטערע־שולן און דער־

ציאונגס־אַנשטאַלטן. די זאָרגפעלטיגקייט, מיט וועלכער די פּויערים און אַרבעטער מלוכה באַגעגנט די פּאַרוואָרלאָזטע, איז צום באַוואונדערן. בכלל איז איצט די אָנגעווייטאָגטע פראַגע פון די „בעזפּריזאָרנע" אַ געלייזטע. ניט נאָר נוצלעכע, פּראָדוקטיווע בירגער גיבן שוין אַרויס די־אָ שולן און אַנשטאַלטן—נאָר עס באַווייזן זיך פון זיי אויך טאַלאַנטן פון אַלערליי ראַנגן און אויף אַלע געביטן פון דיינקען און שאַפן. וויפיל איבערגעגעבנקייט, וויפיל אויסדויער און ליבשאַפט די אָנגעשטעלטע און דערציער פון אָט־די־אָ אינסטיטוציעס מוזן דאָס באַוויזן... ע־עך, דו סאָוועטנלאַנד, דו אומגעהויער גרויסע ווערק־שטוב, דו וועלט־קוזניע, וואו אונטער די מעכטיגע קלעפּ פון פּראָלעטאַרישן האַמער ווערט געשמידט און געהאַרטעוועט דאָס שטאָל פונם נייעם סאָציאַלן לעבנס־שטייגער.

:: :: ::

דער אויטאָמאָביל סאָפּעט און פּרייכט אונטער אויפן ווייכן, ניט גוט איינגעפּאָרענעם וועג, וואָס פירט צו דער „קאָמונע". דאָס איז אַ היים־אַנשטאַלט פאַר די פּאַרוואָרלאָזטע. דער דאָזיגער אנשטאַלט טראָגט דעם נאָמען פון חבר דזשערדזשינסקי. ס'איז אַרום מיטאָג צייט. די פרי־האַרבסטיגע זון, אַ וואַרימע, אַ ליכטיגע, שפּילט אין באַהעלטערלעך איבער די אָפּגעשניטענע פעלדער. אָט טוט זיך אַ פאַרטשעפּע אָן אַ סנאָפּ, אָן אַ צווייג, צי אָן אַ קוסט, צי גאָר אָן אן איינזאַמען זאַנג, טוט שטיפעריש אַ טאַנץ און טוז אונטער אַ וואַלענעם וואָלקן אַרונטער. שווימען טשערעדעס שאָטנס אום איבער אָפּגעשאָרענעם סטעפּ און ווערן געיאָגט און געטריבן פון זוניגע ליכטבייטשן. פון אַנטקעגן רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער די היים „קאָמונע". דער שטיינערנער הויפּט־בנין, אַן אויסגעטינקעוועטער און אויסגעפּאַרבעטער, רוקט זיך שטאָלץ אַרויס מיט אַלע צעשטראַלטע פענסטער, ווי דער אמת ברייטהאַרציגער מכניס־אורח, און די קלענערע געביידן אַרום אים שטייען ניט אָפּ.

— אדרבא, קומט, זעט וואָס ביי אונז טוט זיך דאָ. ביטע שיין. ווילקאָמען.

דער חבר סוכאַרעוו, אויפזעער פון אַלע אַזעלכע היימען אינם ראַיאָן, איז אַ מענטש אַ פאַרנומענער, זייער אַ פאַרנומענער, אַזוי פיל פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פאַראַן, און שעה'ן אין מעת-לעת אַזוי ווינציג. גיי צעריים זיך. ער באַקלאָגט זיך ניט. עט, אַזאַ נאַרישקייט. ער אַרבעט און נוצט אויס יעדע שטיקל צייט אויף דעם. זיצט חבר סוכאַרעוו איינגענורעט אין אָפענעם אויטאָמאָביל, די אויגן איינגעגראָבן

אין פּאַפּירן, אין נאָטיץ־ביכל, עלענבויגנס איינגעשטייפּט אין די ווענטלעך צו באַשיצן זיך פון טרייסלענדיגן, ניט גלאַטן וועג. עס גע־דויערט עטלעכע רגע׳ס ביז דער חבר סוכאַרעוו טשוכעט זיך אויס צו ענטפערן עמיצן פון די מיטפאָרער אויף אַ פראַגע, צי וואָס. די אויגן זיינע ווענדן זיך גלייך צום פרעגער, אָבער ס׳געדויערט אַ ביסל צייט ביז די אויגן דערזעען דעם, אויף וועמען זיי קוקן. פאַרנומענע אויגן פון אַ פאַרטאָנענעם מענטשן. אין אויטאָמאָביל געפינען זיך אויך אַ פּאָר געסט־באַזוכער. רעדט מען, און דער גאַנער שמועס איז פון די „בעזפּריזאָרנע״...

— אָבער ס׳זיינען נאָך פאַרן, צום באַדויערן, פאַרוואָרלאָזטע. אַרום קורסקער וואָקזאַל צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע... נישטערן און בעטלען. מ׳קען זיך פון זיי ניט אָפּשטשעפּען. וו־ סמאָלע קלעפּן זיי זיך... און אַזעלכע אומריינע—אוי־אוי...

דער וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צאַפּל געטאָן, ווי איינער, וואָס האָט אומדערוואַרטעט זיך אָנגערירט אָן אן עקלדיג באַשעפעניש. אפנים דער חבר סוכאַרעוו האָט דאָס גראַדע יאָ באַמערקט. עפּעס האָט אַ צוק געטאָן אין זיינע מויל־ווינקלען. ער האָט אָבער די ליפּן ניט געעפנט, נאָר אָנגעשפּיצט די אויערן: אָט לאָ־מיר הערן, וואָס ווייטער... און יענער האָט טאַקע ווייטער דערציילט, ווי אַזוי אין כאַרקאָוו האָט ער ניט געקענט אָפּעסן אַ מאָלצייט רואיג. דוכט זיך קיינער ניטאָ, וואָס זאָל דיר שטערן, נאָר ווי מען דערלאַנגט דיר נאָר דאָס ערשטע געריכט—אַהאַ! עס שטעקט שוין אַרויס ווי פון אונטער דר׳ערד אַ פּאַטלאַטע קעפּל, אַ דאַרע הענטל, שוואַרץ ווי קויל, מיט פאַרבלאָטיגטע נעגל, און — — —

— פעטערל, גיב עפּעס צו אַכלען, גיב אַ קאָפּיקע, גיב אַ שטי־קעל ברויט, גיב... און אַ פּאָר אויגלעך קוקן אויף דיר אַזוי שעלמיש, אַזוי אַרויסרופנדיג, פּשוט אַ סקרוך איבערן לייב גייט דורך. נו, וואַרגט זיך דער ביסן אין האַלז. ווי קען מען עסן? דערלאַנגסטו שוין עפּעס פון דיין חלק, ברויט, פלייש, אַ קאַרטאָפליע, צי וואָס. כאַפּט עס דיר אונטער דאָס נפש׳ל יעדער ברעקל אַזוי אויף גיך אין פאַר־שמאָלצעוועטן קאַרטוזל אַריין און היידא צו די, וואָס וואַרטן שוין דאָ ערגעץ אויף אים, און מ׳טיילט זיך אַזוי־אָ, מיר אַ ביסן, דיר אַ ביסן, מיר אַביינדל, דיר אַ ביינדל, טאַקע גלייך אויף גלייך. און מאָד־נע. תמיד שיקט מען דעם קלענסטן פון דער חברה. אַ קלענערן וועט מען ווייניגער מוסרן און געבן וועט מען וואָס מער. אַזאַ חברה...

אַ־מער, מ׳דערציילט זיך אָן אַזוינע אַנעקדאָטן און מעשיות פון

די־אָ בראָדיאַגעלעך (אָפּדאַכלאָזע), ממש צום שטוינען. למשל, אַזעלכע וועגן, ווי, ווען און ווי אַזוי צו באַווירקן און צו באַארבעטן יעניגע, ביי וועמען מען דאַרף עפּעס אויסבעטלען, צי אַרויסבאַקומען. אָט האָט איר:

— אַז איינער זעצט זיך אַוועק עסן, זאָלסטו צו אים ניט צוגיין ביז ער וועט איבערכאַפּן דאָס האַרץ...

—אַז אַ פּאָרל גייען צום טיש, איז אַזוי: אויב דער מאַן און די פרוי האַלטן זיך פון דער ווייטנס, פרעמד און קאַלט, איז אַ סימן, אַז דאָס זיינען מאַן און ווייב. בעט ניט ביי אים. בעט ביי איר. זי איז אַ מוטער, וועט זי מיטפילן און עפּעס נתנ'ען. ווידער פאַרקערט, אויב דאָס פּאָרל איז שיין אויפגעלייגט און ס'איז קוצעניו־מוצעניו, איז אַ סימן, אַז מ'איז ניט פאַרהייראַט. ס'איז ליובטשיק. דעמאָלט גיי גלייך צו אים. ער'ט זיך וועלן אויספיינען...

— זעסטו אַ פאַרפּוצטע דאַמעלע מיט אַ שיין, היבש בייטעלע אין האַנט, גיי צו און נעם אָן דאָס בייטעלע און זאָג:—אַ־יאָ, מומע־לע, איך נעם מיר דאָס טייסטערל... איז טאָמער לאָזט זי ניט, איז וועט ניט נתפּעל... בעסער זאָג איר: מומעלע, גיב מיט גוטן, אַ ניט, וועל איך דיר אַ בים טאָן אין הענטעלע, און איך בין אַ קראַנקער...

— גייט אַ פאַרשוין אין אַ גוט פוטערל, פאַרלויף אים דעם וועג מיט אַ געוויין: אָ, פעטערל, גיב מיר ס'פוטערל, גיב מיר ס'ווייכע פוטערל, גיב מיר... וועט ער דאָך דיר דערלאַנגען דעם ריכטיגן בריק מיטן שפּיץ שטיוול „פּאַשאָל וואָן"—זאָל דעמאָלט אַרויסטרעטן דער גרעסטער און שטאַרקסטער מיט אַ טענה: העי, דו! וואָס באַליי־דיגסטו דעם אָרימינקן יתומ'ל... גיב אים דעם פוטער, גיב... ער'ט שוין געבן...

דער חבר סובאַרעוו מישט זיך פּלוצלונג אַריין. זיינע טיפע אויגן געבן אַ גלאַנץ אויף, און ער רעדט אין אָפּגעהאַקטע זאַצן, אַזוי אין אַ חוזק'דיגן טאָן, ווי איינער, וואָס איז כלומרשט ערנסט און אין דער אמתן האַלט ער זיך קוים איין פון אויסשיסן אַ געלעכטער:

— נו, נו, אָט אַ פּעקל סחורה. גין גאָלד, ריינע רענדלעך. פאַראַן נאָך?...

דער דערציילער דערפילט זיך מיט אַ מאָל, ווי ער וואָלט אָפּגע־טאָן אַ נאַרישע זאַך פאַר אַלעמען אין די אויגן. ער זאָגט פאַרשעמ־טערהייט:

—כ'ווייז... כ'האָב דאָך געזאָגט מעשיות, אַנעקדאָטן... ווער נעמט עס ערנסט?—אדרבא, די מעשה, ווען און צו וועמען צוצוגיין, ביי ווע־

מען פריער בעטן, — דאָס איז דאָך גאַנץ קלוג. אלא, דאָס בייטעלע, ס'פּוטערל... נו, מאַלע וואָס מ'פּלאַפּלט. וואָסי, ניטאָ קיין מיליציאָנערן?...

איינער פון די מיטרייזנדע דערמאָנט זיך, וואָס זייער אַ פריינט האָט אים דערציילט, ווי אַזוי אַ מיליציאָנער האָט אין אַ רעגנדיגער נאַכט אַראָפּגענומען פון זיך דעם שינעל און איינגעדעקט מיט דעם די נאַקעטע בעזפּריזאָרנע, וואָס האָבן זיך פאַרבלאָנקעט אין פּאַרק.

דאָס דערמונטערט צוריק דעם פריערדיגן:

— וואָדען? אודאי אַזוי! אַ מענטשעלעך האַרץ. למאי זאָל איך לייקענען? ווען איך האָב אַליין געזען אין גאַרקיך, ווי די עלטערע סאַרווערס און סאַרווערינס שטופּן נאָך אַ מאָל אונטער אַ שטיקל ברויט, צי אַזוי עפּעס אַ בעזפּריזאָרנעם, און די אינגערע יאָגן זיי פון זיך אומברחמנות'דיג: „צו וואָסער שוואַרץ יאָר דרייט איר זיך אַרום דאָ?...", „גייט אין די אַנשטאַלטן, אין די היימען...", „אויס'פּגר'ן זאָלט איר, לא־יוצלח'ס אַזוינע"... „אָפּגיסן אייך מיט קעראָסין, ליידאַטשעס, און פאַרברענען אייך... נו, ווי קען מען אַזעלכעם פאַרן מויל ברענגען, אַ...?

— נ־נאַ, אַ רחמנות אויף אייך, ווייכהערציגע... אָט־אָט, און ס'וועט מער ניט זיין וועמען צו באַזיפצן און צו באַקרעכצן. וואָס וועט דעמאָלסט זיין? נו, געקומען.

אָפּגעזאָגט האָט עס דער חבר סוכאַרעוו כמעט ווי צו זיך אַליין, ניט ווענדנדיג זיך צו קיינעם, און גענומען אַרויסקריכן פון אויטאָמאָביל.

:: :: ::

אַ פריילעכער גערודער. אַ געלאָף פון שטיגן, די מאַסיווע טירן פון הויפּט אַריינגאַנג רוען ניט אַ רגע, באַגלייך מיטן יונגוואַרג. „באַטקע" (טאַטע) סוכאַרעוו איז דאָ, און מיטגעבראַכט אַ כאַפּטע געסט. און ס'אַראַ מזל! אָנגעקומען פּונקט צום גלאָק, וואָס רופט חברה צום וואַרעמעס. ט'מען שוין אַלעמען איינלאַדן צום טיש... האי, טידל־דידל־דאָם, אַ דעלעגאַציע... מיטיא שטופּט זיך אין דער דעלעגאַציע...

— ניין, מיטיוכאַ, דו'סט ניט גיין. ניט געזאָלט אַריינ'גנב'ענען היינט אין דער פרי אַ ניט באָדן זיך, און די נאָז איז ביי דיר קיינמאָל ניט ריין, איז שטופּ זיך ניט אין קויש אַריין...

„באַטקאַ" סוכאַרעוו שמעלצט זיך פון נחת. די דינע קנייטשעלעך אַרום זיינע העלע אויגן באַוועגן זיך, ווי זינגעוודיגע קלאַווישן אונטערן ריר פון גוט געשולטע פינגער. ער ווייס יעדן קינד ביים נאָמען. אַלע

קינדער דאָ פילן זיך מיט אים אַזוי היימיש. „באַטקאָ“ סוכארעוו איז שטרענג, פאָדערט אויסגעהאַלטנקייט, באַשטראָפט אַמאָל אַ שולדיגן, אָבער זיין איבערגעגעבנקייט איז פול מיט ליבשאַפט. די קליינע יאַט־לעך דערפילן דאָס און שפּירן מיט אַלע זייערע אברים, אַז דער „באַט־קאָ“ איז אַן אייגענער מענטש, טאַקע מיט לייב און לעבן. און אָט רייבט זיך שוין מיטיוכא אַרום סוכארעווס אַ קני. דאָס אַנערקענט דער חברה־מאַן זיין שולד אויף זיין אייגענעם שטייגער. אַגב באַטאַפּט ער שוין איינוועגס אויך זיין נאָז...

— מיטקא, שפּעטער, נאָכן וואַרמעס וועלן מיר אַ שמועס טאָן. איצט היידא, צום טיש...

דער געראַמער, ליכטיגער עס־צימער איז אָנגעפילט ביז די אי־בער די ברעגן מיט קינדערשן גערויש. גאָפּל, לעפל און טעלער אַרבע־טען אין געשמאַקן קאָלעקטיוו און קוויקן זיך מיטן געזונטן ריח פון פריש־געקאָכטע עסנס. פראַסקע, אַ געפּאַקטע מיידעלע פון אַ יאָר צען־צוועלף, אין אַ ווייסן פאַרטוך, אַ ביסל צו לאַנג פאַר איר קורצן וואוקס, פאָרעט זיך אין עק טיש אַרום אַן אַנדער מיידעלע... חבר סו־כארעוו באַמערקט עס.

— אָט ווי איר זעט. מ'באַדאַרף זיי לערנען ווי אַ לעפל צו האַל־טען, ווי מיט אַ גאָפּל צו באַנוצן זיך... אָבער ס'גייט אַ גאַנג. נישקשה, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס איז ניט לאַנג צוריק געווען,—איז איצט אַ גן־עדן. און רעשטלעך זיינען נאָך פאַראַן. יע פאַראַן. יונגע קינדער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן מענטשלעכער צוגעבונדנקייט, זוכן גרינג איין דאָס הפקר־לעבן. שווער דערנאָך דאָס אויסצוקאָרע־ניען. ווערט וואַרימער אין דרויסן, געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס אַנטלויפן פון די היימען און אַנשטאַלטן. דער הפקר גייסט האָט נאָך אַ שליטה, רופט, ציט צו די ווייטע, לאָקענדיגע ווייטן. לאָזט מען זיך אויף וועגן און שטעגן, היינגט מען זיך אָן אויף דעכער פון וואַגאָ־נעס, באַהאַלט מען זיך אונטן ערגעץ צווישן די רעדער און מ'פאָרט. בעטלט מען. גנב'עט מען. און ווייכהאַרציגע האָבן מיר אויך גענוג... נו, איז אָט. זיכער איז, אַז די־אָ רעשטלעך ווערן דינער און שיטערער פון טאָג צו טאָג. מיר באַקעמפן די צרה גרינטלעך און אין גיכן וועלן מיר זי מסתמא אינגאַנצן בייקומען. אודאי וואָלט גוט געווען, ווען מיר האָבן גענוג מיטלען צו בויען וואָס מער היימען און דערציאונגס אינסטיטוציעס פאַר דעם צוועק. אָט איז די „קאָמונע“ געבויט פאַר הונדערט קינדער, און געצוואונגען צו איינקוואַרטירן גאַנצע 150— הונדערט און צוואַנציג אינגלעך און 30 מיידלעך. אָט. נו, געגאַנגען...

וואָס ווייטער ווערט דער חבר „באַטקאָ" אַלץ מערער באַריי־דעוודיג. ער גייט אַריין אין זיין עלעמענט. גייענדיג פון איין עטאַזש צום צווייטן, אָפּשטעלנדיג זיך אין די לעקציעס־חדרים, אין די פיז־קולטור זאַלן, ביבליאָטעק און לייען־צימער, רויטע ווינקלען, טעאַטער, שפּיטאָל, שלאָף־צימערן, — אומעטום קאַרגט ער ניט צו אָנווייזן אויף אַלע איינריכטונגען, וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן און וואָס עס ווערט געפּלאַנט פאַר ווייטערדיגער אַנטוויקלונג. אויסערסט אָבער שטעלט ער זיך אָפּ, ווען ס'קומט צו די ווערק־שטיבער און וואַרשטאַ־טען. די דריי טעכנישע אָפּטיילונגען, די סטאָליאַרניע, סליעסאַרניע און די שווייניע פאַרנעמען זייער אַ וויכטיגן אָרט אין דער היים „קאָ־מונע". אויסער אַלגעמיינע לימודים, מוזן די קינדער זיך לערנען אַ נוצלעכע מלאכה, אַזוי אַז דערנאָך זאָלן זיי זיך לייכט קענען אַריינ־פּאַסן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. גאָרטן־אַרבעט טוען אַלע מיט חשק, ווי אַ צייט־פאַרטרייב. אין דער שווייניע ווערן גענייט כמעט אַלע נויטיגע אַרטיקלען פאַרן געברויך פון דער קאָמונע גופא. מיט דער צייט וועט אַלץ פאַרבעסערט ווערן, וועלן נייע טעכנישע שולן צוקומען. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָפטע עקסקורסיעס ווערן איינגעאָרדנט. אונטער דער אָנפירערשאַפט פון געניטע לערער, לער־נען די קינדער פון לעבעדיגן לעבן מערער ווי פון טויטע ביכער. נו, און אַן אייגענעם דראַמאַטישן קרייזל האָבן זיי אויך, די חברה, און אַן אָרקעסטער אפילו, און אַ קלוב, און אַלץ פאַרוואַלטעט פון זיך אַליין, אָט...

— אַ סך פון דאַנען אַנטלויפן?...

— געווען אַ פּאָל צי צוויי, שוין לאַנג אין דעם. געקומען צוריק אָפּגעריסענע און פאַרלויזיגטע. אָן איז איינער. אַ פּייאיגער בחור'ל, סאַשקע...

צי סאַשקע האָט געהערט, וואָס ס'איז דאָ דערמאָנט געוואָרן וועגן אים, צי ניט, איז שווער געווען צו זאָגן. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרטיפט איבער אַ צייכנונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין צו־גרייטן פאַר דער וואַנט־צייטונג. ער האָט נאָר מיט אַ ברעג־אויג אַזוי אַ פיר געטאָן איבער די באַזוכער, און ניט אים מיינט מען דאָס...

— יע, יע, גוט, שיין, ריין און נוצלעך. אָט דאָס הייסט ריכטיגע אַרבעט. יע, יע...

— אודאי. אָבער דאָס איז דאָך אַ קליינער מאַסשטאַב. פאַראַן אַזעלכע היימען פאַר בעזפּריזאָרנע, וואו זיי האַלטן זיך אויף אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. שטעלט זיך גאַנצע מיט אַלע זיבן זאַכן

באַזאָרגט און באַוואָרנט. ווען אַ בערפריזאָרנער גראַדואירט פון אַזאַ אַנשטאַלט־שול, זײַנען פאַר אים אָפן אפילו די טויערן פון אַ „וואוז" (העכסטע שול). טרעפן זיך טאַקע איצט אַזעלכע פאַלן, אַז באַלעגופים פראַוועט אַרום זײערע קינדער אין „בעזפריזאָרנע"... קומען זײ אין אַ פאַרשטעלטן הילוך, די אונטערגעשיקטע קינדער, כלומרשט אַזוי און אַזוי. אַ פאַרוואָרלאָזטער. נעבעך. נו, נעמט מען אַזאַ־אַ אַרײַן. באַקומט ער פון צײַט צו צײַט בריוועלעך פון טאַטע־מאַמע: זע, היט זיך און לערן זיך, וועסטו אַרײַן אין „וואוז"... געפינט מען אויס די גאַנצע באַלעגופסקע מאַכינאַציע, געוויינטלעך. אַ קינד באַלבעט אַרויס פאַר אַנדערע. אַט ווי אַזוי.

„באַטקאָ" סוכאַרעוו טוט אַ קורצן לאַך:

—ס'גײט נאָך אַ ווערטל, אַז ווען עלטערן באַנעמען זיך צו שטרײַנג צו אַ קינד זײערס, סטראַשעט דאָס קינד, אַז אויב מ'עט ניט אָפּלאָזן, איז הײדאַ, גײט עס אַוועק אין „בעזפריזאָרנע".

אויפן דרויסן. קלענערע געבײַדן, שטיבער און שטיבלעך פאַר אָנ־געשטעלטע, פאַרן לערער־פּערסאָנאַל. בוימער. סאָד און גאָרטן. גרו־פּעסווײַז שיטן זיך אַרויס די שילער צו אַ געשרײַ־טאָן דעם „פּאַר־גע־זונט" צום „באַטקאָ" און צו די געסט. אַנדערע קוקן אַרויס דורך די שויבן. און אַרום אַזאַ אוקראַיִנישע רחבות, און אַזעלכע געזונטע, פרײַלעכע פּנים'ער. אַזאַ נוצלעך־ווערנדיגע יוגנט, אַן אַרויסגעראַטע־וועטע.

—אָו־אָו־אוך! — —

דער אויטאָמאָביל גיט זיך אַ ריס מיטן פּנים צום שטאָט. פון אונטן, אין טאָל, אין שכנות פון אַ נײַער אַרבעטער־שטעטל, אײַנגע־טונקט אין גרינגם האַרבסטיגן, ציען זיך אין שורות נײַע קוימענס, בלויז דאָ און דאָרט אין סאַזשע־פלעקן פאַרשמירט ווי אַ טיכטיגע קע־כין, וואָס האָט קײן צײַט ניט אַכטונג צו געבן אויפן אויסזען פון איר נאָז. דרײַ גרויסע זאַוואָדן: פון וועלאָסיפּעדן, ערד־אַרבעט מכשירים און עלעקטרישע זאַכן. אַרום אַזאַ אוקראַיִנישע רחבות און צו דער רעכטער זײַט אַ ביסל העכער, וויגט זיך די דיקע לופט איבער אוקראַי־נישער הויפּט־שטאָט, כאַרקאָוו.

פון זאַפּאַראָזשיע ביז ניקאָפּאָל

פון זאַפּאַראָזשיע ביז ניקאָפּאָל איז בערך אַ פערטהאַלבן שעה רייזע מיט דער באַן. מיטן שיף געדויערט עס אַביסל לייגער. דערפאַר ברייגגט אייך די שיף צום סאַמע צענטער פון שטאָט. די באַן דערפירט בלויז ביז דער סטאַנציע, פון וואַנען אַן אַלטינקער, אויסגעשטשערבעטער שאָסיי הינקט אויסגעמאַטערט אויף עטלעכע ווערסט ביז צום שטאָט צו. ביים וואָקזאַל באַגעגענען אייך באַלעגאָלעס אין אָנגעפּוישטע זשופּיצעס, זיצנדיג אויף די הויכע קעלניעס. מ'וואַרט אויף פּאַרשוינען, און אַז אַזעלכע מאַכן זיך, ציען זיך אויס בייטששטעקלעך פון אַלע זייטן און לאַדן איין די פּאַרשוינען צו די אָפּגעקאַלופּעטע בריטשקעלעך אויף פאַרזשאַווערטע רעסאָרן און אויסגעצופּטע זיץ־קישעלעך:

— אַהער, אַהער, פּאַרשוינדעלעך... איר'ט זיך מחיה זיין, ווי ביים טאַטן אין ווייגגאָרטן...

זיינען זיך די פּאַרשוינען טאַקע מחיה. ס'איז ממה־נפשך. ווילט איר אַ ביסינקע גימנאַסטיקע, אַזוי אַ ביסל די ביינער פאַנאַנדערנעמען נאָכן אָפּזיצן עטלעכע שעה אין וואַגאָן,—איז פּאָרט איר מיטן ברוק און כאַפּט אַ טרייסל פון קאָפּ ביז די פּיאַטעס, אַזוי־אָ, אַזש נו. ווילט איר רו און געמיטלעכקייט,—איז אַדרבא ואדרבא, פּאָרט איר זיך ביים זייט, אויף דעם ווייכן שליאַך, וואָס די באַלעגאָלעס האָבען דאָס „אויסגעאַרבעט" פאַרן געזונט וועגן פון די באַיאָרנטע דראָזשקעס און פערדלעך, אַלע מתושלח'ס נאָענטע קרובים, און איר פּאָרשקעט אויך מיטן נאָז, פרייכט און ניסט אויף וואָס די וועלט שטייט, אַז שטויב און פּאָרעך—אַ גאַנצער ים. און אויב איר ווילט פאַרזוכן פון אַלץ צו ביסלעך, איז מהיכא־תיתא. מאַכט איר דאָס אַ פּסוק איבער אַ פּסוק: אַ ביסל מיטן האַרטן ברוק, אַ ביסל מיטן ווייכן זאַמד און שטויב.

זעט איר, פּאַרפירן אַ שמועס מיט אַ באַלעגאָלע מכח „אַוטאָבוסן" און א. וו., דאָס איילט זיך ניט, וואָרים איר'ט זיכער אַריינ־

כאַפּן אַ מעסט-אָפּ פון אַ קוקעלע, אַזוי־אַ פון דער זײט, ווי אַ נאַראַ־
ווײסטער פערד פאָרשט נאָך דעם קנוט, און — בעסער שווײגט שוין.
די באַלעגאָלעס זײנען נאָך „פּריוואַטניקעס"... און וואָסער טײוול
ווײסט אײך דאָרטן? — אפשר זײנט איר גאָר אַ צוגעשיקטער קאָ־
מיסאַר, צי וואָס, און אָט רוקט זיך אַרײן אַ מלוכה'שער אַוטאָבוס
טרעסט, איז אויס מיט אים דעם „טשאַסטניק". און אַזאַ־אַ באַלעגאָלע
וויל טאַקע זײן באַלעבאָס פאַר זיך. אײ, וואָס האָט ער מישטײנס גע־
זאָגט פון זײן אײגענער כודאָבע? — טאַקע גאָרנישט מיט נישט,
וואָסער אויף קאַשע. ער האָט אָבער פײנט צו אַרבעטן אויף יענעם...
אַרטעל, קאָלעקטיוו, — ווײסיך וואָס. גײ צעטײל זיך. אָט אַן עסק
אַ ביסל. נישט מער וואָדען? ס'טויג ניט. אָט לאָמיר, נאַפּשיקלאַך, אַ
נעם טאָן קיוועןן....

קיווע איז אַוועק אויף ערד. טאַקע דאָ־אַ דערבײ, אין אײנעם
פון די אידישע נײע „פּאָסיאָלקעס" (דערפלעך). מילא, אַוועק איז
אַוועק. שוין איבערגעשלעפּט דאָס ביסל אָרימקײט, ווײב און קינדער
מיט די בעבעכעס, האַק און פּאַק. גוט. שוין גוט, האַ? הויבט זיך
ניט אָן. קיווע איז שוין דאָ צוריק אין שטאָט און פּעכנעט אויפן פּיסק.
וואָס האָט קיווע געוואָלט? געוואָלט האָט קיווע שוין דווקא גאָר
אַ סך. קיווע האָט אַ קאָפּ אויף די פּלײצעס און קען גוט רעכענען
מיטן קרײדל... האָט ער זיך פאַרמאָסטן אַזוי און אַזוי, געגומען אַר־
בעטן מיט'ן מח, אַזש ס'היטל האָט זיך באַנ'אים געדרײט. געמײנט
אודאי ס'איז אים זײן אַמאָליגער תבואה-האַנדל. נו, האָט זיך אויס־
געלאָזט אַ טײך. איז קיווע שוין דאָ צוריק אין שטאָט און פּעכנעט
אויפן פּיסק, און דווקא אַ „ספּאָסאָבנע" מענטשל... נו? — טויג טאַקע
נישט. מ'זאָגט אפילו, אַז קיווע האָט שוין יאַקבי געוואָלט גײן צוריק
אין דער קאָלאָניע, זיך ממש געבעטן. האָט מען אים געענטפערט,
האַלט אײן דעם דישל, איז טפּרו, סטאָי... נו?

אַזאַ־אַ באַלעגאָלע זיצט אַן אָנגעפּוישטער אויף דער הויכער
קעלניע און רעדט פאַר אײך אויס דאָס האַרץ. עס איז אים עפּעס
קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, וויל ער טאַקע איר זאָלט אים אויס־
הערן, און מיט קאָפּ. בפרט אַז איר זײנט ניט קײן היגער, און נאָך
אַזש פון אַמעריקע. זיצט אַזאַ־אַ באַלעגאָלע מיטן פּלײצע צו אײך
און רעדט, און שפּירט מיט דער פּלײצע צי הערט איר אים אויס, צי
ניט. טאָמער ווערט ער אין ספק, פּוילט ער זיך ניט און קערעוועט
זיך אויס מיטן פּנים אויף צוריק, כדי צו דערקונדיגן זיך, ווי עס האַלט
מיט אײך? אפשר גאָר אײנגעדרימלט צו אַלדי גוטע יאָר...

ביים האָטעל שטעלט זיך אַזאַ־אָ באַלעגאָלע אָפּ מיט אַ שטיקל אָנשטעל. אפּנים דאָס איז נאָך פון פריערדיגער רגילות. היינט זייַנען מער ניטאָ קיין פּריוואַטע האָטעלן אין ניקאָפּאָל. איז קיין „טרינקגעלט" פאַר ברייַנגען אַ גאַסט קריגט מען מער ניט. דערפאַר אָבער פאַרגעסט ער ניט, אַז איר זייַנט אַן „אַמעריקאַנעץ". טאָ ווי קען עס גאָר געמאָלט זייַן, איר זאָלט ניט אַרייַנשטופּן אין זייַן יד אַרייַן אַן איבעריגן האַלבן קערבל, צי אפשר טאַקע דעם גאַנצן קאַרב... טוט ער וואָס מ'באַדאַרף צו טאָן. אַ העלף אונטער מיט'ן באַגאַזש, אַ פּאָראָשע אָפּ אייַער מאַנטל, און נאָך כדומה אַזעלכע זאַכן, און — — —

— לעמאַנעשעם, איר'טאָך אַ פּאָר טאָן אין די קאָלאָניעס. וואָרים זיכער ווערט איר. אַניט, צו וואָסער גוטן יאָר פאַרשלעפּט זיך אַ מענטש אַזש פון אַמעריקע אַהער, אין אַזאַ העק, ווי ניקאָפּאָל?... ניטאָ וואָס צו ברייַען. ער'ט שוין פירן און באַווייַזן אַלץ מיט אַנאַנדער. וואָסי? ער ווייסט ניט? ס'אַראַ משל קאַבאַק. אַזאַ־אָ באַלעגאָלע איז אויסגעבונדן מיט וואָס איר ווילט נאָר אַליין, און באַדינגען זיך אַפריער? — עט, נאַרישקייטן. וואָס איז ער עפּעס, אַ באַרייסער, צי וואָס? — מ'קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, וואָרים אַזוי און אַזוי...

:: :: ::

ברייטע, אָפענע אוקראַינער סטעפּעס מיט ווייטע האָריזאָנטן. טאָמער געפינט זיך ערגעץ אַ בערגעלע, איז דאָס ניט קיין בערגל. ס'איז אַן איבערגעקערט טעפּל מיט'ן דנאָ אַרויף אויף אַ גרויסן, גלאַטען טיש. אַזאַ־אָ בערגעלע נעמט אפילו ניט אַ האָר אַראָפּ פון דער מאָנאָטאָנקייט סטעפּישער. נאָר אַז איינער פאָרט צו באַזוכן די נייַע אידישע קאָלאָניעס, וואָס זייַנען נאָך קיין פיר יאָר ניט אַלט, איז אַנדערש. בפרט, אַז ביי איינעם לעבט אין געדעכעניש אַ זכר פון אַ אידישער קאָלאָניע פון אַ לאַנגאָניגן אַמאָל, אפשר אַ יאָר דרייסיג צוריק, איז אודאי אַנדערש. און אַז איינגעשלאָפענע זכרונות וואַכן אויף, וואַכן זיי אויף מיט אַלע קליפּערלעך. טוט דיר אַ וואַקס אויס די אידישע קאָלאָניע פון לאַנגאָניגן אַמאָל אָט ווי אַ איצטיגע. די לאַנגע, שמאָלע „באַלקע" (טאָל), וואו אימיצער האָט עפּעס, ווי כלאחר־יד, אַ שאָט געטאָן אַ פּאָר זשמעניעס בודינקעס, ערד־שטיבלעך מיט ליימענע דעכער, מיט ליימענע פּריזבעס, מיט דעם ליימענעם פּאָנפּעוואַטן מלמד, מיט דער צוגעפּאַטשטער באָד. אפילו די פּויערים פון דער אידישער קאָלאָניע פון לאַנגאָניגן אַמאָל אויך ליימענע. האָט מען געצויגן פון דער אָרימער ערד און געצויגן, גאָרנישט אַרויסגעצויגן. האָט מען שוין יאָ עפּעס אַרויסגעצויגן, איז דאָס אַנטרונען

געוואָרן צום אידישן פּריץ אין שפּייכלער אריין. א שפּייכלער האָט דער אידישער פּריץ געהאַט גאָר אַ וואַזשנעם. אַן אמת'ער תבואה שפּייכלער, כמעט ווי אין אָדעס, מיט'ן אויסגעפּארבטן אייזן—בלעך באַדעקט, און אַ שטוב מיט אַ סך חדרים, מיט גאַניקעס און שטאַכעטן.

נאָכן אידישן פּריץ איז געקומען מאַניע דער בלינדער. אַ צוגע־מאַכט אויג, וואָס האָט שטענדיג געטרערט. אויף מאַמניע דעם בלינדן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער עושר. אַז אַ חוץ די טיראָלסקע בהמה פאַרמאָגט ער אפשר אַ טויזנט רובל. נאָר מאַניעס הויפּט תקיפות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַזעסן זיין אייגנעם הערשל אָסטראָפּאָליערס מעשה ביכל. שבת נאָכן קוגל־טשאָ־לענט לאָזט מען זיך וואויל גיין. קומט מען צו מאַניע דעם בלינדן הערן אַ „מאַנסעלע". מאַניע ווייסט זייער גוט נאָך וואָס דער עולם גאַרט, נאָר ער איילט זיך ניט. אדרבא ער מאַרודיעט צו, געניצט זיך אויס, ווישט אויס מיטן אַרבל פון העמד דאָס צוגעמאַכטע אויג, וואָס טרערט שטענדיג. ערשט ד'ערנאָך הויבט ער כלומרשט אָן אַרומזוכן דאָס מאַנ־סע־ביכל און שרייט אויפן ווייב למאי ער געפינט ניט ס'ביכל. זיין ווייב ווייסט גוט דעם אָנשטעל און פאַרענטפערט זיך כלומרשט. נאָר אָט — — — —

— זע נאָר, האָסטו דיר אַ שיינס, כ'לעבן. איך זוך עס דאָ־אָ, און הערשל אָסטראָפּאָליער ליגט זיך גאָר אָן דאָרט און שווייגט. אָט אַ חוזק... הע־הע...

מאַניע שפּייט אָן אויפן גראָבן פינגער, גלעט אויס פּאַוואָלינקע די אָראָפּגעריבענע פאַרגעלטע בלעטלעך פונם מאַנסע־ביכל, מישט אויף אַ זייטל און גורט זיך אָן צום לייענען. קודם פירט ער אַזוי באַ־זאַכט מיטן זעלבן גראָבן פינגער, ווי מיטן טייטל אין דער ספר־תורה בשעת'ן לייענען, איבער יעדער שורה, כדי ער זאָל זיך ניט אָראָפּ־שלאָגן פון טראָפּ און נאָך פאַרבלאָנדזשען ווייס איך וואו. דערנאָך זאָגט ער מיט זיין צעשטשערבעטן קול יעדן וואָרט באַזונדער. און דער עולם הערט, הערט און הערט ביז מאַניע טוט אַ זאָג: „שוין". דע־מאָלט צעהוידעט זיך דער עולם און שיסט אויס אין אַ — —

שווער צו באַשטימען אין וואָס דער עולם שיסט אויס. מסתמא אין אַ געלעכטער, וואָרים אַז מען לייענט הערשל אָסטראָפּאָליערס מאַנסעלעך באַדאַרף מען לאַכן. דאָס ווייסן אַלע, און צוליב דעם טאַ־קע זאָגט דאָך מאַניע אָן, אַז די צייט פון לאַכן איז געקומען. „שוין" הייסט עס.

איז אַז איינער פאָרט צו אָנקוקן די נייע אידישע קאָלאָניעס,

וואָס זיינען נאָך קיין פיר יאָר ניט אַלט, און אין זיין זכרון טוט אַ וואַקס אויס אַ אידישע קאָלאָניע פון לאַנגאָניגן אַמאָל, אפשר אַ יאָר דרייסיג צוריק, מיט אַלע קליפּערלעך, ווערט זיין געמיט אודאי און אודאי נישט געשטערט פון סטעפּישער מאָנאָטאָנקייט. די ברייטע אָפענקייט פון די ווייטע האָריזאָנטן לאָקערט און רייצט; אַדרבא אָט לאָמיר זען, ווי אַזוי אַ אידישע קאָלאָניע פון די־אָ נייע קוקט אויס. און אויב דער איינער, וואָס פאָרט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די דאָזיגע אידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז שוין פון דעם לאַנד אַוועק מער פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, און זיינע בעסטע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט אין אַמעריקע, איז גרינג זיך משער צו זיין, וואָס אַזוינס טוט זיך ביי אַזאַ־אָ איינעם ביז עס באַווייזן זיך די רויטע דעכער פונם ערשטן „פּאָסיאָלאָק“...

איבער די אידישע קאָלאָניעס

— דאָס איז „לעונינדאָרף". ביי אונז אין די ביכער איז די דאָזיגע קאָלאָניע פאַרשריבן אונטערן נומער 3-181, לויטן „אוטשאַס־טאָק" (ערד־אָפּטייל). דאָ, אין דער סביבה, געפינען זיך באַזעצטע אידישע קאָלאָניעס 28, וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון 25,962 העקטאַר לאַנד, מיט אַ בעפעלקערונג פון 5,152 נפשות. באַדינט ווערט איצט אָט דער ראַיאָן פון דער „יעקא".

דער בוי־אינזשענער ראַבקין איז ניט קיין פוכטלער אויף רייד ער האָט מערער ליב צו הערן פון יענעם, איידער אַליין צו דערציילן, נאָר ווען עס קומט צו אינפאָרמאַציע, דאַן גיט ער דאָס אין פולער מאָס און זשאַלעוועט ניט צו דערלאַנגען די נויטיגע ציפערן אַזוי און אַזוי.

אַ ברייטע, ברייטע גאַס. פון ביידע זייטן גאַס שורות הייזער אין אַ גלייכער אויסגעפּלאַנירטער ליניע. אַרום די הייזער פּלויטן, וואָס צאַמען אָפּ די הויפן. אין די הויפן אַ האַרטער טאָק פאַר תבואה־דרעשן, סטערטעס שטרוי, קוקורוזע־קאַטשאַנעס, דראַבינעס און אַנדערע מכשירים. די ערשטע „זעמליאַנקעס" (ערד־שטיבלעך), וואָס די איבערוואַנדערער האָבן באַנוצט צום וואוינען, ווען מען איז אַראָפּגעקומען אַהער אויף די נאַקעטער פעלדער, זיינען איצט מערסטנס פאַרוואַנדלט אין שטעלכלעך פאַר די פערד, בהמות און עופות. אַליין וואוינט מען אין סאָלידע שטיבער מיט פענסטער און טירן אויף דעם שטאָטישן מאַניער. אין דורכשניט האָט יעדע שטוב דריי חדרים און אַ קיך. די אוקראַאינער סטעפּעס זיינען וועלדערלאָז. געהילץ איז אַ חשוב־ער ענין. זיינען אויך די־אָ נייע הייזער געבויט פון דעם זעלבן מאַטעריאַל, ווי אין אַמאָליגע צייטן. ניט געברענטע ערד־ציגל דורכגעקנאָטן מיט שטרוי אונטערן זון געטריקנט. דאָך וואָס פאַר אַ חילוק! —דאָ זעט זיך די געניטע האַנט פון אַ געניטן בויער. דאָ איז געבויט געוואָרן אונטערן שנור פון אַ מויערער. מאָס און האַנט און פּלאַנמעסיגקייט פון פריער אָנגעצייכנטע. שטייען די שורות הייזער און הייזער פון ביידע זייטן פון דער ברייטער גאַס אונטער דעכער אויס־

געפּאַרבטע אין רויטן און בלענדן מיט די ווייסע ווענט אין די אָפענע האָריזאָנטן.. איז אָט „לענינדאָרף“ און דאָרט „וואָיקאָוודאָרף“, און ווייטער — „בוכאַרינדאָרף“, און דאָרף „קלאַראַ צעטקין“, און דאָרף „מענדעלייעווקע“ (נאָך מענדעלע מוכר ספרים) און נאָך, און נאָך אַ ריי נייע אידישע קאָלאָניעס, אַכט און צוואַנציג שוין באַזעצטע און פאַרפּונדעוועטע אין צאָל — — —

— בוימער... אַך, ווי עס בעטן זיך אהערצו בוימער. אָט אַזוי־אָ אויסזעצן בוימלעך אַלייען פוןביידע זייטן ברייטער גאַס. פּלאַץ אַזוי פיל. אָט וואָלט דאָס געווען אַ חיות...

— וועלן זיין בוימער אויך. האָט צייט. בילכערע זאַכן שטייען היינט אויפן סדר־היום. און ווי צו פאַרפלאַנצן דאָרף מען קענען, און ווי אַרומצוגיין אַרום דעם פּאָדערט זיך וויסן און דערפאַרונג. וואַרט צו אַ ווײַלע. מ'עט זיך אויסלערנען.

— אַז בסך־הכל איז מען קוים פערטהאַלבן יאָר אַלט, און צוויי יאָר כסדר אַ ניט־גערעטעניש דערצו, און דאָס רוב קאָלאָניסטן זיינען נעכטיגע מנחם־מענדלס, קרעמער, הענדלער און טענדלער.

— גיט אהער מאַשינעס, טראַקטאָרס, אָט...

— שולן פאַר די קינדער באַדאַרף מען מער. עלף שולן אויף 28 קאָלאָניעס ניט גענוג. וואַקסט די יוגנט, ווי בוריאַן (ווילדע גראָז)...

די יונגע מיידעלע פון אַ יאָר 12—13 האָט דאָס אַזוי זילבעריג אַרויסגעזונגען און איז רויט געוואָרן אין גאַנצן יונגן פּנים. זי טוליעט זיך צו איר מוטער. די מוטער, אַן אַלמנה, ערשט ניט לאַנג צוריק זיך דאָ באַזעצט, באַדויערט איר דאָליע:

—אָ־אָך! אָט איז מען געווען „עפּעס“—און וואָס איז מען מי־שטיינס געזאָגט איצט?...

זי שלעפּט אַרויס אַן אַלט, צעקנייטשט פּאַפּירל, כדי צו איבער־צייגן, אַז אָט איז מען געווען „עפּעס“. אודאי אַ שניט־קראָם געהאַט אין שטעטל, צי וואָס, און איצט נעבעך... אַ פּויערטע... איר טעכטע־ריל פילט זיך געקריינקט און פאַרשעמט פון דער מוטערס אומגעריכ־טער האַנדלונג.

— מאַמע, וואָס רעדסטו...

די מאַמע כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַן אומדערוואַרטעטער גע־שעעניש. טאַקע, וואָס האָט זי דאָ זיך נאַריש געמאַכט... זי איז אָבער ניט פון די, וואָס פאַרלירן זיך.

— אָי, טוט נאָר אַ קוק, איך בעט אייך, די דיניעס אין מיין גאָר־

טען.... פאַרזוכט איינע, ס'צעגייט זיך אין מויל. און פרישן ברויט האָב איך אויך. אליין געבאַקן... אָט זעט...

דער קאָלאָניסט אוּוערבוך, זיין גרויע באָרד און זיין געוועגטענע קאַפּאָטע טראָגן נאָך שטעטלשע חשיבות אין זיך פון אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס. זיינע קלוגע אויגן קוקן פון אונטער בושיקע ברעמען מיט אנטשלאָסנקייט. זיין גאַנצער הילוך מיט דעם באַנעם זאָגן עדות, אַז ער, דער נעכטיגער שטאָטישער סוחר און היינטיגער קאָלאָניסט, ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן און טוט עס. און דאָס, וואָס ער טוט, טוט ער גרונטאָווגע, ניט אויף קאַטאָוועס. נאָכן שלום-עליכם לאָדט ער אייך צו זיך אין הויז, באַקוקן זיין הויף, זיין ווירטשאַפט און אַזוי ווייטער. די הויז אַ געראַמע, אַ ציכטיגע. שיינע חדרים. אין אַלמער ספרים. ער האָט ליב אַריינצוקוקן אין אַ ספר אויך איצט. טאָקע אַ פּויער, אָבער ניט פאַרפּויערט. אין אַ חדר הינטערן קיך ליגט אויס-געדראָשענע תבואה. ער נעמט אָן אַ פולע זשמעניע קערנער און לאָזט עס דורכזייען פאַוואָליע דורך זיינע פינגער. ער האָט גרויס הנאה צו זען, ווי די זערנעס פאַלן אין אַ גאָלדענעם שטרעמל צום דיל צו. ער האָט גרויס נחת, ווען ער באַמערקט, אַז זיין פּאָר פערד מאַכן דעם גוטן איינדרוק מיט זייער גלאַנציגער פעל. זיין ווירטשאַפט איז ווירקלעך מוסטערהאַפט. נישט מער וואָדען? ער האָט אַ נאָש גע-טאָן מיט דער הויז. גע'פּועל'ט, אַז זיין שטוב זאָל זיין מיט אַ צימער מער. איז ניט געבליבן אויף אַ שטאָל, און דעם גאַנצן קרעדיט שוין אויסגעשעפּט. געמיינט ער'ט פּועל'ן אַ גרעסערן קרעדיט. מאַכט מען אָבער קיין אויסנאַמען ניט. פאַרדריסט דאָס אים ביזןביין. אָבער אַזוי ווייטער—ניטאָ וואָס צו ריידן...

— איר פאַרשטייט? איך און די „סאָוועטסקע וולאַסט" (סאָ-וועטישע מאַכט) האָבן ניט געלעבט שוה-בשוה. איך האָב געהאַנדלט. געטאָן וואָס מען טאָר נישט. זיינען צוויי וועגן געווען פאַר מיר אָפן. איינע וואָלט געפירט צום טייוול, די צווייטע אַהער. האָב איך אויס-געקליבן די צווייטע וועג. איך האָב קיין חרטה ניט. איצט בין איך אַנדערש, און מען קוקט אויף מיר אַנדערש. שלום געמאַכט. אי- אַ שטאָל...? נו, די בהמות וועלן ביי מיר ניט ווינטערן אין דרויסן. איך האָב דאָך אַן איבעריגן צימער.—

אין „וואָיקאָוודאָרף" געפינט זיך די קאָאָפּעראַטיווע קראָם, אַ קעז-פאַבריק מיט ווענטילירטע קעלערן. דאָ ווערט אויך געפּאַקט די פּוטער אין סקווערן און געקעלטערט. ניט וויט, אַביסל אָן אַ זייט, נעענטער צו דער קינסטלעכער סאַזשעלקע, שטייט די באָד. אַ מאָ-

דערנער בנין מיט אַלע איינריכטונגען: הייסע און קאַלטע וואַסער, שפּריץ־בעדער. צעמענטענער דיל. גרויסע, ליכטיגע פענסטער מיט פלעצער צום אויסטאָן און אָנטאָן זיך, אַלץ ווי ס'געהער צו זיין. טאָ ווי־זשע קומט אַהער אַ זיצונג פון דאָרף־ראַט? אין באָד גאָר...? אַ פאַרוואָקסן אידל אין אַ קוצעווייקע טוט זיך אַ קראַץ אין דער געדיכ־טער באָרד און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אייסיך וואָס. ווער גייט דאָס אין באָד אין אַ מיטן מיטוואָך? שוין קיין אַנדער אַרבעט ניטאָ?—ט'קומען „ראָשעשאָנע", ט'מען גיין אין באָד אַריין. דערווײַלע איז אַ שאָד אַזאַ־אָ בודינאָק זאָל שטיין ליידיג. קומט מען צעפאָרן אין קאַנצעליאַריע, איז דאָרטן צו ענג. טאָ זאָל זיין דאָ. ס'איז געראַם און ליכטיג.

אָפּגעזאָגט, לאַכט ער אַליין פון זיין המצאה. די איבעריגע העל־פען אים גערן אונטער. אין אַן אַנדער קאָלאָניע מאַכט אַן עלטערער קאָלאָניסט אַזוי דעם חשבון:

— דאָרט, אין שטעטל, הייסט עס, האָב איך געפירט געשעפט אויף מי־יודע וויפיל. דהיינו, איך האָב אודאי גע'מסחר'ט אויף וואָ־סערע פופצן־צוואַנציג טויזנט רובל. אייגנס האָב איך פאַרמאָגט אַ וואָסערע דריי־פיר טויזנט. נו, פון אָפּשלאָפן רואיג אַ נאַכט, פון אַזא פאַרגעניגן האָב איך לחלוטין ניט געוואוסט. אָדער מיין איי־גענער וועקסל האָט מיך גערופעט, אָדער יענעמס וועקסל איז מיר געקומען צו חלום... היינט דאָ, איז אַזוי: קיין מסחרים פיר איך ניט. קיין געלט האָב איך ניט. אויס וועקסל־זאָרג. אויס קאָפּ־דרייעניש. דערפאַר שלאָף איך די נעכט זייער גוט און רואיג, אַ מחיה. אמת, מיר איז שווער די אַרבעט. ניט צוגעוואוינט. פאַר די קינדער אָבער—נו, עס איז זייער וועלט.

טענה'ט אַן אַנדערער אַזוי: וואָס מיר קינדער, ווער מיר קינ־דער. און וואו בין איך? זאָל מיין זון האָבן צען טויזנט. איך וויל צוואַנציג. אָט אַזא מענטש בין איך. אַ וועלט פאַרזאָרגן, וואָס? אַ נייע מאָדע געוואָרן. מיר געפעלט דאָס ניט. און אַלס צולאָג שטופּט מען דיר אין נאָז קאָלעקטיוון, אַזא מעשה!—ס'איז נישט...

אַ דריטער, שוין אַ באַיאָרנטער העט־העט, רופט אָפּ דעם צו־הערער אָן אַ זייט און רוימט אין איין:

— מ'עט באַדאַרפט זען פועל'ן, אַז אַמעריקע זאָל אַ „כּאָדאַטיי־סטווע" טאָן (משתדל זיין) מען זאָל ניט אַזוי בפרהסיה מחלל שבת זיין דאָ, באַנ'אונז. ס'איז דאָך היינט שבת קודש, און איר זעט...

אין זיינע אויפגעלויכטענע אויגן שפּרינגען אום שדים'לאַך, נאָר

די מויל־ווינקלען זיינען טויט ערנסט. בלייבט א ספק, צי מיינט ער דאָס אויף צו דער'אמת'ן, צי איז א אידישער חוזק אין דעם פאַר־שטעקט...

א מעשה מיט א שוחט. א נייע אידישע קאָלאָניע האָט זיך באַזאָרגט מיט א שוחט. איז אַלץ געגאַנגען כשורה ביז דער שוחט האָט זיך צעבונטעוועט. ער וויל מער ניט קוילען. ער וויל אַרבעטן באַגלייך מיט אַלע קאָלאָניסטן. מילא, איז אַרבעט געזונטערהייד. ניין, דאָס איז אים, דעם שוחט, ניט גענוג. ער וויל שוין מער ניט דאַווענען אויכעט... נו?

אין דאָרף „אוריצקי" גייט אָן א זיצונג פון „סעלסאָוועט". דער פּאָרזיצער, א יונגער בחור, פירט די אָרטיגע ענינים געשולט און זאַכלעך. די סעקרעטאַרין, א קאָלאָניסטקע, פאַרשרייבט אַלץ גענוי. די אָנגעקומענע ווערן חבריש איינגעלאַדן צו זעצן זיך און צוצוהערן אויב מעגלעך. איצט איז מען פאַרנומען. ניטאָ קיין צייט צו שמועסן. ס'האַנדלט זיך וועגן א „סילאָסטנעם" טורם, אויף צו פאַרגרייטן שפּייז פאַר די פי אויפן ווינטער. דאָס ווערט געבויט אויף אַמעריקאַנעם שטייגער. אדרבא, זאָלן די אַמעריקאַנער דאָס באַקוקן און אַרויסזאָגן א מיינונג. דער טורעם ווערט געבויט פון שטיין, איז נידעריגער און א סך ברייטער אין דיאַמעטער פון די, וואָס ווערן געבויט אויף אַמעריקאַנער פערמעס. איז אָבער א סך פּראַקטישער פון יענע.

אין מענדעלייעווקע גייט אָן אין קינדער־שול א לעקציע אין אוקראַינישער שפּראַך. די לערערין, כמעט אין איין וואוקס מיט די שילער, רופט אַרויס אויף א דיסקוסיע איין קינד נאָכן צווייטן. די קינדער זאָגן זיך אַרויס, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען פון דעם און דעם, צי זיי זיינען מסכים, אָדער פאַרקערט, און פאַרוואָס איז דאָס אַזוי און אַזוי. נאָך דער לעקציע ווערט א אינגל געבעטן צו לייענען עפּעס פון א אידישער כרעסטאָמאַטיע. ער טוט א מיש אויף טרעף. י. פּעפּער'ס א ליד. גוט. ער לייענט און באַטאָנט מיט געשמאַק.

— קענסט דאָך גאַנץ פיין אידיש...

דאָס אינגל טוט א שפּאַר אַריין זיינע גלאַנציגע אויגלאַך פאַר־חידוש'ט:

— וואָס הייסט? ס'איז דאָך מאַמע־לשון... אָט א נייעס אַביסל... א קליין קאַראַפּוזל פון אָנפאַנגער־קלאַס, מיט א טעטראַדקע

אין האנט, פארדרייסט דאָס יעזל און שטופּט זיך אריין אין רעדל. ער קאָן „סוין אויך סרייבן״... איינער רופט זיך אָפּ מיט א ביטול:

— ער שרייבט נאָך ניט. ער דראַקעט נאָך דערווייל... די קינדער לאַכן. דער קליינער יאַט רוקט זיך אָפּ אָן אָנגעבלאָזענער. די לערערין מישט זיך אריין און פארגיטיגט.

די שול־געביידע איז אָנגעפּילט מיט טאָג־ליכט אין אלע ווינקעלעך, מיט קינדערשן געזשום און געלעכטער, און די אלטע, אָפּגעריבענע טיש־און־ביינק בעטן זיך מען זאָל זיי באפרייען פון דינסט, געבן זיי „אָטסטאַווקע״ און פארבייטן זיי אויף נייע, מאָדערנע שול־מעבל, אז דער גאַנצער שול־בנין איז אזאַ פּראַכטפולער. עס פעלן אָבער די נויטיגע מיטלען. וועט זיך דאָס אלטווארג נאָך אביסל מוזן צו־מוטשען זיך...

שוין ווייט נאָך האלבן טאָג. דער אויטאָמאָביל האָט שוין אָפּגעקאַטאַיעט איבער א הונדערט קילאָמעטער און האָט זיך פיין צעווארעמט. פון דער קאָלאָניע אנטקעגן ענטפערט אָפּ אַן אנדער מאָטאָר: טראַ־טאַ־טאַט, טראַ־טאַ־טאַט... ווער באַגריסט דאָס דעם צעווארעמטן אויטאָמאָביל? א טראַקטאָר ארבעט מעשים מיט א דרעש־מאַשין ערגעץ דאָ אין דאָרף. אזוי? גוט אָנגעטראָפן.

ס׳ארבעט א קאָלעקטיוו. מען דרעשט די תבואה. ס׳איז פריילאַך און לעבעדיג ארום. קליינע חברה שפּילן זיך און טאַנצן ארום אויף איין פוס. עלטערע זיינען פארטאָן יעדער אין זיין חלק ארבעט. מ׳קוקט זיך אויף זייטיגע ניט אום. סנאָפּעס ווערן פאַנאַנדערגענומען, ווערן צעשפּרייט, ווי ווייערס, אריינגעשטופּט אין גרויסן קויש פון אויבן. זינגען זאַנגען און שפּייען גאָלדענע קערנער אויס אין די אָנגעשפּילעטע זעק. פולע זעק אראָפּגענומען און ליידיגע ארויפגעהעקלט. לאַנגע גראַבליעס כאַפּן אונטער די אויסגעליידיגטע שטרוי און שארן דאָס אוועק אָן א זייט. דריידלט זיך די דינע פּאָלאָווע אין א זייל א רויכיגן אין דער הויך, און אוועק פון דער תבואה, אוועק... טראַ־טאַ־טאַט, טראַ־טאַ־טאַט.

אויבן, אויף דער סטערטע, ארבעטן געשיקט צווייען: א יונגע מיידל און איר אלטע באָבע. זייט ביי זייט. אָט אַן אינטערעסאנט בילד.

— אָ, זייט אזוי גוט, אויף איין ווייליטשקע בלויז. אראָפּנעמען אייך אָט־אזוי־אָ. די קאַמערע שוין גרייט. ניטאָ קיין ענטפער. מען קוקט זיך אויף זייטיגע אפילו ניט אום. געפונען א צייט צו פאַרטרעטלען! מוחל. אייניקל און באָבע שטעלן ניט אָפּ די ארבעט, ניט

אויף א רגע. — סנאָפּ דערלאַנגט. סנאָפּ צעשפּרייט. מען דרעשט די תבואה. פולע זעק. ליידיגע זעק. גענומען, דערלאַנגט, געגעבן. סנאָפּעס. פולע זאַנגען. שטרוי, סטערטעס. אַרבעט זידט. אַרבעט זינגט. טראַ־טאַ־טאַט. טראַ־טאַ־טאַט...

אַז איינער, וואָס געדיינקט אַ אידישע קאָלאָניע פון לאַנגאַניגן אַמאָל פאַרגלייכט די יעניגע אַמאָליגע מיט די איצטיגע, כאָטשבי דאָ־אָ אַרום ניקאָפּאָל, און ציט אונטער אַ דערוויילינגן סך־הכל — אַזוי און אַזוי: אין פערטהאַלבן יאָר צייט אַזויפיל נפשות אויף ערד באַזעצט. 28 דערפער. 21455 העקטאַר לאַנד אונטער זריעה. אונטער ווייַנ־גערטנער — 632 העקטאַר. 1053 הייזער אויסגעבויטע, און נאָך אַ היבשע צאָל האַלטן זיך אין בויען. לעבעדיגער אינווענטאַר: פערד, לאָשעקעס, בהמות, ביקעס, קעלבלעך, שעפּסן, חזירים, עופות, און כמעט אַלץ אין פיר ציפערן, אַזוי־אָ אין די טויזנטער. טויטער אינ־ווענטאַר: וועגענער, אַקער־אייזנס, בוקערס, בראָנעס, זייַ־מאַשינען, שטרוי־שניידער, דרעש־מאַשינען, טראַקטאָרס—יע, טראַקטאָרס. עלף טראַקטאָרס און קאָמבינאַטן. אודאי איז דאָס ניט גענוג אויף 28 קאָלאָניעס, זיכער אַזוי. באַדאַרף מען נאָך טראַקטאָרס, אודאי באַ־דאַרף מען.

קולטורעל: עלף שולן שוין אויסגעבויטע. אַלע—פיר־יאָריגער קורס. כמעט אין יעדער קאָלאָניע אַ לייען־שטיבל. אודאי איז דאָס ווינציג פאַר 1500 קינדער אין שול־עלטער. בודזשעט נאָך צו אָרים נאָכצוקומען די נויטיגע באַדערפעניישן. ברונימער, מערסטנס שאַכטנע אָבער שוין אויך פאַראַן צוויי אַרטיזאַנע ברונעמס. דריי מאָדערנע בעדער און אַכצן קינסטלעכע סאַזשעלקעס, וואו מען האָדעוועט פיש. אַ טראָט אויך אינדוסטריעל: דריי קעז און פוטער פאַבריקן מיט אַלע פּישטשעוואָקעס. קאָאָפּעראַטיוון. קאָלעקטיוון. זעקס אידישע דאָרפס־ראַטן. אַ־אַ־אַ... אָט און אויפטו. אָט און אויפבוי. ס׳אַראַ ווייטער מהלך פון יענעם אַמאָל, און בסך הכל אין פערטהאַלבן יאָר צייט, און—

— ווי אַזוי באַציען זיך די שכנה׳שע ניט־אידישע קאָלאָניעס צו די־אָ נייע אידישע איבערוואַנדערער?

— פון אָנפאַנג גע׳חוזק׳ט, געקוקט מיט ביטול אף יאָשקען מיט מאָשקען. אויך מיר ערד־אַרבעטער. געפּרופט אַרויפלאָזן בייַנאַכט די פי זאָל זיך פּאַשען אף מאָשקע׳ס און יאָשקע׳ס פעלדער. נו, איין מאָל, צוויי מאָל, ביזקל דערלאַנגט דעם ריכטיגן „אָטפּאָר” (אָפּשלאָג)...

איז מען געוואָרן ווייך, ווי פּוטער. איצט איז מען גוטע שכנים. גאַנץ אָפּט עצה'ט מען זיך צוזאַמען. אָט.

— נו, און וויפיל „קיוועס" מאַכן נאָך א „ויברח" צוריק אין שטאָט און שטעטל?...

— אַ, די קיוועס... ניט קיין סך. וועט קיין פינף פּראָצענט ניט דערגרייכן. בעטן זיך דערנאָך צוריק מערסטנס. מען געטרויט זיי אָבער ניט. ס'איז פארשטענדלעך.

— און ווי זיינען די אויסזיכטן אף קאָלעקטיוויזאַציע?

— זייער גוטע. מאָדנע, דוקא די נעבטיגע קרעמערלעך און מעקלערלעך קאָלעקטיוויזירן זיך אם שנעלסטן און אם בעסטן. און דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די נייע אידישע קאָלאָניסטן איז דאָ, אין דעם ראיאָן, אן איבערוועגנדיגער פון דעם דעקלאַסירטן עלעמענט.

— דאָס באַקלאָגן זיך פון דעם עלטערן דור... די אָרעמקייט... די קנאָה צו אמעריקע?

— אודאי איז דאָ אָרעמקייט. מיר פארדעקן זי ניט. מיט הוילע הענט אָנגעפאַנגען. באָרעט זיך דער יונגער דור מיט דער נויט זיג־געוונדיג און איז זי גובר. דער אַלטער דור, נו, ס'איז צום באַדויערן א דור־המדבר... בענקט מען נאָך א פאָדים פליייש, נאָכ'ן ברעקל פיש פון ערב שבת צו ערב שבת. אָן די שמיץ פארגעסט מען צו־מאָל, פארשטענדלעך. קיינער וועט אָבער ניט איינגיין צו אומבייטן דעם איצט אויפ'ן אמאָל... ניין, דאָס ניט! אלא, דאָס באַקלאָגן זיך, — נאָ, שוין אזא פאסקודנע טבע געוואָרן ביי די עלטערע צו כניטשען, איבערהויפּט פאר א פרעמדן. בפרט אז דער פרעמדער איז אַזש פון אמעריקע—נו, נו, הימל עפן זיך... און די צוויי יאָר ניט־געררעטעניש, איינס נאָך ס'אַנדערע, האָבן אודאי קיין גוטס נישט געטאָן.

זון שוין געזעצט זיך. „יעקאָ'ס" שעווראָלעי־אויטאָ קאַטשעט זיך ווייך צוריק אין שטאָט אריין. פורן קומען אַנטקעגן פון שטאָט, פערד שרעקן זיך פאר'ן שאַל פון אויטאָמאָביל האָרן, וואַרפן זיך אָן א זייט און הויבן אויף וואָלקנס שטויב. שטויב ברענט און פינקלט אין לויטערן זון־אונטערגאַנג. מערב ליגט א צעפּעכלטער און לאָזט זיך וואוילגיין פון הימל־הויך ביז צום זוים פון דער ערד. אלע אין יעקאָ'ס שעוואָלעי שווייגן. מען איז אזוי געשמאַק פארטראַכט. בלויז די געניטע האַנט פון בוי־אינזשיניר ראַבקין קירעוועט דאָס רעדל פון מאַשין, אזוי פון זיך אליין, אינסטינקטיוו. גוט אזוי. זאָל דער וועג געדויערן. זאָל—

— וואָס איז דאָס? — הא! א שיינע געפּלאַצט... צום טייוול.

די גאנצע שטימונג צע׳פטר׳ט... בוי־אינזשיניר ראָכקין שמייכלט גוטמוטיג:

— אָט דאָס איז דאָך דאָס. מיר לעבן איצט ניט אין א וועלט פון חלומות. מיר לעבן איצט דורכאוים אויף דער וואָר. איז אז א שינע פלאצט—באדארף מען אנטאָן א נייע שינע, אויב אזא איז פאראן.

— זיכער פאראן... וואָדען?

— איז פארקאשערט די ארבל...

— און צו דער ארבעט...

— אָט אזוי און אָט אזוי־אָ — — —

— און אָנגעטאָן...

— היידא!

אָנגעקומען אין ניקאָפאָל סאמע אין דער שעה פון אָנצינדן די עלעקטריע. גאָר אן אנדער אויסזען האָט דאָס שטעטל. נאָר וועמען גייט דאָס אָן? אז דער הייסער בארשט מיטן שווארצן ברויט האָבן אלע טעמים, און דער סאמאָוואר זידט אזוי פריילעך...

מיטן דניעפּר צום שוואַרצן ים

„...פּראַכטפול איז דער דניעפּר אין שטילן וועטער...“ צי עמיצער פון די רייזנדע האָט די דאָזיגע ווערטער פאר זיך אין דער שטיל דעקלאַמירט, צי זיינען די־אָ ווערטער אליין פון זיך אין זכרון ארויפגעשוואומען ביי מיר? סיי־ווי, מיין געהער האָט דאָס אזוי בולט פאַרנומען, יעדע זילבע מיט אזא קלאָרער, אויסגעשליפענער דיקציע, וואָס גלעט אזוי מחיה'דיג און דערפרישט דעם געמיט. אין דער אמת'ן איז מיין אויער געווען אין א פארשלאָפענעם צושטאנד אין א מין הינער־פלעט. דאָס הארץ האָט איבערגענומען אין פוי רשות דעם געהער־אפאראט, האָט אים באהויכט מיט מוזיקאלישער ווארעמקייט, און דורך א דינער טירעלע געלאָזט דורכפליסן צו אים אַן אָפּקלאנג פון א לאנגאָניגן, יוגנטלעכן אמאָל...

מיין שכן האָט אפנים געמוזט איבער'חזר'ן עטלעכע מאָל זיין ווענדן זיך צו מיר, ביז איך האָב אים דערהערט. אין לאַץ איז ביי אים געווען איינגעשפּילעט זיין אמט־צייכן. ער איז אַן אָנגעשטעלטער ביי דער סאָוועט־מלוכה אויפ'ן קולטור־געביט. דערקענט אַן אויסלענדער, אודאי פון אויף יענער זייט אטלאנטיק. נו, ווילט זיך אַ שמועס טאָן אַזוי און אַזוי. דאָ, אין דער געגנט, זיינען אויסלענדישע טוריסטן זעלטענע באַזוכער. מ'פאָרט מיט די באנען. מ'רייזט אויך דורך דעם שווארצן ים, אמאָל מיט דער וואָלגא, אָבער מיטן דניעפּר? וועמען פאלט עס איין?... אָט, ווען דער דניעפּר־בוי וועט פארטיג ווערן, און איבערן דניעפּר וועט אָנהויבן קורסירן דער ריכטיגער, רעגלמעסיגער שיף־פארקער אָן איבעררייס, אָן שטערונגען, דאַמאָלסט וועט מסתמא זיין אַנדערש. דערוויל איז אַן אויסלענדער גאַסט א נאָווינע, און — אָט אָט אויף דעם־אָ נייענקן דאמפער „קארל מארקס“ איז דאָך אזא פארגעניגן, אזוי רחבות'דיג צו פאָרן...

דער דאמפער „קארל מארקס“ איז איינע פון די נייע שיפן, וואָס די סאָוועטן האָבן לעצטנס געבויט און אויפן סאמע מאָדערנסטן שטייגער מיט אלע באקוועמלעכקייטן און איינריכטונגען. דער ערשט-

קלאסיגער, האלב־קיילעכיגער סאלאָן איז אזוי באפּעגסטערט און ליב־טיג באשויבט, אז עס דוכט זיך אוים ס׳איז אינגאנצן פון דורכזיכטיגן גלאָז אויסגעגאָסן. פון ים רייסן זיך אריין שטיקער שטורעם־ווינט, פאלן פלאכטעסווייז צווישן דניעפּער׳ם הויכע ברעגן, פארפלאָנטערן זיך אין די אויפגעפּאטשטע כוואליעס, קאָנען זיך בשום אופן נים פון דאָרט באפרייען און מאכן אָן אזא געפילדער, אזש די גאנצע שיף ציטערט מיט אלע גלידער.

— אונזער דניעפּר צעהוליעט זיך נישקשה׳דיג. דער שווארצער ים מוז איצט אודאי אויסטאנצן זיין צעיושעטן אָפּגרונט־טאנץ, האָ־האָ, נאָך ווי אזוי. ניט גרוים אין שטח איז ער, דער שווארצער ים, אָבער ווען ס׳קומט צו שטורעם־ווינטן און ים־בורעס,—נו־נו, ניטאָ קיין סך קאָנקורענטן צו אים...

— נו, דער „באלטיק" און דער דייטשישער „צפון־ים" זיינען אויך ניט קיין קלענערע בריות...

דער שכן הערט ניט די באמערקונג, אָדער ער מאכט זיך ניט הערנדיג. ער ווארפט אריבער דעם געשפּרעך אויף אנ׳אנדער ליניע. די לאנדשאפטן ארום און ארום, די וואונדערבארע פּייזאזשן, די ישובים, דערפלעך, קאָלאָניעס, כוטאָרעס, שלעסער, פאלאצן, פּרוכט־סעדער, ווייןגארטנער, און אומעטום אזוי פיל גרינס,—אָט א רחבות, אָט א חיות... אָט איז פון דער רעכטער זייט דער „רויטער מאיאַק", אָ געגנט—אַ שיינקייט. און אָהין, לינקס־צו, וואו דער ברעג איז אזוי אָנזיכטיג אויפגעהויבן און פולברוסטיג אויסגעפּוטשעט מיט א לאנגער קייט מאסיווע בנינים, פירן די שורות געקארבטע טרעפּ צו די אָפּרו־הייזער פאר די האָרעפּאשניקעס. ביז ניט לאנג צוריק איז דאָס געווען א פארלאָזענער מאָנאסטיר. די צארישע ערשאפט האָט אויף דעם אויסגעגעבן אן אייגנס מיט גאָלד, האָט שוין באשטעלט „ביינער פון א הייליגן" דאָ צו אנטפּלעקן, און דאָוואי עולי־רגל׳ניקעס (פּילגרימען) פון אלע עקן לאנד, און נסים ונפלאות צו דערציילן, און תפילות, און רפואות,—נאָר דערהויפּט—נדבות... כדי צו ראַטעווען די זינדיגע נשמות פון די נעגל פון די ניט־גוטע אויף יענער וועלט... און אזוי איז דאָס אָנגעגאנגען דער „הייליגער" האנדל צו פארפינצטערן די מוחות פון די דערשלאָגענע, אונטערדריקטע מאסן. גאָט און רעליגיע זיינען פאר די הערשער א טייער געשעפט. איז געקומען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע און נייע מארשרוטן געעפנט. באגלייך מיט׳ן איבערבוי און אנטוויקלונג פון די גרויסע אינדוסטריען גייט אויך אָן א פונדאמענטאלער צוזאמענשטעל פון א נייער, גרויסער קולטור, וואָס דאַרף פּראָדוצירן די נויטיגע ווערטן, וועלכע דער נייער

הערשער, דער ארבעטער, מוז אומבאַדינגט האָבן פאר זיין געברויך...

מיין שכן, דער סאָוועטישער קולטור־אָנגעשטעלטער, מיט זיין אמטצייכן איינגעשפּילעט אין לאַץ, טוט א הויב אויף זיינע אויגן אויף מיר, זיין טיפער קוק דרינגט אריין אין באהאלטענעם אינעווייניג, שפּירט און זאָנדירט דעם גייסטיגן באָדן פונם צוהערער, כדי צו דער־קונדיגן זיך מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. זעט אויס, זיין קוק קערט זיך אום א צופרידענער. זיין טיראַדע ווערט ריכטיג פאַר־שטאַנען און אָפּגעשאַצט. איז גוט אזוי. קאָן מען ווייטער שפּינען דעם שמועס.

— אָט די געוועזענע מאָנאַסטירן, די פריצ׳ישע פּאַלאַצן און אויסגעפּוצטע גיטער, גענומען און פאַרוואַנדלט אין אָפּרו־רעזאָרטן פאַרן ארבעטער־המון. אוועק איז דער פּריץ, דער מאָנאַך (נזיר), און מיט זיי איז אויך אוועק זייער ספּעציפישע קולטור, די פּריצ׳ישע און די הייליגע. פאַרנומען האָט זייער אָרט דער האַרעפּאַשניק און מיט אים פאַרקלייבט זיך איצט אויך זיין ארבעטער־קולטור און פאַרנעמט דעם אויבן־אָן מיט רוישיגע פּלאַקאַטן און לאָזונגען, וואָס לערנען און וואָרענען אים אויף טריט און שריט. ס׳איז א גרויסע סכנה פאַר איינעם, וואָס שטייט אויף רעשטאָוואַניעס און לייגט ציגל, צי טעסעט מיטן האַק, אָדער זעגט א ברעט, אז ער זאָל זיך פאַרקוקן אויף אויס־געטראַכטע הימל־פּליטערלעך, צי אויף נאַקעטע נימפן; מעג דאָס אַלץ זיין ווי שיין געמאָלן, זיינען דאָך פּאָרט אזעלכע קונסטרייען קאַפּאַבל ניט נאָר צו שטערן דעם בויער־ארבעטער אין זיין בוי־פּראָצעס, נייערט גאַנץ אָפט גורם זיין, אז דער ארבעטער זאָל פאַרלירן ס׳גלייכגעוויכט, אראָפּפאַלן און גע׳הרג׳עט ווערן. וואָס וועט זיין דערנאָך, אז די נייע סאָציאַלע אָרדנונג וועט אָפּשאַפן די שרעק און זאָרג, און שטענדיגע מורא פאַר׳ן מאָרגן? — נו, ניטאָ דערווייל וואָס צו ספּעקולירן אויף דעם חשבון. זיכער וועט דער מענטשן־מין, א באַפרייטער פון זשאַ־ווער און שימל, ניט בלייבן הינטערשטעליג, און זיין נייע קולטור וועט זיכער זיין פון א העכערער מדרגה און מיט א בעסערן זינען. זעט איר, דער איטאַליענער מאַלער, וואָס האָט פאַרקויפט זיין קונסט פאַר געלט צו א רייכן קניאַז דאָ, אין דעם געגנט, און איז אַן אויפגערעגטער געקראָכן אין דער הויך צו מאָלן א באַשטעלטע בילד לויטן באַלעבאָס פאַרלאַנג,—איז טאַקע אראָפּגעפאַלן און באַצאָלט מיטן לעבן..

וואונדערבאר איז דער דניעפּר אין יעדן וועטער. דער שטאַר־קער ווינט שטערט ניט די לויטערע דרום־זון פון אויבן און דעם דאַמ־פּפער „25טער אָקטיאַבער״ אויפן וואַסער צו שלעפּן נאָך זיך א לאַנגע שערענגע באַרזשעס אָנגעלאָדן מיט ברויט. וואָס ווייטער, ווערט דער

טייך אַלץ ברייטער און טיפער. אינזלען און אינזעלעך גרינען ארויס דאָ און דאָרט, און אָט איז די אויסגעשפּילטע שטאָט „בערעסלאוו" מיט איר אָריענטאַלישן שלייער. אַמאָל האָט די דאָזיגע שטאָט גע־טרוימט צו ווערן א וויכטיגע האַפן־שטאָט, איז געקומען „כערסאָן" און האָט פאַרנומען די בכורה. ליגט אזוי די אָפּגעגאַרטע „בערע־סלאָוו" א פאַרדריסלעכע און הערט זיך צו צום איינציגן רויש־געזאַנג פון איינציגן זאַוואָדל פאַר אָקערס און בראָנעס, וואָס זי פאַרמאָגט. אודאי דאַנקט זי אין דער שטיל דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס האָט זי באַזאָרגט כאָטש מיט דעם שטיקל נוצלעכן אָטעם.

א הויכע ווערטיקאַלע וואַנט, ווי פון צעמענט אויסגעגאָסן. דניע־פּערס א ברעג. אויפן סאַמע אויבן האָט זיך פאַרקליבן „קאָזאַטשנע", א גוט פון 12 טויזנט דעסיאַטינעס לאַנד. באַלאַנגט האָט עס פריער צום קניאַז טרובעצקאָי. זיין ממשלה דאָ געווען. פּרוכטבאַרע ערד און גערטנער, סעדער און ווייַנגערטנער. כּל־טוב. אָט פינקלט פון ווייטן דער פּראַכטפולער שלאָס־בנין מיטן גאַנצן פּאַרנעס, נאָר דער פריץ מיט זיינע קאַפּריזן, מיט זיינע יאַגד־הינט זיינען שוין ניט קיין היגע מער. געבליבן זייען נאָר די שווערע טויערן און די אונטער־ערדישע דורכגאַנגען ארום דער ווערטיקאַלער וואַנט און דער הויכער קיילעכדיגער טורעם פון אויבן, ווי א זכר פון א באַזיגטער פעסטונג, פון וועלכער עס ווייעט נאָך מיט מיסטעריעזער פאַרגאַנגענהייט. די גאַנצע גוט פון געוועזענעם קניאַז איז איצט איבערגעגאַנגען צו א פּויערים־קאָלכאָז, און די ווירטשאַפט ביינקט ניט נאָכן פּריץ.

דער מיטרייזער פון קאַכאָווקע האַלט זיך פון ווייטן. ווילן ווילט זיך אים זייער באַקאַנטשאַפט צו שליסן און ארויסזאָגן דאָס, וואָס עס דריקט אים אויפן האַרצן. זיינע הונגעריגע בליקן וואַנדערן אום מיט א מין שטאָלצן געבעט פון אײַוורד, וואָס איידער ער גייט אויפשליסן זיין פאַרבאָרגנקייט, דאַרף ער וויסן דעם פּאַסיגן פּאַר ווערטער. סתם אזוי אַריינפאַלן אין א געשפּרעך, ווי א יון אין סוכה, איז ניט פּאַר זיין ווירדע.

דער צופאַל איז געקומען. מיר פאָרן פאַרביי א קליינעם ישוב „בריטאַני".

— עפּעס א מאָדנער נאָמען. קלינגט ווי בריטאַניע. ווי קומט אהער בריטאַניע? מילא, אַזאַ נאָמען, ווי „באַדזשי־בעי" איז פאַר־שטענדלעך. פאַרבליבן א ירושה פון טערקיי. דער גאַנצער געגנט האָט באַלאַנגט צו טערקיי. א צאָל ישובים דאָ ארום טראָגן נאָך אין

זייערע אַלטע פאַלדן אָריענטאַלישע סמנים, אָבער „בריטאַני״... עפּעס א ניט־היגער נאָמען. קלינגט פרעמד און מאָדנע...

די הונגעריגע אויגן פונם מיטרייזנדן פון קאַכאָווקע טוען זיך מיטאמאָל א גיס־אָן מיט זאַטער צופרידנקייט. זיין צעקנייטשט גע־זיכט באַקומט א יוגנטלעכן אויסדרוק, ווי ביי איינעם, וועלכער האָט זיך שוין פון אַלץ מיאש געווען, און פּלוצלונג איז ער אויפגעריכט געוואָרן אָט־אַזוי־אָ פון העלער הויט.

— אך, וואָס רעדט איר... ! ס׳איז דוקא א רוסישער נאָמען מיט׳ן וואָרצל. ס׳איז פון שורש „בריט״ (גאָלן זיך). אמאָל, מיט יאָרן, יאָרן צוריק, ווען די צארישע הערשאַפט האָט פארנומען דעם דאָזיגן געגנט, פלעגט מען אהער פארשיקן קרימינעלע פארברעכער, און כידוע פלעגט מען די קרימינאַלניקעס אָפּגאָלן האַלבע קעפּ. האָט מען אזא קרימינאַלניק גערופן „בריטאַן״ (אָפּגעגאָלטער), אַזוי ארום האָט דער ישוב פון די פארשיקטע פארברעכער געקראָגן דעם נאָמען „בריטאַני״ און אַזוי פארבליבן אויף היינטיגן טאָג.

דער מיטרייזנדער פון קאַכאָווקע האָט זיך דערפילט אין זאָטל. האָט ער שוין אויף זיכער אָנגענומען דעם געגאַרטן פּאָדים, וועט ער שוין דאָס ניט ארויסלאָזן פון זיינע געניטע, אויסגעהונגערטע פינגער. דער שטאָלצער געבעט פון א יורד ווערט אנטרונען פון זיין פּנים. ער איז רייך אין אַלע פּרטים פון אַלע קליינגקייטן דאָ־הי, וואָרים אליין איז ער א קאַכאָווקער תושב שוין פאר די לעצטע פופציג יאָר און איז אויסגעגוועזן א וועלט, ווער שמועסט כערסאָן און אָדעס,—אין דעם איז ער קלאָר, ווי א פרומער איד אין אשרי. ביז דער רעוואָלוציע, און אפילו אביסעלעקע דערנאָך, איז ער געווען תבואה־איינקויפער פאר א געוויסער, רייכער פירמע... אי, איז דאָס געווען א פירמעטשקע גנב,—פרעגט שוין ניט. עס איז געווען, ווי אין פּסוק שטייט „אומר ועושה״, קלאַפּ און צייל, און טאַקע מזומנים ממש. א קערבל איז געווען א ממזר, וואָרום ס׳האָט זיך גאַנץ פיין פארדינט, האָט מען געלעבט באַלעבאַטיש, און ס׳אי געווען „חי״...

איצטערשט־אָ איז טאַקע געהאַקטע צרות. האַנדל איז אויס. קאָמיסיאָנערן לחלוטין אויסגעשפּילט, נאָך ערגער פון אן אָפּגענוצטן שופר. ליגט מען צען איילן אין דער אדמה און קיין בייגל באַקט מען אויך נישט. און וואָס וועט זיין דער סוף דערפון ? כע־כע־כע.

— מיינט איר מען איז צופרידן מיט אַזעלכע פאראָנדקעס ?— אייסיך וואָס... אָט איז די קאָלאָניע „אָסנאַוואַ״. די טייערסטע וויינגערטנער, די זעלטנסטע טרויבן. אריבערגעצויגן אהער פון דער

פריערדיגער פראנצויזישער קאָלאָניע „שאבאַ”. איז אז דער פריץ איז געווען פריץ, איז טאקע געווען וואויל און גוט. אלץ איז באטריבן געוואָרן ווי עס באדארף צו זיין, אָבער איצט... חרוב ומוחרב, ווארום וואָס פארשטייט דער פויער פון געשעפט?...

זעט איר אָן דאָרט דעם פריצ'ישן שלאָס? איז אז דער פריץ האָט דאָרט געוואוינט (פיסארעוו האָט ער געהייסן) איז דאָס געווען דער אמת'ער שלאָס. א פאלאץ, ווי א פאלאץ באדארף צו זיין. איצט איז דאָס פארוואנדלט אין א פויערים־אנשטאלט. קאָנט איר זיך שוין אויסמאָלן, וואָס פון די פריצ'ישע פארקעטנע דילן איז געוואָרן... און וואָס ווייסט דער פויער פון קאָלכאָזערווירטשאפט, איך בעט אייך? א פויער טרויט ניט קיינעם. א טאטע טרויט ניט דעם זון און א זון דעם טאטן, טאָ ווי קומט ער צו קאָלעקטיוון, הא? אפשר מיט דורות, דורות שפעטער וועט זיין אנדערש, אָבער דערווייל איז ביטער און טרויעריג...

דער מיטרייזנדער פון קאבאוועקע איז מיטאמאָל אנטשוויגן געוואָרן. זיין גראָער קאָפּ האָט זיך א זעץ־געטאָן אראָפּ צווישן די איינגעהויקערטע אקסלען, ווי אָן אונטערגעשאָסענער פויגל. אויף דניעפּערס א הויכן ברעג האָבן יונגע יאטן און יאטעכעס פון ערגעץ א דערבייאיגן קינדער־אנשטאלט, צי א שול, אָנגעפירט א לעבעדיגע שפיל און פארהילכט דעם גאנצן ארום מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. אָן א זייט, אָפּגערוקט און אָפּגעזונדערט, איז אן אלטער דיאק געקראָכן אויף א לייטער. זיין אלטע, אָפּגעריבענע זשופּיצע האָט זשאווערדיג געגלאנצט און געפלאָנטערט זיך צווישן זיינע קני. דער צלם אויף דער אלטער, שטומער צערקווע האָט זיך געבויגן צום אראָפּפאלן. דער דיאק האָט מיט ציטערדיגע הענט געוואָלט דעם צלם אונטערשפארן.

דאָס יונגוואַרג האָט געזונגען דעם „אינטערנאציאָנאל” . . .

דער יונגער מעטאַליסט

„דער יונגער מעטאַליסט„ איז דער נאָמען פון דער וואַנט־צייטונג אין כערסאָנער פּראָפטעכניקום. די פּראָפטעכנישע שול מיט אַלע אָפּטיילונגען און געביידן פאַרנעמט א גרויסן שטח אויף א ברייטער, שטילער גאַס. כערסאָן איז בכלל געוואָרן א שטילע שטאָט. באַ־פעלקערונג פאַרקלענערט כמעט אויף 60 פּראָצענט, קוקט כערסאָן אויס, ווי זי וואָלט א נדר געטאָן מער שוין קיינמאָל נישט פּוצן זיך אין אַמאָליגן גובערנאַטאָרסקן מאַנטל מיט די שווערע טראָלדן און גאָלדענע שליפּעס. אויס, געגוג געהוליעט און געלאָזט זיך וואוילגיין אויף דעם חשבון פון דער אָרעמקייט. די אָרעמקייט ווידער, די איצטיגע האָרעוואַניקעס מיט׳ן לויטערן בליק צום קומענדיגן מאָרגן, איז ביי זיך שוין זיכער און תקיף מיט איר כערסאָן. פון אַמאָליגן גובערנאַטאָרסקן מאַנטל מיט די שווערע טראָלדן און גאָלדענע שלי־פעס איז שוין קיין זכר מער ניטאָ און וועט ניט זיין. קאָן מען זיך פאַרגינען איינאָרדענען שיינע און נוצלעכע קלובן פאַרן האָרעפּאַשניק און איבערהויפּט פאַרן יונגן דור. וואַקסט דיר אָט אַזוי־אָ א דור א געזונטער, א מונטערער, און וואָלט דיר כסדר נאָר וועלן א וועלט מיט לימודים איינשלינגען. נאָר פּאָדאַוואַי. אַלץ וויל מען וויסן. און אַלץ וויל מען אריינדרינגען, און ניט אויף קאַטאָוועס, נאָר גרינטלעך און זאַכלעך, אַזוי־אָ ארום און ארום.

בנינים פאַר קלובן פאַרמאָגט כערסאָן א היבשן אויסוואַל, נוצט מען דאָס אויס אויפן בעסטן אופן. פּוסטעוועט א קלויסטער, גאָט־בעטערס ווערן ווייניגער און ווייניגער. שטייט א פאַרוואָרלאָזטע די כאָר־שול פון די געוועזענע „אידישע דאַטשן", איז ביז וואַנען דער שיעור? ווערט דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט אין ארבעטער־קלובן מיט בינעס און ביבליאָטעקן, מיט פיז־קולטור זאַלן און קורסן. בויט מען איבער, פאַריכט מען, פּאַסט מען צו יעדן ווינקל פאַר א געוויסן נוצ־

לעבן צוועק. טראָגט זיך יונגער געלעכטער, קלינגען פרייד־געזאַנגען אונטער די מאַסיווע געוועלבן פון אָפּגעלעבטע „הייליגקייטן״...

„. . . בודיאָני ז׳אונזער ברודערל,
מיט אונז דאָס גאַנצע פאָלק,
ער זאָגט: די קעפּ פארלירט־זשע ניט,
נאָר גייט פאָראויס מיט שטאָלץ.
איז וואָראָשילאָוו דאָך מיט אונז,
דער ערשטער רויטער אָפיצער.
נו, וועלן מיר זיך מקריב זיין
פאר „עס־עס־עס״ און „ער״...
נו פיר, בודיאָני, אונז אין שלאכט . . . ״

איבער׳ן החבות׳דיגן הויף פון דער געוועזענער כאָר־שול שמייען אום בחורים און מיידלעך מיט ערנסט־פאַרטאָגענע פּנים׳ער, מיט פאַרשנדיגע בליקן, מיט צייכנונגען אין די הענט; מ׳דאַרף דאָ זען זיך אַן עצה געבן, ווי אַזוי אויפן בעסטן וועג אויסצונוצן דאָס איבער־בויען און דאָס אויספאַבריכטן, אַז ס׳זאָל ניט אריינטרייבן אין גרויסע הוצאות. די מלוכה איז געאיינגט אין מיטלען. די אינדוסטריאַלי־זאַציע איז בילכער פון אַלץ. באַדאַרף מען זיין שפּאָרעוודיג, ניט פאַרטאַכליעווען קיין געלט ניט אויסגערעכנטערהייד, אָט.

— א ניכפּע האָט געזאָלט קומען אויף די „דאַ־אַטשן״. כאַי וואָלטן זיי אָט־די־אָ וואנט געשטעלט אין יענעם־אָ ווינקל, וואָלטן מיר דאָך איצטער פאַרשפּאָרט אַזוי פיל אַרבעט און הוצאות...

דער פּאָטלאַטער יונג צעלאַכט זיך אויפן קול פון זיין אייגענער המצאָה. א מיידל אין א לעדערנער קורטקע פאַרקאַטשעט דאָס אוי־בערשטע ליפּ אויף מיטצולאַכן, בייט אָבער אום די פּאָזע און לייגט מיט גוואַלד אוועק א יונגן קנייטש צווישן די שוואַרצע ברעמען:

— אָט א חכמה אביסל. געוואָלט אפשר „זיי״ זאָלן אונז בויען דעם סאָציאַליזם... אָט א כאָר־שול האָבן „זיי״ זיך איינגעפונדע־וועט, געוואָלט זייער גאָט אויף אייביג באַוואָרענען. די פּראָפעסיאָ־נעלע שול האָט מען פאַרלאָזט אין די אַלטע ווענט. כלומר׳שט גע־טאָן פאַר דער אָרעמקייט. אויסלערנען די אָרעמע קינדער נוצלעכע מלאכות, און די וואַרשטאַטן זיינען נאָך פון פאַרן מבול. אָט—

די בערסאָנער פּראָפּטעכנישע שול נויטיגט זיך אין פיל אויס־בעסערונגען. דער חבר דירעקטאָר, אליין א האָדעוואַניק פון דער

דאָזיגער שול, זיינע בעסטע יאָרן דאָ־אָ אויסגעלעבט, אַלע שווערע ציַיטן דאָ דורכגעמאַכט, איז אים יעדע קלייניגקייט איינגעבאַקן אין סאַמע האַרצן, קאָן ער קאַטעגאָריש וועגן זיין פּראָפעסאָר־ניקאָס ניט ריידן. פעלט אים וואָסער ניט איז שטיקל געצייג, איז ווי ס׳וואָלט אַ גליד אים אין זיין קערפּער אויסגעפעלט. צו דער מלוכה האָט ער קיין תביעות ניט. אדרבא, די אַרבעטער־מאַכט טוט מערער ווי זי איז ביכולת צו טאָן פאַר דער שול. ס׳איז אָבער ניט גענוג.

— אָט, ווען מ׳זאָל נאָר קאָנען באַקומען די נייסטע, מאָדערנע אינסטרומענטן פאַרן יונגוואַרג. און אַזאַ וואַוילע, פלייסיגע יונג־וואַרג, סיי ביי די וואַרשטאַטן, סיי ביי די קורסן. פונדעסטוועגן האָבן מיר פאַרט עפּעס אויך אויפגעטאָן...

אַ יונגנטלעכער שמייכל צעשפּרייט זיך אויף זיינע בלייכע ליפּן. גאַנצע 150 קינדער פאַרמאָגט ער דאָ. 110 אינגלאַך און 40 מיידלאַך. צווישן די אינגלעך געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זיינען מיט אַ קאָפּ העכער פון חבר דירעקטאָר. ביי אים זיינען זיי אַלע קינדער. זיינע קינדער. דאָ געפינען זיך אַ סלעסאַרניע, סטאָליאַרניע, טאָקאַרניע און אַ גיסעריי. און אָט־די־אָ קליינע גיסעריי איז אַ נייע. מ׳קאָן זאָגן מיט אייגענע הענט אויפגעבויט. מיט די הוילע הענט אויפגעבויט, קאָן מען זאָגן. דערפאַר אָבער דער גראַמער בנין מיט די ציכטיגע, ליכטיגע חדרים פאַר די לימודים איז דאָך שוין עפּעס אַ יש. וואָס, ניין? די קורסן באַשטייען אין צייכענען, פיזיק, מאַטעמאַטיק און שפּראַכן. די לימודים ווערן געפירט אין אידיש. געוועזן גרויסע שוועריגקייטן מיט דער טערמינאָלאָגיע אויפן טעכנישן, פיזישן און אַנדערע געביטן. נו, די סאָוועטן־מאַכט האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון אידישע געלערנטע, און די שוועריגקייטן האָט מען בייגעקומען, און דאָס אידיש לשון איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ סך נייע טערמינען, אָט.

אין ברייטן, געוועלבטן קאָרידאָר הייגגט די שול וואַנט־צייטונג, „דער יונגער מעטאַליסט״, אין אידיש געשריבן און מיט צייכנונגען באַמאָלן. אין אַ ווינקל צו דער רעכטער זייט ציען די אויפמערקזאַמקייט קורצע, געטאָקטע שורה׳לעך. וואָס איז דאָס, אַ ליד? יע, אַ ליד, געשריבן פון די שילער. אָט איז דאָס:

אַ גרוס.

אַ גרוס אייך, רוישיגע וואַרשטאַטן,
פון ווייטע, בלויע האָריזאָנטן;

פון שטילן דערפעלע, פון זאטן,
מיט פרישן זומער־טאָג, מיט בלאָנדן.

א גרוס אייך, שלאנגיגע טראנסמיסן,
א גרוס אייך, ברומיגע מאשינען,
איך קום אייך פייערלעך באגריסן
מיט הארמאָנישן באגינען.

א גרוס אייך, האמער־קלאנגען פלינקע.
איך וועל ניט קיינמאָל ווערן מיד
אייך צו שאפן און באזינגען
מיט א הייסער, פרייער ליד...

אונטערגעשריבן: מ. קייזערמאַן.

רווישן די שילער, ווי יונגע בינען, ארום די פריש־אָנגעקומענע אזש פון אמעריקע באזוכער. אזוי, א שיין לידל? וואו איז ער, דער פארפאסער? וואָס באהאלט ער זיך, דער פּאָעט? נו, אָט איז ער, דער חברה־מאן. א הויכער, שלאנקער בחור'ל, 18 יאָר אלט, א דאָר־פישער אליין, איז ער ניט לאנג אָנגעקומען אהער פון זיין שטילן דערפעלע, וועלכער איז אזוי זאט מיט פרישן זומער־טאָג, און האָט געבראכט די פייערדיגע באגריסונג פון ווייטע, בלויע האָריזאָנטן אהער צום כערסאָנער פּראָפטעכניקום, וואו ער, צוזאמען מיט זיינע חברים־שילער שאפן די פלינקע האמער־קלאנגען און באזינגען זיי מיט א הייסער, פרייער יוגנט־ליד...

די איבעררייס־צייט איז שוין אריבער, נאָר חברה וויל אזוי גערן וויסן א סך זאכן, איז אזוי גיריג צו הערן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן, וואָס פאר א סאָרט שולן זיינען דאָרט און צי איז דאָרט פאראן אזא־אָ אידישער פּראָפטעכניקום און צי איז דאָרט אויך אזוי און אזוי... פראגן שיטן זיך פון אלע זייטן, נאָר אָט גיט דער גלאָק א קלונג. מוז מען דאָך שוין גיין צוריק אין די לערן־צימערן, און נאָך גאָר ניט באַ־וויזן זיך ווי ס'באדארף צו זיין א שמועס טאָן... איז וואָס־זשע טוט מען? א דעלעגאציע! און כהרף־עין איז שוין א דעלעגאציע פאר־טיג: צוויי פון די שילער, א לערער אין דערמיט, און—

— חברים, אָנגעלייגטע געסט זענט איר ביי אונז. אזוי־אָ אָפּלאָזן אייך טויג נישט. בעטן מיר אייך, קומט צו אונז היינט אָוונט, האלב זיבן אזייגער, צו אונזער פארזאמלונג, טאקע דאָ ביי אונז אין אונזער קלוב, וועלן מיר זיך נעענטער באקאָנען. איר וועט אונז

דערציילן פון דאָרטן, און מיר וועלן פאר אייך אין די אויגן אָנגיין מיט אונזערע טועכצן דאָ, וועט איר האָבן א גרוס צו ברייגגען... איז אָפּגעמאכט?

— יע, אָפּגעמאכט.

— איז אויסגעצייכנט, בראוואָ!

אין פארלויף פון אייניגע מינוטן איז דער קלוב־זאַל געוואָרן אָנגעפילט. אויסער די שילער זיינען געקומען נאָך איינגעלאַדענע און ניט־איינגעלאַדענע לערער און שילער פון אנדערע שולן. ביז די פארזאמלונג וועט אָפיציעל געעפנט ווערן כוואַליעט זיך א לעבעדיגער גום רייד, קייקלט זיך ארום די ווענט און שלאָגט זיך אָן אָן די בייי־שטידלעך, פארלויפט אין די ווינקלען און טוט א פלים ארויס דורך א געעפנטן פענצטער אין דער ברייטער שטילער גאס אריין. אין פרעזידיום דערוויילט מען אויך די געסט. איין עלעקטריש לעמפּל באלויכט מער די בינע. דער זאַל בלייבט אין האלב טונקלקייט. עמיצער פון די שילער דערקלערט, אז דער כערסאָנער שטאָט־ראט שפּאָרט לעצטנס עלעקטרישע קראַפט. היינט אָוונט איז דער גורל אויסגעפאלן אויפן פּראָפטעכניקום.

— פון וואָס מ'מאכט דאָ א וועזן...

דער יונגער, הארציגער געלעכטער זאָגט עדות, אז מ'מאכט טאקע פון דעם קיין וועזן ניט. די זיצונג ווערט געעפנט. דער סדר־היום דורכגעלייענט, און די ריי רעפערענטן אויסגעשטעלט. מ'פארהאנדלט וויכטיגע ענינים: די לימודים אין שול, די ארבעט־קורסן אין די ווערקשאפּטן. יעדערער האלט זיך שטרייגג צום פונקט און רעפע־רירט בלויז אויף זיין אָנגענומענער טעמע. די סטודענטקעס שטייען ניט אָפּ פון די חברים סטודענטן. אָט רעדט איינע וועגן די גיסערייי־מאָדעלן און ציינט אָן געוויסע געמאכטע פעלערן. נאָך יעדן רעפע־ראט הויבט זיך אויף א זאכלעכע דיסקוסיע. דערליידיגט איין ענין, איז גלייך אריבער צום צווייטן, צום דריטן, א. אז. וו., א. אז. וו.

צוליב די געסט ווערט דער אָוונט פאַ'צויגן לייגגער, ווי גע־וויינטלעך. עס גייט אוועק א סדרה פראגן און ענטפערס. אלע נע־מען דעם וואַרעמסטן אנטייל אין דעם אמת־חבר'שן שמועס. די שטימונג שטייגט אַלץ העכער און העכער. מען צעגלידערט און מען קלייבט זיך פאנאנדער אין יעדן קולטור ענין מיט'ן טיפסטן ערנסט, און אלץ ווערט געפירט מערסטנס אין אידיש. עס זיינען אויך פאראַן פאלן, ווען א סטודענט, צי א סטודענטקע, ספּאָטיקעט זיך אין אידישן אויסדרוק, עס פעלט אויס צומאָל דער ריכטיגער אויסדרוק, גייט מען

אריבער אין רוסיש. דער כּלל איז, ריכטיג צו פאַרשטיין די זאַך, און צוליבן לשון וועט מען ניט מקריב זיין א וויכטיגן געגנשטאַנד. ניט מער וואָדען? דער טעכניקום ווערט געפירט אין דער אידישער שפּראַך, איז דאַרף מען זיך אויסלערנען פריי צו באַנוצן זיך מיט אידיש, איז לערן זיך אויס, פּראַקטיציר אויף וויפיל דו קאָנסט, דער־ווייל . . .

דערווייל האָט פּאַסירט, אז דער איינציגער עלעקטרישער לאָמפּ האָט זיך אויסגעלאָשן... דער פאָרזיצער האָט זיך אפילו אויף איין מינוט ניט פּאַרלאָרן. אין דער פינצטער האָט ער אויסגערופן צו איינעם, ער זאָל גיין געוואויר ווערן, וואָס האָט געטראָפן: צי עפּעס איז קאַליע געוואָרן, צי אפשר איז שוין געקומען די שעה, ווען די עלעקטרישע באַלויכטונג ווערט אָפּגעשלאָסן. ארויסגעוויזן האָט זיך גראַד דאָס לעצטע. און ביז וואנען מ'האָט פון ערגעץ דאָביוועט א ליכטל, איז זיך די זיצונג אָנגעגאַנגען. מ'האָט קריטיקירט די וואַנט־צייטונג, „דער יונגער מעטאַליסט". מען האָט אָנגעוויזן די שוואַכע זייטן און פאַרגעשלאָגן אויסבעסערונגען.

אין דער פינצטער האָט זיך געפילט די גרויסע אויפגייענדיגע ליכט פון דער נייער יוגנט, וואָס וויסט און פילט אויף זיך די גרויסע אחריות פון נייעם לעבנס־שטייגער. שעפעריש איז אַזאַ יוגנט און בויעריש.

אין שטילן דרויסן איז אַ וואַרעמע געהאַנגען די דרום־נאַכט. גרוים־אויגיגע שטערן האָבן זיך איבערגעוואונקען און מיט ליבשאַפט געקוקט אויף דעם וואַקסנדיגן נייעם, יונגן קרעפטיגן דור, וואָס האָט זיך שטיפעריש ארויסגעשאָטן אויף דער שטילער, ברייטער גאַס.

— גוטע נאַכט, ליבע קינדער!

פון דער ווייטן האָט זיך געהערט די סירענע פון'ם דאַמפּפער, וואָס איז אָפּגעשוואומען קיין אָדעס.

אין און אַרום קאַלינינדאַרף

קיין אויטאָ אויף אַרויסצופאָרן צו קאַלינינדאָרף איז צו יענער צייט ניט מעגלעך געווען צו קריגן. ניט דער אָרטיגער אָזעט און ניט דער קאָמזועט האָבן אַזא זאַך געקאָנט צושטעלן. די פּאָר אויטאָ־מאָבילן, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייער רשות, זיינען געווען פאַר־נומען מיט ביליכערע ענינים, ווי צו באַדינען געסט. תבואות פון אָפּגעשניטענע פעלדער, צייטיגע גרינסן פון די גערטענער און „באַש־טאַנעס", אָנגעגאָסענע טרויבן אין די האַרבסטיגע ווייןגערטנער, זאַפטיגע פרוכטן אין די סעדער האָבן אָפּגעטאָן זייער זומערדיגע אַרבעט און האָבן אומגעדולדיג געוואַרט, אַז דער מענטש, דער אַר־בעטער, זאָל זיי טאָן זייער רעכט. איז געבליבן צו פאָרן מיטן באַן. פון אָזעט האָט מען טעלעפאָנירט אין קאַלינינדאָרף, אַז צו אַזא און אַזא שעה אין אָוונט זאָל וואַרטן אַ פור ביים נייעם „פּאָלוסטאַנאָק", אַ וויאָרסט פיר פון דער קאָלאָניע, און פאַרנעמען דאָס פּאָרל באַזור־כער. שוין גוט.

דער פריינטלעכער קאָנדוקטאָר האָט זיך ווי באַאומרואיגט:

— נו, און וואָס וועט איר טאָן, אויב קיין פורל קומט ניט?... אין מיטן פעלד ביינאַכט. ניט היימלעך. וואו וועט איר זיך פּריי־טוליען?... דערוויסנדיג זיך, אַז דער אָזעט האָט עס באַזאָרגט דורכן טעלעפאָן, איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן:

— נו, אויב אַזוי, איז שוין רעכט, איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

דער נייער „פּאָלוסטאַנאָק" האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט מער, ווי אַ פריש אָנגעשאָטענע, ערדענע פּלאַטפאָרמע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געוואַלגערט אָפּגעטעסעטע קלעצער. קיין סימן פון עפּעס אַ געביידע איז נאָך ניט געווען. בכלל האָט זיך קיין באַן דאָ קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט ביז אַהער. נישט נויטיג געווען. נאָר לעצטנס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז צוליבן הויפּט־פּונקט פון אַי־דישן ראַיאָן, כדי צו באַדינען אים, וועט מען דאָ מוזן איינאָרדענען אַ שטיקל אָפּשטעל (פּאָלוסטאַנאָק) פאַר קאַלינינדאָרף. איז אָט די פריש־אָנגעשאָטענע, ערדענע פּלאַטפאָרמע און די אָפּגעטעסעטע

קלעצער, וואָס גלימצערן מיט׳ן נאַקעטן לייב אין דער לבנה־לאָזער נאַכט אריין.

:: :: ::

מיט טראַציגן געפייף און רעדערגעדריי האָט זיך דער לאָקאָ־מאָטיוו אוועקגעטראָגן ערגעץ אַהין, אין נאַכטיגן חושך, צוגענומען מיט זיך דאָס אייגציגע שנירל ליכטיגקייט פון די נאָכלויפנדיגע וואַ־גאָנעס און איבערגעלאָזט אין מיטן פעלד, אין דיקער נאַכטיגקייט דעם נייעם קאַלינינדאָרפער „פּאַלוסטאַנאָק״ אַ פאַרוואָרלאָזטן. ארום האָט געשמעקט מיט ערדן־זאַפט, מיט האָלץ־ריח און מיט אָפּגעקאָ־סעטן היי. פון פאַרבאַהאַלטענע ווייטקייטן האָט זיך געקייקלט אַ קלינגענדיגע, **יונגע הירזשערייַ פון אַ לאָשיקל**, וואָס האָט מן־הסתם אוועקגעבלאָנקעט פון זיין געפּענטעטער מאַמע און ניט אזוי גיך גע־פונען דעם וועג אויף צוריק. זיין מאַמעס געזעצטער הירזשען־ענטפער, אין קורצע אינטערוואַלן און ווי אַביסל אונטערן נאָז, האָט אָפּנים דערפרייט דעם יונגן שפּרינגערל, און ער האָט דאָס פראַנק און פריי געלאָזט ווייסן אין דער ארומיגקייט אַ מיט די יונגע, דינע פּיסק, און מיט דער יונגער, גלעקלדיגער האַלז.

שטיל. אַ בלינדע ליגט די נאַכט אין גראָזיגער ווייכקייט. די אויגן זעען ניט די פיס. די אויגן זעען ניט די הענט. פון הויכן געוועלב האָט דער האָרן פון שפּע זיך פאַנאַנדערגעבונדן, און אַ בלאַנקנדיגע קילקייט האָט גענומען שטייפן די גלידער. וואָס־זשע הייסט? וואו איז דער פורמאַן מיט זיין פורל?... מעגלעך נאָך ניט געקומען?... אַ? וואָס?

— אָהאָי! — אָפּגעוואָרט אַ רגע, צוויי; דערנאָך שטאַרקער, מיט די גאַנצע לונגען:

— געפינט זיך דאָ ערגעץ אַ פור פון קאַלינינדאָרף? — אויס־געצויגן: קאַ—לי—נינדאָ—רף. ענטפערט! רופט זיך אָפּ!..

— אַ־אַ־אַ־אודאי דאָ. אָט בין איך...

דער מיט גוואַלד אויפגעטשוכעטער קול זעגט ווי אַ שולדיגע, צעשטשערבעטע זעג, נאָר עס ווערט מאָדנע פריילעך און גרינג אויפן האַרצן. און ס׳גייט אוועק אַזאַ מין שמועס:

— וואו זייגט איר דאָרט?

— וואו זאָל איך זיין? אָטאָ ביים הרעבליע. קומט אַהער...

— אָט אַ איך. מיר ווייסן דען וואוהין צו גיין?

— אוי, אַ קאַפּ... טאַקע פון וואַנען זאָלט איר ווייסן? נו, האָט קיין פאַריבל ניט. גאָר פאַרגעסן. איינגעדרימלט אויף אַ רגע. אָט קום איך צו...

אַ ברייטע, פאַרמאַזאָליעטע האַנט איז מיט פולער וואַרימקייט צוגעפאַלן צו די אויסגעשטרעקטע הענט, אין דער פינצטער.

— נו, נו, מ'האָרעוועט זיך אָן דורכן טאָג. איר פאַרשטייט דאָך, און אַזאַ טייערע קילע נאַכט, שלאָפט זיך איין געשמאַק, איינגעגנורעט אין דער בורקע און אין פרישן ביסל היי. איר פאַרשטייט דאָך. געהערט אין שלאָף, ווי דער באַן האָט זיך דורכגעטראָגן... האָט זיך גאָר געפּלאָנטערט אַ חלום... ווייס איך דאָרטן וואָס... נו. זעצט זיך אַריין אין ברינטשקעלע. ס'איז אויף רעסאָרן, וועט זיין ווייך צו זיצן. האָב עס גוט איינגעלאָדעוועט. איין רעסאָרע איז אַפילו עטוואָס צעבראָכן, אָבער איך האָב עס צורעכט געמאַכט. און פערדעלעך צוויי, און ווי ווייט איז דאָס גאָר אינגאַנצן...? זעט איר ביים „פּאַראָם" עט מען אפשר...

וואָס האָט דער פורמאַן דערציילט? ווי לאַנג נאָך האָט ער געערדט פון דער צעבראָכענער רעסאָרע, וועלכע ער האָט אַזוי גוט איינגעלאָדעוועט?... נו, ווער האָט זיך צוגעהערט? אַז וואָס ווייטער אין נאַכטיגן פעלד, אונטערן טאָפּ־טאָפּ פון פערדישע קאָפּיטעס אין ווייכן גרונט, אונטערן פרייליכן פאָרשקען פון פערדישע נאָזלעכער, אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל שאָטנס פון אַמאָל, פון אַ פאַרגאַנגענעם אַמאָל, וואָס וויל זיך אַריינפלעכטן און אַריינוועבן און צונויפבינדן זיך מיט'ן איצט, מיט איצטיגער, האַרטער, געזונטער ווירקלעכקייט, — אַז די אָפענע אויערן כאַפּן אויף אַלץ, אַלע דינסטע אָפּקלאַנגען פון ערגעץ אַנדערש, פון ווייטן ווייט, אָבער אַזאַ וואָכעדיגקייט, ווי אַ צעבראָכענע רעסאָרע... ווער מען גייט עס אָן? —

:: :: ::

אַ העלער פּאַס האָט אַ גלאַנץ געטאָן פון אונטער אַ הויכקייט. דאָס איז דער טייך „אינגוליעץ" און באַלד קומט דער „פּאַראָם". קיין שטענדיגער בריק איז נאָך ניטאָ דערווייל. וועט מען אַריבערשווימען...

— עליע! — ע־עליע! — וואָס ענטפערט ער ניט? צי איז ער גאָר צו'ן אַלדע גוטע יאָר דאָרט ניט איינגעשלאָפן... אַז אַזאַ טייערע, קילע נאַכט... נאָר עליע רופט זיך אָפּ שטאַרק באַליידיגט:

— נאַ דיר גאָר איישלאָפן. ווייסיך וואָס. איך מאַך צורעכט די שטריק. האָסטו דיר גאָר איינגעשלאָפן... וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער רעסאָרע? האַלט זיך נאָך?—

— האַלט זיך, ווידען? נאָר פונדעסטוועגן וואָלט געווען גלייכע די פּאַסאַזשירן זאָלן זיך מטריח זיין און אַראָפּקריכן, ווארים מאַלע, ווי אַ זאַך מאַכט זיך. אַרויפשלעפּן זיך אויף דעם „פּאַראָם".

— האָ, וואָס זאָגט איר...? די פּאַסאַזשירן האָבן זיך מטריח געווען.

:: :: ::

אין אכסניה־שטוב איז מען אויף. אויסער די אָנגעקומענע פון מעבר־לים געפינען זיך אויך אַ פּאָר יונגע מענטשן, אראָפּגעקומענע פון קרייז־באַצירק. יעדער איינער פון זיי האָט אַ באַשטימטע סביבה צו באַזוכן אין שייכות מיט דער תבואה־זאַמלונג. אָפּגעשטעלט זיך אין קאַלינינדאָרף אויף איבערצונעכטיגן. זיצט מען ביים הייסן טיי און מען שמועסט. די טיר האַלט זיך אין עפענען. מ'קומט אריין. מ'וויל זיך שוין באַקאָנען מיט די געסט, ניט אָפּלייגן אויפן מאָרגן. צווישן די אריינגעקומענע זעט זיך אויסערסט אָן דער שעף פון דער ראַיאָנער מיליציע. אַ הויכער, שטאַלטנער, פעסט געבויטער יונג מיט אַזעלכע ווייכע, גוטמוטיגע אויגן, מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ גוט־ברודערישן חבר, איידער פון אַ „נאַטשאַלניק". אויפן טיש איז אָנגעשטעלט: פּוטער, קעז, פרישע סמעטענע, געשמאַקער קאָרנענער ברויט. דער עולם בייסט צו מיט אַפּעטיט און פאַרזופּט מיט הייסן טיי. עמיצער לויבט די סמעטענע. אַן אַנדערער גיט צו מיט אַ שעלמישן וואונק:

— פאַרגעסט נאָר ניט, ליבינקע, ס'איז אידישע סמעטענע... אַ געלעכטער. וואָס הייסט עס „אידישע" סמעטענע?...

— אָט דאָס איז דאָך דאָס. אפנים, ליבינקע, אייער אידישע נשמה ווערט צוביסלעך אין גאַנצן אויסגעוועפּט. פאַרטעמפּט געוואָרן אייער אידישער חוש פאַר אמתער אידישער סמעטענע. אָט איז דאָ באַן־אונז געווען אויף באַזוך מיט אַ שטיקל צייט צוריק דער אידישער גדול, רעב שלום, איז האָט ער זיך פשוט צעוויינט ווי אַ קינד איבער אַ שיסעלע אידישער סמעטענע. זיכער איז דאָס געווען פון גרויס שמחה, וואָרים ביי זיך אין זיין שטעטל האָט ער מסתם קיין אידישע סמעטענע אין די אויגן ניט אָנגעזען. אין תל־אָביב האָט ער אפשר יע פאַרזוכט סמעטענע, ס'איז אָבער ניט געווען קיין עכט אידישע סמעטענע. דאָס איז געווען העברייאישע סמעטענע. דאָ אין קאַלינינדאָרף, אין אידישן ראַיאָן, איז דער אידישער שטערן אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פאַרן שיסעלע אידישע סמעטענע, אַז ער אָט אַזש אַ אידישע טרער פאַרגאָסן פון גרויס התפעלות איבערן ביסל אידישקייט אין געשטאַלט פון — — — פשוט'ער סמעטענע.

:: :: ::

אויפגעשטאַנען איז אַ לויטערער מאָרגן איבער קאַלינינדאָרף, דעם צענטער פונם ערשטן אידישן ראַיאָן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די

דאָזיגע אידישע קאָלאָניע ציילט שוין אריבער הונדערט יאָר עקזיס־טענץ. גערופן האָט מען די דאָזיגע קאָלאָניע „באָלשאַיאַ סעידע־מענוכא”, מן־הסתם פון „סעד ומנחה”, אָדער „שדי־מנוחה. די „מנוחה” (רו) איז אָבער געווען מערער א פּאַפּירענע, און די קאָ־לאָניסטן — — —

נאָר צו רו לאָמיר לאָזן דעם אמאָל. איצט איז דאָס קאָלינינ־דאָרף, דער צענטער פונם ערשטן אידישן קאָלאָניזיר־ראַיאָן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, און לעבעדיג איז דער דאָזיגער קליינער אידישער ראַיאָן. פון די 42 דערפער אין ראַיאָן זיינען 34 אידישע. די אידישע קאָלאָ־ניסטישע באַפעלקערונג מאַכט אויס 84 פּראָצענט פון 16 טויזנט נפשות. פון די 19 קינדער שולן זיינען 13 אידישע. 2 שולן 7־יאָריגע. איין אגראָ־שול. פיר אייגענע שפּיטעלער. דאָרף־ראַטן. לערער פערסאָנאַלן. גרויסער אינטערנאַט פאַר קינדער פאַרנעמט גאַנצע 8 הייזער אין דער קאָלאָניע „פריילעבן”. באַזונדערע היגיע־נישע קיך. לייען שטיבלעך. ביבליאָטעקן. קלוב־צימערן. שיינע קאָאָפּעראַטיוון. גרויסע, איינגעפונדעוועטע טראַקטאָר־באַזע אין דער קאָלאָניע „שלום־עליכם”, קאָזיעאינאָווער זאַוואָד, וואו פון סיוואָ־ראָטקע ווערן געמאַכט קליי, פּערל־מוטער און אנדערע ארטיקלען, אין קאָלינינדאָרף גופא. קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, איין סאָווכאָז, איי־גענע 52 טראַקטאָרן, און נאָך און נאָך אינווענטאַר. 1200 נייע ווירטשאַפטן צוגעקומען אין ראַיאָן. 40 פּראָצענט פון די־אָ ווירט־שאַפטן שוין קאָלעקטיוויזירט.. 24 נייע פּאָסיאָלקעס.

דער חבר גיטליאַנסקי, דער פּאָרזיצער פון ראַיאיספּאָלקאָם, רעדט רואיג און געלאַסן. ער איז אַזוי באַהאַוונט אין אַלע פּרטים פון זיין ראַיאָן, און עס איז פאַר אים קיין נייעס ניט, וואָס מ'באַ־קלאָגט זיך און מ'איז רק ניט צופרידן. די פראַגע איז, ווער באַ־קלאָגט זיך? דער אַלטער דור, וואָס קאָן בשום אופן ניט פאַרגעסן דעם פייער־טאָפּ און דאָס בידנע קרעמל, די גראָשנדיגע מסחרים זיינע...

— דער יונגער דור איז אונזערער, און דאָס נייע לעבן געהערט צום יונגן דור. אָט זעט, אונזער בודזשעט באַטרעפט 132,000 רובל. 67 פּראָצענט פון דעם גייט אויף קולטורעלע צוועקן, אויף סאָציאַלע אויסגאַבן. נו, שמעקט דאָס ניט דעם געוועזענעם קרעמערל. מען וואָלט דאָך מיט אַזא קאַפּיטאַל געקאָנט עפּעס א האַנדל טאָן, און מ'נעמט גאָר און מען פאַרטאַכלעוועט עס אויף קולטור־שמלוטור... נו?

:: :: ::

דער שעה פון דער מיליציע פארבעט צו זיך אין קאנצעליאריע. די מיליציע־הויז איז טאקע דאַ־אַ דערביי. דער אַרעסטאַנטן־קאַמער אויך אין שכנות, אָפּגעצאַמט פאר פרויען באַזונדער און פאר מענער באַזונדער. די פרויען־אָפּטיילונג פוסטעוועט. אין מענער־אָפּטיילונג געפינען זיך גאַנצע צוויי אַרעסטירטע. איינער אַ איד. די אַרעס־טירטע (גנבה חשד) שמועסן זיך דורך מיט'ן שעה דורכן פענצטערל, אַז היות, געסט אַזש פון אמעריקע זיינען דאָ פאראַן, איז ניט מער ווי יושרדיג, אַז מ'זאָל זיי דערלויבן זיך דורכצורייַדן מיט די באַזו־כער. אַ מיליציאַנער שליסט גערן אויף די טיר, אלע פארקלייבן זיך אינעווייניג און מ'צערעדט זיך גאנץ געמיטלעך.

:: :: ::

דער אויטאָמאָביל האָט זיך שוין צעהודיעט און געגרייט זיך אין וועג אַריין איבערן ראַיאָן. נאָר אָט לויפט אַ יונגער בחור און מאַכט מיט דער האַנט, אין וועלכער ער האַלט אַ צעשפּרייטע בלאַט:

— נעמט מיט, איך בעט אייך, נאָר וואָס אָנגעקומען. לייענט חבר שכנא עפּשטיינ'ס אַרטיקל „זאָלן זיי גיין". דאָס איז וועגן אייערע אמעריקאנער ארבעה בנים, די חשוב'ע פיינשמעקערישע איד־דישע אידן, די גרויסע לייט, וואָס האָבן זיך אַזוי אָנגענומען ציונ'ס קריוודע און אוועק פון דער פּראָלעטארישער „פרייהייט". לייענט און דער ציילט „זיי" דאָרטן, וואָס מיר דאָ דיינקען וועגן זיי. יע, יע, אדרבא...

:: :: ::

אין אויטאָמאָביל געפינען זיך אויך דער מיליציע־שעה, דניע־סטראָוסקי, און דער „סליעדאָוואטעל" (אויספאָרשער) פון ראַיאָן, די יונגע חבר'טע בוקטשינא. אַ דאַרינקע, אַ קליינע, נאָר קוועק־זילבעריג, האָט זי אַזוי פיל צו דערציילן פון אירע דערפאַרונגען. דער אויטאָמאָביל איז אַן אָפענער. אַ קילער ווינט נעמט דורך די ביינער, און די קליינע, דאַרע מיידל, דער „סליעדאָוואטעל" פון ראַיאָן, טוליעט זיך צום דיקן שינעל פון מיליציע־שעה. מען שטעלט זיך אָפּ אין „פריי־לעבן", אין „אינדאָרף", אין „וויסברונעם", אין „שלום־עליכם" און אין פיל אנדערע קאָלאָניעס. אומעטום איז פאַראַן אַן אָרטיגער אינטערעס. אין איין קאָלאָניע, גייענדיג איבערן גאַס, דערהערט מען אַזאַ האַרציג־פרייליכען, מיידלשן געזאַנג. אין אַ באַרג קוקורוזע זיצט זי אין דער מיט און לישטשעט די קאַטשאַנעס און סאָר־טירט זיי פאַנאַנדער, און זינגט הילכיג אין דער פרייער וועלט אַריין מיט אַזוי פיל מונטערקייט, אַזש עס ווילט זיך מיט איר מיטזינגען, שטילערהייט נעמען מיר אַ בילד אַראָפּ פון דעם מיידל אין באַרג

קוקורוזע, און ווייטער אין וועג אריין, איבער פרייע סטעפּעס און פעלדער.

כמאַרעס הויבן זיך אָן צו פאַרזאַמלען. די זון טונקט זיך אונ־טער פון צייט צו צייט. אָן אַ זייט, אינמיטן סטעפּ, שטעלט דער שאָפער אָפּ די מאַשין. ער קריכט אַרויס פון זיין זיץ. נאָך אים גייט אַרויס דער מיליציע־שעף, דער „סליעדאָוואַטעל“, און אַלע דריי שטעלן זיך אויס לעבן אויטאָמאָביל.

— נו, פאַרטרעטלט אונז אויך אָפּ. זייט אזוי גוט, כל זמן די זון איז נאָך דאָ באַדאַרף מען אריינכאַפּן. זייער פאַרלאַנג ווערט גערן דערפילט.

:: :: ::

לעבן דער אַלטער קאָלאָניע „לוואָווא“ יאָגט אונז אָן אַ גוס רעגן. דער גענוטער שאָפער פאַרקירעוועט זיך אין אַ ברייטן, פאַר־נעמען הויף. דער אמאָליגער פּריצישער, רייכער מאַיאָנטעק איז איצט פאַרוואַנדלט אין אַן אַגראָנאָמישער אַקאַדעמיע. דאָ ווערן דערצויגן די צוקונפטיגע אַגראָנאָמען פאַרן אידישן ראַיאָן. דאָ וואוי־נען די סטודענטן און סטודענטקעס. די מערסטע געביידעס זיינען אין צייט פון בירגער־קריג חרוב געוואָרן. אויפצובויען אַלץ און איינ־ריכטן אַלץ, ווי ס׳געהער צו זיין, זיינען נאָך דערווייל געגנוג מיטלען ניטאָ. די קורסן אָבער ווערן צוליב דעם ניט אָפּגעשטעלט.

מען איז שטאַרק צופרידן מיט די געסט. נו, מיט וואָס זאָל מען די געסט מכבד זיין? מיט דער „ווישקע“.

אַרויפגעקלעטערט אויף די געדרייטע טרעפּ ביז צום שפּיץ טורעם. אַרויס אויף דער אָפענער פּלאַטפאָרמע. דער רעגן האָט אויפגעהערט. די זון, אַן אויסגעבאָדענע, האָט זיך ברייט פאַנאַנ־דערגעשפּילט פאַרן אונטערגיין, און דער דניעפּר, אַן אָפּגעפרישטער, האָט זיך אזוי צעקוואָלן פון תענוג — אַר־אוך, ס׳אַרא רחבות! ס׳אַרא חיות!

— האָ, האָ, חברים! גיט אונז צייט אַביסל, גיט אונז רו אַביסל, און איר וועט זען, וואָס מירן דאָ אויפבויען...

הו־הו־הו, חברים...

אָדעס

אָדעס איז פון שטענדיג אָן געווען פאַררעכנט פאַר אַ שיינער, מאָדערנער, פרייער שטאָט. געבויט אין רעגלמעסיגע קוואַדראַטן, די ברייטע גאַסן אויסגעברוקירט מיט האַרטע פלאַכע שטיינער אַרומגעהאַקטע און פּינקטלעך צוגעמאָסטן, די טראָטואַרן באַזוימטע מיט אַלייען אַקאַציעס, וואָס האָבן, ווי גוטער וויין, אַנגענעם סטימולירט און געקרעפטיגט מיט זייער בליאונג ריח אין פרילינג — אָדער...

אודאי איז קיין וואונדער ניט, אַז ווען איינער האָט זיינע יונגע יאָרן אַרויסגעריסן פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל און האָט זיי נאָך פריש צאַפּלדיגע אויף אָדעסער גאַסן און בולוואַרן געבראַכט, אַט אַזוי־אָ, ווי מען לייגט אויס נאָר וואָס אָפּגעריסענע גרינסן פון טויאיגן גאָרטן: נאָט, נעמט און עסט אונז אויף, און דערנאָך — — —

נאָר דאָס איז דאָך ניט דער עיקר. מאַלע וואָס דערנאָך איז געווען, אַלץ איז געווען, ווי אין יעדן לעבעדיגן לעבן. און יענע שטאָט אָדעס איז דאָך אויך גאַנץ אַנדערש געווען. א נייעם אביסל. ווער האָט ניט געוואוסט, אַז ווען איינער האָט געפירט אַ לוסטיגן, זאָרגלאָזן לעבן, האָט ליב געהאַט דעם ריכטיגן עס און דעם רעכטן טרונק, אָדער בכלל געווען אַ פאַרשייטער עולם־הזה׳ניק מיט אַלע דריידעלעך, האָט מען אויף יענעם געזאָגט, אַז ער לעבט, ווי אין אָדעס...

איז אודאי קיין וואונדער ניט, ווען דער איינער, וואָס האָט אַמאָל זיינע יונגע יאָרן מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל, געבראַכט זיי פרישצאַפּלדיגע אויף אָדעסער טראָטואַרן, צעלייגט זיי אונטער די שמעקעדיגע אַקאַציעס און מערסטנס אויסגעטוישט זיי אויף ברויט מיט טיי — און דערנאָך... יע, דערנאָך, נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס פון כמעט דריי צענדליג יאָר. אָבער דאָס איז אויך ניט וויכטיג, וואָרים — — —

„וואָס זיינען יאָרן? — נעם קאָרב אויס אַ צייכן
אויף אָפּגעלעבע נעכטנס..."

דער עיקר איז ניט דער יאָרן־איבעררייס. דער עיקר איז דער

גרויסער איבערבראָך, וואָס די גרויסע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט קיין אָדעס, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פונם גרויסן,ברייטן, ווייט צעשפּרייטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מסתּם אַזוי, וואָרים ווי קאָן אַנדערש געמאָלט זיין? — און אַז ס'קומען אויפן זכרון אַזוי פיל ערינערונגען פון יענעם אָדעס און אין געדאַנק לויפן דורך די אַלע אויפטרייסלענדיגע געשעענישן, וואָס אָדעס האָט דורכגעמאַכט אין די צייטן פון בלאָקאַדע, הונגער, בירגער־קריג, מגפות, וראַנגעלשטשינע... אוי־וך, סאַראַ לאַנגע, שווערע קייט פון צרות און פּורעניות... טאָ ווי זשע זעט אויס די איצטיגע שטאָט אָדעס?...

אודאי און אודאי איז קיין וואונדער ניט, ווען אָט דער־אָ אייגער פעדערט זיך גאַנץ פרי, נאָך איידער טאָג צעשאַריעט זיך, כדי אַ ניכטערער צו באַגעגענען די שטאָט, וואוהין ער האָט אַמאָל, אַמאָל פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל זיינע טויאיגע יאָרן געבראַכט, אונטער אָדעסער שמעקעדיגע אַקאַציעס זיי אויסגעלייגט, און מערסטנס זיי אויסגעבראַכט אויף טיי מיט ברויט...

דער טאַלאַנטפולער שולגין, דער אַמאָליגער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פונם מאָנאַרכיסטישן, אידנפרעסערישן „קיעווליאַנין“; שולגין, דער שוואַרץ־מאה'ניק און ווייס־גוואַרדייער ביזן טיפסטן מאַרך פון זיינע ביינער, דערציילט אַ סך פון אָדעס אין זיין בוך „דער צוואַנציגסטער יאָר“. אין יענעם יאָר איז אָדעס געווען דער נעסט פון דער קאָנטער רעוואָלוציע, פון באַנדיטערייען און כל'ערליי אָנשיקענישן. אומצוברייגען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען זייער איינציגער וואונש. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער געזיגט און שולגין האָט זיך קוים מיט'ן לעבן געראַטעוועט, און וויפיל ער האָט זיך ניט באַמיט אין זיין בוך „דער צוואַנציגסטער יאָר“ אַרויסצושטעלן זיינע „ווייסע“ אין שיינעם ליכט, שטעקט זייער שוואַרצקייט אַרויס אַזוי בולט, אַז ניט אומזיסט האָט די אַרבעטער און פויערים מלוכה דעם דאָזיגן בוך שולגינס אַרויסגעגעבן אין צוגענגלעכער אויסגאַבע און פאַרשפּרייט עס אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

איז גוט־מאָרגן דיר, אָדעס, דו „יוזשנאַיאַ קראַסאַוויצע“ (דרום־שיינהייט) ליגסטו אַן אָפענע פאַר מיר איצט אונטער באָלשעוויסטישע הימלען און לויטערסט מיט קילן פרימאָרגן. שפּרייטן זיך דיינע ברייטע גאַסן מיט חבר'ישער גאַסטפריינטלעכקייט און אַ מונטערער מעסט איך דיינע ציכטיגע שטיינער אונטער די שיטער געוואָרענע אַקאַציעס דיינע. קוק איך אַראָפּ פון דיין רחבות'דיגער בוכטע, אויף יענער זייט רויטן מאיאַק, ווייטער אין דיין שוואַרצן

ים אריין, און „פּאָטיאָמקין" אויפשטאנד לעבט אויף פאר מיר אין זיין גאנצן געוואגטן פארנעם. און נאָכדעם —

— ניין, נים איבערצודערציילן, ניט אויסצובאשרייבן... וואו נעמט מען גאָר אזעלכע ווערטער אויף דעם?—

:: :: ::

ער זיצט אנטקעגן מיר איינגעהאָרבעט, די הענט פארדוקט איינע איבער דער אנדערער אין די צעטרעפּליעטע ארבל פון אָפּגעריבענעם כאלאט און רעדט, און כאָרכלט, און קלאָגט אויס זיין אלטע, צע־טרייסלטע נשמה. ס'איז אים ניט גוט. אויף דער בירזשע, אין יענע גוטע יאָרן, האָט אים יעדערער געקענט, ווי א בייזן שילינגער. פלעגט ער ארויסגיין אויף דער „דעריבאַסאָווסקע", פלעגט אים די האנט געשוואָלן ווערן פון ווינטן זיך. אזוי פיל באקאנטע. היינט... ער טוט א מאך מיט'ן האנט אין ביטערן יאוש:

— איר געדיינקט דאָך אָדעס אויסגעצייכנט. נו, אדרבא, זאָגט אליין, וואו זיינען אהינגעקומען די הונדערטער שיפן, וואָס פלעגן אָנפּילן אָדעסער האפנס, וואו? — אוועק מיט'ן תבואה־מסחר צוזאמען. נו, און „פאנקאָני"? — איר געדיינקט דאָך מסתמא „פאנ־קאָנין". אזא פארגעניגן געווען נאָכן טאָג „ארבעט", נאָרן אָנלויפן זיך, ווי א הונט, און נאָכן אָנריידן זיך, ווי א פויק, זיך ברייטלעך אוועקזעצן זיך ביי „פאנקאָנין" אויפן טראָטואר, לעבן מירמעלנעם טישל, ביים גוטן באָקאל וויין, צי ביי דער געשמאקער קאווע, קוקן אויף די אויסגעפּוצטע דאמען און רויכערן דעם ציגאר. אמת'ער פאריז געווען. איז איצט, זייט מוחל, דאָרטן א „צעראָבקאָפּ"... אָן ארבעטער קאָאָפּעראטיוו, מען קריגט דאָרט אפילו איצט אויך א „פּיראזשנע", וואָס אמת איז אמת, אָבער וואָס פאר א טעם האָט דאָס, אז יעדער „פּראָסטיאַק", יעדער כאמולע אין שטיוואליעס פילט זיך דער גאנצער „יאטעבעדאם" און קוקט גאָר אויף אייך פון אויבן אראָפּ...

:: :: ::

אנאנדערער. א מענטש אין די טיפע זעכציגער, פּנים געל און צעקנייטשט, אויגן שטעכיגע און פול מיט שנאה, טוט ער א פיר מיט די שיטערע, סיווע וואָנצעס און קערט זיך אָפּ אָן א זייט. ער וויל ניט ריידן. נאכסאָל? — ער האלט אָבער ניט אויס:

„שטאָ ווי זנאיעטע"? (וואָס ווייסט איר?). ער רעדט שנעל און פליסיג אין א ריינעם רוסיש. — וואָס האָבן זיי געמאכט פון מיר? א „פּאָמעשטשיק" געווען. ארומגעפאָרן אין טייערן

פּאַטאַן מיט די גוטע פערד, געווען געאַכט און געשעצט... ער בויגט זיך צו איבערן טישל, גלייך ער וויל אָן ערנסטן סוד אויפדעקן:

— קיינער האָט מיך קיינמאָל ניט אָנגענומען פאַר אַ איד. אין סאַמע פלאַקער פון פּאָגראָם פראַנק און פריי אומגעגאַנגען אומעטום, און קיינער האָט ניט געסמייעט מיך זאַטשעפּען... איר פאַרשטייט?

—נאָר וואַרט אָקאָרשט אויס אַ ביסל. איך ווייס, וואָס איך רייד. איך קום צווישן פאָלק, הער איך וואָס מען רעדט אין דער שטיל... זאָל מען נאָר קריגן געווער אין די הענט... נו, נו... אָט וואָס. וואָרים באַטראַכט נאָר; געגומען די גרויסאַרטיגע „בראָדער כאָר־שול“ און אוועקגעגעבן צו שוסטערס פון אַ פאַבריק פאַר אַ קלוב, אַ טעאַטער. אזא מין גראַביאַנסטווא. געגומען דעם „דאָם פּריקאַז־טשיקאָוו יעוורעיעוו“ (הויז פון אידישע קראָם־משרתים) וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַן אייגנס מיט גאָלד, און נאַ דיר גאָר אַ פאָלקס־הויז פאַר אידישע אַרבעטער. לייגט מען איצט דאָרט אוועק דעם טאַטן מיט דער מאַמען. עפּעס אַ קליינינקייט אויסצורײדן, פּש! — שוסטערל און שניידערל באַלעבאַטים געוואָרן אויף „פרעמדע“ האָב און גוטס...

דער ערשטער לייגט זיך אריין אין אַ פּשרה:

— למאי פאַרלייקענען? פון אַרבעט און האָרעוואַניע נעמט זיך אַלדאָס גוטס אויף דער ערד. און דער האָרעוואַניק איז אויך אַ מענטש מיט אַ נשמה. אָבער ניט אַזוי באַדאַרף מען צוטרעטן צו אַזאַ ענין. אַזאַ־אַ ענין איז ניט פאַר שוסטער־שניידער. אַזאַ־אַ ענין איז פאַר „גרויסע קעפּ“, וואָס ווייסן וואו איין, וואו אויס, פאַרשטייט איר מיך...

אויף דער ברייטער פאַרנאַכטיגער גאַס איז רודערדיג. יונג־וואַרג מאַרשירט אין געשאָלסענע רייען מיט הילכיגן געזאַנג. רויטע פאָן פלאַטערט איבער די יונגע קעפּלעך. יונגע טריט קלאַפּן צו צום טאַקט איבערן געפלאַסטערטן ברוק. אָפּגעלעבטע אומצופרידנקייט און קראַפּטלאָזע שנאה לאָזן אַראָפּ די אויגן און שלייכן אַוועק, ווי שוואַרצע שאָטנס, אַזוי מיט אַ זייטל, מיט האַלבע אומגעדרייטע פּנים׳ער, גיכע, אַלטע טריטעלעך, ביים וואַנט, ערגעץ אין אַ ליקל, מ׳זאָל ניט זען, מ׳זאָל ניט באַמערקן, מ׳זאָל אַליין ניט הערן דעם מאַרש, וואָס רופט און וועקט, וואָס רוישט און ברויזט אַזוי בראַוו און אָפּפערווויליג:

„...און הויך אין הימל זוניגן
עס פלאַטערט רויטע פאָן.
מיר אויף די פערד אין געלאַף אַהין,
וואו שונא זעט זיך אָן...

באַהאַלטן איז דער שונא. ליגט ער הינטער בלינדע ווענט און זויגט זיין אויסגעדאַרטע לאַפּע, נערט זיך מיט סמ'יגער שנאה און פאַרגיפטעט זיך אַליין, נאָר וואַך איז די אויג פון דער רעוואָלוציע און ווערט ניט מיד, קיימאָל ניט מיד און שטענדיג גרייט. בויט דער אַרבעטער זיין נייעם לעבנס-שטייגער אונטער דער וואַכזאַמער אויג פון זיין סאָוועטן־מאַכט אין אָדעס, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט פון גרויסן ברייטן און וויט-צעשפּרייטן ראַטן־פאַרבאַנד. קליידער פאַבריקן („שווייפּראָם"), שוך פאַבריקן אויף קאָנווייער-סיסטעם, אויסגערעכנט אַזוי פיל און אַזוי פיל קליידער, צי פּאָר שיך אין יעדער שעה, אויף אַ האָר ניט אָפּגעשטאַנען פון אַזעלכע־אַ פאַבריקן אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגאָ. פאַרמעסט מען זיך שוין מיט אַ „פאָרד"־מעטאָד פון פּראָדוקציע, שפּאָרט מען פון זיך דעם ביסן פון מויל, כדי צו דעריאָגן און איבעריאָגן די פּראָגרעסיווסטע, די פּראָדוקטיווסטע... פאָראויס! טעמפּאָ־טעמפּ, טעמפּאָ־טעמפּ!

פּולסירט די שיינע „פּאַלמירע" אויף דעם הויכן ברעג פון שוואַרצן ים מיט רויט־בלוט אין אַלע אירע סקווערן און בולוואַרן. רוישן די קאָאָפּעראַטיוון און שפּייז־הייזער פון פרי ביז שפּעטן אָוונט. טעאַטערס אָנגעפּילטע ביז די ברעגן און קינאָ־טעמפּלען העל באַלויכטענע צום דינסט פון אַלעמען. נישטאָ די פּריצישאַפט פאַרריסענע. בויגן זיך ניט קיין קעפּ און רוקנס בוקן זיך ניט מער. דער גרויסער מלוכה־אָפּערע־טעאַטער מאַניעט מיט זיינע עלעקטרישע קייקלעכדיגע לאָמפּן. די מאַסיווע טירן ברייט אָפן, און אַ געדיכטער עולם פליסט אַהין שטראָמיג און פרייליך. מ'פירט אויף „רויטער־מאָן". אַרבעטער בלוזעס אין אַלע יאַרוסן וויגן זיך לעבעדיג און פאַראינטערעסירט.

:: :: ::

אין אוקראַאינישן טעאַטער פירט מען אויף „דיקטאַטור". דער דירעקטאָר לאַדט אונז איין. אינעוויינינג דורכאויס אן אַרבעטער־עולם. דער אינטערעס וואַקסט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג און האַנדלונג פון דער שפּיל. צוזעער און שפּילער גיסן זיך צונויף אין איינס. אין צייט פון איבעררייס שטייט מען ביים בופעט און מ'פירט אָן אַ לעבעדיגע דיסקוסיע וועגן דאָס אויפגעפירטע. מיינונגען טוישן זיך, ווי אַזוי דער, אָדער יענער שוישפּילער האָט דורכגעפירט זיין ראָל, ווי אַזוי דער, אָדער יענער אַקטיאָר האָט גריינטלעך באַנומען זיין טייל, און דערהויפּט די דראַמע אַליין, ווי זי איז צונויפגעשטעלט, און וואָס עס ווערט פון דעם אַרויסגעבראַכט...

:: :: ::

אין דער אידישער קולטור־הויז, געוועזענע „דאָס פּריקאַזשטשי־קאָוו יעוורעיעוו“, רעפּעטירט מען „יונגע בונדיסטלעך“. דער דראַ־מאַטישער קרייז, דורכאויס פון יונגוואַרג, שטודירט איין די פּיעסע אונטער דער השגחה פונם לערער און רעזשיסער. דער אַרויסטריט, דאָס האַלטן זיך, די דיקציע, יעדע באַוועגונג ווערט ווידערהאָלט דורך באַזונדערע גרופּן און איינצלנע. דער רעזשיסער הייסט ניט, באַפעלט ניט: טוט אַזוי און אַזוי. דער דראַמקרייז אַליין, אונ־טער דער קוים־באַמערקבארער אָנפירערשאַפט פונם לערער, אין גאַנצן באַשטאַנד, זאָגט זיך פריי ארויס, ווער און וועלכע גרופּע אַקצענטירט בעסער, האנדלט ריכטיגער, ברייננגט אַרויס דייטלעכער און קלאָרער דאָס אויפגעגעבענע, און דאַן ערשט ווערן באַשטימט די ראָלן.

אין אַ שפּעטער שעה לאָזן מיר זיך אַוועק צום האָטעל איבערן ברייטן פּראָספּעקט. קיל איז די לויטערע דרום־נאַכט און ליכטיג. שווייגנדיג שפּאַצירן מיר אַזוי אַ ווײַלע. שווייגנדיג אַזוי שפּירן מיר דאָך איינער דעם אנדערנס געדאַנקען. און אַזוי אַ גיבן מיר זיך מאַגנעטיש אַ דריי אויס מיט די פּנים׳ער אויף אַנצוקוקן זיך, און אויגן טוען אַ בליץ אויף און פאַרגייען זיך אין אַ וואַרימען צוזאַמענ־געשמעלץ און חבר׳שער הסכמה.

— נו, איר פאָרט דאָך ניט אַזוי גיך אַוועק פון אונז...

— זיכער, מירן נאָך פאַרוויילן דאָ, ביי אייך. פאַראַן וואָס צו זען.

— זייער גוט. אַרבעט נאָר אויס אַ פּראָגראַם. חבר אַבראַם וועט שוין דאָס פולשטענדיג דורכפירן. ער איז אַ מייסטער.

חבר אַבראַם פאַרהוסט זיך. ער ליידט פון אַסטמע. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציגער, מיט אַ פאַרשנדיגן בליק, טוט ער אַזוי אַ וואָרף מיט אַ ווינקל אויג צו דעם, וואָס לויבט אים, און זאָגט גאָר ניט, נאָר אין זיין וואַרימען האַנט־דרוק ליגט דער פאַרזיכערטער צוזאָג.

קומען אויפן זכרון די פרילינג נעכט אין די אַלייען, אונטער די שמעקעדיגע אַקאַציעס, וואָס האָבן מיט זייער בליאונג־ריח אַזוי אָנ־גענעם סטימולירט און געקרעפטיגט, ווי גוטער, אויסגעשטאַנענער יוייִן. אַדעם — — — .

אַ שטעטל גייט כאַראַם

דאָס שטעטל ט., אַ טיפּיש אידישע פון דרום-רוסלענדישן שניט, געפינט זיך אויפן ברעג פון טייך דניעסטער. באַשלאָסן אראָפּכאַפּן זיך אהין אַליין מיט דער באַן, וואָס גייט אָפּ קאַיאָר. דער צוועק איז געווען אַ צווייענדיגער: אי אַ פּערזענלעכער, געוואָלט אויסגע־פינען ווען איינעם אַ נאָענטן, אי דער נייגיר אַרייןצופאַלן סתם אזוי אין אַ מיטן מיטוואָך אין סתם אַ שטעטל, וואו מיין פוס האָט דאָרט קיינמאָל ניט געטראָטן, כדי אַ קוק צו טאָן, ווי אזוי גייט דאָס לעבן־שטייגער אין סתם אַ שטעטל, אַ טיפּיש אידישע, איצטערשט־אַ.

געווענדעט זיך צום האָטעל־אויפזעער מיט אַ טאָג פריער וועגן אַ באַן־בילעט, און דער שמועס איז אַוועק אזוי:

— זייט אזוי גוט און באַזאָרגט מיר אַ בילעט אהין און אהין, אויף דער און דער שעה.

—נו, נו, און אַ דערלויבעניש האָט איר שוין ?—

— וואָסער דערלויבעניש... וואָס הייסט ? —

—אָט דאָס הייסט. אַן אויסלענדער בלייבט אפּנים אַן אויס-לענדער. ס'איז דאָך אַ „פּאָגראַניטשני גאָראָדאָק" (אַ גרעניץ־שטעטל). מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אהין ארויסצופאָרן...

—אזוי גאָר ?

— יע, אזוי גאָר. און די דערלויבעניש דאַרף מען בעטן ביי דער „גע־פע־או..." וועט איר שוין מוחל זיין אַליין דאָס צו באַזאָרגן... /

די פליישיגע, שטענדיג אָנגע'ברוגז־טע נאָז פון האָטעל־אויפ-זעער, וואָס איז שטענדיג געווען פאַרקרימט מיט אַ זייט צו יעדן, ווער עס האָט זיך נאָך עפּעס געווענדט צו איר באַלעבאָס, האָט זיך מיט אַמאָל געטאָן אַ גלייך אויס און טראַציג אַ שפּרייט־אויס־געטאָן די פליגלען, ווי אייגנער וואָלט אַ געגנער צו דער וואַנט צוגעשפּאַרט :

— אהאַ ! געפּאַקט דעם פויגל. עס געפעלן דיר די היגע פאַראַנד־קעס... טאָ גיי, בחור'ל, און שטאַט אָפּ אַ וויזיט דער „גע-פע־או..." אָט, אדרבא, ביטע שיין. מהיכא־תיתי, פעטערל...

ווען מיט אַ שעה, צי צוויי שפּעטער האָט די פליישיגע, שטענדיג

אָנגעברויגז'טע נאָז זיך דערקונדיגט, אַז די דערלויבעניש איז שוין דאָ אַ פיקס-און־פאַרטיגע, און אָן שום שוועריגקייטן, נאָר פאַרקערט, אדרבא ואדרבא מיטן גרעסטן כבוד, און פריינטלעך באַהאַנדלט. געבעטן אויף איין טאָג, און געקראָגן אויף עטלעכע טעג, ווייל טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... האָט זיך די נאָז אַ לייג אַוועק געטאָן אין איר קרומער ריכטונג, אָן אַ זייט פון דעם, ווער עס רעדט צו איר באַלעבאָס, און האָט אַ סאָפּע־געטאָן מיט צוגעפּלעטשטע פליגלען:

— וואָדען? — די קעפּ האָט זיי אויסגעדאַרט? — אָן אויסלענדער.. קאָנטראַבאַנדע פירט איר, צי וואָס?—

:: :: ::

דאָס שטעטל ט., אַ טיפּיש אידישע פון דרום-רוסלענדישן שניט, האָט זיך געבאָדן אין מיטאָגדיגער זון, מיט פולער הנאה און געלאַסן, ווי אַ שווימער צעלייגט זיך, אַ שטייגער, אויפן וואַסער מיטן פּנים אַרויף, הענט און פיס צעשפּרייט, און באַוועגט זיך אַזוי פּאַוואָליע, נעמט זיך צייט, און רוקט זיך, און באַוועגט זיך אַזוי פּאַמעלעכן. אַזוי האָט עס אויסגעזען, גייענדיג פון באַן־הויף צום אָפּגערוקטן פאַר אָן אָנדערהאַלבן ווערסט שטעטל. איינע, אַ יוגנט, מיט רענצל אין האַנט, אָנגעקומען מיט דעם זעלבן צוג, שפּאַצירט אויך אין דער זעלבער ריכטונג. זי פאָרט פון אָדעס צו אייגענע זיך אָפּרוען אַביסל. נעמען אַ דראָזשקע? — ניין, זי איז בעסער גערן צו גיין צופוס. ס'איז דאָך מיטן האַנט צו דערלאַנגען, און דער וועטער איז אַזוי מחיה'דיג האַרבסטיג מילד, און די גרין־באַוואָקסענע סטעזשקעס בעטן זיך ממש מ'זאָל זיי באַטרעטן און פילן אונטער די טריט די דראָטיגע, וואַרימע ווייכקייט פון דער ערד. צי קען זי דאָס דאָזיגע שטעטל גוט? אודאי. זי ווייסט ט. אויסגעבונדן. אַ היגע געבאָרענע. נו, נו, האָט דאָס די־אָ שטעטעלע דורכגעמאַכט שלעק אויפן פוד, אויפן שאָק. מ'האָט געשאָכטן, געקוילעט אין די גאַסן. מיט נאַכט און טאָג האָבן זיך געביטן די מאַכטן. נאָר גאָר ניט, שוין אַריבער און מיט גראָז פאַרוואָקסן. ט. אַנדערשט זיך איבער צוביסלעך, פּונקט ווי אַלץ אַנדערשט זיך איבער אין סאָוועטן-לאַנד. אַ סך אידן זיינען אַוועק אין קאָלאָניסטן. אַנדערע האָבן זיך צוגעפּאַסט אין אַרטעלן, אין קאָלעקטיוון. איינגערע און קרעפּטיגערע זיינען אַוועק אין די אינדוסטריעלע צענטרען, אין פאַבריקן און זאַוואָדן. ווייסט דאָך שוין אפילו אַ קינד אין וויג, אַז אונטער די סאָוועטן קען קיינער ניט לעבן אויפן חשבון פון פרעמדער פּראַצע. איז ט. ניט קיין אויסנאַם. נישט מער וואָדען? אָט דאָס, וואָס ט. איז געוואָרן אַ „פּאָגראַניטשנע" שטעטל, האָט זי באַקומען

א שלעכטן ווידער־טעם. פריער איז אזא ווידער־טעם ניט געווען. שול־דיג איז רומעניע. רומעניע האָט מיט גוואלד פאַרכאַפּט בעסאַראַביע. ט. און ב. צוויי שטעטלעך, איינע אויף איין זייט דניעסטער און די צווייטע אויף דער אַנדערער זייט טייך, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרעניץ־שטעט. צוויי ברידער, איינער וואוינט אין ט. און דער צווייטער אין ב. — ביידע ברידער שוין עלטערע מענטשן. ווער ווייסט וועמעס מאָרגן עס איז? וואָלט מען זיך וועלן זען. קען מען ניט. אפילו א בריוול איבערשיקן קען מען אויך ניט. קיין פאַרבינדונג ניטאָ. אָבער אריבערפּעקלען דאָס, וואָס מען טאָר ניט, אויף דעם האָבן זיך געפונען בעלנים. גנבה׳שער מסחר צווישן, און פינצטערע געשטאַלטן ארום, און א מיאוס׳ער ווידערע־טעם דערנאָך...

מיין מיטגייערין האָקט־אָפּ אירע קורץ־זאַציגע רייד. זי דער־שפּירט עפּעס רודערדיגעס אין שטעטל. מיר זיינען שוין אויף דער גלאַוונער גאַס, און מיין מיטגייערין איז א היגע געבאָרענע. אַלטע ווייבער אין פאַטשיילעס איילן ערגעץ מיט סטירדעס אויף זייערע שפּיציגע נעז. וואָס־זשע טוט זיך דאָ אזוינס?

אָט א צופאַל, גראָד אָנגעטראָפן אין ט. פונקט אין דעם טאָג, ווען צוויי שולן גייען אריבער פון „הייליגקייט“ צו וואָכעדיגקייט... לויט אונטערגעשריבענע ביטעס און נאָך דער גאַנצער פּראָצעדור פון פעסטשטעלן דעם ענין אזוי און אזוי, ווי דאָס פירט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אזעלכע פאַלן, האָט די מאַכט באַווילינט נאָכצוקומען דעם פאָרשלאָג פון די בעטער, און צוויי שולן, וועלכע האָבן שוין מער קיין דאַוונערס נים, ווערן דאָס היינט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אָרטיגער אידישער יוגנט פאַר קולטור־קלובן. איז אָט טוט זיך דאָס אביסל. די אַלטע ווייבער אין פאַטשיילעס מיט סטירדעס אויף זייערע שפּיציגע נעז האָבן באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן אזא „חילול־השם“, און זיי זיינען ארוים צו פאַרטיידיגן די צוויי „סמעדרעשן“, וואָס האָבן שוין מער קיין דאַוונערס נים. איז פריילעך אין שטעטל. מ׳גייט פון אַלע זייטן זען מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגן. עלטערע אידן מיט די בערד אין די זשמעניעס שטייען פון ווייטן אויף אזא אופן, אז מ׳וויל קען זיך דאָס אויסדרוכטן, אז זיי, די עלטערע אידן מיט די בערד אין די זשמעניעס, שטייען דאָס נאָר לפנים וועגן אזוי־אָ, אין דער אמת׳ן אָבער שטייען זיי שוין גאָרניט פון ווייטן; א־נו, זאָל זיך נאָר אָנהויבן, וועט מען שוין זען, ווי, וואָס און ווי אזוי, וועט מען שוין א טו־טאָן אָט אזוי־אָ... וואָדען, מ׳עט שווייגן?—און אז מען וויל, שטייען דאָס די עלטערע אידן מיט די בערד אין די זשמעניעס

און הוזק'ן גאָר אויף אַן עלטערן שטייגער פון די אַלטע ווייבער אין די פאַטשיילעס און מיט סטירדעס אויף די שפּיציגע נעז: אַלטע ווייבער מאַכן זיך נאַריש, אייסיך וואָס... סיי ווי סיי, ס'שטעטל נייט כּאָדאָראָם...

דער אַלטער מ., אַ איד אין די היבשע זעכציגער, מיט אַ ברייט, אָפּן געזיכט, שטעלט זיך אָפּ נאָענט צום „קאָמף־פּלאַץ". מיט זיין שאַרפער אויג טוט ער אַזוי אַ נעם אַרום אַלעמען און אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. פון זיין אויסדרוק אויפן פּנים קען מען אָראָפּלייענען, ווי דער גאַנצער ענין פאַרשאַפט אים יסורים. ס'איז אים זייער דערווידער, וואָס נאַרישע ווייבער מאַכן אַ בלאָזן פון דער גאַנצער אידישער ט., וואָרים בסך־הכּל וואָלט ער אָהער ניט אַ שמעק־געטאָן, נישט מער דעם גאַסט צוליב, איז ער צוגעגאַנגען. אַ ווײַלע שטייט ער אַזוי, דער אַלטער מ., אַ איד אין די היבשע זעכציגער, און אויף זיין ברייט, אָפּן געזיכט באַווייזט זיך אַ מין פילאָזאָפישער שמייכל. זיין הייזעריגלעכער קול איז מער געווענדט צו זיך אַליין, ווי צו עמיצן אַ זייטיגן. ער גיט דאָס צו פאַרשטיין אַזוי:

— לאָמיר זיך אָקאָרשט ניט נאַרן. אַ שטייגער אַזאַ אידישע קהלה, ווי די היגע, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען מי יודע גרויס, וואָרים וואָס איז די גאַנצע ט.? נישט מער, ווי אַ שטעטל. האָט זיך אַזאַ קהלה, ווי די היגע, פאַרגונען צו אויסבויען ־צוועלף שולן, איז אפילו אין די סאַמע גוטע צייטן האָבן די דאָזיגע שולן האַלב געפּוסטעוועט. מחמת אויב אַ איד איז פרום און וויל אָפּהיטן אידישקייט, איז דאָך די פראַגע, פאַרוואָס קענען דאָס ניט, למשל, אַ סאַדיגורער חסיד, אַ טאַלנער און אַ ליטווישער מתנגיד, דאַוונען אין איין שול, האַ? אדרבא, פאַרוואָס? קיין צוועלף שבטים האָט דאָס שטעטל ט. קיינמאָל ניט געהאַט... טאָ צו וואָס צוועלף בתי־מדרשים? נו, און היינט פּוסטעווען דאָך כמעט אַלע צוועלף שולן; יונגע חברה שמעקן ניט אַריין אַהינצו, און אפילו די עלטערע הינקען אויך זייער שיין אונטער אויף די תּפילות. נו? — וועט שוין בעסער און מער ניכע זיין, אַז די בנינים זאָלן חרוב ווערן, און ציגן זאָלן זיך דאָרטן פּאַשען, האַ? — וויל די מלוכה ניט פאַרטאַכלעווען אומזיסט אומנישט גוטע בודינקעס, וואָס קענען נאָך נוצן פאַר עפּעס, און ווײַבאַלד ס'געפינען זיך אַזעלכע, וואָס פאַרלאַנגען די דאָזיגע ליידיגע בנינים אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן, איז אפשר קיין עולה אין דעם ניטאָ. בפרט איצט, ווען ט. ווערט דערהויבן צו זיין די הויפּט־שטאָט פון דער נייער מאָלדאַ־

ווישער רעפובליקע, איז דאָך אָפּגערעדט. באַדאַרף מען דאָס האָבן אזוי און אזוי...

ווען דער אַלטער מ. דערהערט, אַז אין אַמעריקע איז דאָס אַ גאַנץ געוויינטלעכער משא־מתן צו אָפּקויפן אַ קלויסטער פאַר אַ שול, אָדער פאַרקערט, צי גאָר פאַרוואַנדלען אַזעלכע „הייליגע ערטער“ אין אַ טעאַטער, אַ טאַנץ־זאַל, צי אין וואָס עס זאָל ניט זיין, אַבי עס קומט דער קונה מיט די פאָר טאָלער און באַצאָלט פאַר דעם בנין, איז ווע־מען אַרט עס... בלייבט דער אַלטער אַ ווײַלע אַ פאַרגאַפּטער, ווי ס'וואָלט זיך אים אַזאַ מעשה ניט געשיקט. אָבער טאַקע גלייך כאַפּט ער זיך, אַז —

—נו, אָט דאָ ליגט דאָך טאַקע דער הונט באַגראָבן. פאַר געלט מעג מען אַלץ, וואָס אין קאָרט שטייט; פאַרקויף גאָט'ס הויז, גאָט אַליין, די אמונה,—הכלל, גיב אַוועק די נשמה פאַרן גראָשן און נאַדיר די שענסטע עליה. אַ פיינער מענטש. אָן געלט, זעסטו, איז שוין דער דין אַ קאַפּיטשקע אַנדערש. אָפּ'חתמ'ענען שולן, וואו אידן האָבן זיך געדוונגען פאַר אַ מפטיר: גלאַט מיר־ניט, דיר־ניט צונעמען און ניט באַצאָלן אַ פּרוטה... אי־אי, שטאָ־טאָם־טוצעך... נו, אָט באַלאַגערן די אַלטע ווייבער די ליידיגע שולן, נעמען זיך אָן גאָט'ס קריוודע, און דער סוף וועט זיין — — —

אַ יונג פייערל באַווייזט זיך אין אויפגערעגטן בליק פון אַלטן מ. און אויף זיין ברייטן, אָפּענעם געזיכט צעשפּילט זיך אַ מין צו־להכעיס־אויפלעב, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט אין פּלוג מיט זיין גע־וויינטלעכער מיושב'דיגקייט פון אַ איד אַ פּיקח.

— וואָס, וואָס, דאַוונען ווילן זיי ניט, די יונגע יונגאַטשעס, אין קיין גאָט גלויבן זיי ניט, אָבער שכל האָבן זיי דוקא יאָ. וועלן זיי מיט די אַלטע בהמות קיין מלחמה ניט פירן. אָט זעסטאָך, מ'קומט אפילו אַהער ניט צו. וועלן די ווייבער אַזוי לאַנג ליגן אויף די שוועלן און גאַגאָטשען ווי גענז וויפיל נאָר ס'וועט אַריין, וועט מען אויסשיטן די שיינע צעבערם מיט ווייסטע קללות און חרמות און נאָך אַזעלכע אַנ־טיקן, וועט מען מיד ווערן, וועט מען אַהיים גיין צוגרייטן וועטשערע, און אויף מאָרגן וועט מען זיצן אויף די פּריזבעס און קרעכצן, און די שולן וועלן זיך אַריבערפּעקלען צו די יונגע יונגאַטשעס... און לאָ־מיר דיר זאָגן —

ביים אַלטן מ. הייגנט אויפן צונג זיין האַרציגער וואונטש און הסכמה פאַר דעם דערפאָלג פון די יונגע יונגאַטשעס, אָבער ער זאָגט דאָס ניט אַרויס אָפן. זיין „לאָמיר דיר זאָגן“ פאַרהאַקט זיך מיט אַ

מין שלונג אַראָפּ, גלייך אים וואָלט עפּעס אַ וואָרג געטאָן אין האַלז. דער אַלטער שפּינט אַוועק מיט זיין הייזעריגלעכן קול דעם שמועס־פּאָדים אין אַן אַנדער ריכטונג. ער איז העכסט צופרידן מיט דעם, וואָס אידן קאָלאָניזירן זיך, וואָרים דאָס קרעמערשע לעבן איז דאָך טאַקע אַ הינטיש לעבן. שטיי פּאַר יעדן קונה און טשאַפּקעווע, ווי אַ הינטל אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, און גאָר־גאָר איז ער צופרידן, וואָס זיין שלמה־קע איז פאַרבליבן ביי זיין חלק ערד, אָט, איז ניט געלאָפן הענדום־פּענדום צוריק אין שטאָט אריין, ווי אַנדערע האָבן דאָס יע געטאָן. מיטן איידים איז שוין ניט אַזוי יום־טוב'דיג. האָט ער אפשר אים ניט געוואָרנט...? ער, דער אַלטער, האָט געוואָרנט דעם איידים זיינעם, דעם יונגן, אַזוי און אַזוי, אַז אַזאַ פּירעכץ, ווי שטילערהייט אונטערצוהאַנדלען, טויג ניט, וואָרים ס'איז ניט דאָס אַמאָליגע, און דער סוף לאָזט זיך שטענדיג אויס אַ פאַסקודנער. אין טאַקע צרות...

:: :: ::

מיר גייען לאַנגזאַם פאַזע בערג פון דניעסטער. שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. אויף יענער זייט טייך לויערט רומעניע. דער אַלטער מ. ווערט ווי איינגעשרומפּען. זיין ברייט אָפן געזיכט ווערט ווי אויס־געצויגן און זוכט צו פאַרבאָרגן זיך אין דער ווייסער באָרד. י'זעט באַשיינפּערלעך, ווי ער וואָלט וועלן וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. רומעניע הייסט ביי אים „עמלק". אויף יענער זייט טייך וואוינט זיין עלטערער ברודער. שוין אין הויכער עלטער. ער וואָלט אַזוי גערן ווע־לען זיך זען מיט'ן אַלטן־עלטערן ברודער זיינעם, קען ער אָבער אפילו אַ בריוול אַהין ניט אַריבערשיקן. גייט אַזוי דער אַלטער מ. איינגע־שרומפּען פאַזע דעם ברעג און פאַרטייטשט אַ פּסוק פון חומש: „ואת הארץ תראה ושמה לא תבואה..." האַ? ווי האָט גאָט געזאָגט צו משה'ן? גיי דיר אַרויף אויפן שפּיץ פון באַרג און קוק דיר אָן דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהינצו טאָרסטו נישט... אַ ווייילע ברומט אונטער דער אַלטער מ. דעם חומש־ניגון אַזוי פאַר זיך, טוט אַזוי אַ נעם אַרום אַלץ מיט זיין שאַרפער אויג, גיט זיך אַ גלייך אויס, אַ יונג פייערל פלעמלט אויף אין זיין בליק, און — — —

—אי, ברודערל, ווען איך געפין אַ פאַרטל, ווי צו ווערן אַ „סאָ־יוזנער"... איך וואָלט גאָר אויפסניי אָפּגעלעבט. ווי דיינקסטו, איך זאָל זיך אַ נעם טאָן צו אויסלערנען זיך בוכהאַלטעריע, למשל... אַ שיינע האַנטשריפט האָב איך נאָך איצט אויך. בוכהאַלטעריע איז אַן ענין, און מ'דאַרף עס האָבן. וואָלט מען מיר אַריינגענומען אין „סאָ־

יוז״ (יוניאָן) טע-טע־טע! אָט וואָלט דאָס אַוועק אַ גאַנג... הא, וואָס זאָגסטו...?

דער צוג פון ט. איז געווען געפּאַקט מיט רויט־אַרמייער. איין רעגימענט האָט פאַרביטן אַ צווייטן. אויפן פּעראָן האָט מען זיך געזעגנט, געזונגען לידער, און די יונג נאַכטיגע לופט האָט געהילכט מיט שטיפערישער פרייד. די שטעטל ט. ווערט אַ הויפּט־שטאָט פון דער ניי־געגרינדעטער מאָלדאַווישער רעפּובליק. דער אַלטער מ., אַ איד אין די זעכציגער, וואָלט ערשט אַוועק אַ גאַנג... ווען ער ווערט אַ „סאָיוזנער״. ניי לעבן רופט, וועקט און ברויזט. נאָר אַלטע ווייבער מיט סטירדעס אויף די שפּיציגע נעז וואַלגערן זיך נאָך אויף די שוועלען פון טויטע „הייליגקייטן״ און — — —

מיליטערישער אָרקעסטער האָט אַ דונער געטאָן דעם אינטערנאַציאָנאַל. היטלען האָבן זיך אַ הויב געטאָן אין דער יונג־נאַכטיגער לופט, און דער געפּאַקטער צוג האָט זיך ווייך אַ ריר געטאָן אין וועג אַריין...

דאַפּר נומער 3

אונטערן צאַרישן, אימפּעראַטאָרסקן טראָן איז געלעגן אין פינצ־טערן קלעם, באַשפּיגן און דערנידעריגט, אַ גאַנצער זעקסט־חלק פונם ערד־קוגל. דער דאָזיגער זעקסט־חלק פונם ערד־קוגל באַוואוינט פון צענדליגער און צענדליגער פעלקער, נאַציעס און שבטים מיט אַ גע־מיש פון שבעים לשונות, האָט געהייסן „רוסלאַנד". אין דער דאָזיגער רוסלאַנד זיינען געווען טורמעס, איזאָליר־אַנשטאַלטן, אַזוי צו זאָגן, וואו זינדיגע און פאַרזינדיגטע אונטערטאַנען האָבן און וואָלטן באַ־דאַרפט זיך אויסבעסערן און אויסגלייכן זייערע קרומע וועגן. איז געלעגן דער גרויסער, רוסישער „באָגאַטיר, איליא מוראָמעץ" געקאָ־וועט און געפּענטעט הענט און פיס, און ניט געקענט פון אָרט זיך אַ ריר טאָן.

אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די סאָוועטן שפּרייט זיך ברייט־ברוסטיג, און קרעפטיגט זיך מיט געזונטן, טיפן אָטעם דער־אַ זעלבי־גער זעקסט־חלק פון דער ערד, און הייסט „ראַטן־פאַרבאַנד". דער נאָ־מען „רוסלאַנד" מיטן גאַנצן באַדייט זיינעם איז אַראָפּ פון ביינקל און איז אויסגעמעקט פון טעגלעכן געברויך. ס'איז אַ סאָוועטן־פאַרבאַנד פון רעפּובליקן סאָציאַליסטישע. אַ היימלאַנד פאַר אַלע „נאַצמענען" (נאַצ. מינדערהייטן) מיט אַלע רעכטן און פליכטן ווי פאַר די מערהייטן. געפינען זיך אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איזאָליר־אַנשטאַלטן פאַר בירגער זינדיגע און פאַרזינדיגטע, וואו זיי קומען אָפּ די פאַרדינטע שטראָף זייערע מיט דעם, וואָס זיי ווערן פּראָדוקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און לערנען זיך אויס, ווי אַזוי זייערע קרומע וועגן אויסצוגלייכן. אַזאַ איזאָליר־הויז הייסט „דאָפּר" (הויז פון געצוואונ־גענער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט), דער נאָמען „טורמע" איז צוזאַמען מיטן צאַרישן טראָן אַרויס פון טעגלעכן געברויך.

אודאי איז נאַטירלעך פאַר איינעם, וואָס געדיינקט גוט די צאַ־רישע רוסלאַנד מיט אירע טורמעס פון איבער אַ פערטל יאָרהונ־דערט צוריק, צו לאָזן זיך באַהערשן פון שטאַרקן פאַרלאַנג אריינצו־

דרינגען אין פארשפארטע הויפן פון א סאָוועטישן „דאָפּר"... איז דען דער נאָמען דער עיקר?—און וואָס איז א ווערטער־קלאַנג אָן אן אינ־האַלט?... אודאי און אודאי איז שוין זייער כדאי צו זען, וואָס פאַר אַן אינהאַלט האָט דער באַפרייטער „איליא מוראָמעץ", דער סאָוועטישער באַגאַטיר, אריינגעלייגט אין סאָוועטישן איזאַליר־הויז, „דאָפּר".

— איז טאַקע צו דער סעקונדע?—אָט וואָס געסט פארגינען זיך! זיינט איר באַנ'אייך אין אמעריקע,, אויך אזוי צוגעוואוינט? אָט פארגלוסט זיך, און אָט באַקומען? — — —

דער חבר אַבראַם, אין קאַבינעט פון זיין „נאַצמען", מאַכט דאָס נאָר אזא אַנשטעל. אין דער אמתן איז ער דאָס גאָר ניט אויסן. זיינע אויגן זאָגן דאָס. ער ווינקט זיך איבער מיטן חבר ראַביטשעוו, ווי אַן עלטערער וואָלט זיך כלומרשט א גוטמוטיגן בייזער געטאָן אויף א אינגערן, פארוואָס ער, דער אינגערער, וויל מ'זאָל אים כסדר נאָכגעבן. ווינקט ער, דער עלטערער, צו צו א צווייטן געזעצטן און מיושב'ן אזוי און אזוי, אָבער, וואָס זאָל מען טאָן מיטן צעבאַלעוועטן? ט'מען שוין, מילא, נו... אָפּגעקלונגען דורכן טעלעפאָן, באַשטעלט ביים „נאַטשאַלניק" דעם באַזוך, און היידא.

דער חבר דעטינקא וואָלונטירט צו זיין דער באַגלייטער. ער האָט היינט א פרייען טאָג, איז מהיכה־תיתא. דער חבר דעטינקא און זיין פרוי געדיינקען שרה'ן זייער גוט, און בכלל אזא טייערע געלעגנהייט, איז וואָס הייסט?—גייט מען. וואוהין? אין דער „צענטראַלקע". דאָרט איז א מין ערב־רב פון פּאַרהאַפּטעטע, אי היגע, אי אַריבערגעשיקטע פון אַנדערע פּלעצער, איז דאָך אודאי אינטערעסאַנטער. גוט. אויפגעזעצט זיך אויף א טראַמוויי און געפאָרן. די גרויסע געדיכטע שטאָט, דער אַנזיכטיגער וואָקזאַל מיטן פּאַסאַד צו פּושקין־גאַס, שוין פארבליבן ווייט אהינטער. אָט פאָרט מען פארביי די גרויסע קבורה־פעלדער, וואו מ'האָט אזוי פיל הרוגים אוועקגעלייגט אין יענע „הייסע טעג"... און אָט איז מען שוין ביים טויער פון דער „צענטראַלקע". אויסווייניג: א הויכער, שטיינערנער, בלינדער צאַם, וואָס פּאַרלויפט פוןביידע זייטן טויער אויף א ווייטער שטרעקע און ווערט פארפאַלן ערגעץ אויף יענער זייט ווינקלען, אָט גיי זוך מיך, ווי א ווינט אין פעלד. די אַרויפגעדראַפּעטע טורעמלעך מיט די אויסקוק שפּאַלטן, ווי לאַנגע, נישט־אָפּגעווישטע נעז, דערעמאָנען עפּעס אָן אַמאָליגן... וואָס איז דאָס? צי איז דאָס ניט די אַמאָליגע אָדעסער טורמע, וואָס האָט גע'שם'ט אונטערן גראַף שוואַלאָוו? טאָ וואו

זשע זיינען די „שיינע“ באַנדעס „גאַראַדאָוויעס“, די געזעץ־היטער און טורמע־וועכטער אַהינגעקומען? און פאַרוואָס זעט מען עפּעס ניט די דאָזיגע חברה אַרומשפּאַצירן אויף די בלינדע, הויכע ווענט און אַרום די טורעמלעך מיט רעוואָלווערן געלאָדענע, מיט שווערדן און מיט ביקסן?... אָ, דער סאָוועטישער „דאָפּר“ איז טאַקע אין די ווענט פון דער אַמאָליגער צאַרישער טורמע, אָבער ס'איז אינגאַנצן איבערגעניצעוועט, עלעהיי אַ בגד, וואָס איז אַרויס פון דער מאָדע, גאָר אַרויסוואַרפן דאָס אויפן סמעטניק קען מען נאָך ניט צוליב געוויסע דערווייליגע, נויטווענדיגע באַדערפענישן. האַלט מען זיך מיט דעם, ווייל מען מוז, אָבער די צוטשעפּענישן, די טאַשמעס, מיט וועלכע דער דאָזיגער צאַרישער בגד איז געווען אַרומגעליאַמעוועט, האָט מען מיט עקל שוין לאַנג אַרויסגעשליידערט, און אָפּגעטרייסלט די הענט דערפון ווי פון אן אומריינינקייט.

די וואַך אין טויער־דורכגאַנג קוקט דורך געשעפטסמעסיג די פּאַפּירן, צייגניסן און דערלויבענישן פון באַזוכער. באַזוכער זיינען פאַראַן אַ היבש צאָל. מ'קומט זען אייגענע, קרובים און באַקאַנטע, נאָר קוים טרעט מען אַריבער די אינעווייניגסטע שוועלן, און מען איז שוין אויף יענער זייט טויער, אין הויף אַריין, באַקומט זיך גאָר דער איינדרוק, אַז מען איז ניט אין קיין תפיסה־הויף. וואָרים אַ תפיסה הויף דאַרף אַ ווייע־טאָן מיט גראַטעס, שלאָס און ריגל, מיט גנב'שע, ניט צוטרוילעכע בליקן פון אונטער שטעכיגע ברעמען. און דאָ־אָ...

נאַט אייך דעם אינעווייניג און — אדרבא — באַטראַכט דאָס אַליין: דער גרויסער, אַרומגעצאַמטער מיטן שטיינערנעם פּאַרקאַן, שטח, ליגט אין די בלינדע ווענט און שפּאַרט אַרויף מיט אַזוי פיל זשעוודיגער אַקטיוויטעט פון אַלע ווינקלען. הייסט דאָס אַזוי: ווייבאַלד אַז דו ביזט אַ שעדלעכער אבר אין געזעלשאַפטלעכן גוף און דו ביזט באַגאַנגען אַ גנבה, אַ גזלה, צי ספּעקולאַציע און שווינדל, אָדער אפשר גאָר אַ מאָרד, מוזטו איזאָלירט ווערן, אָט פּונקט, ווי מען איזאָלירט איינעם, וואָס טראָגט אין זיך אן אָנשטעקנדיגע קראַנקהייט. דאָס איז נויטיג און וויכטיג פון אַלע שטאַנדפּונקטן. אָבער קנוטעוועןן און דערנידעריגן?... דאָס וואָלט דאָך מיינען, צו פאַרוואַנדלען איינעם, וואָס קען נאָך גוט נוצן ברענגען, אין אַ פאַרפאַלענעם לא־יוצלח. אַזאַ פאַרברעכערישע נאַרעשקייט טאָר זיך די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור ניט פאַרגינען. ליגט דער סאָוועטישער „דאָפּר“ אין די בלינדע ווענט פון דער צאַרישע טורמע און שפּרייט אַרום און אַרום, איבער אַלע זיינע הויפן, אַזוי פיל זשעוודיגע אַקטיוויטעט פון אָפענע ווערק־

שטיבער און וואַרשטאַטן: אַ שוסטעריי, אַ שמידעריי, אַ זייף־פאַב־ריק, אַ פאַבריק פון דראָט־צינקעוועס און אַ פאַבריקאַציע פון כל־ער־ליי מוסטערן און גאַטונקעס אייזערנע בעטן אויף אַזאַ פאַרנעם, אַז דאָס ברענגט שוין אַריין גרויסע פּראָפיטן טאַקע פאַרן איזאָליר־אנ־שטאַלט גופא. די אייזערנע בעטן פון דעם־אָ „דאָפּר" זיינען שוין גע־וואָרן אַ שם־דבר, אַ גאַנצבאַרער אַרטיקל איבערן גאַנצן פאַרבאַנד, און די פּראָדוקציע ווערט פון טאָג צו טאָג אויסגעבעסערט און פאַר־פיינערט. דער אַרבעטס־טאָג איז שטרענג אַ 8־שעה'דיגער, און אַלע אַרבעטן, אפילו די, וועמענס משפט עס דאַרף נאָך ערשט פּאָרקומען.

די איינציגע אויסנאַמע ווערט געמאַכט נאָר פאַר די קאָפּ־דרייע־רישע שווינדלער־שאַנטאַזשיסטן און געשיקטע ספּעקולאַנטן, וועמעס נאָענטע באַרירונג מיט די אַרומיגע וואָלט פאַרשאַפט גרויסע און פאַרדרייטע שוועריגקייטן צו אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט זייערע טיף־פאַרבאָרגענע פאַרברעכנס. אַזעלכע שטעלט מען אַוועק צו דער אַרבעט ערשט נאָכן משפט. די־אָ אויסנאַמען זיינען אָבער זעלטן.

צי קריגן די פאַרשפאַרטע באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט? זיכער. אַ שטרענגע רעכענונג ווערט אַזוי געפירט: קודם ווערט פעסטגע־שטעלט, וויפל דער אָדער יענער פלעגט פאַרדינען, ווען אויף דער פריי. דעם זעלביגן לויין דאַרף ער אויך באַקומען, ווען פאַרשפאַרט. 30 פּראָצענט פון דעם ווערט אַראָפּגערעכנט פאַרן אויסהאַלטן דעם פאַרברעכער מיט אַלע נויטיגקייטן. די 70 פּראָצענט ווערן צעטיילט אין צוויי גלייכע חלקים. איין טייל גייט איבער אין רשות פונם פאַר־האַפטעטן צו טאָן מיט דעם, וואָס ער וויל, און דער צווייטער טייל קלייבט זיך אין קאַסע פונם איזאָליר־הויז ביז דער פאַרזינדיגטער ווערט באַפרייט. דעמאָלט ווערט אים די פולע סומע אַרויסגעצאָלט. **טאָמער פאַלט אַריין איינער, וואָס קען ניט קיין מלאכה,—נו, אויף** דעם זיינען איינגעפירט קורסן, אַזעלכן אַ מלאכה אויסצולערנען.

צי זיינען דאָ פאַראַן „אַלטגעזעסענע?"...?

— 10 יאָר „דאָפּר" איז די העכסטע שטראָף אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. און דערווייל האָט נאָך קיין איינער ניט באַוויזן „אויסצוזיצן" **זיין פולן טערמין.** מערסטע ווערן באַפרייט נאָך איידער האַלב פון זייער שטראָף־צייט גייט פאַרביי. אָט.

געזאָגט האָט עס דער ערשטער געהילף־פאַרוואַלטער פונם „דאָפּר", אַ שלאַנקער, שטאַלטנער יונגערמאַן, גלידער עלאַסטישע, טראָט אַ לייכטער, האָט אין זיין מיליטערישער קורטקע גיכער אויס־

געזען ווי אַן אַמאָליגער „וואָלנאָאָפּערדיעליאָיושטשע“-סטודענט, איי־דער דער ערשטער געהילף-פּאַרוואַלטער פון אַ תפיסה־הויז, אַ צענט־ראַלקע. דורכגייענדיג אין איינער פון די ווערק־הייער מיט די באַזו־כער, איז ער, דער ערשטער געהילףפּאַרוואַלטער, אַן צערעמאָניעס אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַ „געפאַנגענעם“ בחור, אפשר אַ יאָר 20 אַלט:

— חבר ראָזנבערג, זאָגט מיר...

— זעסטו דאָך, חבר, איך בין איצט פאַרנומען מיט געסט. וואַרט אַ ווײַלע...

—איך וויל אָבער וויסן — — —

ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער „אַרעסטאַנט“ האָט געוואָלט ווי־סען, צי ער האָט געטראָפן, אַז די באַזוכער זיינען אַזש פון אַמעריקע. מעגלעך, אַז שטילערהייט האָט ער אַ געוועט געמאַכט מיט עמיצן נאָך וועגן דעם, פון וואַנען זיינען דאָס די אָנגעקומענע. און ניט האָבנדיג קיין געדולד צו דערוואַרטן זיך אַן ענטפער פון זיין נאַטשאַלניק, האָט ער זיך גלייך אויפן שטעל אַ וואָנד געטאָן טאַקע צו די געסט גופא:

— איאָ, איר זיינט אַמעריקאַנער?...

באַקומענדיג אַ באַשטעטיגטן ענטפער, איז ער אַוועק צו זיין גע־שטעל, אַ צופרידענער.

„אויפקלערונג און פּראַצע זיינען די וועגן צום געזונט ווערן“... דער־אָ שלאָג-אָרט שטייט אויבנאָן אויפן שער־בלאַט פונם זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון און דורך די פאַרשפאַרטע אין אָדעסער „צענטראַל דאָפּר נומער 3“. רעדאַגירט ווערט דער דאָזיגער אינטע־רעסאַנטער זשורנאַל פון אַ קאָלעגיום, דערווײַלט פון די איינגעשלאָ־סענע אַליין. שרייבט ג. סאָנטשענקאָ אין לייט־אַרטיקל:

„מיר, די איינוואוינער פון דעם „דאָפּר“, באַקומענדיג דאָ האָ־רעפּאַשנע, פּראָלעטאַרישע דערציאונג, שליסן מיר זיך אָן עקשנות'דיג אין די רייען פון אונזערע בויער, כדי צו דערפילן אונזערע בירגער־לעכע פליכטן. אָן קיין שום וואַקלעניש, ווי אַ כוואַליע, שטייען מיר צו, צו די איצטיגע שווערע אויפגאַבן, און אין דעם איצטיגן מאָמענט פון דעריאָגן און אַריבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָבן מיר אונ־זער עקזאַמען געהאַלטן אויף פּראָלעטאַרישער צייטיגקייט, און מען מעג זאָגן, דעם עקזאַמען האָבן מיר אויסגעהאַלטן...“

זינגט אין דעם זעלביגן „אַרעסטאַנטן־זשורנאַל“ איינער א. פּאָ־טיאָמקין:

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ קומט די באַצאָלונג,
און אויסקויפן דיין זינד דו האָסט געמוזט;
נאָר ניט צום אַלטן גייט דיין ווידערהאָלונג,—
דעם נייעם לעבנס־שליאַך באַטרעט דיין פוס...״

ס'איז נאָך דער אַרבעט. מען לאָזט זיך פון די וואַרשטאַטן צום עס־זאַל. דערנאָך צום קלוב, צו די רויטע ווינקלען, צום טעאַטער, צו אַ לעקציע. אייניגע פאַרקלייבן זיך און שפּילן אַ שאַך, אַנדערע אין ביבליאָטעק, צי אַ דיסקוסיע איבער וויכטיגע טאָג־ענינים וויקלט **זיך פאַנאַנדער. ניטאָ קיין באַנדעס באַוואָפנטע „גאַראָדאָוויעס״** מיט נאַגאַיקעס איבער די קעפּ, און דאָך איז דיסציפּלין אויסגעהאַלטן. ווי אַזוי איז דאָס? אָט אַזוי איז דאָס.

איינער טראָגט־צו שרה'ן אַ מתנה: לעגינס אַ בילד אויסגראַווירט מיט דער גאַנצער ביאָגראַפיע לענינס. אַ סך באַגאַבטע און טאַלאַנטפולע געפינען זיך צווישן די איינגעשפּאַרטע אין „דאָפּר״ נו־מער 3. קריגן זיי דאָ די פולע מעגלעכקייט זייערע פעיאיגקייטן צו אַנטוויקלען. דער טעאַטער, פריערדיגער טורמע־קלויסטער, איז שיין איינגעאָרדענט און מיט געשמאַק צוגעפּאַסט. די נייע־אויפגעבויטע בינע שעמערירט. דאָ פירט אויף דער דראַמאַטישער קרייז, אָן אייגע־גענער, די פאָרשטעלונגען, דאָ ווערן לעקציעס געלייענט, רעפעראַטן געהאַלטן, און אָפט ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ קינעמאַטאָגראַף מיט לעבעדיגע, באַוועגלעכע בילדער. קלינגט שוין גאָר ניט איבער־טריבן, ווען דער חבר פאַרוואַלטער פונם „צענטראַל־דאָפּר״ נומער 3 דערציילט:

„מיר פלאַנצן איין אין די באַשטראָפטע אונזער פולן צוטרוי און מיר געווינען אויך זייער צוטרוי. קריגן פון צייט צו צייט די איינ־געשפּאַרטע אורלויב צו באַזוכן זייערע היימען. אין פרילינג און אין האַרבסט ווערן די פויערים, וואָס געפינען זיך דאָ, באַפרייט אויף אַ חודש צייט יעדן מאָל, כדי צו אַרויסהעלפן זייערע פאַמיליעס אין דער פעלד־אַרבעט. פראַנק און פריי קערן זיי זיך אום דערנאָך צוריק.

— אַנטלויפן זיי ניט...?

— זייער, זייער זעלטן טרעפט אַזאַ פאַל, און אויך דאַן קומען די מערסטע פרייוויליג צוריק אַהער, וואָרים — — —

דער חבר פאַרוואַלטער דערציילט ניט דאָס איבעריגע. ניט נוי־טיג צו פאַרטייטשן. ס'איז דאָך אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך.

צוריק אין די הויפן. אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אונטער בוימער

פינקלט ווים דער שפּיטאָל. שטיל זיינען די ווערק־שטיבער. פון צוויי־שען די צווייגן וויגט זיך ווייך־גלעטנדיג אַ געפלעכט פון ברוסטיגע שטימען. פאַלט דאָס אויג אַרום: סאַראַ אונטערנעמונג אַזאַ!! זאַ־וואָדן און דערציאונג. האַרעפּאַשנע, פּראָלעטאַרישע דערציאונג. לוי־פענדיגן יאָר טוט דער „דאָפּר" געשעפטן אויף מיליאָנען. זיצן אַרעס־טאַנטן און שרייבן אַרטיקלען, לידער, דרוקן זיי אַליין. זייער טעגלעכע אַרעסטאַנטסקע ציימונג, זייער „דאָפּר"־זשורנאַל, טאַקע דאָ־אָ, אין איינענער דרוקעריי.

„...און איצט, דעם פּלעק פון שאַנד אַראָפּגעוואַשן,
אַוועק איז דער אַמאָל און איז פאַרגעסן—
אויף נייעם וועג דו טרעטסט אַרויף".

יאָ, אויף נייעם וועג, מיט נייע כחות. נייע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, נייע צוועקן און דערגרייכונגען אומעטום. נייער פּאַר־נעם אויף אַלע געביטן, און סאַראַ שוואונג, סאַראַ געוואַגטער שוואונג אין פּנים פון דער גאַנצער אַלטער וועלט...

העי, דאַ אוכניעם...

שולן, קולטור־טעמפלען, מוזייען און קאַנווייערס

יאַשקאַ, דער „באָסיאַק“, האָט אין אַ געשלעג פאַרלאָרן אַן אויג, נאָר דאָס האָט אים ניט געשטערט צו פילן זיך מעשה באַלעבאָס אויף אָדעסער „קאָרסאַרקע“. אַ הויכער, אַ ביינערדיגער, פלעגט ער אומגיין מיט פאַרלייגטע הענט אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, איבער דעם אָדעסער מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָט געשווּיבלט און געגריבלט מיט אָדעסער אָרעמקייט. די דאָזיגע אָרעמקייט איז באַשטאַנען פון קרעמער און קונדן,ביידע מ׳שטיינס געזאָגט. יאָשקאַ, דער „באָסיאַק“, פלעגט ציען זיין חיונה פון ביידע קלאַסן. ביי די ערשטע, פלעגט ער, אָן צערעמאָניעס אַ כאַפּ־טאָן פון די געשטעלכלעך, וואָס עס האָט זיך געמאַכט: אַ ברויטל, אַ בינטל גרינס, אַ קעפּל קרויט, צי אַ פרוכט. טאָמער האָט ער אַמאָל געקראָגן אין זייט אַריין, צי איבערן קאָפּ, איז דאָס ביי אים אַריין אין חשבון. און דער חשבון איז ביי אים געווען אַזאַ: הינטישע חברה, וואָס איר זיינט. איר׳ט דען אַלץ אויספאַרקויפן דורכן טאָג?—נאָכסאָל זאָל אַן עסנווארג ליגן און פוילן אויף מאָרגן, אַז מען קען פון דעם הנאה האָבן הייגט... ביי די צווייטע, ביי די קונדן, פלעגט יאַשקע־באָסיאַק שלעפּן פון קעשענע, אַבי ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט און ס׳איז אָפּגעגאַנגען כשורה. און אויך אין דעם פאַל האָט ער געמאַכט זיין חשבון אַזוי: סיי־ווי פינצטערע האָלעדריגעס, וועלן זיי זיך באַדרייען מיט עטלעכע קאָפּיקעס ווייניגער...

אַ לויב צום „רבונו של עולם“ פלעגט יאַשקאַ־באָסיאַק אָפּגעבן איינמאָל אין יאָר, און דוקא מיטן גאַנצן האַרצן. ווי נאָר ס׳האָט געטאָן אַ שפּראָץ אויף פרילינג, פלעגט יאַשקאַ־באָסיאַק זיך פעדערן, אַרויסקריכן פון זיין באַהעלטעניש, דער ווינטערדיגער, אַרויסטרעטן מיט שטאָלצן טראָט אויף זיין „קאָרסאַרקע“, זיך אַ צי טאָן אַזוי־אַ אין זיין גאַנצער ביינערדיגער הויך אַרויף צום הימל, אַפריער דעם געשמאַקן גענעץ טאָן, דערנאָך קונציג אַ וויטן שפּיי טאָן פון צווישן געשלאָסענע ציינער און אָפּזאָגן זיין דאַנק צום אַלמעכטיגן אַזוי:

— נו, שינדן זאָל דיר דער טייוול, הימלשער פאָטער. אַ דאַנק פאַר דער וואַרעמקייט. אַט וועט מען שוין קענען אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס פראַנק און פריי, און לויזן זיך אונטערן לויטערן הימל...

אָדעסער שטאָט־ראַט האָט איצט די־אַ „קאַסאַרקע", ווי מ'האָט עס אַמאָל אָנגערופן, פאַרוואַנדלט אין אַ שיינעם פאַרק. פאַרשוואונדן איז די אַמאָליגע באַוואוסטע אָדעסער אונטערוועלט, וואָס האָט דאָ זיך אַזוי איינגענעסטלט. וואו איז יאַשקאַ, דער באָסיאַק, אַהינגעקו־מען? — קען זיין, זיינע ביינער ליגן ערגעץ אין אַ ברודער־קבר. קען זיין ער לעבט איצט אויס זיינע יאָרן אין אַן אָפּרו־היים, צי אפשר גאָר, אַ געלייטערטער פון דער גרויסער איבערקערעניש, אַ קרעפטיגער, טראָגט ער נאָך איצטער צו זיין חלק איבערבוי אַרבעט צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע ברידער־באָסיאַקעס, ווי ער. וואָרים וויפיל אַזעלכע „באָ־סיאַקעס" האָט דאָס די פראָלעטאַרקע איבערגעפורעמט אין נוצלעכע, פראָדוקטיווע, סאָוועטישע בירגער... ניט איבערצוציילן, ניט אָפּצו־שאַצן.

פון אַ זייטיגער געסל באַווייזן זיך קליינע קינדערלעך אין רייען אָנגעפירט פון אַ לערערין, צי אַ דערציערין. אַ קליינער יאַטל פאַראויס פייקלט צו צום טאַקט, און דאָס קינדערשע געזאַנג קלינגט זילבעריג אַרום און פליסט אַזוי פריידיג אין ווייסן טאָג אַריין. פאַרבייגייער צע־שמייכלען זיך. אַנדערע שטעלן זיך אָפּ און פאָלגן נאָך מיט אָנגע־קוואָלענע אויגן די מאַרשירנדיגע קינדער פון דער זייטיגער געסל, געסל פון אָרעמקייט. וואַקסט אויס אַזוי פון זיך, גאָר אומדערוואַר־טעט, נאָך אַ בילד פון אַמאָליגן אָדעס.

אַ געסל אַרום דער „קאַרסאַרקע". די אָרעמקייט סטאַרטשעט אַרויס פון אַלע לעכער און שפּאַרונעס. אַ געדרענג. אַ טומל און אַ קינדעריש פנים פאַרלאָפן מיט בלוט און סיניאַקעס. דער קליינער גנב'ל, דער קעשעניק. קען שוין מער ניט וויינען און בעטן זיך. ער האָלט נאָר אָפּן ס'מויל, פון וואַנען עס טראָגט זיך אַ כריפּ, פון זיינע ציין טריפט בלוט, די אונטערשטע ליפּ הייננט, ווי אַן אָפּגעריסענע. זיין דאַר גופ'ל טרייסלט זיך, ווי אין קדחת, נאָר די מטושטש'ע אויגן זיינע דרייען זיך אין אַלע זייטן: ווער וועט אים ראַטעווען... אַ בייזער פּאָליציאַנט נעמט אים איבער אין זיינע מגושמ'ע הענט. דערוואַקסע־נע שטייען אָבער ניט אָפּ. יעדערער האַלט פאַר זיין „הייליגן" חוב נאָך אַ זעץ צו טאָן דעם קליינעם קאַרמאַנשטשיקל אוואו ער טרעפט נאָר...

די פריילעכע גרופּע יונגוואַרג אין רייען אָנגעפירט פון אַ לערערין, צי אַ דערציערין, גייט איצט פון דער זייטיגער גאַס, געסל פון אַרעמקייט, אודאי צו אַ מוזיי־אויסשטעלונג, צי אפשר צו גאַסט צו אַן אַנדער קינדער־אַנשטאַלט, אָדער אַ קינדערגאָרטן. טאָג איין, טאָג אויס ציען זיך איבער די גאַסן פון יעדער שטאָט אין ראַטן־פאַרבאַנד רייען קינדער, שול־קינדער, אונטער׳ן אויפזיכט פון לערער און דערציער צו די פיל־צאָליגע מוזייען, קולטור־טעמפּלען, לער־אַנשטאַלטן, קינדער־היימען, אויסשטעלונגען, גערטנער און סעדער, פאַבריקן און זאַוואָדן. לערנט מען דאָס לעבן טאַקע פון לעבן גופא איבערן גאַנצן ריזיקן סאָוועטן־לאַנד.

אויף דער האַלב־קײלעכיקער ווערענדע פון געוועזענעם פּאַלאַץ פון אָדעסער „גראַדאָנאַטשאַלניק" (שטאָט־באַפעלער) און איצט היסטאָרישער מוזיי, טיילן זיך די קינדער מיטן לערער מיט די איינדרוקן, וואָס זיי האָבן באַקומען נאָכן באַטראַכטן אַלץ אין די מוזיי־זאַלן, מאַכען באַמערקונגען און פאַרגלייכן די פאַרגאַנגענהייט מיטן געגענוואַרט. דער אָנגעשטעלטער, אַן עלטערער מענטש, קען זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוואוינען צו די אַלטעגלעכע באַזוכן פון די שול־קינדער. ער שאָקלט צו מיטן גרויען קאָפּ:

— אַט אַזעלכע קאַראַפּוזעס געוואָרן היינט. ווייסן מערער פון אונז אַלטע. אַט אַ צייטעלע אַ ביסל...

אין מוזיי „מענדעלע" זיצן מיר זאַלבעדריט און שמועסן. די חברים רובשטיין און וואָראָבייטשיק האָבן שטאַרקע טענות צו די חברים פון אַמעריקע. סטייטש אַזוי און אַזוי, ווי אַזוי טראָגט מען זיך דאָס אָפּ קאַלטבלוטיג צו די בריוו און רופן פון דאַנען. פאַראַן נאָך אַ סך, א סך צו דערגאַנצן דעם מוזיי „מענדעלע". איז עפּעס מאָדנע מיט די חברים פון ניו יאָרק. צומאָל ענטפערט מען אפילו אויף די בריוו נישט. סטייטש, היתכן... נאָר אָט גייען מיר פון זאַל צו זאַל, פון אויסשטעלונג צו אויסשטעלונג. מענדעלעס כתבים. מענדעלעס הויז־אַנטיקן. צייכנונגען, מאָלעכצן, אָנגעזאַמלטע חפצים, בילדער, אויפשריפטן, אַ לעבעדיגער אַרכיוו פון מענדעלע מוכר־ספרים מיט אַלע איינצלהייטן, און אַזוי זאָרגפעלטיג אויסגעלייגט און אויסגעשטעלט און אָפּגעהיט. ס׳ווילט זיך נישט אַוועקגיין. ביים געזעגענען זיך:

— זעט, חבר, מונטערט זיי אויף דאָרטן. דערמאָנט דעם חבר ק. מרמרן... צי איר וועט אויך פאַרגעסן?...

און אָט איז די שול „מעטאַל“, געוועזענע „טרוד“, איצט אויפן נאָמען פון זיידן ווינטשעווסקי, מיט אַלע איינריכטונגען. און אָט איז דער „יעוורײַבמאָל“, וואָס פאַרמאָגט אַן ארמיי פון פיר הונדערט שילער און שילערינס, מיט דער שלאָסעריי, מעטאַל־טאָקעריי, קופּער שמידעריי און נאָך אַ צאָל פּראָפעסיעס. אַלץ איז אויף גרויסן פאַרנעם, אָנהויבנדיג פון די קלובן, רויטע ווינקלען, ביבליאָטעקן, ביז מוזיק, ראַדיאָ און ספּאָרט און שיסער־קרייזן. די לימודים זיינען פאַרשיידנאַרטיג און רייך אין פּראָגראַם: נאַטור־וויסנשאַפט, געזעלשאַפט־קענטעניש, טעכנאָלאָגיע, עלעקטראָטעכניק, מאַשין־קענטעניש, פּראָפהיגיענע, צייכענען, מאָלן, מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע און וואָס ניט? — און די שרייבער־ווינקלען... שלום־עליכם ווינקל, מענדעלע־ווינקל און — —

— יע, איינגעאָרדנט אַ שיינעם רייזען־ווינקל אויך. געמיינט ער איז אונזערער. נו, דער אַלטער האָט זיך מיאוס אַליין אָפּגעשמיסן. אָפּגעטאָן זיך אַליין אויף טערקיש... איז אוים...

די פּאַרטיי־שול פאַרנעמט גאָר אַ געהויבענעם אָרט אין אָדעס. פאַרמאָגט גאַנצע פינף הונדערט סטודענטן, פון זיי הונדערט אידישע. אין דער אַלגעמיינער ביבליאָטעק, מיט 43 טויזנט עקזעמפּליאַרן, געפינען זיך דריי טויזנט אידישע ביכער. סטודענטן ווערן ווערבירט בלויז פון אַרבעטער.

גלייך פון „סטאַנאָק“ ווערן זיי אויסגעקליבן, און פון די זאַוואָדן ווערן די בעסערע און פייאיגערע אהער געשיקט. דער קורס איז אַ צוויי־יאָריגער. די לערן־מעטאָדן זיינען די נייסטע און מאָדערנסטע, און וואָס פאַר אַ חבר׳שע ווארעמע באַציאונג עס הערשט דאָרט!

אַ גאַנצן הויף פאַרנעמט די דאָזיגע אָדעסער פּאַרטיי־שול. די סטודענטן ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה, און זיי פאַרשווענדן ניט זייער טייערע צייט אומזיסט. גוטע, איבערגעגעבענע פּאַרטייטוער און פּאַרטיי־פירער קומען פון דאָרטן ארויס.

ס׳איז מיטאָג־צייט. נאָר מ׳רייסט אָפּ וויפיל מ׳קען נאָר צייט, כדי צו באַקענען דעם אמעריקאַנער מיט אַלץ מיט אַנאַנדער דאָ אין פּאַרטיי־שול, און מען פאַרגעסט ניט זיך גוט אויסצופרעגן אויף די אויסזיכטן דאָרט, אין גאָלדענעם לאַנד...

— נאַט, חבר, אָט האָט איר אונזער גאַנצע פּראָגראַם פון לימודים און געגנשטאַנדן, און די־אָ טאַבעלן וויזן אָן די שעה׳ען און די אָפּטיילן אזוי און אזוי. וואָלט דער חבר געוואָלט אפשר בייזיצן אַ קלאַס?

דינה און ליב, שרה און איך. שפּאַצירן מיר זאַלבעפערט אין א בין־השמשות איבער אָדעסער ברייטע, אין סקווערן אויסגעפּלאָס־טערטע טראָטואַרן. דער וועטער, א יאָדערדיגער, א מילדער בייטאָג און א שטייפער אין אָוונט, מישט די האַרבסטיגע דרום־לופט מיט די נאָך־פאַרבליבענע זומער־שריים, און די לונגען זיינען זיך גאָר אפנים מחיה מיט דעם־אָ אָטעמדיגן געטראַנק.

ליב י., אַליין אַ זשורנאַליסט, רעדט געלאַסן און איז מסביר יעדן ענין מיט פאַקטן. א פאַקט איז א טאַט, און א טאַט לאָזט זיך ניט „בלאָפן"... ליב באַמערקט גלייך אויפן אָרט, אז א צאָל ענגלישע ווערטער, איבערהויפּט די פון אמעריקאנעם טעגלעכן גע־ברויך, זיינען אריבערגעשיקט געוואָרן פון די, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, אהער צו זייערע קרובים און פריינט צוזאַמען מיט די בריוו און מיט די פּאָר טאָלער...

— זעט איר, אזא וואָרט, ווי „קאָנווייער" האָט מען צו אונז אהער דוקא ניט צוגעשיקט. מיר האָבן דאָס אליין אימפּאָרטירט, און טאַקע פון אייער פּאָרד'ן אליין, און דוקא ניט אָנגעפרעגט זיך פּאַר אַ דערלויבעניש. באָלשעוויקעס און פּטור. דער חילוק איז נאָר, וואָס ביי אייך איז דער „קאָנווייער" אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון רייכטימער פאַרן יחיד־אייגנטימער, און אַ הריגה פאַרן אַרבעטער, פאַר די שקלאַפּישע „הענט". דאָ, ביי אונז, אין סאָוועטן־לאַנד, ברייננגט דער שטומער „קאָנווייער־ראָבאָט" די גאַנצע שפע צום אַרבעטער, וואָס איז אַליין דער באַלעבאָס פון זיין לאַנד און פונם גאַנצן לעבן זיינעם. וואו איז זי, די שפע? זיכער רינט נאָך ניט מיט מילך און האָניג אין די גאַסן. מיר בויען איבער דאָס גאַנצע לעבן. א וועלט בויען מיר איבער. נו, ליגן אָנגעוואָרפן קופּעס ברוך. איז מען פּאַר־שמירט אין קויל און מיט שטויב באַדעקט. לעבט מען אויסגערעכנ־טערהייט, שפּאָרט מען פון דאָס נויטיגסטע. זיכער אזוי. נוצן דאָס אויס אונזערע שונאים באַוואוסטזיניג, מורמלען אונזערע נאָענטע, די קורצזיכטיגע, וואָס זיינען ניט מסוגל צו זען ווייטער פון זייער נאָז. אָבער דאָס סאָוועטיש געבוי גייט אָן מיטן פולן טעמפּ אויף אַלע גע־ביטן. ווער וואַגט עס צו פאַרלייקענען? ניט מיט ליכט באַדאַרף מען דאָס זוכן. דער, וואָס וויל אונזער איבערבוי און אונזער נייעם אויפלעב ניט זען, מוז דאָך די אויגן צומאַכן. דער, וואָס וויל ניט הערן דעם גרויסן שוואונג און אָפּקלאַנג פון אונזער סערפּ און האַמער, מוז דאָך זיינע אויערן פאַרשטאָפּן און הינטער טויבע ווענט זיך פאַר־ריגלען... הא!

דורך די גרויסע שויבן, די געוועזענע שוי־פענסטער פון פרי־ערדיגע האַנדלס־הייזער, איז צו זען, ווי מענער און פרויען ארבעטן אין ארטעלן, אין קאָאָפּעראטיווע אונטערנעמונגען. דער קוסטאר, דער בעל־מלאכה־באַלעבאָס פאר זיך אליין, זאָגט זיך אָפּ פון זיין פריוואטן ווארשטאט און שליסט זיך גערן אָן אין ארטעל, מיט וועלכן ער קען מער ניט קאָנקורירן. גארט ער, דער באַלעבאָס־בעל־מלאכה, שוין אַליין וואָס גיכער אין פאַבריק, אין זאוואָד אַריינגענומען צו ווערן. טויג ער זיך ניט אוים צום קאָנווייער־סיסטעם, זיינען איינגעאָרדנט קורסן פאר אים פאר דעם־אָ צוועק. אין די גרויסע קליידער־פאבריקן שניידן די שאַרפע שנייד־מעסערס גאנצע בערג פון געוואנטן לויט די אָנגעצייכנטע פורעמס, רוישן די מאשינען. די עלעקטרישע ניי־מאַשינען, און דער „קאָנווייער" דערלאַנגט צו דער האַנט יעדע פּיצל צום נייען און צום פּרעסן. די צייט איז אויסגערעכנט צום האָר, צום קווינט, און יעדע אָנדערהאלבן מינוט גייט דיר ארוים א פארטיגער אָנצוג מיט אלע זיבן זאכן. און מאנטלען, און פעלצן, און היטלען, און וועש—הא־הא! ביזטו דאָס, אָדעס, די שטאָט, די צעבאלעוועטע?—ביזטו דאָס די שטאָט, די געפּעכלטע, וואָס האָט כסדר אויף דער בירזשע, ווי אין א משוגעים־הויז, געמעקלערט, אין קאָרטן געשפּילט און מיט נאַפקעס גע׳שיכור׳ט?...

די הונדערטער פרעמדע, אָנגעלאָפענע שיפן זיינען פארשוואונדן פון דיינע ליכטיגע האַפנס. נאָר געפעק ווערן אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן פאַר דיין אייגענעם געברויך פון דיינע אייגענע שיפן, און גרויסע קעלטערס ווערן ביי דיין ים־ברעג געבויט פאַר דיין אייגענעם געברויך. שטייט נאָך אַלץ פּושקין מיט דער האַנט פאַרלייגט אין בוזים און קוקט פאַרטראַכטערהייט אַראָפּ פון זיין פּעדעסטאַל אויף דעם גרויסן איבערברוך און איבערבוי דיינעם. פּושקין, דער שעפערישער דיכטער איז בכבוד ביי דיר פאַרבליבן. מוסין־פּושקין, דער קניאַז, דער נאָבלמאַן, איז אַרויסגעיאָגט. האַ־האַ, אָדעס...

:: :: ::

צווייטע מלוכה שוך־פאַבריק, אויפן נאָמען „אָקטאָבער־רעוואָלוציע". דרייצן הונדערט אַרבעטער זיינען דאָ באַשעפטיגט, ערך אַ פערטל פון זיי זיינען פרויען. 4,500 פּאָר מענער־שיך און 300 פּאָר פרויען־שיך ווערן דאָ טעגלעך אויסגעאַרבעט אין א 8־שעה׳דיגן אַרבעטס־טאָג. ווי אַזוי? „קאָנווייער"־סיסטעם. פון גרויסע קוישן שיטען זיך אָפּצאַסן, פּאָדעשוועס. געפּלעקלט, געהאַמערט, געפּאָלירט, שנעל, שנעל. פון איין זייט קומט אַריין דער לעדער, נאָך אפילו ניט

צוגעשניטן, און פון דער אנדערער זייט קומען ארויס גלאַנציגע, שייך-נע שיך. עלעהיי די פאָרדלעך ביי פאָרדן, זאָל דאָס פעלן אַ האָר. קו-מען אהער שילער און שילערינס פון „יעווראבמאָל" לערנען זיך שום-טעריי, ארבעט מען מיט געזאַנג און מען היט זיך ס'זאָל קיין צו־פיל בראַק ניט זיין. אויף די געראַמע הויפן געפינען זיך אַ קוזניע, אַ סטאָ-ליארניע, אַ סליעסארניע און אַן עלעקטרישע סטאַנציע צו באַדינען די שיך־פאַבריק. נו, און אַן עס-זאַל, אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק, אַ מעדי-ציניש ערשטע-הילף סטאַנציע און נאָך כדומה אזעלכע „קליינינקייט-טען",—נו, פון דעם איז דאָך אָפּגערעדט.

אין „צעראַבקאָפּ", וואָס האָט פריער געהייסן „פּאַנקאָ-ני", זיצן מיר איצט זאַלבעפערט. מיר זיינען נאָר וואָס געקומען פונם שוסטער־קלוב אויף פושקין גאַס. מיר רעדן, ווי אזוי די באַרימטע איבער אָדעס „בראָדער־שול" איז דאָך גוט צונויף געקו-מען, און ווי אזוי די צווייטע מלוכה־שיך פאַבריק האָט דעם דאָזיגן „מקום-קודש" אויסגעשטאַטעט און אויסגעפּאַרריכט, כדי דאָס זאָל ראוי זיין צו ווערן אַ קלוב-קולטור פאַר די שוסטער, אירע ארבעטער, שאַפער, ליב טוט אַ דריי מיטן נאָז:

— עט, לאָמיר נאָר ווי ס'געהער צו זיין קומען צו זיך, אַט אזוי שטאַרק און איינגעוואָרצלט, וועלן מיר מער ניט אוועקלייגן הוצאות אויף אויסצופאַרריכטן אַלטוואַרג. צו וואָסער שלאַק לוינט זיך דאָס גאָר? נייע וועלן מיר בויען. דאָס אַלטוואַרג אין די מוזייען אריין, און מיר'ן האָבן נייע. נייע קינדער־שולן, ניין קולטור־טעמפּלען. נייע פאַבריקן און זאַוואָדן, און — — —

יאָ, און „קאָנווייערס"...

סאָוועטישע קינאָ־צענזור

אויף דער קינאָ־פאבריק אין אָדעס איז געלעגן א פיקס־און־פאַרטיגע די פילם „פינף כלות” און גרייט געווען צו באווייזן ווערן פאַרן עולם אויפן עקראַן אין באוועגלעכע, לעבעדיגע בילדער. די, וואָס זיינען מער אָדער ווייניגער באקאַנט מיטן פילם־קאָדעקס, ווייסן זיכער, אז איידער א פילם ווערט געוויזן אויפן לייוונט, מוז דאָס פריער דורכגיין א צענזור־קאָמיסיע, ווייל די ווירקונג פון די לעבעדיגע בילדער אויף די צושויער איז טיף און לאָזט איבער א גרעסערן רושם אויף זיי, ווי אַ בוך אויפן לעזער. גאַנץ אָפט וועט דער דורכשניטלעכער לעזער איינשלאָפן איבערן בוך, וואָס ער לייענט, אָבער זייער זעלטן וועט אזא זאך טרעפן מיטן דורכשניטלעכן צושויער פון א קינאָ־בילד. אין קינאָ־טעאטער לאָזט זיך דער עולם מערסטנס וואויל גיין. מען לאכט אויפן קול און מען שעמט זיך ניט אויסצואווישן א טרער, לויטן אינהאלט פון דער פילם. א קאָמיסיע, וואָס זאָל פריער אליין דורכקוקן דאָס בילד איידער ס'ווערט געוויזן פארן ברייטן עולם, איז א נאטירלעכע זאך. פונקט אזוי איז נאַטירלעך, אז יעדע מאַכט אין יעדן לאנד זאָל אויסנוצן אָט־דעם־אָ שטומען אַגיטאַטאָר, אָט־דעם־אָ אומדערמידלעכן איינקריצער אין די הערצער, פאר איר באַשטימטער מאָראַל, פאַר אירע אָנגעצייכנטע וועגן און לעבנסשטייגער. די קינאָ איז דער ווירקזאמסטער דערציער פון קליין און גרויס, פון יונג און אלט. א דערציער, וועמען ס'ווערט א פאָלק אָנפאַרטרויט, מוז אפריער עקזאַמינירט ווערן, צי איז ער פאסיג פאר זיין פאראנטוואָרטלעכע ארבעט. קינאָ־צענזור אין לענדער, וואו קאפּיטאל הערשעוועט, און קינאָ־צענזור אין לאנד פון ארבעטער און פויערים־דיקטאטור. דער חילוק צווישן די ביידע צענזורן איז דער זעלביגער, וואָס איז צווישן סאָוועטן־פארבאנד און די איבעריגע לענדער אויפן ערד־קוגל...

די קינאָ־פאבריק מיט די פילצאָליגע סטודיאָ־געביידן, טורעמס, הייזער, כאַטקעס, זעגל־שיפן און טויזנטער אנדערע מכשירים דער־

מאַנען אַן האַליוואָוד, יוניווערסאַל־סיטי און נאָך אַזעלכע ספּעציפֿישע פּלעצער, וואו לעבעדיגע בילדער ווערן פֿאַבריצירט. די ריינקייט און צוגעקליבנקייט פֿון די הויפֿן איז מוסטערהאַפֿט. בוימער און בלומען־בייטן. אַפֿנים אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קויפֿט מען ניט די ערד אויף א „פוס”, ווי ביי דער פאַסמע.

דער קליינער, שטאָק־פֿינסטערער זאַל שלינגט איין די צענזור־קאָמיסיע און פֿאַרהאַקט די שטשילנע טיר, כדי קיין שריפֿנקעלע טאָג־ליכט זאָל ניט דעפעקטירן דאָס געצייגטע בילד. יעדער שטריך מוז אַרויסקומען שאַרף און בולט. די קאָמיסיע באַשטייט פֿון איינינע באַאמטע פֿון שטאָט־ראַט און פֿון פֿאַבריק־אַרבעטער, און די פּאָר געסט, וואָס דער חבר אַבראַם האָט איינגעלאַדן. די פּיקס־און־פֿאַר־טיגע פֿילם „פֿינף כלות” הויבט זיך אָן צו באַוועגן אויפֿן עקראַן. גע־בויט איז די דאָזיגע פֿילם אויף די בלוטיגע פֿאַקטן פֿון באַנדיטן־כאָאָס און פּאָגראָמשטשינע אין צייט פֿון בירגער־קריג. דאָס אידישע שטעטל, מיט דער פֿאַרשאָלטענער אָרעמקייט, מיט'ן אידישן בעל־גוף, מיטן כלי־קודש און איבעריגן קלאָפּער־געצייג, איז די קאַנווע, אויף וועלכער דאָס פּאָגראָם־בילד איז אויסגעוועבט. די סינאַגאָגע, די מתפּללים, דער רב; די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, דער זעלבסט־שוץ, די רויטע אַרמיי, די פֿאַר'משפּט'ע פֿינף אידישע מיידלעך, די „פֿינף כלות”,—אַלץ באַוועגט זיך אין אַ שווינדלעכער ווירקלעכקייט. די ראָלע פֿון דעם אַטאַמאַן העלד שפּילט איינער, אַ באַוואוסטער אוּ־קראַינישער אַקטיאָר, ניט קיין איד. דאָס גאַנצע שטיק לעבן אַרויס־געריסן פֿון דער ניט־לאַנגאָניגער פֿאַרגאַנגענהייט מיט אַלע וואַריאַ־ציעס איז פּאַקנד און פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. די אויסשטאַטונג און די גאַנצע רעזשי איז פֿון אַ געשולטער האַנט. אָט אַ בילד!—וואָס, ניין?—ווייזט אויס, ניט אַלע זיינען מסכּים דערויף.

די דיסקוסיע אין שיינעם קאַבינעט פֿון דער הויפּט־קאַנטאָר צע־וואַרעמט זיך:

— חברים! ניט דאָס זיינען מיר אויסן צו קוויקן די הערצער מיט ציבעלע־טרערן. קומען מיר צו די ברייטע מאַסן, צו די האָרעװ־וואַניקעס, מיט אַ לעבנס־בילד, באַדאַרף דאָס זיין פֿון אַן אַנדער שניט, אָט וואָס. צו וואָסער טייוול טויג פֿאַר אונז דאָס נקמה־געפֿיל? זיינען מיר נקמה אויסן? האַ?

— און די יוגנט? עפּעס אַ לעמעשקעוואַטע יוגנט. טוט זאַכן אָן אַ טאָלק, און די אידישע יוגנט האָט ניט אַזוי געאַרבעט אין יענער

צייט. טייערע יאָטן געווען, וואוילע חברה, זאָג איך אייך. הײנט צו וואָס פאַרשעמען זיי?...

— און די כלות.... קעלבלעך אמת'ע, אויסגעצויגענע נעז, מער גאָרנישט...

— נו, נו, ניט אזוי שטריינג, חבר. דאָס בילד איז פול מיט לעבן און האנדלונג. טאָר מען דאָס אזוי אונטערן האנט ניט אוועקמאכן. אויסבעסערן, דאָס יע. ס'איז כדאי אויך. באטראכט זיך.

און מען האָט זיך ארייגעטראכט געגויער. די אינטערעסאנט־קייט פון דער דיסקוסיע איז הויפּטזעכלעך געלעגן אין דעם „ווי אזוי". פאַראַן א רוסיש ווערטל: „דער רוס וועט דיר קיין זאך ניט טרויען, סיידן ער נעמט דאָס אויפן צאָן..." די דיסקוטאנטן פון דער פּיעסע „פינף כלות", זיכער ניט אלע קיין עכטע רוסן לויט אָפּשטאמונג, אָבער „אויפן צאָן" האָט מען די זאך גענומען, און מיטן גאנצן ערנסט דערצו. צעגלידערט און צעפּאַלמעסט האָט מען דעם גאנצן ענין, שטריך ביי שטריך, קיין קליינינקייט ניט אויסן געלאָזן. יעדער פון די אָנטיילנעמער האָט געפילט אויף זיך די גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן. זיין איינער פון א צענזור - קאָמיסיע איז ניט קיין שפּילן זיך מיט די ווער־טער „יע" צי „ניין". סיי דער יע, סיי דער ניין, דאַרפן זיין באַזירט אויף עפּעס וואַגיגעס, דאַרף זיין ממשות'דיג און אויסגעהאַלטן. א־ניט איז איינס פון דיביידע: אָדער דו ביזט קאַפּאַבל דורכצולאָזן א קינאָ־בילד, וואָס טויג לחלוטין ניט פאַרן ברייטן, מאַסאָוון עולם, און דאָס וואָס עס טויג ניט, איז שוין מיט דעם אליין א שעדלעכע זאך. אָדער דו קאָנסט מיט דיין איבערכאַפּן די מאָס פון שטרייגקייט פאַרזען דאָס גוטעס, וואָס אזא און אזא קינאָ־בילד פאַרמאָגט אין זיך. וועסטו מיט דיין איבער־פּרומקייט אָפּטאָן צוויי עבירות. ערשטנס, באַרויבן דאָס פאָלק פון א נוצלעכער, א באַלערנדיגער פאָרשטעלונג, און, צווייטנס... יע, צווייטנס, א פיקס־און־פאַרטיג קינאָ־בילד איז ניט געשאַפן געוואָרן איבער נאכט. ס'האָט, ווי געוויינטלעך, אָפּגע־קאָסט א היבשע אפּיתוקא, און מיטן פאָלקס־פאַרמעגן באַדאַרף מען אודאי און אודאי זיין פאָרזיכטיג, ניט צו פאַרטאַכליעווען דאָס צוליב פרומע קאַפּריזן, און אזוי וויי‌טער.

פאָרנדיג צוריק אין יונגן פארנאכט צום שטאָט צו, שוין נאָכ־דעם, ווי מען האָט א שעה־צוויי מיינונגען ארויסגעזאָגט פאַר און דאַגעגן, שוין נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אָפּגעאַמפּערט און געקומען צו א געזעצטן באַשלוס אזוי און אזוי,—האָט מען נאָך אלץ אָנגע־

האלטן דעם געשפרעך „קינא”. מאלט אייך אויס אזוי:

— אויפגעוואכט האט א גרויס, זייער גרויס לאנד. אויסגעטשוכעט האט זיך פון הינער־פלעט ארויפגעצוואונגענעם א שטארק, זייער א שטארק פאלק. ניין, ניט איין פאלק, נאר אזא ריזיגער פארבאנד פון פעלקער, אזש ניט מיטן אויג ארומצונעמען, ניט מיטן מויל ארויסצוריידן. איז מען געלעגן אין הינער־פלעט ארויפגעצוואונגענעם, און דאס חיות איז אין שטענדיגער מורא, אין אייביגער לעבצונג און גארעניש, צוביסלעך גערונען, גערונען, און שיעור ניט אינגאנצן אויסגערונען. נו, איצט אויפגעוואכט, ארומגעקוקט זיך, די אויגן נאך ניט אינגאנצן אויסגעריבן. שטיקער שלאף ליגן נאך אין ווינקלען, אונטער די אויגן־דעקלעך איינגעגראבן, אבער דער אויסגעהונגערטער פארלאנג איז שוין ארויסגעשפרונגען מיטן פולן ברען, און האט זיך א לאז געטאן אויף אלע פיר מיט אזא אימפעט, אזש סכנה'דיג געווארן, אז מ'זאל, שטילענדיג דעם־א גרויסן הונגער, אויך ניט אריינשלינגען דער טייוול ווייסט וואס פאר א פאסקודסטווע...

— עך, חברים און בירגער, אמת'ע ווערטער זיינען דאס, ניט קיין מליצה. און ווער דארף גאר איצט די דאזיגע פארפירערישע מליצה? דאס איז אן עסק פאר די בורזשויעס, ניט פארן ארבעטער, ניט פארן פויער, אט, ריכטיג איז, אז דער לאנגאניגער אויסגעהונגערטער פארלאנג האט זיך, ווי א שטראם דורך א געפלאצטער דאמבע, אזא גוואלדיגן רים ארויס געטאן, ניט צו אנפילן, ניט צו אנזעטיגן אים. גיב אהער מעבל, פיאנעס, רייגערע געשיר. גיב, דערלאנג וואס גיכער מאנופאקטור פון כל המינים. שיך באקוועמערע און שענערע דערלאנג. הכלל, גיב און גיב, און הער ניט אויף צו געבן אזוי, אז עס זאל סטייען פאר אלעמען. אויף דעם־א גיב־געבויט שטייגט דער פויער ווייט אריבער דעם ארבעטער. ער, דער פויער, וואס לאזט זיך נאך ניט אוועקרייסן פון זיין פרימיטיווער סאכע־און־בראנע, און איז נאך אלץ גרייט בעסער אליין צו הארעווען אויף זיין שטיקל ערד גאנצע 24 שעה אין מעת־לעת דורכ'ן זומער, און ניט האבן געננוג אויפן ווינטער,—אט דער־א פויער, וואס פארנעמט נאך ניט דעם מהות פון א טראקטאר און א קאלעקטיוו, שרייט מיט קולות באנומענע, פארוואס ער קריגט ניט געננוג דינעם געוואנט אויף א „שטאטישן” אנצוג... דער ארבעטער, אדער ריכטיגער, דעם ארבעטערס הויז־ווייב, שיט פעך און שוועבל און שילט אויס דאס געביין, פארוואס און הלמאי זי דארף שטיין אין „אטשערעד”, און קריגט נאך צומאל ניט אלץ, וואס זי וויל האבן. נו, ריידן צו אט־די־א אלע באדארף מען, ניט

מיר ווערן צו ריידן און אריינדרייבן זיי אין די קעפּ אזוי און אַט אזוי, אַז אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד מוזן מיר. אנטוויקלען אַלע צווייגן פון אונזערע אינדוסטריען קאָן מען אָן מאַשינעריי בשום אופן ניט. מוזן מיר מאַשינעס אין אויסלאַנד קויפן און פאַר אַלץ מיט מזומנים באַצאָלן. מזומנים מיינען פּראָדוקטן. מוז מען דעם ביסן פון מויל רייסן, קאַפּיטאַלס גרויסן בייטל אָנשטאָפּן, כדי צו באַקומען דאָס נויטיגסטע דאָס לאַנד אונזערס אויפצובויען, כדי מיר אַלע זאָלן אויפגעריכט ווערן. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. ריידן אָבער וועגן דעם מוזן מיר און ניט מיד ווערן צו ריידן. איז דאָס בעסטע די קינאָ. אמת, די ראַדיאָ־כוואַליעס דינען אונז גאַנץ שיין, אָבער די קינאָ איז אַ סך בעסער פאַר דעם צוועק...

— אודאי אזוי, גערעכט. איז טאַקע זייער און זייער אַ פאַרדראָסיגער פאַקט, וואָס מען דערלויבט ביי אונז אין גרעסערע און קלענערע צענטרען, איבערהויפּט אויף דער פּראָווינץ, אַז מען זאָל צייגן פאַרן מאַסאָוון עולם נאַרישע, פּוסטע בילדער. וואָסי? אימפּאָרטירטע אַזש פון אמעריקע... נו, זיכער איז די פּיקפאָרד אַ טאַלאַנטפולע אַקטריסע, צי דער טשאַפּלין, אַ זעלטענער קאָמעדיאַנט מיט גוטע איינפאַלן, צי נאָך אַזעלכע אָנערקענטע טאַלאַנטן. אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז דאָס גאַנצע פּעקל גאָלד זייערס ווערט גאָר אויסגעביטן אויפן ביסל קופּער. אָט־וואָס. אויסערלעכער גלאַנץ און ליידיגער אינהאַלט. און ס'איז נאָך ערגער; ס'איז ניט נאָר ליידיגער אינהאַלט אַליין, עס איז שעדלעך אין סאַמע תוך אריין, איבערהויפּט איצט, וואָרים דורשטיג זיינען מיר און אויסגעהונגערט זיינען מיר אויך אויף דעם געביט ניט ווייניגער פונם גאַרן און יאָגן זיך נאָך דינעם, גוטן געוואַנט אויף אַ שיינעם גאַרניטער. אוי, ווי פאַרזיכטיג מיר מוזן זיין מיט אונזערע קינאָ־טעאַטערס פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסן. אוי־אוי, נאָך ווי אזוי... און שטריינג צו די צענזור־קאָמיסיעס אַליין. נו, יע, אָט...

לאַנג האָט זיך נאָך געצויגן דער ערנסטער שמועס. נאָך די טיראַדעס פון איינעם, אַ צווייטן און אַ דריטן, מיט די איבעריגע אַלס שווייגנדיגע, אויפמערקזאַמע צוהערער, איז אַוועק אַ שטילערער געפּלעכט פון באַמערקונגען, וואָס האָבן זיך געשפּונען און איינגעוועבט אין איין האַרמאָנישער הסכמה. אַז—

זאָל נאָר די ערשטע „פּיאַטילעטקע" (פינף־יאָר פּלאַן) דורכגיין בשלום. זאָל נאָר די מעטאַל־אינדוסטרי אין אַלע אירע פאַזן איינגעפונדעוועט ווערן, ווי ס'באַראַף צו זיין. זאָלן נאָר די אַלע געפּלאַנטע

„סטראָיען" (דניעפּראָסטראָי, טראַקטאָרסטראָי, אווטאָסטראָי...) זיך אויס־סטראָיען,—ט־טא־טא! אוי, וועט דאָס א גאַנג א גיי טאָן, אזאַ־אָ ריזיגן שפּאַן טאָן „ווּפּעריאָד" (פאָראויס) אויף אַלע וועגן, אויף אַלע שטעגן און סטעזשקעס אפילו,—אַ־האָ! מוז מען איצט, אין צייט פון אָנגעשטריינגטן בויען, פּאָרקוקן אייניגע זאַכן, דורך די פינ־גער דורכלאָזן, יע, זיכער, אודאי אזוי, אָבער אין אויג האָט מען דאָס אַלץ. מען איז ניט אָפּגענאַרט און מען לאָזט זיך ניט נאַרן. וועלן קינאָ־טעמפּלען זיין. וועט פולער, געזונטער אינהאַלט אין זיי זיין. שוואַך איז דער היינט, אָבער וועמעס איז דער לויטערער מאָרגן? וועמענס, הא?... זאָלן דאָס אַלע, הימל און ערד, פאַרנעמען. אין אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט זאָל מען הערן. אַ־האַי! שטייט אויף אירע אַלע, ווער — — —

דער אַלטמאָדישער, קליינער פּאַסאַזשיר־דאַמפּפער „סעוואַסטאָ־פּאָל" האָט זיך אזוי ווייך און מעשה סטאַטיק אַרויסגעגליטשט פון דער שטילער, רחבות'דיגער בוכטע, א שטאָלצער אזוי פאַרבייגעשוואָר־מען דעם אָנגעצונדענעם לייכט־טורעם, און מיטאַמאָל אזוי א טוקע געטאָן זיך ביז איבערן נאָז אין דעם אָפענעם ים, און טאַקע אין איין הרף־עין א שפּרונג אַרויף געטאָן, ווי אַן עכטער שאַלטיק, אויף א באַרגיגן רוקן פון א גיגאַנטישער כוואַליע, און א קאַטשע אַראָפּ גע־טאָן זיך אזוי, אַז אין האַרצן האָט א קיל געטאָן. אויפן ווייט־ווייטן האָריזאָנט האָט זיך דער צונטער־רויטער פּאָמעראַנץ געבאָרעט מיטן ים־זויב, נישט געוואָלט פאַרשלונגען ווערן, מיט פייערדיגן זאַפט גע־שאָסן אין אַלע זייטן, געצונדן וואָלקן און וואַסער און א האַלבן הימל פאַרגאָסן מיט ציטערדיגער נעץ זיבן־פאַרביגער. די שיינע „פּאַל־מירע" האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און טונקעלער, ניט געקאָנט אפּנים גלייכגילטיג צוקוקן, ווי די זון ווערט דערטרונקען, נאָר פון דער לינקער זייט האָט דער האָרעפּאַשנער זשעוואַכאָוו־באַרג מיטן פלאַכן קאָפּ, ווי אָנגעלענט געלעגן און בלוי געדרויכערט זיך נאָכן פראַצע־טאָג. שטייען נאָך אַלץ באַנ'אים צופוסנס די דאָמינאָ־אויוונס מיט די שלאַנקע העלזער־קוימענס? ווערט נאָך אַלץ זיין לייס און ציגל אין קאַכליעס געפורעמט? זינגען נאָך אַלץ דאָרטן די „טאַטש־קע־וואָזן" זייער שווערע האָרעוואַניע אין אוקראַינישן טרויער אויס? און יענע... אָ יענע, וואָס האָט אזוי געליבט, געלעבט און ניט דער־לעבט... אַך, זכרונות אמאָליגע, פאַרגאַנגענע, אַנטרונענע...

הוליע, הוליע, שוואַרצער ים! שפּריץ ווייסן שוים אין נאַכטיגן צודעק אַריין. אויף דיין ברעג א ניי לעבן בויט זיך, וואַקסט און

צעשפּרייט זיך, או־אך! זאָל נאָר בשלום די ערשטע „פּיאַטילעטקע" דורכגיין... קינאָ־טעמפּלען וועלן זיין. אינהאַלט וועט זיין. אינ־האַלט איז שוין דאָ. אודאי דאָ. פול איז דאָס לעבן, פול ביז איבער די ברעגן, און— — —

אין לויטערן באַגינען, מיטן ערשטן שפּראָץ פון זון־אויפגאַנג, באַוועגט זיך לאַנגזאַם אַנטקעגן, צעשפּרייט אַמפּיטעאַטראַליש, ווי אַ ליכטיגער פעכער פון העלפאַנטביין אויסגעשניצט, די אַלט־אַלטע שטאָט אויף דעם קרימער האַלב־אינזל, יעוופּאַטאָריע...

גוט־מאָרגן! — — —

פיר מעת־לעת אויף דער „גרוזיע"

אין צייט פון סעזאָן, דורך די הייסע זומער־חדשים, מאַכט דורך די „גרוזיע" איר מאַרשרוט פון אָדעס קיין באַטום און צוריק אין פינף טעג. נאָכן סעזאָן איז זיך ניטאָ וואָס צו איילן. אוים געיעג, שטעלט מען זיך אָפּ כמעט אין אַלע פּאָרטן. אין יעדן פּאָרט איז פאַראַן גענוג וואָס אויסצולאָדן און אָנצולאָדן און איר, פּאַסאַזשירן, ווען עס איז אויסגעפאַלן צו באַרייזן די ברעגן פון שוואַרצן ים גראַד נאָכ'ן זומער־סעזאָן, דאַרפט דאַנקען אייער גוטן שיקזאַל דערפאַר, און אויב אייך גילט אָפּ צו זיין אַ פּאַסאַזשיר אויף אַזאַ שיף, ווי די סאָוועטישע „גרוזיע" איז, מעגט איר אודאי צופרידן זיין. זיכער וועט ביי אייך אין זכרון פאַרבלייבן אַזוי פיל אינטערעסאַנטעס — — —

ניין. ניט אַזוי בין איך אויסן. דערלויבט מיר, איך בעט אייך, צו טאָן דאָס אַנדערש. סתם נעמען און אָפּדערציילן—אַזוי און אַזוי געפאָרן, דאָס און דאָס געזען—ניין, ס'וועט ניט אַרויסקומען דאָס, וואָס עס ווילט זיך מיר איצט צו טאָן. און ווילן ווילט זיך מיר אייך מיטצונעמען אויף אַ יום־טוב רייזע, ווייל אַ גרויסער יום־טוב איז געווען פאַר אונז, פאַר שרה'ן און פאַר מיר. די פיר מעת־לעת אויף דער סאָוועטישער שיף „גרוזיע", דורכן שוואַרצן ים, פון אָדעס ביז באַטום. זי, מיין מיטפאָרערין, איז מסוגל צו ים־קראַנקהייט, אפילו אויף אַזאַ ריז ווי דער „לויתן" איז, אָבער צו פאַרלאָזן די „גרוזיע" איז זי גאָר קיין בעלן ניט געווען. ס'האָט איר שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס די פיר מעת־לעת האָבן זיך ניט געדאָפּלט לכל־הפחות. פאַרוואָס? אָט וועט איר זען. אַרויף אויפן לייטער און — — —

וואַרט נאָר צו. דערווייל זיינען מיר אין יעוופּאַטאָריע. אז מירן אָפּ־פּטר'ן אָט־די־אָ שטאָט, וואָס האָט אונז אין אַ לויטערן באַגינען באַגעגנט מיט איר פּעכער פון העלפאַנטביין געשניצט, וועלן מיר אין אַן אַנדערן, העל־בלויען פרימאָרגן זיך אויפזעצן אויף דער „גרוזיע" פאַר ווייטערדיגע נסיעות. וואָס טוען מיר אין יעוופּאַטאָריע? אין יעוופּאַטאָריע ראַיאָן געפינען זיך אַ היבשע צאָל נייע אידישע קאָלאָ־

ניעס. דאָ ניט ווייט ליגט די קאָלאָניע „איקאָר", אַ דערפל פון איבער זעכציג הויפן. כמעט אינגאַנצן קאָלעקטיוויזירט. דער ישוב אַן איינ־געפונדעוועטער, מאַכט אַ גוטן איינדרוק. ס'איז דער ערשטער טאָג „ראש השנה". עלטערע אידן האָבן ווי עס איז צונויפגעשטעלט אַ מנין, און מען דאַוונט, און מען טיילט זיך איין עליות, גאָר ווי אין די גוטע, אַלטע צייטן, און קיינעם אַרט עס ניט. די אמת'ע שמחה אָבער איז אַרום די אָנגעקומענע. אַרום דעם אַגראָנאָם, וואָס האָט געבראַכט די געסט פון שטאָט, קלעפּט מען זיך ווי בינען אַרום האָניג. אַט הערט זיך צו:

— חבר קערצמאַן, וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם „וואָדאָפּראָ־וואָד"? (וואַסער־לייטונג) וועט זיין, האַ?

— וועט זיין, וועט זיין, זיכער.

פּנים'ער לייכטן אויף. אויף די קרימער סטעפּעס איז די וואַ־סער־פּראַגע זייער אַ ברענענדיגע. אַ באַבערדלטער קאָלאָניסט, אין די מיטעלע יאָרן:

— איר פאַרשטייט דאָך, חבר קערצמאַן, די קייט אין ברונעם זאָל זיך חלילה איבעררייסן, זיינען מיר דאָך אויסגעשטעלט... זאָל גאָר אַזאַ בייזע שעה ניט קומען. מוזן מיר דעם „וואָדאָפּראָוואָד" איינאָרדענען וואָס גיכער. איר פאַרשטייט, צי ניט?

— נו, און עלעקטרישע באַלייכטונג?

— וועט אויך זיין. אַביסעלע געדולד, חברים.

— אי, חבר קערצמאַן, אַ פאַבריקל וואָלט מען נויטיג באַדאַרפט, כאָטשבי אַ זאָקן־פאַבריקל, אָט אַזוי־אָ, אַ קליינטשיקס דערוויל, פאַר אונזערע יונגע, זיי זאָלן ניט שלאָגן קיין ביידעקעס, פוסט־און־פּאַס־טעוועון אומזיסט, אומנישט.

— נו, און לערנען זיך באַדאַרף מען שוין ניט?

— לערנען־שמערנען... ביזן גרויען צאָפּ? פאַרדינען עפּעס, אָט וואָס.

די אינגערע און יונגע זיינען פאַרנומען. ווער מיט דער סטאַדע, ווער אין פעלד. מ'הייבט אויף נייע ערד פאַר טרויבן זעצן; מ'איז פאַר־טאָן אַרום „סילאָסנע"־טורעם צו פאַרגרייטן אויף ווינטער שפּייז פאַרן פי. ס'איז פרייליך. מען בויט אַ נייע וועלט. איז מען גערן די אָנגעקומענע פון ווייטע מקומות זאָלן אַלץ באַטראַכטן און זען; אדרבא, אָט קוקט אָן מיט אייערע אייגענע אויגן, צי טויג מען זיך אויס, צי ניט, און צום סוף פאַרזיכערט מען אייך, אז גאָר אין גיכן וועט די קאָלאָניע „איקאָר" אויסוואַקסן אין אַ צענטער אינם ראַיאָן,

וואָרים אַזוי און אַזוי... אויף דעם איז אויך מסכים דער אַגראָנאָם, קערצמאַן, דער פאַרשטייער פונם אָרטיגן „קאָמזעט". און אַזוי ווי די „גרוזיע" וועט ערשט באַווייזן זיך ביים אריינגאַנג צו דער בוכטע ניט היינט און ניט מאָרגן, נאָר ערשט איבערמאָרגן פרי, האָבן מיר צייט זיך ארומצוקוקן.

פאַרנדיג צוריק צום שטאָט—אָט איז אַ טאַטערשער דאָרף, אַזוי פרימיטיוו, ווי די קרימער ערד אַליין. די קאָלאָניע „איקאָר", וועלכע מיר האָבן אָקאָרשט פאַרלאָזן, איז דאָך אַ כרך אין פאַרגלייך מיט דעם־אָ אַלטינקן ישוב אין אַלע הינזיכטן. פאָרן מיר פאַרביי די „לימאַנען" (געזאַלצענע אָפּפלוסן, אָזערעס) און צום אָפענעם ים די זאַמדיגע פליאַזשן, וואָס גלימצערן גינגאָלדיג אין זוניגן טאָג אַריין. דאָ אַרום, אויף ווייטע שטרעקעס איינגעטונקען אין גרין פון אַלערליי גאַטונקעס, נעפינען זיך די באַוואוסטע יעווּפּאַטאָריער ים־בעדער. די טייערע ווילעס באַבוימט, באַגראָזט און באַבלומט, זיינען פול מיט רעזאָרט־ניקעס. נישט מער וואָדען? פון זייערע פריערדיגע באַלעבאַטים, די פריצים און נאָבל־לייט, איז קיין סימן ניטאָ. די סאָוועטן־מאַכט האָט די־אָ אַלע פּראַכט־פּלעצער פאַרוואַנדלט אין אָפּרו־רעזאָרטן פאַרן אַרבעטער און פאַרן אַרבעטערס קינדער. באַקומט דער האַרעפּאַשניק זיין אורלויב, זיין וואַקאַציע, איז למאַי זאָל ער ניט פאַרברייננגען די פּאָר וואָכן, צי דעם חודש פרייע צייט אין אַ שיינעם סאַניטאַריום ערגעץ אויף די קרימער ברעגן, ביים ים? און פאַר די קראַנקע, פאַר די אָפּגעשוואַכטע, איז דאָך דער מילדער קלימאַט פון קרימער האַלב־אינזל אודאי זייער נויטיג. נו, איז אָט האָט איר אים, דעם נייעם סאָוועטישן אַרבעטער־בירגער, ביי זיך אין אייגענעם ווייגאָרטן אַזוי געמיטלעך צעלייגט. אַ חיות.

צעוואַרעמט פון דער ליבער דרום־זון, פילט איר זיך אפשר מיד. איז ניט נויטיג צו אָפּלאָזן זיך און אומגיין פאַרשמאַכט. לאָמיר אַריין אין אַ טיי־הויז, צי לאָמיר גאָר זיך איינהאַדלען שקאַרמיצן מיט פולע, זאַפטיגע טרויבן און ווייטער אַ שפּאַן טאָן, וואָרים איר ווילט דאָך אודאי אַראָפּכאַפּן זיך אין „אָזעט־הויז", אַ גאַנצע אכסניה מיט אַלע קליפּערלעך, איינגעאָרדנט פאַרן אידישן קאָלאָניסט־איבערוואַנדערער, אַ קוק צו טאָן וואָס, ווען און ווי אַזוי. אַ חוץ דעם, ווייסן מיר דאָך, אַז די־אָ האַלב־קיילעכיגע, ווי אַ ליכטיגער פעכער צעשפּרייטע שטאָט, וואָס נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון ים, איז ניט מער, ווי דער נייער טייל יעווּפּאַטאָריע. דער אַלטער טייל יעווּפּאַטאָריע ליגט פאַרבאַהאַלטן אַהינטער אין אַזעלכע קרומע, צעדרייטע געסלאַך, אַז ווען ניט

דער גוטער חבר קערצמאַן, אונזער וועג־ווייזער, וואָלטן מיר בשום אופן פון דאַנען זיך ניט געקענט אַרויספּלאָנטערן. ווי האָט געמוזט זיין צום שונא, וואָס איז ווען אַהער אַריינגעפאַלן צווישן די בלינדע, שטיינערנע און שטומע ווענט. קיין אָנטרינונג ניט געווען פאַר דעם פיינט, ווען מ׳האָט אַהערצו אַריינגענאַרט. ווילט איר מסתמא אַ קוק טאָן אויף אַלטערטימליכקייטן. פאַרוואָס ניט? אַ לעבעדיגער מענטש איז פאַראינטערעסירט און וויל זען, ווי אַזוי מען האָט געבויט שטעט מיט הונדערטער, צי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. גייען מיר אַזוי, שטעלן מיר זיך אָפּ דאָ און דאָרט. אַלטע מערק, אַלטע „מעטשעטן" (געבעט־הייזער), אַלטע קברים. אַלט, זייער אַלט איז דאָ אַלץ מיט אַנ׳אַנדער. דער גריכישער גלח, וואָס שפּאַצירט אַרום זיין קאַטעדראַל, זעט אויך שוין אויס, ווי ער באַלאַנגט צו אַ פאַרשוואונדענער ציווי־ליזאַציע. אַפּנים זיין פּרנסה איז אים שטאַרק אונטערגעשניטן. זיין גאַנצער הילוך זאָגט דאָס אויס אויפן קול. ווערט שוין אומעטיגלעך און סקרוכיג אַרומדרייענדיג זיך צווישן אָפּגעלעבטקייטן, איז אַרויס צוריק צו אָפענע סקווערן, צום ים צו...

אין סאַמע הייסן שפּיל פון ים און זון וויגן זיך אויפן וואַסער־העמאַק ביי די בלויע זוימען פון האָריזאָנט קרייצער־שיפן, מינען־וואַרפער, סובמאַרינען. סאָוועטישער סקאַדראָן פון סאָוועטישן פלאָט אויף אַ באַזוך געקומען. מחנות מאַטראָזן אַ שיט אויס געטאָן זיך און מיט געזאַנג איבערן ברייטן בולוואַר, פּאַזע ברעג:

„. . . אויף פינף אָקעאַנען
זאָל ווייען און פלאַמען
די פאָן פון סאָוועטישן פלאָט..."

איז ווי לאַנג זיינען מיר, ווי קינדער קליינע, נאָכגעגאַנגען די זינ־גענדיגע מאַטראָסן־קאָלאָנעס?... אָבער מיר פילן זיך ניט, ווי מיר וואָלטן עפּעס אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס פּאַסט ניט פאַר דערוואַקסענע. אדרבא, ווען מיר קומען אין „איספּאָלקאָם" אויף דער איינלאַדונג פונם פאָרזיצער, חבר קאָלאָסאָוו, דערציילן מיר וועגן דעם, ווי וועגן אַ נאַטירלעכקייט. ער, דער חבר פאָרזיצער פון „איספּאָלקאָם", אַליין אַ „ווידוויזשענעץ", אַן אַרבעטער פון „סטאַנאָק", האָט שוין גרייט אַ פּאַק מיט פראַגן פאַר אונז, און איז אַליין אויך גרייט אויפצונעמען אונזער פּאַק מיט פראַגן. וואָרים, ווי זאָגט ער, דער חבר קאָלאָסאָוו, אין דעם ליגט דאָך דער הויפּט־אינטערעס, מיר זאָלן לערנען איינע פון די אַנדערע. איר פון אונז און מיר פון אייך. עפנט זיך אויף אַ לעבעדיגער שמועס, אַ חבר׳שער און אַ פריינטלעכער, אַזוי און אַזוי:

— ע־עך, חברים געסט, אַרבעט אזוי־אַ פאַראַן, און וואָס פאַר אַן אַרבעט? דאַנקבאַרע אַרבעט. אַרבעט פון אויפבוי, פון אויפלעב און אויפשוואונג. זיינען די שווערינקייטן ליב און אָנגעלייגט. יע, נו. מיר באַקלאָגן זיך שוין גאָר ניט. די צוקונפט איז אונזערע, דורכאויס אונזערע, און קיינער קען ניט און וועט ניט ביי אונז דאָס צונעמען. און אָט לאָמיר א נעם טאָן אַפילו די געגנוואַרט...

דער חבר קאַלאָסאָוו, אָט דער אַרויסגערוקטער אַרבעטער פון וואַרשטאַט, וואָס האָט דערגרייכט די מדרגה צו ווערן דער פּאָרזיצער פון יעוופּאַטאָריער איספּאָלקאָם, רעדט מיט א גלאָסענער, איבערצייגנדיגער קראַפט וועגן „אַפילו די געגנוואַרט...״, וואָס איז אזוי רייך מיט גראַנדיעזן אינהאַלט־פאַרנעם, וואָס פּילט אָן דאָס גאַנצע לעבן מיט אזויפיל אינטערעס פון בויען און שאַפן, פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך ביז די גרויסע און גרעסטע צענטער־שטעט. איז קיין חידוש ניט, אַז איר זיצט אזוי און הערט זיך איין, און שלינגט יעדן וואָרט; איז קיין חידוש ניט, אַז ווען איר שטעלט זיך אָפּ דערנאָך לעבן כאַנס „מעטשעט״ מיט די צוגעפּלעטשעטע דעכער־קופּאָלן פון אָריענטאַלישער אַרכיטעקטור, און אַפילו ווען איר שפּאַצירט אַרום אין די פאַרוואַקסענע הויפן צווישן די אור־אַלטע בנינים, וועלכע ציילן שוין אודאי הונדערטער, הונדערטער יאָרן,—אַז אין אייערע אויערן הויערט נאָך אַלץ דער שמועס מיט דעם חבר קאַלאָסאָוו, וואָרים לגבי דעם ריזיגן איבערבוי שוואונג אין איצטיגן אָט־אָ, און לגבי די ליכטיגע פּערספּעקטיוון אויפן נאָענטן מאָרגן,—וואָס פאַר א ווערדע האָבן די אַלע פאַרוואַקסענע מיט גראָז און מיט בוריאַן אַלטערטימליכקייטן?

אָנגעלאָדן מיט איינדרוקן, אָנגעפּילט מיט מחשבות, גייט איר אזוי פאַמעלעכן און ניט א וואָרט. שווייגט אויך דער חבר קערצמאַן. אַנטקעגן, פון א פאַרדרייט געסל אַרויס, קומט אָן א ווייס־ציכטיג אַלטיטשקע. חבר קערצמאַן טוט זיך א צי אין זיין גאַנצער הויך אויף פאָראויס. די אַלטיטשקע צעשמייכלט זיך אזוי קינדיש־ליב, און מורטערליך קושט זי דעם קאָפּ פון איר גאָטלאָזן זון. זי גייט דאָס איצט פון שול. ביי איר איז היינט דער ערשטער יום־טוב פון די „ימים נוראים״ (שרעקלעכע טעג). האַלט זי דאָס פאַר א גוטן צייכן, וואָס איר גוטער זון איז איר גראַד אָנגעקומען אַנטקעגן אין דעם איצטיגן מאָמענט, און נאָך מיט געסט דערצו. ווינשט זי אונז אַלעמען אָן א „גוט־יאָר״ א פולן קויש.

חבר קערצמאַן דערציילט לאַכנדיג, ווי אזו זיין גוטע, אַלטיטשקע

מאַמע היט אָפּ דעם דאַוונען און אַלע רעליגיעזע זאַבאָבאָנעס, נאָר מיטן זונס טריפה'נער קיך האָט זי זיך צוביסלעך ווי איינגעלעבט, און דווקא פרייוויליג. אָט אַ קאָמבינאַציע. דערציילן מיר אים פון אַזאַ פאַל אין אָדעס. דער אַלטער י., אַ מאַן פון קרוב צו זיבעציג, איז געקומען פסח פון שול, אָפּגעגעבן דעם ברייטן „גוט יום־טוב" זיין אַלטער, און—אַוועקלייגנדיג אויפן טיש ברויט—האָט ער צו איר אַזוי געזאָגט:

— עס, אַלטע, מאַך זיך ניט נאַריש. אָט דאָס ברויט איז טויזנט מאָל כשר'ער פון זייער מצה. ניט קיין מצות האָבן זיי אונז אַזש פון מעבר לים צוגעשיקט. דאָס איז מכות, זאָג איך דיר, נו, און אַז מירן אָפּשלאָגן כפרות מיט אונזערע אייגענע מכות, טאָ צו וואָסער שוואַרץ־יאָר באַדאַרפן מיר די מכות פון העט־דאָרט...? עס, אַלטע, מאַך זיך ניט נאַריש.

מיר לאַכן האַרציג פון די־אָ מאָדנע קאָמבינאַציעס, וואָס קומען פאָר ביים אַלטן דור אין ראַטן־פאַרבאַנד, פון די־אָ מאָדנע ווידערשפּרוכן פון רעליגיעזן צערעמאָניאַל. ווי אַזוי דאָס ווירקלעכע לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד שאָקלט כסדר פאַנאַנדער די פון דורות און דורות איינגעקרעמפּעוועטע רעליגיע־פעסטונגען אפילו צווישן אַלטן דור. אי, דו סאָוועטן־לאַנד...

דער דיקער, געדיכטער און וואַרעמער ברום פון דער סירענע האָט פרייליך געלאָזט וויסן אין באַגינעדיגער לויטערקייט, אַז די „גרוזיע" איז שוין דאָ, אין די היגע וואַסערן. צום סאַמע ברעג קען זי ניט צוקומען. ס'איז ניט גענוג טיף פאַר אַזאַ מאַכינע. דערום איילט זיך צו, איר רייזנדע. דער קליינער, זשוואַווער קאַטער הוידעט זיך אומגעדולדיג און וואַרט פאַר אייך. איז היידאַ! גענומען די פּעקלעך, אַרויפגעזעצט זיך אויף אַ מין דראָזשקע, וואָס איז ענלעך אויף אַ דיליזשאַנס־בויד, נאָר אָן אַ דאַך, און—קלינג־קלינג־קלאַנג—צום האַפן צו. פאַרגעסט נאָר ניט צו באַדינגען זיך מיטן באַלעגאָלע פריער. אָט די־אָ רעשטלעך פּריוואַטניקעס קוקן אַרוים אויף אַ פּאַס צו שינדן. זייערע טעג זיינען געציילטע, ווילן זיי אַריינכאַפּן און אַריינשלינגען וואָס גרעסערע ביסנס.

נו, ניט געמאַרודיעט. אָפּגעזעגנט זיך שיין און פיין, און אָט אַרויף אויפן לייטער, אַרויף אויף דער „גרוזיע". אונזערע „פיר מעת־לעת הויבן זיך ערשט אָן. אָפּשטעלן וועלן מיר זיך אין אַלע פּאָרטן, און אין יעדן פּאָרט — — —

עך! וואָס איז דאָ צו ריידן? איר פאָרט דאָך מיט אונז מיט...

זעט איר, אַט דאָס ראַטן מיר אייך יע; נעמט ארויס אייער נאָטיץ־ביכל און פאַרצייכנט:

דינסטאג פרי, דעם 8טן אָקטאָבער, יאָר 1929. דער ערשטער טאָג אויף דער שיינער, באַקוועמלעכער, סאָוועטישער „גרוזיע". ווען יעוופּאַטאָריע וועט דעם לעצטן וואונק טאָן צו אונז, וועלן מיר זיך אוועקלאָזן צו באַקוקן אַט־דעם־אָ סאָוועטישן „טיעפּלאָכאָד" מיט אַלע זיינע מאָדערנע איינריכטונגען. צייט האָבן מיר. ס'איז נאָך שיינע עטלעכע שעה רייזע ביז צו סעוואַסטאָפּאָל...

טיעפלאָכאָר גרוזיאַ

ווילט איר דאָך אודאי וויסן, וואָס מיינט דאָס אַזוינס „טיעפלאָ־
כאָר״? איז די זאַך גאַנץ פשוט. דאָס מיינט אַ שיף, וואָס איר
טרייב־קראַפט און די גאַנצע באַוועגונגס־ענערגיע אירע מיטן ציטער
און אָטעם פון אַ לעבעדיקן, סענסיטיוון קערפּער, נעמען זיך ניט פון
שטיין־קוילן, נייערט פון נאַפט. צוויי אַזעלכע פּאַסאַזשיר־דאַמפּערס
פּאַרמאָגט די סאָוועטן־מאַכט אויפן שוואַרצן ים: „קרים״ און
„גרוזיאַ״. קורסירן אום די־אָ צוויי שיפן־פּאַלאַצן אַרום די זיג־
זאַגישע און שאַרף־שפּיציקע ברעגן פון דער אור־אַלטער טאַווריע. פון
זייערע קורצע, ברייט־נעקיקע קוימענס, האַלב אין אַלכסון געבויגן,
זעצט ניט מיט רויך־זיילן, שפּייט ניט מיט פעטער סאַזשע און פאַר־
פינצטערט ניט דעם הימל. ריין זיינען די פּאַלובעס, ווי פרישער
וואַקס אָקאָרשט גענאָסענער. גרינג טרעט זיך איבער אונטערשטע
און אויבערשטע דעקן. דאָס האַרץ, מאָדערנסטע „דיזעל״־סיסטעם
פּאָמפּעט מעכטיג און ריטמיש דעם זאַפטיגן טרייב־שטראָם אַריין און
אַרויס און צעשיקט די נויטיגע באַוועגונגס־קראַפט איבערן ריזיגן
נערוון־געוועב פונם פעסט־געבויטן גוף. וויגט זיך און גליטשט זיך
אַזאַ־אָ שיף־פּאַלאַץ איבער געבויגענעם רוקן און געהאַרבעטע ריפּן־
כוואַליעס פון אַזאַ מורא'דיגן אומרו, ווי דער־אָ ים איז. שיין איז
פון וויטן צו זען, ווי אַזאַ־אָ שיף שפּילט זיך אויפן אויבערפלאַך פון
אומרואיגן וואַסער און לייגט דיר די רואיגע, געמאָסטענע קלאַפּטער,
ווי אַ שווימער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך. פון זעלביקן פונוויטנס,
ווען איר טוט אַ קוק אויף דער אויסוויינינגסטער זייט פון אַזאַ־אָ שיף,
אויף איר גראַציעזן אויסזען און שטאָלצן געבוי, אויף איר זויבערקייט
און אָפענער העלקייט, טוט זיך ביי אייך אין געדאַנק אודאי אַ טראָג
דורך, און דאָס איז אַ סימבאָל פון דאָס נייע, וואָס בויט זיך דאָ־אָ, אין
„אָפּגעשטאַנענעם״ מזרח, פאַר די אויגן פון „ציוויליזירטן״ מערב;
אַז אָט האָסטו דיר, דו איידעלער און אין זיידענע הענטשקעס־און־
זאָקן דערצויגענער מערב, אַ מוסטער פון דעם, וואָס די „באַרבאַרישע

סקיפּן" אין פּאָסטעלעס קאָנען באווייזן אין סאמע מיט'ן ברעג פון א וועלט-איבערבוי, אין סאמע כאאָטישן שטויב פון אומגעוואָרפענע און צעוואַליעטע חורבות.

אינעווייניג. עס בלאנקט אומעטום, אין יעדן ווינקעלע. אָנהויבדיג פון אונטערשטן דעק אין דריטן קלאס, און ענדיגנדיג מיט'ן ערשטן קלאס, און אויפן דעק נאָך העכער, זעט זיך אָן די זאָרגפעלטיגקייט צו באוואָרענען דעם רייזנדן, אז די יאזדע זיינע זאָל אים זיין אנגענעם און נוצלעך. אין אלע קלאסן די מאָדערנסטע אייגריכטונגען; בעדער, וואנעס און שפּריץ-פאנטאנען; קאיוטעס, עס-זאַלן און פּארוויילונגס-סאלאָנען; לען-שטולן און אָנלען-בעטלעך אויף די דעקן, — און ביכער — אָ, יע, ביכער איבער אלץ און אַלעם, פון סאמע לייכטסטן ביזן אויסערסט ערנסטן אינהאלט.

גייען מיר אַזוי, און שפּאַצירנדיג דורך אַלע אָפענע און פארמאכטע דורכגאנגען, באקאָנען מיר זיך מיט דער „גרוזיע" אליין און מיט אלץ און מיט אלעמען, וועמען זי טראָגט אויף זיך. שטעלן מיר זיך אָפּ צו א וואָרף-טאָן אן אויג אויף דער גאנצער מאַכינאַציע פון מאָטאָרן און רעדער-געדריי, אויף די קונציג איבערגעוואָרפענע בריקלעך און דראָטענע נעץ-געפלעכטעריי, קאָנען מיר זיך ניט אַזוי גיך אוועקרייסן פון דאנען. אָט דס הייסט געארבעט קאָלעקטיוו! גיי און זיי א בריה און שייד אָפּ די צענטריפוגאַלע (טרייב פון צענטער) פון דער צענטריפּעטאַלער (טרייב צום צענטער) קראפט... אז יעדע ראָד און רעדעלע, אז יעדער שרויף און שרייפעלע זיינען וויכטיג, כדי צו דערפילן און דערגאנצן דאָס באצוועקטע און אונטערגענומענע. ווערט מאָדנע, פארוואָס אזעלכע מחשבות האָבן ניט געטאָגט אין מח אויף אנדערע שיפן, אויך ניט ווייניגער מאָדערנע פון דער סאָוועטישער „גרוזיע" איז דאָס די לאַנד גורם? גאַנץ מעגלעך, אז דאָס איז אזוי, ווייל — —

אָט באטראַכטן מיר די באדינערשאפט אויף דער דאָזיגער שיף. יע-באדינער, ניט-באדינער. באדינען באדינט מען אייך אפילו ניט ערגער, ווי אויף אַנדערע שיפן אין אַנדערע לענדער, נאָר עפּעס פעלט דאָ. וואָס אַשטייגער פעלט? עס פעלט דער לאַקייאישער שמייכעלע, דער זיס-האָניגדיגער, וואָס טוט אָפּט אזוי ווי פּאַר דעם דערנידעריגטן מענטש אינם באַדינער. טאָמער געפינען זיך אַזעלכע, וואָס קוקן ארוים אויפן „טיי-געלט", איז דאָס שוין ניט אַזוי בפרהסיא. שעמט מען זיך אונטער, ווי מיט א מום, פון וועלכן מ'קאָן ניט, צי מ'טראכט ניט פטור צו ווערן. צי לאָמיר נעמען די קלאסן. דוכט

זיך צעטיילט אין דריי, נאָר די אמת'ע מחיצה איז ניטאָ. גיי דיר, דריט־קלאסיגער, פראנק און פריי פון איין קלאס צום צווייטן, צום ערשטן, אויפן העכסטן אויבער־דעק, צוליג זיך וואו דיין האַרץ טוט טאָן גלוסטן, שפרייט זיך אוים אויף די באקוועמע ביינק און זינג דיינע הארציגע פאָלקס־לידער אוים אין נעכט, אין לויטערע, צי אין פרימאָרגנס טויאיגע.

:: :: ::

הלמאי זיינען נאָך דאָ־אָ פאַראַן קלאסן? אָט אַ פראגע... האָט קיין פאריבל ניט, ס'אַרא קינדעריש־נאַאיווע פראגע... איר ווייסט? אויב שוין יע אַ קלאָץ־קשיה, איז נאָט אייך אַ שווערערע: הלמאי צירקולירט נאָך געלט...? א, דאָס אַרט אייך ניט? דאָס באַנעמט איר דוקא יע? וואָרים וואָס? מ'קאָן גיט איבער נאכט א. א. וו. און וואָס וועלן טאָן די אַנפאַרער, די טוריסטן, וואָס זיינען אזוי גערן צו קומען און אָנקוקן דאָס „בייז־וואונדער"... א. א. וו. נישט מער וואָרען, ס'טוט אייך ווי דאָס האַרץ פאַרן היגן בירגער; גאָר קלאַ־סען, גאָר הארטע און ווייכע וואגאָנעס א. א. וו. נו, נו — —

שפרודלט שוין אויף אַ געמיינשאַפטלעכער שמועס אַזוי־אָ ספּאָנטאַן. נעמען שוין אנטייל אין דעם דאָזיגן שטראָמיגן שמועס אַלע קלאסן. ווערט איר שוין אליין אויך אריינגעצויגן און מיטגע־ריסן, ניט ווי אַן אָנגעפּאַרענער, נאָר ווי אַן אייגענער. פאַר אייערע אויגן טראָגן זיך דורך די שוידערלעכע, ערשט נעכטיגע, פארגאנגענ־הייט. איר פילט נאָך אונטער אייערע פיס, ווי די אויפגעטרייסלטע ערד האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַרואיגט. פון צייט צו צייט דערפילט איר, ווי דער באָדן ציטערט נאָך, און אָט דערזעט איר די גראַנדיעזע בילד פון אַזאַ־אָ איבערברוך און אויפבוי־פארנעם אויף אַלע ברייטע שליאַכן און שמאָלסטע סטעזשקעס פון אַ גרוים לאַנד מיט אַזאַ־אָ פארשיידנארטיגער באפעלקערונג, ערשט נעכטן אַ דערשלאָגענע, אַ דערנידעריגטע, אין שמוץ אַן איינגעטראָטענע, און היינט...? יע־באדינער, ניט־באדינער. יע־קלאסן, ניט־קלאסן. הארטע וואגאָנעס, ווייכע וואגאָנעס. געלט־צירקולאציע... יע, פאַרשטאַנען..., אַ, געלט... אָר־הום...

איר דערשפירט אין זיך אַ מין דראנג זיך אליין פאַר די אויערן אָנצודרייען. טאקע נו, וואָס פאַר אַ קינדערשע נאַאיוויטעט צו קומען מיט אַזעלכע טענות און תביעות צום אָקאָרשט באפרייטן געפאנגע־נעם, פאַרוואָס, למשל, ער פאַרפּיומירט ניט זיינע צעבראָכענע נעגל... פאַרוואָס ער איז אזוי צעפּאַטלט ווילד א. א. וו. פּאַלט אַעווק דער

שלייער פון אייערע אויגן, און איר דערזעט אין זיין גאַנצער ווירדי־גער הויך דעם אין דערנידערונג געפייניגטן, וואָס האָט מיט אייגענער גבורה זיך אליין באַפרייט, און אָט, מיט איין האַנט שמעטערט ער נאָך די רעשטלעך פון די אין פליישאײַנגעגעסענע קייטן, און מיט דער אַנדערער האַנט ווישט ער אַראָפּ פון זיין לייב דעם בלאָטע־עיפּוש. איר דערזעט פאַר זיך די בריק פון נעכטן צום מאָרגן, וואָס הייננט אויפן אָנגעשטריינגטן רוקן פון האָרעפּאַשנעם היינט, און אַ פאַרשעמטקייט באַדעקט אייער פּנים. איר פילט, ווי וועמען איבער־צובעטן, ווי צו אַנטשולדיגן זיך...

:: :: ::

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די פּאַרענטשעס. די סירענע מיט איר געדיכטן ברום האָט געלאָזט צו וויסן, אַז ברעג איז נאָענט. אין פּנים טוט אַ צי אַ כוואַליע שטאָטיש־צעוואַרימטע לופט. „גרוזיע״ טוט אַ ציטער מיט'ן גאַנצן ריזיגן רוף, ווי ערגעץ אונטערן וואַסער וואָלט עפּעס פרעמדס איר לייב אָנגערירט, און מיטן נאָז צום טויער פון ברייטן אַריינגאַנג זיך אַ שפּאַר געטאָן. טראַ־טאַ־טאַ. די דיזל־מאָטאָרן האַלטן־איין דעם אָטעם צוביסלעך, און „גרוזיע״ טוט זיך אויף אַ רגע אַזוי אַ בויג און אַ פּליאָשקע אין דער שטילער בוכטע. סעוואַסטאָפּאָל שטייט מיליטעריש אויף זיין בערגלדיגן אָרט, אַ מיטנ־טאָגעדיגער, אַ צעוואַרימטער און אַ צעפּראַלטער אויף אַלע קנעפּ, און רירט זיך נית פון פּלאַץ. נישקשה, זי, „גרוזיע״, קאָן דאָ צו־שווימען צו אים, צום סאַמע צופוסנס, קום און פאַרברייננג און רו זיך אָפּ. נאָכן זומער־סעזאָן איז אוים געיעג. וועלן מיר דאָ פאַרוויילן אַ שעה 9. איז גוט.

— העי, איר מיטפאָרער, וואו זיינט איר?

— דאָ, דאָ.

— נו, געגאַנגען, צי וואָס?

— אהא! אודאי...

סעוואַסטאָפּאָל. אַ רודערדיגע, אַ באַוועגלעכע שטאָט. פון וווייטנס, איבערהויפּט פון ים־אַריינפאָר, זייער פאַנאָראַמיש און פאַרנעמט דאָס אויג. אינעווייניג אין דער שטאָט, אויף גאַסן און סקווערן, — — נו, מיטפאָרער, וויפיל שטעט האָבן מיר שוין באַזוכט? און ווי זעען אוים בכלל שטעט פון וווייטן? אודאי גע־דיינקען מיר, אַז מיר געפינען זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד. און אודאי זיינען די זיגזאַגישע, אין זייט פון באַרג איינגעהאַקטע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף פון האַפן צום שטאָט, זייער פּאָעטיש. די פּאָרטיקאָס

און די קאָלאָנעס אראָפּ צום וואסער־צו, די בולוואַרן, אפילו דער היסטאָרישער, מיט די דענקמעלער נאָך פון אמאָל... נו, וויפיל צייט קאָן מען אויף דעם פארלירן? — אָט איז אַ — — — וואָס איז דאָס פּאַר אַ...? אָ, יע, אַ געוועזענער קלויסטער, און איצט אַ קינאָ־טעאַטער. נו, אויף דעם איז דאָך דאָס ראטן־פארבאנד, וואו מ'נעמט אַ פאַרוואָרלאָזטע זאַך און מ'מאַכט דערפון עפּעס נוצלעכעס. די פרוי, וועלכע איז אונז, ווי באַפאַלן, ווען מיר האָבן, פארבייגייענדיג דעם דאָזיגן געוועזענעם קלויסטער, געשפּאַסט און פון עפּעס געשמייכעלט, איז אפשר יע און אינטערעס. לאָמיר נאָר הערן, וואָס זי שרייט צו אונז אַזוי אויפן אויבער־קול'כל:

— וואָס לאַכט איר, און פון וואָס קוועלט איר אזוי? איר זעט ניט? דאָ שפּילט מען טעאַטער, ליבינקע. אדרבא, קומט אריין, חשוב'ע. זייער אָנגעלייגט.

בלייבן מיר אַ ווײַלע ווי געפּלעפט. מיר דערקונדיגן זיך אָבער פונם בראַנפן־ריח, וואָס טוט אַ זעץ אויף אונז, אַז ס'איז ניט כדאי דער ענין. אַ שאָד די באַגרענצעטע צייט. זיינט איר דאָך מסכים, איז גוט. אָ, דאָרט, אין דער מיט פון גאַס־באַוועגונג און אויף און אָפּ געווימל, זעט, אַ מאָנומענט און עפּעס פון גאָר אַן אנדער שניט. אָט אויסגעזוכט אַ פּלאַץ פאַר אַ מאָנומענט. אַן איינפאַל אַ ביסל... הערט נאָר אויס, מיטפאָרער, אפריער גייט מען צו נעענטער און מען לייענט איבער די אויפשריפטן, דערנאָך... זעט איר, אייערע נעז האָבן מיט אמאָל פארלוירן די אויסגעצוויגנקייט, וואָס האָט געהאַט אַ שפּרייט־אויס געטאָן זיך אויף זיי לכתחילה. דער דאָזיגער מאָנומענט איז שוין אַ סאָוועטישער. און וואָס זאָגט זיך דאָרטן? — מיט פּשוט'ע אויסגעקריצטע אותיות זאָגט צו אייך דער דאָזיגער דענקמאָל פון אַן אַנדער שניט, אַז דאָ־אָ רוען די ביינער פון די דערמאָרדעטע פראַנצוויזישע מאַטראָזן... פאַרשטאַנען? — ניט אונטער לינדן־בוימער, ניט אויף גראָז־ביינקלעך און אויף בלומען־בייטן האָט מען אויפשטאַנדן אויסגעשטאַט. אין הייסן געפּעכט, ברוסט צו ברוסט און אָטעם צו אָטעם, האָט מען גליאיג געקעמפט און ברויזיגע לעבנס אוועקגעלייגט אויף די האַרטע שטיינער און אויסגעקרימטע ברוקן אין רווישיקע מערק און שטויביגע גאַסן. איז אָט. רוען די ביינער פון די דערמאָרדעטע פראַנצויזישע מאַטראָזן טאַקע דאָ־אָ, וואו רעוואָלוציע האָט אַזוי לעבעדיג געברענט און געפלאַקערט, און איצט — — נו, די עלאַסטישע אַרטעריע פון סעוואַסטאָפּאָל, זעט

אויס, איז דאָ זייער טעטיג. דאָס בעסטע אָרט פאַר אַזאַ מאָנו־מענט...

ניין, ס'איז קיין וואונדער נייט, וואָס עס ציט אייך אַלע מאָל צו אויסדרייען זיך מיט'ן פּנים צום ים, צו די סעוואַסטאָפּאָלער האַפנס, צו די רוישיגע זאַוואָדן אַרום די וואונדערבאַרע סעוואַסטאָפּאָלער בוכטעס. שיף־בוי זאַוואָדן פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ דאָ־אַ דערפאַר, ווייל סעוואַסטאָפּאָל איז אויך אונטער די סאָוועטן אַ מיליטערישע באַזע, אַ פלאָטן־באַזע. דער טרוקענער געקלאַפּ פון שטאָלענע גווינטן, קייטן־געקלאַנג פון ריזיגע קראַנען, אויפהויב און אַראָפּלאָז פון מע־כאַניזירטע גראָב־אייזנס, אַלץ אַרום רעדט־דאָ מיט אויסגערעכנטער שפּראַך: 2 מאָל 2. מיר ווייסן פון די פאַרבאָרגענע שדים־אויגן, וואָס לויערן אויף אונז טאָג און נאַכט, מיר ווייסן. ניט גענאַרט זייען מיר, אַ האָר ניט גענאַרט. זיינען מיר גרייט. גרייט זיינען מיר, גרייט, גרייט, שטענדיג גרייט...

אודאי איז פאַרשטענדלעך אייער גלוסטונג אַראָפּצוכאַפּן זיך אין דער דערבייאיגער אַלטער כערסאָנעס, די אור־אור־אַלטע „קאָר־סון", ווי די רוסן האָבן דאָס אָנגערופן. אויסגראָבונגען גייען דאָרט איצט אָן. דאָרט איז אודאי פאַראַן וואָס צו זען אין דעם וועלט־באַרימטן אַרכעאָלאָגישן מוזיי. זיכער אַזוי. וועט איר אָבער פאַר־לירן די מעגלעכקייט אַ קוק צו טאָן אויף סעוואַסטאָפּאָלס פאַרגאַנ־גענהייט. אַ בלוטיגע בלאַט, די קרימער מלחמה אין מיטן פון לעצ־טען יאָרהונדערט. דער שטורם פון סעוואַסטאָפּאָל האָט דאַמאָלסט די גאַנצע וועלט אויפגעטרייסלט. ווי האָט זיך דער שרייבער אַפּוכ־טין אויסגעדריקט ? — „און עלף חדשים האָט געדויערט די שחיטה...". פרידריך ענגעלס אין זיינע שריפטן : „מיט וועלכע געשעענישן עס זאָל זיך ניט ענדיגן די דאָזיגע אָפּעראַציע, — איינס איז קלאָר : די באַלאַגערונג פון סעוואַסטאָפּאָל וועט קיין גלייכן צו זיך ניט האָבן אין דער געשיכטע פון שלאַכטן...".

ניין, מיר קאָנען זיך ניט פאַרגינען אַזאַ געלעגנהייט דורכצולאָזן. לאָמיר גיין און אָקוקן אויג אין אויג דעם בלוטיגן ספּעקטאַקל. די אָרטיגע סאָוועטן־מאַכט האָט אַ באַזונדער בנין פאַר דער־אַ בלוטי־גער פּאַנאָראַמע אוועקגעגעבן, צי אפשר גאָר ספּעציעל פאַר דעם אויסגעבויט. דאָס איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז צו זען, וואָס די אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג מיינט מיט דער „פּאַנאָראַמע". דאָ ווערן קיין זאַכן ניט געטאָן צוליב געשעפט און פּראָפיטן, צו אַנ־זעטיגן עמיצנס אַפּעטיטנעם טייסטער. דאָס איז קלאָר. נו, חברה,

אהין, ארויף אויפן קרוטן בערגל־בארג. אויסגעצייכנטער פּלאַץ פּאַר אזא ריזיג בילד. אָט ליגט טאקע פאר אייערע אויגן דער אמת׳ער „מאלאכאָוו־קורגאן”. פון דער רעכטער זייט, בארג־אראָפּ, פרייליכער הו־הא פון ארבעט פארטאָנענער פון מענטש און מאשין צוזאמענגענומען. האמער און קאָוואדלע, און מוסקולן שטייפע אין שוואונג הארמאָנישן און בוי־געשאַפט. פון דער לינקער זייט, בארג־אראָפּ, בארג־ארויף און ווייט פון יענער זייט, א ווייסע, א זשומענ־דיגע, ווי פון א גיגאנטישער האנט א לוסטיג צעשאָטענע, סעוואס־טאָפּאָל־שטאָט. שטיל און באשיידן, צוגעטוליעט הארט צום האפן־ברעג אונזער שווימענדיגער האָטעל „גרוזיע” לאָזט זיך אזוי גוט־מוטיג ארומגערינגלט צו ווערן פון מחנות אָנלאָדער און אויסלאָדער, און ווינקט צו אונז מיט די קוים־באוועגלעכע זעגלען:

— גייט, גייט, חברה, איך וואַרט אויף אייך, און דער ים וואַרט אויף מיר. וועט איר קומען מיט איינדרוקן אָנגעפּילטע, אין מיינע רחבות׳דיגע צימערן זיך אויסזעצן און אייערע מחשבות אין רואיג־קייט צונויפבינדן. גייט, גייט, מיינע געסט...

פריינטלעך ווערן מיר אויפגענומען ביים אריינגאנג צו דער „פּאַנאָראמע”. פאר עטלעכע קאָפּיקעס באקומען מיר די גאַנצע ליטעראטור, וואָס איז שייך צו דער־אָ אויסשטעלונג. גוט. נו, א לאָז געטאָן זיך אויף די קיילעכיגע, געדרייטע טרעפּ. העכער, העכער, און — —

אָט איז די פּאַנאָראמע...

פאַנאָראַמע קרימער־קריג

„...און געקומען בין איך דעם בלויען ים צו זאָגן,
אַז מיט'ן לעבן וויל איך זיך מער ניט שלאָגן..."

ווי לאַנג צוריק, אַז מיר פלעגן זיך קוויקן מיט אַזעלכע שורה'לעך פון פּאָעטישער רעזיגנאַציע...? איינגעטונקט די טרוימערישע אויגן אין בלויע נעפּלען, אוועקגעזעצט זיך ערגעץ אין אַן איינזאַם ווינקעלע, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט דער אייגענער דלאָניע, געלאָזט דאָס אָנגעוויטאָגטע האַרץ צו פאַרגיין זיך אין אינעווייניגסטן געוויין און — וויג זיך, וויג זיך, נשמה'לע, אין אויסגע'חלומ'טן געוועב פון וועלט־שמערצעריי און מענטשלעכער פאַרדאַרבנקייט... און אָפּגעזונגען אַן אויסגעטאָקטן סטראָף, צי צוויי, און אַ געלייטערטער, ווי פרומע ווייבער נאָך נעילה, זיך אוועקגעלאָזט צום אַלטן ים, אָפּגעזאָגט ודוי און, אַ באַרואיגטער, געגאַנגען אהיים שלאָפן, אבי דעם חוב אָפּגעטאָן...

ניט אַזוי איז דאָ, וואו עקשנות'דיג גייט אָן די גרעסטע וועלט־באַטאַליע צווישן פּראָלעטאַר און האַר, צווישן סאָוועטישן נייעם לעבנס־געבוי און דער איבעריגער גאַרער וועלט, וואָס געפינט זיך אין קאַפּיטאַלס פּאָסעסיע. רייכע, גראַנדיעזע בילדער־אויסשטעלונ־גען זיינען פאַראַן אומעטום, אין יעדן ציוויליזירטן לאַנד. בילדער פון מלחמות און הריגות אודאי און אודאי. רייך איז דעם מענטשנס פאַרגאַנגענהייט מיט כל'ערליי שחיטות און מערדערייען. קומט איר צו אַזאַ אויסשטעלונג, אַ מוזיי פון קריג־בילדער, האַנדלט איר זיך איין אַ קאַטאַלאָג אויפן שיינעם, גלאַנציגן פּאַפּיר, מיט שלעכטע רעפּראָדוקציעס, און אייער וועגווייזער טוט אייך טאָן דערציילן פון אַזאַ און אַזאַ העלד, ווי אַזוי אַזאַ און אַזאַ באַסטיאָן איז געשטורעמט געוואָרן, ווי אַזוי די חכמה און מוטיגקייט פון אַזאַ און אַזאַ גענעראַל האָבן געראַטעוועט די סיטואַציע א. אז. וו. א. אז. וו. הכלל, איר ווערט אַ גאַנצער מומחה אין סטראַטעגיקע און אייער בלוט ווערט צעוואַרעמט אין בלוטיגן געשפּיל... וועגן דעם גורם פון דער, צי יענער מלחמה, וועמענס בילדער־אויסשטעלונג מען ציינט אייך, זאָר־

גען זיך נישט קאַפּיטאַלס קולטוריסטן. עס איז ניט אין זייער פּראָגראַם דערקלערונגען און באַלייכטונגען אייך צו דערלאַנגען און איבעריגע מעשיות אייך צו דערציילן.

דאָ, אויף פּאַנאָראַמע „קרימער־קריג”, האָבן מיר אויך איינגעהאַנדלט ליטעראַטור — 3 ביכלעך פאַר 25 קאָפּיקעס. מישן מיר אויף דאָס ביכל, וואָס איז דער אָנצייגער פון די גענומערירטע קאַפּיטלעך אינם גרויסן, פאַרנעמען קריג־בילד. אין 6 טיילן איז די דאָזיגע קונסט־בילד איינגעטיילט. אונטער אַ קופּאָל, וואָס שפּרייט זיך, ווי אַ ריזיגער שירעם איבערן גאַנצן בילד, פון באַהאַלטענע פּאַלדן פילטרירט זיך אַ ווייכע ליכטיגקייט, מאַכט פאַר אייך יעדע קליינינקייט, יעדן שטריך אַזוי בולט און אָנזיכטיג, דאָך שאַדט דאָס ניט אייער אָנגעשטריינגטן אויג און פאַרמאַטערט אייך ניט. נאָר איידער דער אָנצייגער שטעלט אייך אוועק ביים אָנהויב און ווייזט אייך ווי נאָכצופאָלגן די־אָ פאַרנעמע קריגס־בילד אַזוי און אַזוי — דערציילט ער אייך אין קורצע, זאַכלעכע זאַצן, ווי פיל האַרעפּאַשנע לעבנס עס זיינען דאָ אויסגעלאָשן געוואָרן, ווי פיל ריטשקעס מענטשלעך בלוט דאָ איז פאַרגאָסן געוואָרן צוליב קאַפּיטאַלס זשעדנער קאָנקורענציע. דער זעלביגער אָנצייגער פאַרגעסט ניט אויך צו באַשטעטיגן, אַז די־אָ בילד פון קרימער־קריג איז געמאָלן געוואָרן נאָך אין יאָר 1905, און אָפּגעקאָסט האָט דאָס איינצוריכטן אין דעם־אָ ספּעציעלן בנין אַזוי פיל און אַזוי פיל הונדערטער־טויזנט רובל. הייסט דאָס, די דאָזיגע מלחמה־בילד איז מן־הסתם באַשטעלט געוואָרן אונטערן צאַרס הערשאַפט. געמאָלן האָט דאָס בילד דער קינסטלער־אַקאַדעמיקער רובאָ מיט זיינע דייטשע און פראַנצויזישע געהילפן אין דער דייטשער מינכען. ווערט אייך עפּעס וואָס פאַרענטפערט, וואָרים אין פלוג איז אייך געווען קשה. „פאַרוואָס גראַדע אויסגעקליבן פאַר אַ טעמע „קרימער קריג” און ניט דעם „איבערגאַנג פון פּערעקאָפּ”, טאַקע דאָ־אָ ניט ווייט אין שכנות און ניט ווייט אין יאָרן, ווען די רויטע אַרמיי, אַ הונגעריגע און אַ באָרוועסע, האָט דערשלאָגן וראַנגלס ווייסן אָנגריף אויף דער רעוואָלוציע...?

— אַהאַ. איז שוין פאַרענטפערט. די סאָוועטן־מאַכט האָט די דאָזיגע קריגס־בילד איבערגענומען בירושה, און ווי דער שטייגער איז, ווערט אַזאַ ענין אויסגענוצט אַנדערש און אויף אַ ריין סאָוועטישען אופן. גוט. נעמט איר זיך צו די איבעריגע צוויי ביכלעך — — —

די בראָשורקע „דער שוואַרצער פּרינץ” און זיין גאָלד לייענט

זיך, ווי אַ טשיקאַווע לעגענדאַרישע מעשה'לע פון קאַפּיטאַלס איי־ביגער יאָגעניש נאָך גאָלד. „דער שוואַרצער פּרינץ", אַן ענגלישער דאַמפּער, וועלכער איז פאַרלוירן געוואָרן אין צייט פון דער גרויסער דאַמאָלסדיגער קרימער מלחמה, אין נאָוועמבער, 1854, לעבן באַלאַק־לאַווע, און האָט געצאָלט מיט זיך צום ים־גרונט אַוועקזינקען גרודעס גאָלד, וואָס ענגלאַנד האָט געהאַט געשיקט פאַר איר אַרמיי, — איז ניט אויפגעהערט צו געזוכט ווערן אין די ים־טיפענישן נאָך אַזוי אַט ערשט־אַ, ווי אין זומער 1927, דורך אַ גרופּע גוט טרענירטע יאַפּאַנעזישע ים־טויכער...

דער געלערנטער און וויסנשאַפטלער סאַמסאָנאָוו, דער פּראָפעס־סער פון דער־אַ קליינער, נאָר אינהאַלטסרייכער בראָשורקע, דער־ציילט אַזוי שיין און לייכט פון די פאַקטן פון יענער גרויסער וועלט־געשעעניש. דער ענגלישער „שוואַרצער פּרינץ" האָט באַגעגנט זיין פאַרניכטונג צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע מיליטערישע שיפן, אין צייט פון אַ שרעקלעכן ים־שטורעם. טיטאַנישע כוואַליעס האָבן דעם דאָזיגן „שוואַרצן פּרינץ" ווי אַ פּילקע געוואָרפן פון זיך אויף די שפּיציגע קרימער פעלזן, און ביי יעדן אָפּשטויס אויף צוריק נאָך מיט מער אַמיפּעט אים געשליידערט אויף די האַרטע שטיינער ביז פונם „מעכטיגן פּרינץ" זיינען שפּענדלעך בלויז געבליבן, און פון זיינע 160 מטראָזן האָבן זיך קוים 6 צום ברעג דערשלאָגן, אַליין ניט באַגרייפנדיג דורך וואָס פאַר אַ צופאַל זיי האָבן זיך געראַטעוועט. וויבאַלד אָבער ס'איז אַוועק אַ סדרה אוצרות מיט גאָלד... נו, נו, קאָן שוין קאַפּיטאַל ניט רוען. פול זיינען זיינע מערק מיט געניטע, גוט טרענירטע הענט. שפּאָט־ביליג צו קויפן, און גאָלד — גאָ־אָלד— גאָלד...

:: :: ::

דער וויסנשאַפטלער סאַמסאָנאָוו פאַרענדיגט: „געשטאָרבן איז ביי אונז די דאָזיגע לעגענדע..." באַגלייך ווי אַ סך אַנדערע לע־גענדעס, באַזירט אויף קאַפּיטאַלס פונדאַמענטן, שטאַרבן איצט אויס אין לאַנד פון סאָוועטן. און אָט איז דאָס דריטע בראָשור־ביכעלע: „די באַשרייבונג פון סעוואַסטאָפּאָלער קריג". צום ערשטן נאָט אייך די אורזאַכן פון קריג. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער אימפּעריע (לייען: דער צאַר און זיינע נאָבל־לייט) איז אַוועק מיט אַ שנעלן טעמפּ באַרג־אַרויף. פאַבריקן האָבן זיך אַ צע־וואַקס געטאָן, ווי שוועמלעך נאָך אַ שפּריי־רעגן. צאָל פון אַרבעט־הענט כמעט פאַרפינף־פאַכט. גרויסן אומזאַץ האָט מען באַדאַרפט,

כדי רייכער צו ווערן. היימישער אָפּזאָץ ניט גענוג געווען. די פאָלקס־מאסן אין שטענדיגער פינצטערניש געהאַלטן פארשפּארט, כדי זיכערער צו הערשעווען, מיט רעליגיעזן דורמאן זיי בארוישט און גליקן אויף יענער וועלט זיי צוגעזאָגט, כדי די וועלט אינגאַנצן פאר זיך אליין צו צונעמען, איז אָט. גייע פרישע מערק האָט מען באדארפט דעראָבערן, איז דער פריסטער געווען דער בעסטער אַגענט דערצו. איז מען געגאַנגען אַוועקלייגן די קעפּ „פאַר אמונה, קיסר און פאָטערלאַנד...“ די מאסן פון דער דאַמאַלסדיגער טערקיי, אפשר נאָך פינצטערער און אָפּגעשטאַנענער פון די רוסישע, האָבן זיך אויך גרינג געלאָזט אויף דער זעלביגער וועגטקע צו געכאַפּט ווערן. די ענגלישע און פראַנצויזישע מאסן, שוין דאַמאַלסט מער אנטוויקלטע, האָט מען איינגערעדט, אז אָט־אָט וועלן די „בארבארן“ פון מזרח אָפּווישן פון פנים פון דער ערד די גאַנצע „מערב־קולטור“... און הארעפּאשניקעס פון 5 נאַציעס האָבן איינע די אנדערע די העלזער געשניטן, די גאָרגלען מיט ציינער געביסן, דערנאָך אומגעקומען פון מגפות, און אַלץ אין דעם נאָמען פון וואָס...? פאַר וועמען...? און אין צייט פון מלחמה־איבעררייס האָבן הארעפּאשניקעס פון 5 נאַציעס ברייטע, לאַנגע און טיפע ברודער־קברים געגראָבן פאר אייגענע, לייבלעכע ברידער־הארעפּאשניקעס...

פילטרירט זיך א ווייכע ליכט פון באהאַלטענע פאַלדן ארום דער קיילעכיגער געביידע אינעווייניג. היינגט אַזוי מילד דער שיי־נער קופּאָל, ווי אַ ריזיגער שירם איבערן קינסטלעריש־צונויפגעשמאָל־צענעם בילד „קרימער קאַמפּאַניע“; געמעלעכצן, סקולפּטור און געגנשטאַנדן־מכשירים. אָט ציט איר אוים אייער האַנט און טאַפּט דאָס אָן. רעגימענטן, פּאָלקן, דיוויזיעס, און טויט, און פייער, און אומקום. די גאַנצע בילד ארום און ארום שטעלט נאָר פאַר איין עפּיזאָד פון קרימער קריג; די שטורעמדיגע אַטאַקע אויף סעוואַס־טאָפּאָל פון 6טן יוני, 1855. די הערשער פון מזרח און מערב האָ־בען אָרויסגעפירט זייערע האָרדעס שקלאַפן צו—נאָר קומט אַפּריער אָט אַהער, איין גאָרן נידעריגער. אַ ריי באַריערן. וועלן מיר אָנ־הויבן פון נומער איינס און גיין נומער נאָך נומער כסדר. דורך די סקווערע עפענונגען, וואָס דינען ווי צוגעפּאסטע ראַמען פאַר יעדן בילד־אָפּטייל, קען אונזער אויג נאָכפּאָלגן פּינקטלעך דעם גאַנצן לאַווע־אויסגוס פון טויט, פייער און אומקום. אויף וועגענער ווערן אָנגעהורבעט פארוואונדעטע. אָנגענומען פאר די פיס, פאַר הענט, צי פאַרן קאָפּ און אָרויפגעשליידערט אויפן אָנגעפּאַקטן וואָגן, ווי אַ

שייט האַלץ. ארום די „הייליגע בילדער", באַשיצט אין אַ זיכערן ווינקעלע, ברענען די וועקסענע ליכט. גלחים, אין די פּריסטער קליי־דער, קאַפּיטאַלס געטרייע משרתים, זיינען ביז גאָר פרנומען מיט'ן איבערטראַנספּאָרטירן די נשמות פון די געפאַלענע אויפן עולם האמת. נאָר וואָס טוט דאָ, אין סאַמע גיהנום־בראַנד, די פרוי מיט קאַראָ־מיסלעס אויף געבויגענע פּלייצעס און מיט פולע עמער אויף די קאַ־ראָמיסלעס...? אַ! דאָס איז די לעגענדארע דאַשע, די סעוואַס־טאָפּאָלערין. פרישע וואַסער געבראַכט פאַר די סאָלדאַטן, זייערע צעטריקנטע ליפּן צו באַנעצן. און זעט, טוט נאָר אַ קוק אויף יענע צוויי סאָלדאַטן; איינער מיט גרויע וואָנצעס, אַ פאַרהאַרטעוועטער, ווי שטאָל. קאַלטער גלייכגילט אין די אויגן. ער ווייסט, אַז אויב ניט היינט, איז מאָרגן; אויב ניט איצט, איז שפּעטער,—טויט וועט ער פאַלן. טויט לויערט פון אַלע זייטן. אָנגעקוקט געגוג און אָנגע־זעטיגט זיך מיט טויטלעכער דערפאַרונג... זיין חבר, נאָך גאָר אַ יונגער, בלוט און מילך, ערשט־אָ פון דאָרף אים ארויסגעריסן און אהער פאַרטריבן. טויטלעכער שרעק אין די יונגע אויגן. ציטערן אזוי הילפלאָז רחמנות'דיג די מוסקולן אויפן יונגן פּנים און דער מטושטש'דיגער בליק וואַנדערט אום אין אַ מין שטומען געבעט: מאַמע, ראַטעווע!

:: :: ::

אָפּגע'פטר'ט די ריי לויט די נומערן, איז אַרויף איין גאָרן הע־כער. פון דער קוילעכדיגער פּלאַטפאָרמע אין מיטן טוט אזוי אַ פיר מיט'ן אויג אין צירקל. אייער הארץ קלאַפּט פעסטער, פעסטער. אין דער פאַרשלאָסענער שטילקייט הערט איר דעם באָמבע־קראַך, דעם דומפּן־אויפרייס פון שווערע פעסטונגגען, דעם דערוואָרגענעם געשריי פון געפאַלענעם, וואָס וויל מיט דער דלאָניע פאַרהאַלטן דעם בלוט־שטורע פון צעלעכערטן גוף. פאַרצווייפלונג פון מוטערס און געוויין פון קינדער פון די גרינע דערפלעך, העו, אָט דאָרט. פייער און אומקום, און טויט דערגרייכט אויך אהין. שרעק און אומגעלומ־פערטער געלאָף—אַ־אַ־אַ...

איר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, פּונקט ווי דער באָדן אונטער אייערע פיס וואָלט זיך אַ וויג געטאָן אויף ארויסצוגליטשן זיך און אייך איבערלאָזן אזוי־אַ אַ הייגנגענדיגן אין דער לופטן — — — אָדער אַ פאַלנדיגן ערגעץ אין אַ חושכ'דיגן, דעקלאָזן אָפּגרונט...

:: :: ::

ביז שפּעטער נאַכט וואַנדלט איר ארום איבער די ציכטיגע

דעקן פון דער „גרוזיע“, אָדער איר זיצט אזוי א פארטראכטער, אָפּ־געררוקט אָן א זייט, קוקט אין רוים אריין און זעט פאר זיך נאָך אלץ די פּאַנאָראַמע „קרימער קאַמפּאַניע“. סעוואַסטאָפּאָל שוין לאַנג פאַר־שוואונדן. רעגלמעסיג און געזונט קלאַפּט שיפ׳ס מאָטאָר־האַרץ. שווארצער ים אָטעמט טיף און ניט געאיילט, הוידעט זיך ריטמיש אויף זיין העמאַק־בעט, ליגט מיט׳ן פּנים ארויף און ציילט די שטערן אין הימל. פון ווייטן ציטערט ליוואדיע און ווינקט מיט שפּיזלדיגע שנירלעך ליכט, א טוקע אראָפּ און אָט א שיין אויף, אזוי־אָ בנעימות׳־דיג, מוטערלעך־צאַרט, ווי א פינגער צו די ליפּן צוגעלייגט:

— גוטע נאַכט, גרוזיע. שווים פאַרביי. מאַך ניט קיין גערודער. האַרעפּאַשניקעס פון א סך נאַציעס רוען איצט דאָ, אין פּאַלאַצן־סאַניטאַריומס, אין אַרבעטער אָפּרו־היימען. זייער געזונט מוז אָפּגעהיט ווערן. אָפּגעפרישטע וועלן זיי מיט באַנייטע כחות זיך ווידער דעם געשמאַקן נעם טאָן פאר וויטערדיגער בויערישער אַר־בעט. בוי־אַרבעט אזוי פיל־אָ נאָך פאָראָן און פאָראַן, און פאָראָן...

— גוטע נאַכט, גרוזיע. שווים פאַרביי אין דער שטיל און וועק ניט אויף מיינע געסט־פאַרהאַרעוועטע. ניטאָ מער ביי מיר קיין הולטאַיסקע אָרגיעס נאַכטיגע מיט אויסגעלאַסענע ציגיינער־טענץ. אוועק איז דאָס אַלץ מיט׳ן טשאַד פון שכרות צאַרישער און פּריצישער צעלאָזנקייט.

שטיל, מיט אָטעם איינגעהאַלטענעם שווימט די גרוזיע פאַרביי ליוואַדיע. שטעלט זיך אָפּ אויף א ווייל אין יאַלטע. אַראָפּגעגאַנגען. דורכגעמאָסטן עטלעכע קווארטאַלן. יאַלטע שלאָפט. די סירענע רופט צוריק אויפן שיף. איז ארויף. אריין אין דער קאַיוטע. אויסגע־צויגן זיך אין פולער לייגג אויפן בעטל. ארויסגענומען די אינטערע־סאַנטע דריי בראָשורן פון סעוואַסטאָפּאָלער פאַנאָראַמע, געלייענט און אזוי־אָ, א פאַרוויגטער, איינגעשלאָפן ביזן ווייסן טאָג אריין — — —

אין פעאָדאָסיע...

פון פעאָדאָסיע ביז באַטום

פעאָדאָסיע איז אַן אַלט־אַלטע שטאָט. געגרינדעט געוואָרן אַלס ישוב אין ערך דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. געטראָגן פאַרשיידענע נעמען. נאָך היינט דערמאָנען אירע אַלטיטשקע עלטער־עלטער־זיידעס־טורעמס אָן אַ זייער לאַנגאָניגן אַמאָל. ערגעץ אויף האַלב־חרוב'ע זיילן קאָן מען נאָך היינט אויך איבערלייענען האַלב אָפּגעריבענע לאַטיינישע אויפשריפטן פון די אַלטע רוימישע צייטן.

מיר קאָנען אָבער ניט איצט גריבלען זיך אין אַלטערטימלעכקייטן, און מיר ווילן דאָס ניט אויך. ניט איצט, איז די צייט דערפאַר. מיר געפינען זיך אויף אונזער יום־טוב טור אויף דער „גרוזיע", און אַ שיינע שורה פון פּאָרטן און שטעט, רעזאָרטן און אָפּרו פּלעצער ליגט נאָך פאַר אונז מיט גאַסטפריינטלעכן שמייכל און אויפנעם. אייניגע וועלן מיר נאָר פאַרביישווימען, צי פון ווייטן אָנקוקן. אין אַנדערע וועלן מיר אַראָפּשטייגן, אַריינקוקן אין אינעווייניגסטן אָנגאַנג פון סאָוועטישן אויפבוי־פּראָצעס, ווי וואו ס'וועט זיך לאָזן.

אודאי איז דאָס אַלץ שוין זייער און זייער כדאַי צו זען און אָנבוימטע גאַסן פון דער אַלט־אַלטער שטאָט, איינגעשלונגען צו ווערן אויף אַ ווײַלע אין געמיש פון שפּראַכן און ראַסן, אָדער איינגעפלאָכטן צו ווערן אין בונטן קאָליר־געפעכט פון פּאַטשיילעס און קאָסטיומען. אודאי און אודאי איז אַ גרויסער גענוס צו באַזוכן די באַרימטע פעאָדאָסיער בילדער־גאַלעריע, צי אַראָפּכאַפּן זיך צום אַרכעאָלאָגישן אַנטיקן־מוזיי, אָדער גאָר אַ פּאָר צו טאָן צו די אויסגראָבונגען, וואו סאָוועטישע אַרכעאָלאָגן זיינען פאַרנומען מיט אויספאָרשונגען פון פאַרשוואונדענעם אַמאָל.

אודאי איז כדאַי אַלץ אָנצוקוקן. נאָך מער איז זייער און זייער כדאַי צו זען, ווי אין אַ לאַנד, וואו דער גאַנצער לעבנס־שטייגער מיט זיין גאַנצן אינהאַלט ווערט אַזוי עקשנות'דיג איבערגעפורעמט להיפּוך דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע און אין פּנים פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־הערשאַפט; אין אַ לאַנד, וואו אַלץ ווערט אומגעביטן פון אַלף ביז תיו, פון וואָכן ביז חדשים און יאָרן און ביז

א נייע צייט־רעכענונג פון א ניי מענטשלעכן לעבן ;—אז אין דעם־אָ לאַנד, וואָס רופט זיך פאַרבאַנד פון סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע רע־פובליקן, ווערט אַזוי זאָרגפעלטיג אָפּגעהיט אַן אַנטיקן־מוזיי, אַ קונסט גאַלעריע מיט אַלע פּיטשעווקעס, פונקט ווי אין די „העכסט ציוויליזירטע" לענדער פון מערב אייראָפּע, צי אין דער גאָלדענער אַמעריקע.

מען שטייט אין די פעלענע פּאַרטוכער, צי אין פּאַרטוכער פון גראָבן לייוונט, מיט שטריק אַרום די לענדן, אויסגעשמירט אין קאַלך און אין וואַפּנע, אין ליים און אין זאַמד. מען איז פאַרטאָן און פאַר־האַוועט אין פורעמען און בויען. אַרום בערג מיט מאַטעריאַלן אין כאַאָטישער געהורבעריי שווימלט און גריבלט מיט אינטענסיווער טע־טיגקייט פון בוי און סטראָי פּראָצעס: נאָך אַ ציגל, נאָך אַ וואַנט, נאָך אַ קוימען, נאָך אַ מאַשין און נאָך אַ זאַוואָד, און דאָס וואַכזאַמע סאָוועטישע אויג גיט אַזוי גוט אַכטונג אויף די קולטור־אוצרות צו דער זעלביגער צייט, אַז די אַלטע זאָלן ניט גיין לאיבוד און נייע זאָלן צוקומען.

אודאי איז דאָס אַלץ שוין זייער און זייער כדאי צו זען און אָנ־צוקוקן. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן די באַגרענעצטע צייט, וואָס מיר האָבן. די „גרוזיע" קאָן נאָך אונז אָפּטאָן אַ שפּיצל אַזוי־אָ אומ־שולדיגערהייט, זיך אַזוי־אָ פּאַוואָלינקע אַרויסרוקן פון האַפן און אַוועקלאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין, און מיר'ן אַ ברירה האָבן צו זיין בייז אויף זיך אַליין און שלאָגן זיך קאָפּ אָן קישן... אונזער יאַזדע איז איצט פון פעאָדאָסיע ביז באַטום, און דוקא אויף דער באַקוועמער „גרוזיע", וועלן מיר אַזאַ ריסק ניט נעמען.

:: :: ::

שוין ווייט, ווייט נאָך האַלבן טאָג. יונגער פאַרנאַכט הויבט זיך אָן ביסלעכווייז צו דערנענטערן און שפּרייט אַרום זיך שווייגנדיגע שטימונג. פּאַסאַזשירן קלייבן זיך צום אָוונט ברויט. דורך די זוי־בערע שויבן פון ציכטיג־ליכטיגן עס־זאַל טריפן אַריין רויטע שפּיזלעך־טראָפּנס, וואָס די גרויסע, רונדע, פאַרפאַליעטע זון פאַרלירט ביים שנעלן גליטשן זיך אַהין צום וואַסער ראַנד. פון אַנטקעגנדיגער זייט ווערט האָריזאָנט געדיכטער, מאַסיווער און אויפגעלאָפּן. צוזאַמענ־שמעלץ פון אַש־גרוי, טונקל־בלוי, שוואַרצער זוים און בלאַס־ראָזע־ווער אָפּשיין אין דער מיט אין סאַמע ברעג פון מזרח. דער מערב, אַ צעהוליעטער, אַ פאַרפלאַמטער, טאַנצט אויס צווישן הימל און ים זיין פאַרנאַכטיגן פאַרבן־טאַנץ. נאַכט פאַנגט אָן באַזאַכט פאַנאַנדערצע־יויקלען איר שווערן צודעק איבערן ווייגנדיגן שוואַרצן ים:—דעק זיך

איין, דו אומרו איינער, און ווארף זיך ניט אזוי. ווייניג איז דיר דער טאָג.

ריידן ווילט זיך ניט. ס'ווילט זיך זיצן אזוי־אָ אומבאמערקט און אריינקוקן אין פנים'ער, אין אויגן. מענער. פרויען. פאָרלעך. איינצלעך. רייזנדע. פונוואנען? וואוהין? היגע? אויסלענדער?

אריינגעקומען איז ער אן אויסגעקראכמאליעטער און אן אויס־געפרעסטער אויף אלע נעט און פעטליעס. אויסגעמאָדעלירטער העפ־לעכקייט־שמייכעלע אויף די ליפן. אומצוטרוי אין טענצלדיגע אויגן. אן אויסלענדער. ניט סתם טוריסט, ניט קיין „בייז־וואונדער" זור־כער. א פאָרשטייער פון א גרויסער פירמע, אזא און אזא. געשיקט אהער מיט א ספעציעלער שליחות, געשעפט אויספאָרשן...

— א שווער פאָלק, די באָלשעוויקעס. א קאָנצעסיע פון זיי ארויסקריגן — ערגער פון קריעת ים־סוף. האָבן דוקא קלוגע קעפ, יע, יע, און האלטן זיך אין איין צאצקען מיט זייער רעוואָלוציע, ווי קינדער מיט א שפילכל. ביזקל וואנען איז דער שיר?...

אין קיין לאנגן שמועס לאָזט ער זיך ניט אריינפירן. מ'דארף זיך היטן מיט א וואָרט. ער ווייסט, אז ביי די באָלשעוויקעס האָבן ניט נאָר די ווענט, נאָר אפילו יעדער סלופ האָט אויערן. קיין מורא האָט ער ניט, ניין! געפילט זיך א סך מער זיכערער אויף די גאסן פון לענינגראד און מאָסקווע, ווי ביי זיך אין היימלאנד. דאָס גיט ער גערן צו. ער גיט אויך צו, אז בכלל איז ניט אזוי, ווי מען מאָלט דעם סאָוועטן־פאַרבאנד אין די העכערע ספערן ביי זיך אין דער היים. פאר די גרויסע געשעפטס־מעגלעכקייטן און וואונדערבארע פערספעקטיוון דאָ, איז ער פשוט באגייסטערט. אייראָפּע איז דאָך שוין כמעט אויס־געשעפט, און דאָ איז דאָך אזא שלל, אזא מטמון... מ'האָט דאָך קוים קוים ערשט דעם אויבערפלאך א קראץ געטאָן... אפילו אמעריקע קאָן זיך ניט פארגלייבן. איז טאקע א פארדראָס—ניין, פשוט א ווייטאָג אָט די „ניט פראַקטישע" באָלשעוויסטישע פּאָליטיק, פּראָלעטארישע דיקטאטור, א. אַ. וו. שווער צו באנעמען...

— אָ־האָ, ווען גרויס־קאפיטאל פון „ציוויליזירטער" וועלט קריגט דאָ די „אמת־פרייע" האנט צו טאָן אזוי און אזוי... טע־טע־טע!

דער שמועס איז יע א שמועס און ניט קיין שמועס. לאנגע פוי־זעס און קורצע, אָפּגעהאקטע זאצן. דער פאָדים—ניט ער רייסט זיך, ניט ער שפינט זיך. דאָס שפינדל שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ אינגאנצן. שטייט מען אזוי אין צווייען אָנגעשפארט אויפ'ן אויבערשטן דעק פון שיף, מען פּיפקעט און מען לאָזט דעם רויך אין דער לויטערער נאכט אריין, מען שפייט אין שוימיגן גארטל ארום דער „גרוזיע", און ווער־

טער גיבן זיך פון צייט צו צייט אַ רייס אַרויס אין געשווירענע שניר־לעך, אַזוי־אָ צוגעקאַרגט אַ ביסל. פליען באַמערקונגען און אָפּוויי־זונגען: דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל, געפעלשטע פרייהייט און גלייכ־הייט, קלאַסן־קאַמף, פּראָפיטן, רויבעריי, קולטור, ציוויליזאַציע, מערק, מלחמות, הריגות און שחיטות, קאַפּיטאַל און אַרבעט, מערווערט, קלאַסן־ליניע, אָקטאָבער רעוואָלוציע, סאָציאַליסטישער אויפבוי און אַז. וו. און אַז. וו. יע אַ דעבאַטע, ניט קיין דעבאַטע...

ביז'ן שפּעטן אָוונט ציט זיך אַזוי דער־אָ מאָדנער יע־אַ־שמועס, ניט־קיין־שמועס. מיט אַ פולע זאַכן איז ער, דער אויסלענדישער גע־שעפט־זוכער, אפילו יע מסכים, אָבער... און אָנגעפּיקעוועט איז ער מיט „אָבער", ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך, אַזש ער אַליין באַ־מערקט איראָניש:

— אָן אַ „אָבער" גייט עס ביי מיר נישט... מילא, נו, אַליין אַ פאַרשטייער פון קאַפּיטאַל'ס אינטערעסן... האַ?

— מסכים. מסכים...

דעם „מסכים־מסכים" האָט ער, דער אויסגעקראָכמאַליעטער און אויף אַלע נעט און פעטליעס אויסגעפּרעסטער, גיכער דערפילט, איי־דער דערהערט. מיט שאַרנדיגע טריט האָט ער זיך שטיל געשלייכט פּאַזע די שטאָלענע אויסגעווייסטע קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך געוויגט צום ווילן פון די נאַכט־כוואַליעס, הוידענדיג אַרויף און אַראָפּ די אָנ־געבונדענע רעטונגס־שיפלעך. געדוכט האָט זיך, אַז ער, דער פאַר־שטייער פון קאַפּיטאַל'ס אינטערעסן, איז ניט אַזוי זיכער מיט'ן באָדן אונטער זיינע פיס...

דומפּיג, ווי פון אַ קעלער אַרויס, האָט זיך דערטראָגן זיין צוגע־וואָרפענער „גוט־נאַכט", אָנגעקלאַפּט זיך ערגעץ אָן אַ באַלקן און פאַר־פאַלן געוואָרן אין דער וואַסער וויסטעניש.

:: :: ::

שפּעטער אָוונט. מילדער וועטער. לינדע לאַנד־לופט גיט אַ ווייכן פּאַך איבער'ן פּנים. אונזער „גרוזיע" טוט זיך אַ קאָקעטישן גליטש און אַ גלייך אוים מיט איר גאַנצער שיינער שטאַלטנעקייט. אַנטקעגן, ווי צום באַגעגנס, רירט זיך געלאַסן אין אָפּגערוטער באַוועגלעכקייט נאָך אַ פּראַצע־טאָג אַ ריזיגער קלומפּן־געבוי מיט מיליאָסן בליש־טשענדיגע אויגן, ווינקנדיג אין גוטמוטיגער אויפגעלייגטקייט צום נאַכטיגן אָנקומער: ווילקאָמען אויף נאַכט־לעגער.

נאָוואָראָסייסק. האָט עמיצער אַ גיגאַנטישע ראַקעטע הויך, הויך אַרויפגעשאָסן, און איצטער לאָזט זיך די גראַנדיעזע ראַקעטע אַראָפּ מיט צעשפּרייטע שנורן אָנגעצילעוועטע מיט אַזאַ ליכטיגן פאַרבן־גוס?

אַ ריזיג־ריזיגע ליוסטרע, צעפּעכערט און צעצווייגט, ווי אַ יוסטע, פּולזאַפּטיגע כוואַיע. שפּילעוודיג· מינען זיך די עלעקטרישע פייער־לעך בארג אַראָפּ, באַרג אַרויף, גאַס לייננ, סקווער ברייט, אי־בער הייזער און האָטעלן, אויף הויכקייטן, אַ טוק אין וואַסער און אַ כאַפּ אַרויס צוריק. אָטעם פון ים און אָטעם פון שטאָט אין לינדער, מילדער נאַכט...

געקומען איז דער האַרעפּאַשנער טאָג מיט געבראַזג און געפּייף. גלייך פון באַגינען געטאָן זיך אַ קאַטשע אַרויס מיט רידל און לאָם, מיט זעג און דלאָט און צעשאָטן זיך אויף רעשטאָוואַניעס, אין האַ־פענס, אין ווערקשטיבער און צו געשטעלן. אַרבעט באַפּוילט. אַר־בעט טוט. אַרבעט נעמט דין וחשבון אָפּ. געוועב פון 5־יאָר פּלאַן איז אין זיכערער האַנט, פּראָלעטאַרסקע האַנט. נאָר אויסגעהאַלטן שטריינג און ניכטער מוז בויערישער טאָג זיין שעפערישע אַרבעט מאָן. ניט גע'חלומ'ט, ניט געפּוסט־און־פּאַסעוועט...

אָפּגערוקט, דרך־ארצ'דיג ליגט דער ים און קוקט אַרויף צו באַרגיגער נאָוואָראָסייסק, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין וואָכעדיגער אַר־בעט און לויטערקייט פון טאָג. וואַלדיגע קייטן־בערג צעטראָגן די עכאָס און צעפּאַלדעוועט זיי איבער פּעלזיגע רוקנס צו די קאַווקאַזער בערג צו.

פון ים־גרונט ציט מען אַרויס אַ געזונקענע „מינאָנאָסקע" (מי־נענטרעגער־שיף), וואָס די מאַטראָסן האָבן אין צייט פון בירגער־קריג אומיסנע געזונקען, כדי ניט אַריינצופאַלן אין שונא'ס נעץ. די ים־טויכער האָבן געבראַכט פון טיפן אָפּגרונט די פריילעכע ידיעה, אַז די „מינאָנאָסקע" איז אין אַ גוטן צושטאַנד שלעפּט מען עס איצט צוריק אַרויס אויף דער ווייסער וועלט, וועט מען דעם ים־טייוול צע־רעכט מאַכן, ברייגגען אין פולער אָרדנונג און זיך באַנוצן מיט דעם אין פאַל ס'וועט נויטיג זיין...

— אָט האָסטו דיר דעם ווידערשפּרוך. בויען סאָציאַליזם אויפ'ן ברעג און אַ מינענוואַרפער אויפ'ן ים. עך־עך, דו וועלטעלע...

אַ שאַרף אויג גיט אַ בליץ אין אַ שנעלן פּלי אַרום; ווער איז דאָס דער גרויסער בעל־רחמנות און באַדויערער?—ענטפער קומט אין אַ טיראַדע אַ גאַנצער. ניט געווענדט דירעקט צו עמיצן. צו דער גאַנצער וועלט:

— עך־עך, יושר־זוכער, קאַפּיטאַל'ס דינערלעך. קרעמערשע לי־בעראַלטשיקעס און געדולד־פריידיגער, ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן „ברו־דער"־אַרבעטער. בעל־צדקה'ניקעס אויפ'ן האַרעפּאַשניק'ס פּראַצע „עך, ווי" (איר)... מוחל, גוטע פעטערלעך, מוחל. מיר'ן ניט אונ־

טערשטעלן אונזערע באַקן אויסגעפּאַטשט צו ווערן. מיר זוכן ניט צו פאַרכאַפּן פון קיינעם ניט. אונזער וועלט בויער מיר. אָט. טאָ לאָזט אונז צורו. אַ־ניט, איז גרייט אונזער שטאָלענער פויסט, גוט טרע־ נירט, און דערלאַנגען וועלן מיר, אַזש...

און צו דער גרופּע אַרום דער „מינאָנאָסקע“:

— גוט מאָרגן, יאַטן. „מאָלאָדצי“... ווען מיר'ן קיין כלי־זין און קיין מלחמה־שיפן מער נישט דאַרפן, וועלן מיר דאָס אַוועקשיקן צו די אַלטיטשקע בעל־יושר'ניקעס אויף שפּילצייג... האָ־האָ־האָ!

ברוסטיגער געלעכטער צעקייקלט זיך יאָדערדיג אין דער לופט־ שפּע אַרום, פאַרטשעפּעט זיך אָן פעלזיגע שפּיצן פון געדרייטן ברעג און שפּרינגט לאַכנדיג אָפּ אויף צוריק. דערנאָך אין אַ שטילערן טאָן:

— באַדאַרפט געווען, ברידערלעך, קומען אַהער אויף באַזוך מיט אַ צענדליג יאָר צוריק און כאַפּן אַ שפּאַציר מיט די „טאַמאַנ־ צעס“ אָט אויף די־אָ ברעגן איבער'ן שאָסיי פון נאָוואָראָסייסק ביז טואַפּסע... הייסע טעג געווען, פלאַם־פייער... אַ צעטראַסקעטע ערד אונטער אָנגעגליטער זון. ניט קיין ביסן ברויט צו שטילן דעם נאָגנ־ דיגן הונגער. ניט קיין טראָפּן וואַסער צו באַנעצן צעשפּאָלטענע ליפּן. באָרוועס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. לייבער פאַרברענטע. בייכער איינ־ געצויגן און איינגעפאַלענע ברוסטן. מאַן און ווייב, יונג און אַלט — אַ ווילדער מאַרש, אַ שוידערלעכער. נאָר איין ברענענדיגער דראַנג ביי אַלעמען: דעם ווייסן שונא ניט אונטערגעבן זיך. סיי ווי דער טויט, איז אין הייסן שלאַכט די קעפּ אַוועקלייגן, אָט... און שטאַרק, און זאַט איז דער ווייסער שונא געווען. אי פרעמדע, אי אייגענע האָבן זיך אין אַ קולאַצקן בונד פאַראייניגט די „בונטאַרעס“ צו פאַר־ ניכטן. דריי טעג האָט געדויערט די ווייסע „ראַספּראַווע“ אין נאָ־ וואָראָסייסק. געראַניעטע רויט־אַרמייער אין די שפּיטאָלן געשאָכטן. קיין פרויען און קינדער ניט געשאַנעוועט. און תליות, תליות, תליות מיט שערענגעס געהאַנגענע. קיין באַלקנס ניט געסטייעט, האָט מען אויף יעדן טעלעגראַף סלופּ אונזערע צום טויט פאַרמוטשעט. איבער־ פיצלעך קינדער איזדיעקעוועט זיך. בערג מיט הרוגים אין פּעק גע־ בונדן און אין ים געוואָרפן... ע־עך, הייסע טעג זיינען דאָס געווען... די טאַמאַנצעס האָבן זיך פאָרט זייערס דערשלאָגן. וויפיל מאָל מיט הוילע הענט אין פינצטערע נעכט דעם שונא באַפאַלן, געדראַפּעט זיך, אויף שפּיציגע פעלזן, דורך די ענגסטע שפּאַלטן דורכגעקראָכן, אי־ בער נאַסע שטיינער אויפ'ן אָפּגעריסענעם ים־ברעג געשפּרונגען, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס אַרומגערינגלט די ווייסע פאָלקן און אומגע־

ריכטערהייט זיי טויט־קלעפּ דערלאַנגט, און זיך דורכגעריסן צו די רויטע הויפּט־קרעפטן, אַט וואָס... „עך, ווי״...

אָפּגעהאַקט און ניט א וואָרט מער ביז טואַפּסע. געזעסן, אָדער געשטאַנען מיטן פּנים צום שטיינערדיגן, באַרגיגן ברעג, וואָס האָט זיך קונציג געשליינגלט און גערדרייט אין מאָדנע איינפאַלן; אויפ׳ן שטאַרק פאַרברויניגטן נאַקן האָט זיך געפילט זיין גרויסער ביטול צו די „ווייכהאַרציגע״, ווער זיי זאָלן ניט זיין, פון וואַנען זיי זאָלן ניט קור־מען... אָן ווערטער האָט דאָס פון אים, פון די הויכע אַקסלען, פון די שטריינגע פּליצעס און געמושטירטן רוקן, אין פּנים׳ער געשליידערט: פּוכקע לבבות. קריינקלעכער, שעדלעכער געשווילעכץ. „יושר־היטער אויפ׳ן חשבון פון האַרעפּאַשנער מאַסע. צעקראַכענע מאַראַליסטן... „עך, ווי״...

און אויף די גערדרייטע טרעפּ, וואָס פירן צום טיפישן באַרג־שטעטל, טואַפּסע, פון וואַנען עס ווייעט מיט אַלטקייט און מיט באַר־גיגער געוואַגטקייט, איז ער, א גלייכער און מיט א צעשפּרייטן, שפּאַ־נענדיגן טראַט, פאַרשוואונדן צווישן זאַמד און זון...

:: :: ::

אָפּגעגעסן מיטאָג אויף דער וועראַנדע פון דער „סטאַלאָווקע״ אויפ׳ן ברעג פון ים. די סטאַלאָווקע, אָנגעפילט מערסטנס מיט אַר־בעטער־בלוזעס, רוישט און זשומט, ווי א בינשטאָק אין א הייסן נאָכמיטאָג. ווערטער, אויסרופן רייסן זיך פריילעך און לאַכנדיג דורך אָפענע טיר און פענצטער, פּלאַצן אויף אויף דער ברייטער וועראַנדע און צעשיטן זיך אין דריבנע רעדעלעך איבער די שטיינער און ים־שוים העט אונטן. ניט געקעמטע קעפּלעך מיט פאַרבלאָטיגטע קינ־דערשע פּנים׳ער, וואָס ווערן פאַרלוירן אונטער אויסגעריבענע, צע־ריסענע היטלען און קאַרטוזן „פון פרעמדע קעפּ״, רוקן זיך אַרויס, ווי פון אונטער דר׳ערד, און שפּאַרן אריין וועלפישע אויגלעך אין דעם און אין יענעם מיטאָג־עסער. פּאַרוואָרלאָזטע, „בעזפּריזאָרנע״. האַלב־פאַרווילדעוועטע בלאַנקען נאָך אום גרופּעסווייז אַזעלכע און היטן זיך אויס פון צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. מען בעטלט שטיל, מער מיט די אויגן, איידער מיט׳ן מויל, און אויף גיך. נישט געבאַ־לעמוטשעט. מען ווייסט שוין וואו און ווען. היט מען זיך אוים ניט צו פּאַפּאַדיען אין די קינדער־היימען „מיט גוואַלד״... ווי מייז, מיט שנעלע, שטילע טריטעלעך פאַרטיגט מען אָפּ דעם עולם. געקראָגן מיט גוטן, וואָס עס לאָזט זיך. ברויט, א שטיקל פלייש, א ביין, א קאַרטאָפליע—אויסגעצייכנט. טאָמער א טיכל שטעקט אַרויס פון א קעשענע, צי עפּעס אַן אַנדער שטיקל חפץ, מאַלע וואָס, איז אויך א

סחורה. זעסטו, ווען עס מאַכט זיך באַרעס געלט... דאָס קאָן שוין בעסער ניט זיין. דערשמעקט אַ „סכנה“, עפּעס אַ וואַכזאַמע אויג פון ערגעץ אַ ווינקל, איז טוז און ניטאָ, ווי מייז פאַרשוואונדן, און גיי זוך אַ ווינט אין פעלד...

שוין שפּעטלעך אין אָוונט, ווען מיר גרייכן „סאָטשי“. דאָס וואַסער איז צו פּליטקע פאַר דער „גרוזיע“ צו צושווימען צום ברעג. אַ „קאַטער“ (מאָטאָר־שיפל) איז גרייט צו אַריבערפירן די פּאַסאַזשירן און באַזוכער צום ברעג. ווער עס דאַרף, צי ווער ס'האָט חשק, פאָרט אַראָפּ אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אין שטעטל. אַנדערע פאַרבלייבן אויפ'ן דעק און קוקן שווייגנדיג אויף די טונקעלע סילועטן, וואָס טוקען זיך מיט שפּיזלדיגן ליכט אין דער וואַרעמער נאַכט אַריין. נאָר אַרום האַלבע־נאַכט, פאַרביישווימענדיג „גאַגרי“, און כמעט אַלע שוין שלאָפן אין די בעטן, איז מחיה'דיג אַזוי־אָ צו שטיין און אָנצוקוקן, ווי די איינגעהילטע אין טונקלקייט מאַסיווע בערג אַזעלכע זיינען שטיל אַרויסגעקראָכן פון די טיפע ים־גרונטן און שטייען איבערגעבויגן, ווי געטרייע היטער און באַשיצער, איבער'ן האַפן, איבער שיפלעך און שיפן, און איבער שלאָפנדיגער „גאַגרי“.

„סוכום־קאַלע“ באַגעגנט אונז מיט אויסגערוטן מאָרגן. ליגט נאָך סוכום אַליין איינגעטוליעט ביים באַרג צופוסנס, נאָר וואָס די אויגן געעפנט, און שימערירט אַ צעפּעכלטע אין ווייסער זויבערקייט אויף גרין־וואַלדיגן הינטערגרונט. אונטן שלאַנקע שורות ציפּרעסן. אויבן, קוים מיט'ן אויג צו פאַרכאַפּן, שפּיצן זיך אין די הימלען פאַנטאַסטישע ריזן אין שניי־טורבאַנען אויסגעפּאַלדעוועטע אין מאָדנע געפלעכטן, און הינטער זיי, אָט טוט אַ שפּרונג אַרויף, אָט אַ זעץ אַראָפּ, אַ שניי־קעפּקע דאָ, אַ שניי־קעפּקע דאָרט, פּונקט אַ כאָפּטע שטיפערס וואָלטן זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, און אונטערטאַנצנדיג אַזוי־אָ צו כאַפּן אַ קוק, וואָס סע טוט זיך אויף יענער זייט פאַרקן.

דער ריכטיגער האַפן פון אויסלאָדן און אָנלאָדן גרויסע שיפן ווערט איצט ערשט געבויט אין סוכום־קאַלע. די גרויסע אַרבעט פון פאַרגרונטעווען דעם ברעג, פאַרהאַרטעווען די מאַסיווע אָנשיטן, איינגאַרטלען די קלעצער אין אייזערנע רייפן און שטאַלענע שטריק און מאַכן פון זיי זיכערע פּאַליעס און פּאָדפּאָרעס,—גייט אָן אין פולן ברען. מען בויט דעם האַפן, און מען בויט גרונטאָוונע. דערווייל שמייען אום הין און צוריק קליינע מאָטאָר־שיפלעך, פירן גרוז און פּאַסאַזשירן, פּייפן און גרילצן, און צעטראָגן אין ליכטיגן אַרום אַ מין

כוואַטסקן געוועט, ווער ווייט וועמען איבערשטייגן אין פּילדער־געַ־רודער.

אין סוכום געפינט זיך די באוואוסטע מאַלפּע (שימפּאַנזע) קאָ־לאָניע, וואו סאָוועטישע געלערנטע מאַכן געוואַגטע עקספּערימענטן. סוכום־קאַלע איז אַ קוראָרט און אַ זעלטענער, אַ שיינער און אנגענע־מער אָפּרו־פּלאַץ פאַר'ן סאָוועטישן באַלעבאָס, דעם ארבעטער. איז פריילעך און רודערדיג ביים ברעג, און איינגעהאַלטענע שטילקייט הויערט פון אויבן. און אָט, אונזערע פיס באקומען די ערשטע ידיעה, אז „גרוזיע" גרייט זיך ווייטער אין וועג אריין. סוכום־קאַלע רוקט זיך אָפּ אַזוי היינטערוויילעכס פון אונז. פון אָנהויב פּאַמעלעך־פּאַמע־לעכן, און באַלד מיט אַ גרויסן שפּאַן, קלאַפּטערווייז. נאָר לאַנג, נאָך לאַנג שטייען מיר פאַרגאַפטע און קאָנען זיך ניט צוגענוג אָנזעטיגן מיט'ן רייץ און חן פון אנטלויפנדיגן סוכום און פון בארג־געשטורץ ארום.

ארויס אין ים. מען שפּאַרט זיך נענטער צו די פּאַרענטשעס. ווער ס'באוואָפנט זיך מיט אַ בינאָקל, ווער מיט אַ שפּאַקטיוו, צי מיט „פעלד־גרעזער". אנדערע לייגן פּשוט צענויף די פינגער אין אַ טרייבל אַזוי־אָ, פאַרמאַכן איין אויג, און די אָפענע אריינגערוקט אין דער אימפּראָוויזירטער קוק־רער, און מען עסט זיך איין מיט אראָפּגעבויגע־נע קעפּ אונטן צום ים צו. מעדוזעס. אַ טשיקאַווע ים־באַשעפעניש. זייער אַ טשיקאַווע. כדאי צו באַטראַכטן. אונזער שיף איז אריינ־געפאָרן אין אַ מחנה מעדוזעס. גאַנצע סטאַדעס, רעגימענטן, אַ ים מיט מעדוזעס, גרויסע, קליינע און גאָר פיצלעך. מאַמעס מיט קינ־דער, משפחות און קלאַנען. די צייט איז איצט זייער אַ גינסטיגע צו באַקוקן דעם דאָזיגן מין פיש. דער ים איז לויטער און רואיג. טאָ לאָמיר. אָט שטייט אַ גרופּע סאָוועטישע ארבעטער־טוער פאַרטיפט אין אַ חבר'ישן דערקלערונג־שמועס. וועגן וואָס? טאַקע וועגן דער דאָזיגער מאָדנע־קאָמישער ים־באַשעפעניש, וואָס האָט אַ שטיקל קרובה'שאַפט אי מיט ים־פּאַליפּן (אַזאַ ים־געוויקס), אי מיט דער פיש־וועלט פון דעם פוס־יויך מין: ווייך, ציטערדיג און קלעפיג. זיכער ניט אנגענעם מיט'ן האַנט באַרירן, גיכער עקלדיג און אָפּשטויסנד, אָבער וואונדערלעך פאַר'ן אויג. אדרבא, אָט זעט:

אָט זעט עס אויס ווי אַ קונציג אויסגעשטיקטער פאַראַסאָלטשיק מיט אַ דינעם אויסגעהאַפטענעם זוים ארום אין כל־ערליי שפּיצן. אונ־טער'ן פראַסאָלטשיקל היינגט אראָפּ דאָס געשניצטע הענטל, אַזוי פיין אויסגעאַרבעט. אָט טוקעט זיך דאָס אונטער, אָט הויבט זיך דאָס אויף. אַ בינטל זון־שטראַלן האָט זיך אַ שלייך געטאָן צווישן דער

מעדרוזע טשערעדע און אַ קערעווע אויף אַ זייט. אויס פּראָסאָלטשי־קעס. שוין גאָר אַן אויסשטעלונג פון אַמאָליגע קרינאָלינעס און קרוזשעווע מייטקעס פון יענער מאָדע־עפּאָכע. און אַזאַ אויסוואַל פון היטעלעך, צי אויסגעצאַצקעטע גלעקער און גלעקלעך, צי גאָר פּריי־נעלאָזענע שטיקערייען אַוועקגעלאָזן אויפ׳ן ים־באַראַט, טראָג מיך וואוהין דיין האַרץ גלוסט...

א מאַטראָס מיט דער ווייסער היטעלע אויפ׳ן פּאָטילניצע און מיט אַ גראָבער שטריק אַרומגעדרייט אויפ׳ן אָרעם שוועבט דורך ליינג אויס דעם עולם, און נאָך אים לויפט נאָך זיין ברוסטיגער טע־נאָר:

— העי, טי מעדרוזאָטשקאָ מאָיאָ... (אָי, דו מעדרוזעלע מיינע).

עמיצער באַמערקט לאַכנדיג:

— ווען זיין געליבטע וויים, אַז די „מעדרוזע“ (מיטאָלאָגישע פּי־גור) האָט אָנשטאָט געקרויזלטע לאָקן געהאַט אַ קאָפּ צענויפגעדרייטע שלאַנגען... נו, נו — — —

:: :: ::

דער ים — אַ לאָך־שפּיגל קרום געשליפענער. הימל־בלוי באַלע־וועט דאָס אויג. אַ פּאַרבלאָנדזשעטער פון ערגעץ־וואו וואָלענער וואָל־קענדל אין אָנגעלייגטער גאַסט. זיצט מען אין די באַקוועמע דעק־שטו־לען האַלב־אָנגעלענט. ליגט מען אויסגעצויגן אויף די געפּלאָכטענע קושעטקעס מיט׳ן אויפגעהויבענעם צוקאָפּנס. פון רעכטן זייט שיפ׳ס נאָז שפּרייט זיך וואַסער קופּאָל און ווערט פּאַרפּאַלן אין וויטן האָרי־זאָנט. פון דער לינקער זייט שפּילט זיך זיגזאַגישער ברעג אין באַ־העלטרעלעך. העט־העט אין וויטן אַריבער,—אַ געראַנגל פון ריזן; פּיס אין ים, בלוי־גרין דאָס אָנטון, און שניי־מיצן אויף די קעפּ. אָפּגע־באָרעט זיך, פּאַלט מען אָט אַזוי־אַ אַוועק פּלאַזמאַ. ווער אונטער אַ ווייס־פּוכיגער שניי־קאָלדרע אויף צולהכעיס דער העל־גליענדיגער זון; ווער, דורכאויס אַליין אַ נאַקעטער, נאָר אַ שניי־ווייסן שאַליק אויס־געשלייפט אַרום האַלז; אַנדערע—שטיקלעך כמאַרעס אַריינגעשטעקט אונטער די היט, צי גאָר אָט אַזוי זיך אויסגעצויגן מיט די הינטנס אַרויף מיט די ווייסע צעדלאָקעס אַרוים, ווי ביי קליינוואַרג אין שפּענ־צערס. אָפּגערוט, הויבן זיך שוין ווידער קעפּ אויף קעפּ, רונדע, לאַנ־גע, צונעפּלעטשטע,—און מיטאמאָל גאָר אַ פּלי אַוועק העגדרום־פּענ־דום, אַ טיפן שניט־אַריין זיך אַן אַ זייט, און אויס, ניטאָ...

אונזער קורס איז צו „פּאָטי“. ס׳ווערט וואַרעמער און וואַרע־מער. אַ סטאַדע דעלפינען (אַ מין פיש) מאַכן קונציגע קאָזשעלקעס, קוליען זיך אין שווים־געלאָף און אָפּט אַ שפּרונג אַרויס איבער׳ן וואַ־

סער־פלאַך, אַ צירקל דורך די לופט אין אַ נידעריגן האַלב־קרייז און— בוכטש! צוריק אין דער היימישער נאַסער אַטמאָספער מיט אַ גורגל־דיגן שפריץ. איינער אַ מיטפאָרער, זעט אויס אַ באַהאַוונטער אין ים־געגענט דאָ אַרום, דערציילט, אַז די דעלפינען זיינען אמת'ע קאָ־לעקטיוויסטן. שווימען שטענדיג אין סטייעס, כאָטש יעדער דעלפין אליין איז אַ מאַכינע 7— פוס די לייננ, און האָבן דוקא ליב צו שפילן זיך אונטער'ן סאַמע נאָז פון די דאַמפערס, אַבי מען צעפודיעט זיי ניט, פאַר שעה'ן לאַנג, אָט פונקט ווי מ'וואָלט זיי אָנגעדונגען אויף צו פאַרוויילן דעם עולם טוריסטן...

— טוריסטן?—סעזאָן שוין אַריבער כמעט. דאָ פאָרן איצט אַלע היגע, איינענע...

מיט'ן טערמין „טוריסטן" מיינט מען אָנגעפאָרענע אויסלענדער, וואָס האָבן זיך לעצטנס אַ נעם־געטאָן צו באַרייזן די סאָוועטישע רע־פובליקן.

— ווער זיינען די „היגע, אייגענע"?

— ניט קיין גראַפן און קניאַזן, ניט קיין אָדל־לייט און רייכע פריצים. טאָמער פאַראַן אַזאַ איינער, וועט ער דאָס בשום אופן ניט אַרויסזאָגן, ניט אַרויסווייזן. ס'פאָרן זאַוואָד און פאַבריק אַרבעטער, סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, ס'פאָרן אויך פשוט'ע פויערים. ווער אויף אורלויב, ווער פון אורלויב, ווער צו פאַרריכטן דאָס געזונט ערגעץ אין איינעם פון די ים-קוראָרטן. פאַראַן אויך פאַלן, ווען מען צווינגט מיט גוואַלד אַ וויכטיגן טוער צו נעמען זיך וואַקאַציע און אויסרוען זיך, אַ־ניט, איז אַזאַ איינער קאַפּאַבל ביי דער אַרבעט אָוועקפאַלן און ניט אומקוקן זיך אויפ'ן אייגן געזונט. אויף אַזוי פיל אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין סאָוועטישן געבוי. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס פונקט דער היפוך. פּוילאַקעס...

אַרום די פּאָר אַמעריקאַנצעס דרייט זיך נייגיר אַרום, אַמאָל אָפן, אַמאָל צוגעדעקט. דאָרפישע מיידלעך און בחורים שלינגען די שפּיי־עכץ. אין אַמעריקע טראָגט מען שטענדיג זיידענע זאָקן. מען טראָגט גאָלדענע זייגערלעך, מען פאָרט כסדר אין אויטאָמאָבילן און מ'וואוינט אין הימל־קראַצערס העט אַזש אונטער די וואָלקנס... אין אַמעריקע...

אַ זשוואַוווער יונג מיט אַ דרייסטן קוק:

— נו, און אַזאַ־אַ לאַנדשאַפט, ווי דאָ אַרום, פאַראַן דאָרט באַנ'־אייך אין אַמעריקע?...

אָפּגעפרעגט, זיך געטאָן אַ שטעל אַוועק אַזוי־אַ אין אַ פּאָזע, דוכט זיך אַן ערנסטע אַזאַ, און אין די יונגע, פינקלדיגע אויגן שטיקט זיך אַ געלעכטער. קאָן מען שוין ניט וויסן, וואו מען האַלט מיט'ן יונג. סיי

ווי סיי, דער וווייטערדיגער שמועס פּאַקט אים. באַגלייך מיט די אי־בעריגע עטלעכע הערט ער אויס געשפּאַנט פון פלאָרידע, קאַליפאָרניע, קאָלאָראַדאָ בערג און טאָלן, פון פּאַסיפיק און אַטלאַנטיק, פון די גרויסע „אָזיערעס" (לייקס) און טייכן, נאַציאָנאַלע פּאַרקן און רייכסטע זומער רעזאָרטן, די פאַנטאַסטישע „ראָקיס", די שפּילעוודיגע „קעטס־קיל" בערג, און „ניאַגאַראַ" וואַסער־פאַלן, און די אויל־פעלדער, און— און מיר ציען אַזוי דורך ליינג און ברייט פון דער רייכסטער מדינה. אָט זיינען מיר שוין ביי מערב קאַנאַדע, אריין אין בריטיש קאָלאָמביע, און איבער די וואונדער־שיינע און גראַנדיעזע קאַנאַדער „ראָקיס" מיט די באַרימטע „דרייו שוועסטער־בערג, מיט'ן לוקסוסדיגן זומער־רעזאָרט „באַנף"... און צוריק איבער די שטאַטן, איבער רוישיגע שטעט און ריזיגע פאַבריקן, אין שאַכטעס און מינען, אין גרובן און אין גיסע־רייען, וואו אַרבעטער פינצטערן אָפּ טעג און יאָרן פאַר'ן שטיקל ברויט. אין פּאַלאַצן, משוגע פון צעלאָזענעם רייכטום און אין כאַלופּעס־וועדעמדיגע לעבער, וואו אָרעמקייט ליגט צענויפגעקאָרטשעט אין דרייען און — — —

— אָט באַקאָנט זיך, ביטע. לעבן־אייגנטימער, און לעבן־פּאַרדינער. באַלעבאָס און אַרבעטער. געשוואָלן פון פעט און זעט, און געשוואָלן פון הונגער און נויט. נו, אָט...

מיילער האַלב געעפנט. אויערן אָנגעשפּיצטע. אומרו און אויפרעגונג אין די ברייט צעעפנטע אויגן.

אַ הויכער, אַ ביינערדיגער, מיט אַ געשטופּלט פּנים און מיט אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל, איז ער אַזאַ ליב־צעשמייכלטער צוגעגאַנגען נאָענט. אַ פּנים, ער האָט שוין לאַנג זיך צוגעהערט צום געשפּרעך. דער ענין איז אים געוועזן צום האַרצן, זעט אויס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט אין אַמעריקע איבערגעלאָזן אַ היבש פּעקל יונגע יאָרען און כחות און געבראַכט פון דאָרט האָט ער רומאַטעס אין די ביינער פון אַרבעט אין אַ קוילן־גרוב, און דעם גאָלדענעם צאָן. אַ „סקעב" (סטרייקברעכער) האָט אים דעם ביינערנעם צאָן אַרויסגעהאַקט. נאָך מיט חסד. איצט איז ער דער גליקלעכסטער. אַן אַרבעטער אין „דאָנבאַס", באַלאַנגט צום „סאָיוז" און —

— גוט דערציילט זיי אַרום און אַרום. אָט דער חברה צוציקעס דאַרף מען קלאָר מאַכן אַלץ. זאָלן זיי בעסער פאַרשטיין אַן עסק. גוט דערציילט זיי די מעשה, אָט. זאָלן זיי זיך לערנען.

:: :: ::

פּאָטי. גרוזינישע רעפּובליק. מיר קרייצן איבער די רעלצן און לאָזן זיך צום שטאָט צו. אַרום שמעקט מיט זומפּיגקייט. טייך און

ריטשקעס, ברעגן און אפילו סטעזשקעס,—אַלץ איז באַצויגן מיט א גרינעם, שליימיגן מאָך. מוז זיין א זעלטענער פּלאַץ פאַר מאַלאַריע. עמיצער באַמערקט, אַז אַן דאָרט וואַרט, דוכט זיך, אויף אונז א די־ליזשאַנס, צי א טראַמוויי,—עפּעס א מין סאָרט טראַנספּאָרט מאַכי־נאַציע...

די דאָזיגע טראַנספּאָרט מאַכינאַציע איז באַשטאַנען פון אן אַל־טיטשקן וואַגאָנשטשיק צוגעשפּאַנט צו אַן אַלטיטשקער שקאַפּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין מאָרדעווען, געשמיסן מיט׳ן אויסגעקראָ־כענעם ווײדל איבער די דאַרע ליטקעס און איינגעפאַלענע זייטן, און ניט געקאָנט פּטור ווערן פון די בייזע פליגן. די ביינק, ליינג אויס פון ביידע זייטן אינעווייניג, זיינען באַלד געשמאַק באַזעצט געוואָרן, און דער שמייסער האָט זיך א נעם געטאָן צו דער ארבעט מיט א הוק:

— א־נו־קאַ, אָדלערטע, אין וועג אריין... און טאַקע תוך־כדי־דיבור אריינגעפּיצקעט מיט׳ן בייטש אזוי ניט געזשאַלעוועט. דאָס פערדל האָט זיך אפילו א נעם געטאָן מיט גרויס אימפּעט, א וואָרף געטאָן זיך אין די שלייעס אזוי און אזוי,—ס׳איז אָבער ניט געגאַנגען. א צו־שווערער באַגאַזש. ס׳האָט ניט געהאָלפן, ניט מיט גוטע רייד, ניט מיט בייזן.

— ווי אזוי דערלויבט זיך דאָס א מענטש צו קאַטעווען אזוי אַן אָרעם פערדל?

דער קאָנדוקטאָר גיט צו פאַרשטיין, אַז די שטאָט פאַרמאָגט איצט ניט קיין בעסערע פערד. קיין פיל וואַגאָנעס אויך ניטאָ, און ער אַליין וועט אודאי ניט זיין ביכולת צו שלעפּן דעם טראַמוואַי. ס׳איז נאָר דער ערשטער ריר פון אָרט. וואָרים אָט זעט, ווי ס׳גייט געשמירט, אַבי צעקאַטשעט זיך, טיו־טיו־טיו... ס׳איז דאָך פאָרט אויף רעלצן. א טראַמוואַי.

מיר שמייכלען, אונז דוכט זיך, אַז מיר געפינען זיך איצט אין שלום־עליכם׳ס בערדיטשעוו און פאָרן דאָס אויף שלום־עליכם׳ס „בערדיטשעווער טראַמוואַיען" איינגעשפּאַנט צו שלום־עליכמ׳ס „מתושלח". זאָל דאָס פעלן א האָר. דער קאָנדוקטאָר, א גרוזין, טייטשט דאָס אויס, אַפּנים אַנדערש. ער נעמט אָן אונזער שמייכל פאַן אַן אָפּשפּאָטן, צי וואָס, און ער צעוואָרעמט זיך אויף זיין געבראָ־כענעם רוסיש, אַז סאָוועטן־רעגירונג ווייסט וואָס בילכער איז, און מען קאָן ניט אַלץ אויף אמאָל, אַז „פּאָטי" וועט נאָך האָבן אַן עלעק־טרישן טראַמוואַי און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. מיר צעשיידן זיך פריינטלעך און שטייגן אַראָפּ.

די שטאָט א טיפּיש־מזרח׳שע. מערק און געשטעלן אָנגעפּיקע־

וועט מיט גרינס און פרוכטן, וויינטרויבן, מילגרוימען און פליגן — פליגן איבער אַלעם. שיינער שטאָט־גאָרטן, הויכע בוימער. פולבלע־טערדיגע, שאָטנדיגע. פּאַלמען מאָגערע. אין מיטן פּאַרק אן אָפּגע־צאַמט אָרט, כמעט רונד, און ווי אויף אַ קינסטלעכן אָנשניט אַוועק־געשטעלט. פון איין זייט אַ גראָזיגע ווערטיקאַלע וואַנט מיט אן אור־אַלטן שווערן טויער אויף פאַרזשאַווערטע זאַוועסעס. אויבן אין א מין עגול אן אור־אַלטער בוים, אַ קליאָן, צעדרייט און קנופּיג, ווי אן אַלט־אַלטער עפּל־בוים, און אַזוי קיילעכיג צעצווייגט פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ ריזיגער פּאַראַשוט. מחיה'דיג קיל צו זיצן אין זיין שאָטן. אי דער ברייטער שטאַם, אי די צווייגן זיינען צעקאַרדאַשעט פון אויסגע־שניטענע נעמען פון באַזוכער אויף לשונות און דיאַלעקטן, וועלכע איר ווילט נאָר אַליין. אַפּנים דער־אָ מוז זיין עפּעס אן אָנדיינק פון פאַרצייטן. לאָמיר אַ פרעג טאָן ביי אַ פאַרבייגייער.

— וואָס באַטייט דער דאָזיגער אָפּגעצאַמטער פּלאַץ אָט־דאָ? און דער בוים...?

אָפּגעשטעלט האָבן מיר דוקא מער ווי איין פאַרבייגייער, נאָר בשום אופן ניט געקאָנט באַפרידיגן אונזער נייגיר. קיין מאָלק ניט דערגאַנגען, כאָטש יעדער באַזונדער האָט זיך זייער געסטאַרעט אונז צופרידנצושטעלן, מיינענדיג, אַז ער רעדט צו אונז אין רוסיש, אויף אונזער לשון, הייסט דאָס, נאָר דאָס איינציגע, וואָס מיר האָבן יאָ דייטלעך פאַרשטאַנען, איז געווען „ניטשעוואָ“.

אין צענטער פון שטאָט האָט זיך געגרויסט דער נייער קאָאָפּע־ראַטיוו מיט'ן ברייטן פּאַסאַד און מיט די פינקלענדיגע שויבן. אַרום, אויף די הויפּט־גאַסן איז אַנגעגאַנגען דער ברוק־רעמאָנט אין פולן ברען. יע, סאָוועט־רעגירונג ווייסט מסתמא, וואָס בילכער איז.

אונזער דאָרשט האָבן מיר געשטילט אין דער מלוכה־אַפּטייק. מכבד געווען אונז מיט איבערגעקאָכטער, אָפּגעקילטער און לויטערער וואַסער. אָפּגערוט אַ ווײַלע און ווידער געשפּאַנט. הייס. פון ווייטן ווינקען קלאָרע שיינען; אָט, אַ שאָד. ווען מ'קאָן דאָס אויסשטרעקן אַ האַנט און אַ דערלאַנג טאָן אַ זשמעניע קאַלטן שניי. המ...

צום טראַמוויי־סטאַנציע. איין טראַמווייעלע אַן אָפענער מיט אויסגעבעטע ביינק אין דער ברייט און מיט צוויי פערד אין געשפּאַן. מיר באַטראַכטן די דאָזיגע אַדלערס, אויך „מתושלח'ס“ נאָענטע קרובים, צוויי טראָפּן וואַסער. מיר פרעגן:

— וואוהין גייט דער־אָ טראַמוויי?

— נאַ־כאַטור...

וואָס „נאַ־כאַטור“ מיינט ווייסן מיר טאַקע נישט, נאָר אַזוי ווי

דאָס פאַנאַנדערפּרעגן זיך וועט מן־הסתם דעם ענין קלערער פאַר אונז ניט מאַכן, באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן זיך אויף שיקזאַל׳ס באַראַט. ארויף און אוועקגעזעצט זיך, גאַנץ שיין אָנגעלענט זיך אויפ׳ן הינטער־ווענטל און אויסגעצויגן די פיס אונטער׳ן פאָדערשטן באַנק; איז ווען מיר שוין יאַקאָסט אַליין אויסגעפינען דעם „נאַ־כאַטור”... אויס־געלאָזט האָט זיך, אַז דאָס דאָזיגע פערדישע פּאָרל האָט ניט געלעבט בשלום. איינס האָט זיך דוקא געריסן אין פאַראויס ביים ערשטן שמיצל, נאָר דאָס צווייטע, ווייזט אויס, זייער אַ נאַראָוויסטע, האָט דוקא געוואָלט אויף צוריק. האָבן זיך בייטש און פּודזשעלע אריינ־געלייגט אין אַ שלום, דערלאַנגט די ריכטיגע אַרגומענטן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס בידנע פערדל איז געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט, אויס־געצויגן זיך לעבן דישל, און — פון אונזער „נאַ־כאַטור” האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידים. געבליבן זיינען מיר נאָר ביים „ניטשעוואָ”.

:: :: ::

מיר פאָרן צוריק צום האַפן אָנגעלאָדענע מיט שקאַרמיצן: עפּל, פרישע, ניט־געפרעסטע פייגן, זאַפטיגע טרויבן. עולם געסט־באַזוכער אויפגעלייגט. מען בייט זיך מיט איינדרוקן, מען דערציילט אַנעק־דאָטן, נאָר וואָס דורכגעמאַכטע עפּיזאָדן, מען שפּאַסט פון „נאַ־כאַ־טור” און „ניטשעוואָ”. ס׳איז פריילעך.

זי איז אַ רוסין, זיכער. גוט־דערצויגנקייט, נאָך פון אַמאָל, ליגט אויסגעגאָסן אויף איר אינטעליגענטן פּנים. אים, שווער צו באַשטי־מען. קאָן גילטן פאַר אַ סיציליאַנער, אַ איד, צי גאָר פאַר אַן אַנגלאָ־זאַקס. זייביידע ריידן שטיל צווישן זיך, און איך בין זיכער, אַז מיר זיינען דאָס דער געגנשטאַנד פון זייער געשפּרעך. אַ פּאָר מאָל גע־פּאַקט, ווי אירע בליקן וואַנדערן אום איבער מיר... איך הויב זיך אָן צו פילן אומבאַקוועם; אפשר עפּעס ניט אין אָרדענונג? איך גיב זיך ניט אונטער. וועל שוין אויסגעפינען שפּעטער. באַמערקט האָבן מיר די־אָ צוויי נאָך מיט אַ טאָג פריער, ווען זיי האָבן זיך אין סוכום אויפגעזעצט אויף דער שיף, נאָר ביז איצט ניט אויסגעקומען צו פאַרבינדן באַקאַנטשאַפט. נו, וועלן מיר...

שפּעטער פאַרנאַכט מאַכט פּלאַץ פאַר יונגן אָוונט. גוט צו זיצן איז דרויסן און איינאָטעמען ריינע, פרישע ים־לופט און צו צוקוקן, ווי אַ וואָרעמער בין־השמשות האָט זיך אַזוי לוסטיג צעשפּילט צווישן הייסן טאָג און קילער נאַכט. איך פאַרקליַיב זיך אין דער קאַבינע, קנעפּל אויף די עלעקטריק און פאַרנעם זיך מיט׳ן נאָטיץ־ביכל ביים שרייב־טישל. אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר.

— קומט אריין, ביטע...

ווער זאָל דאָס זיין? — אויפגעהויבן זיך, געהאָלפן עפּענען די טיר... ער! — און שוין אַ חבר'ישער, פעסטער האַנטדרוק. דעלעגירט האָט אים זי, זיין פרוי. זייער גערן צו באַקאָנען זיך. באַמערקט, פאָרנדיג אין טראַמוויי, אַן „אָזעט"־קנעפּל (זשעטאָן) ביי מיר אין לאַץ. לויט'ן הילוך אַן אַמעריקאַנער און „אָזעט" אין לאַץ... נו, נו...

— א־א־א... שוין אַלץ פאַרשטענדלעך. גוט. אודאי. מיט'ן גרעס־טען פאַרגעניגן.

זיינען מיר זאַלבעפערט. צו אונזער שמועס איז גאָר קיין סוף און קיין ענד ניטאָ. אַזוי פיל אינטערעסאַנטעס, אַזוי פיל וויכטיגעס צו דערציילן און דער פאָדים שפּינט זיך אַרום סאָוועט־יוניאָן, פאַראייניגטע שטאַטן, אָזעט און איקאָר, אידישער נייער אויפקום אונטער די סאָוועטן, איינדרוקן פון די אידישע קאָלאָניעס, פּאַרנעם פון פינף־יאָר פּלאַן, און—

— אַ שאָד דורכגעלאָזן אומזיסט, אומנישט אַ טאָג. באַדאַרפט געוועט זיך גלייך דערקענען.

— פאַרצייכנט אונזער טעלעפאָן נומער. אונזער דירה איז אין קרעמל, אָט איז דער אַדרעס, חברים. קומענדיג אין מאָסקווע, פאַר־פעלט ניט אָפּטעלעפאָנירן. וועלן מיר נאָך פאַרברייינגען ביי אַ גלעזל טיי אין דער היים.

— אויסגעצייכנט, חברים, זיכער וועלן מיר...

אַלע שלאָפן שוין אויף דער „גרוזיע". די „גרוזיע" אַליין, אַ וואַכעדיגע, שפּאַלט רואיג דעם נאַכטיגן ים, און מיר זאַלבעפערט קלייבען זיך נאָך אַלץ צום אָפּשייד נעמען און—נאָך אַ ביסל, נאָך עפּעס דערמאָנט זיך, נאָך אַ פראַגע און נאָך אַן ענטפער, ביז—

— נו, גוטע נאַכט...

— גוטע נאַכט. ביז מאָרגן... און אין באַטום פאָרן מיר אַלע אינ־איינעם אויפן „זעליאָני מיס" (גרינער שפּיץ־לאַנד אין ים).

— אָפּגעמאַכט, חברים. זיכער.

דורך די הילצערנע שטאָרעס, ווי לאַנגע שופּן איינע איבער דער אַנדערער, מיט אַ שמאָלן צווישנשייד, ציט אַ פרישׁ ווינטל אין אונזער קאַיוטע, דרינגט אַריין טיף אין די לונגען און באַרואיגט די אָנגע־שטריינגטע נערוון. אויף ווייכע, שטילע טריטעלעך קומט געזונטער שלאָף צוגיין, שטעלט זיך אַוועק צוקאָפּנס, טוט אַ פיר איבער ברעמען און אויגן־דעקלעך, לאָזט מחשבות און איבערלעבונגען זיך אַזוי־אָ אַ מאָדנעם פּלאָנטער טאָן אין די נאַכגיביגע געהירן... און אונטער ים'ס מיטנאַכטיגן אָטעם מיט די טיפע אינטערוואַלן שליסן זיך די אויגן צו...

פון שוואַרצן ים ביזן קאַספּישן

אָפּגעזעגנט זיך מיט דער „גרוזיע". פיר יום־טוב'דיגע מעת־לעתן. אויפ'ן סאָוועטישן מאָדערנעם דאַמפער האָבן איבערזעלאָזן אַ געשמאַקע ביינקשאַפט אין האַרצן. אָפּגעכאַפּט דעם אָנבייסן אין אַ קאַווע־הויז אויף אַ שטילער גאַס אין באַטום, באַזאָרגט אויפ'ן באַן־הויף געפּעק און בילעטן פאַר ווייטערדיגער נסיעה און—היידא !—צום „זעליאָני מיס"... דער וועג לויפט באַרג־אַרויף ביים ברעג ים. און אַז אַ וועג לויפט באַרג אַרויף ביי אַ ים־ברעג, און פון דער צווייטער זייט ציט זיך אַן ענדלאָזע קייט פון משופּע בערג הויך און העכער, אַלע אָנגעטונענע אין אַזוי פיל וואַלד ; און אַז פון צווישן בוים־און־צווייגן גרינע נעצן טויכן אַרויס און פאַרשווינדן לעבעדיגע ווילאַס און טויטע רואינען, סילועטן און געשטאַלטן שפּילן אין קוקער־לעך, — און דערצו זיצט מען אַליין אין אַן אָפענער קאַרעטע,—ווייסן ניט די אויגן אויף וואָס פריער זיך אָפּצושטעלן. לויפן אום די אויגן, נאַשערס אַזעלכע, אַ שלונג פון דאַנען, אַ ביס פון דאָרטן, כאַטש אַ ביסל פון אַלץ צו פאַרזוכן.

— אָט דאָס זיינען די רואינען פון טאַמאַראַ'ס שלאָס און פעסטונג...

דער „איזוואָזטשיק", ניט קיין פוכטלער אויף קיין איבעריגע רייד, האָט געפונען פאַר נויטיג אונז אָנצווייזן מיט'ן בייטש־שטעקל אויף טאַמאַראַ'ס חורבות. שטייט אויף אין געדאַנק די „טאַמאַרע" פון לערמאָנטאָוו'ס „דעמאָן"... די טאָכטער פון „גודאל"... ביים רוישיגן „טערעק"...

איך טו אַ פרעג :

— ווער איז דאָס געווען די „טאַמאַראַ"?—אַ „קניאַזשנע" (פּרינצעסין)?...

— ניין. זי איז געווען אַ „קאָראָליעווע" (קעניגין). דאָ־אָ אין שיינעם און טראָציגן באַרג־געפלעכט איר שלאָס און אירע פעסטונגען געבויט. מלחמות געפירט און שטענדיג אויף אירע שכנים אַ שרעק אָנגעוואָרפן...

— נו ?...

— גאָרנישט. פון גאַנצן גלאַנץ און גרויסקייט געבליבן אָט דאָס־אָ...

ער גיט דערביי נאָך אַ מאָל אַ טיטשע מיט'ן בייטש־שטעקל אויף די חורבות. אָפּגעזאָגט, ניט אויסגעדרייט זיך מיט'ן פּנים אַ קוק צו טאָן אויף די פּאַרשוינען, וועלכע ער פירט, אַ צי געטאָן מיט געניטער האַנט די לייצעס, געבראַכט די פערד צו אַן איינגעהאַלטענעם טראָט און אַ וואָרף איבער'ן פּלייצע, ווי כלאחר־יד:

— אפשר אָפּשטעלן זיך דאָ אויף אַ ווײַלע...?

ניט באַקומען קיין ענטפער. נישט כדאי הייסט עס... מעגלעך, אונטער די וואָנצעס שטיל אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געטאָן: „מאָדנע טוריסטן..." און צאָק־צאָק ווייטער מיט לעבעדיגן טופּ־טופּ פון ניט אויסגעהונגערטע פערדלעך. אָפּגעשטעלט זיך ביים הויפּט־אַרײַנגאַנג, אַראָפּגעלאָזן די פּאַרשוינען, פּאַוואָליע אַליין אַראָפּגעקראָכן, פון דער זייט געכאַפּט אַ קוק, ווי יענע נעמען אַרויפּקריכן אַרויף, און אַליין געבליבן וואַרטן ביים געשפּאַן.

דער גאַנצער „זעליאָני מיס" איז איין וואונדער־שיינער באָטאַ־נישער גאָרטן. דער אויסוואַל פון געוויקסן און פּלאַנצן באַווײַזט די גרויסע מי און גרענעצלאָזע זאָרגפעלטיגקייט, וואָס ווערן דאָ אָוועק־געגעבן. טיי־פּלאַנצן. גאַנצע קאָלאָניעס. קליינע פּלאַנטאַציעס. די חברים פּ. און ל. ריידן אונז איין מיר זאָלן ניט פאַרפעלן צו באַזוכן „טשאַקווואַ", וואָס געפינט זיך דאָ, לעבן באַטום, פּשוט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

— וואָס הייסט, זיין אין באַטום און ניט אַראָפּכאַפּן זיך אין טשאַקווואַ...? ווי לאָזט מען דורך אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט אַ קוק צו טאָן אויף דער סאָוועטישער טיי־פּלאַנטאַציע מיט דער טיי־פאַבריק און אַלץ מיט אַנאַנדער—נו, און דער דאָרטיגער באַמבוקעווער וואַלד, און די פאַבריק פון באַמבוקנמעבל... ס'איז דאָך עפּעס אַ יש...

— אויב אַזוי, טאָ לאָמיר אָקאָרשט אַ רעכן טאָן, ווי האַלטן מיר מיט דער צייט...

ניט אַזוי גרינג איז זיך אָוועקצורייסן פון דאַנען. דער באָטאַ־נישער גאָרטן אַליין קאָן ניט באַמערקטערהייט אייך אַזוי אַרײַנציען, אַז איר זאָלט פאַרגעסן אָן צייט און אפילו אָן עסן. און ווען איר שטעלט זיך אָפּ, אין פלוג אויף אַ ווײַלע נאָר, בלויז טאָן אַ קוק פון „זעליאָני מיס" אַראָפּ צום ים, צו די האַפּנס אָנגעהורבעטע מיט וואַ־גאָנעס־פעסער, נאַפט וואַגאָנעס, און צו די פונקטן, וואו אונטערער־דישע גרויסע רערן האַלטן אין איין פּלייצן מיט נאַפט, וואָס ווערט

דורך זיי געטריבן אַזש פון באַקו, פון די קוואַלן צו די שיפן, פון דעם קאַספּי ביז צום שוואַרצן,—בלייבט איר אַזוי געפּלעפּט פון דער ריזי־גער אַרבעטסקראַפט און אונטערנעמונגס־פּאַרנעם פון דער־אָ פּראָלע־טאַרישער מלוכה, אַז דער פּראַקטישער חבר ל. מוז זיך אַריינמישן:

— חברים, ס'איז קוים געבליבן גענוג צייט פאַר אונז אומצו־קערן זיך צוריק אויף דער שיף. אונזער מאַרשרוט איז צוריק אין סוכום. אייערער איז מיט'ן באַן צום קאַספּישן ברעג. זעט, לאָזט ניט אויסן טשאַקוואַ. א גוטן...

די חבר'טע פּ. זעגנט זיך מיט אונז וואַרעם און האַרציג, זאָגט אונז אָן ניט צו פאַרגעסן זייער הויז נומער און טעלעפאָן אין מאָסק־ווע, און — — —

מיר פאָרן אַראָפּ אַלע צוזאַמען. די „גרוזיע" איז שוין אָפּגע־פּאַרטיגט מיט איר אַרבעט אין פּאָרט, דורך איר סירענע איז זי מודיע אירע פּאַסאַזשירן, אַז די צייט פון אָפּשייד איז געקומען. איז ניט געמאַרודיעט, חברה. קורצע ווערטער, פעסטע האַנט־דרוקן, און א היבשע ווײַלע שטייען מיר און פאָלגן נאָך מיט די אויגן,, ווי די „גרו־זיע" גליטשט זיך אַוועק פון אונז, איבערלאָזנדיג אין אונזערע הער־צער אַזאַ געשמאַקע ביינקשאַפט און אַזוי פיל אָנגענעמע, ליבע ערי־נערונגען פון די פיר יום־טוב'דיגע מעת־לעת'ן אויף איר.

:: :: ::

טשאַקוואַ. פון דער באַן־סטאַנציע ביז דער טיי־פּלאַנטאַציע איז אַ ווייטער מהלך. אויטאָבוסן גייען הין און צוריק רעגלמעסיג. דער וועג, אַ פּריש דורכגעשניטענער צווישן וואַלד און פעלד, איז נאָך פּוכקע און לערנט זיך אַריינצוגיין אין דער מדרגה פון אַ ריכטיג פאַרהאַרטע־וועטן שליאַך פאַר אויטאָבוס־פּאַרקער. דער גאַנצער געגנט אַרום געפינט זיך אין פּראָצעס פון אויפבוי. מען בויט בריקן, מען גלייכט אויס שאָסייען, מען האַרטעוועט גרונט. פון רעכטן זייט יונגן שליאַך אַראָפּ־צו, ביים זוים פון צעפּאַלדעוועטקייט מיט בערגלדיגער גרינקייט, שפּרייט זיך די טיי־פּלאַנטאַציע אין קוסטעס און אין בוימלעך. ניט ווייט אין שכנות צעלויפט זיך אין לאַנגע, פאַרשפּיצטע אַרויף, שטע־קענס, און צענויפגעפּענטעט אונטן, דער באַמבוק־וואַלד, פון אָנפאַנג אין שיטערע פּעקלעך, דערנאָך געדיכטער, געדיכטער, ביז ער ווערט פאַרפאַלן אין אַ סאָלידער וואַנט. מיר פאַרקערעווען זיך לינקס פון וועג און אין אלכסון גלייך צו די פאַבריק געביידן. די קאַרפּוסן שטיי־קען זיך ניט אין ענגשאַפט, רייבן זיך ניט אַ וואַנט אָן אַ וואַנט. יע־דער בנין באָדט זיך אין זון און אין לופט. און שאָטנדיגע בוימער,

אָפּגערוקט איבער'ן וועג האַלטן שטענדיג אָנגעגרייטע קילקייט פון באַגינען ביז באַגינען.

פריש אָנגעזעגטע ברעטער און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן, אָפּגעצאַמטע פּלעצער, פולע זאַשיקעס מיט וואַפּנע, זאַמד און שטיינער. אַרבעטער אויסגעשמירטע אין ליים. דאָ רעמאָנטירט מען, דאָרט בויט מען צו. מען בעסערט אויס, מען אַנדערשט איבער,—הכלל אין פולן שוואונג פון פּראָדוקטיוון געבוי. ניט גינסטיגער צושטאַנד פאַר די באַזוכער אַלץ גענוי דורכצוקוקן. מילא, ניט קיין בייז. אודאי וואָלט גוט געווען צו האָבן עקזאַקטע אינפאָרמאַציע וועגן דער סאָוועטישער טיי־פּראָדוקציע, קולטיווירונג און ווייטערדיגע אַנטוויקלונג און אַז. וו., איז אָבער גראָד דער יעניגער, וואָס האָט דאָס אַלץ שוואַרץ אויף ווייס, נישטאָ איצט. בכלל, מאַכט די טשאַקווער טיי־פּלאַנטאַציע גרויסן פּאָרטשריט פאָראויס. מען עקספּערימענטירט זייער געלונגען, און ליכטיגע פּערספּעקטיוון ווינקען פון נאָענטער ווייטקייט.

העכער 5 טויזנט אַרבעטער זיינען באַשעפטיגט אויף די פּלאַנטאַציעס און אין די פאַבריקן אין טשאַקווא. און ס'איז שוין ביי אונז גאָר קיין נייעס ניט, אַז די אַרבעטער האָבן קלובן, לייען־זאַלן מיט אַלע איבעריגע אַטריבוטן. וואָס מאַכט דאָס אויס, ווי אַזוי די, צי יענע רעפּובליק רופט זיך אָן? ס'איז סאָוועטישע מאַכט, און סאָוועטישע מאַכט זאָרגט פאַר'ן אַרבעטער און אָרעמען פּויער סיי מאַטעריעל, סיי קולטורעל. ווי דען אַנדערש?

מיר לאָזן זיך צוריק צופוס צו דער באַן־סטאַנציע. די זון באַקט אפילו נישקשה'דיג צו ,אָבער שטיין און וואַרטן אויפ'ן אויטאָבוס, וואָס דאַרף ערשט אָנקומען פון דער סטאַנציע, ווילן מיר ניט. מיר'ן כאַפּן אַ שפּאַציר איבער גראָזיגע סטעזשקעס, בוים איין, בוים אויס, אַ ביסל אָן א זייט פון ברייטן וועג. וועט דער אויטאָבוס אונז אָניאָגן צוריקוועגס איז גוט. אלא ניט, איז אויך ניט שלעכט. צייט האָבן מיר.

אָפּגייענדיג אַ קורצע שטרעקע, באַמערקן מיר א יונגע מיידל דערנענטערט זיך פון אַ זייט צו אונז. זי שמייכלט צו אונז פונדערווייטן אויף צו געווינען אונזער צוטרוי. אויסגלייכנדיג זיך מיט אונז, טוט זי א זאָג אין דרייסטער שעמעוודיגקייט:

— ניט היגע, קאָן מען אַזוי גייענדיג זיך פאַרדרייען און נאָך פאַרבלאָנדזשען. איך דאַרף אויך צום באַן־סטאַנציע, איז אויב איר ווילט — — —

מיר לאָזן איר ניט ענדיגן.

— וואָס הייסט?—אודאי ווילן מיר... און מיר גייען שוין זאַל־

בעדריט. זי אינמיטן, מיר פוןביידע זייטן. זי טוט אַזוי אַ וואָרף איר יונגן קאָפּ ארויף, און אַ פּאָר זשוואוועע אויגן גיבן אַזוי אַ פּאָר דורך איבער אונז אין אַ שנעלער אויספּאָרשונג. מיר פאַרשפּאָרן איר אַן ארבעט. מיר פאַרבינדן גלייך אַ שמועס. וועגן זיך האָט זי ניט וואָס אונז צו דערציילן, אַז ס׳זאָל אונז באַזונדערס פאַראינטערעסירן. וויבאַלד, אַז קיין רויטע ווינקלען און ביבליאָטעקן ביי זאַוואָדן און פאַבריקן זיינען שוין פאַר אונז קיין נייעס ניט, טאָ ווייסן מיר דאָך שוין מסתמא, וואָס די סאָוועטישע יוגנט איז, און זי באַלאַנגט דאָך צו דער דאָזיגער סאָוועטישער יוגנט... נו, האָבן מיר זיך זיכער שוין אָנגעזען און אָנגעהערט פון אַלץ מיט אַנאַנדער, איז למאי...?

אַמעריקע, אָט־וואָס ס׳אינטריגירט מאָדנע. אָט האָט זיך סאָ־וועטן־פאַרבאַנד אוועקגעלאָזן, ווי אין אַ געוועט מיט אַמעריקע: ווער וועמען...? ניט נאָר ארבעטער אויף די זאַוואָדן און פאַבריקן, אפילו שול־קינדער ווייסן פון „פּאָרדיזאַציע” און פון פּאָרד׳ן, איז אָט...

מיר טוען איר צוליב, און זי שלינגט מיט איר גאַנצן יונגן ווערן ידיעות וועגן אַמעריקע בכלל, און בפרט וועגן די ארבעטער מאַסן אין די גרויסע און קלענערע אינדוסטריען; זייער לעבן און זייער מצב, זייער שאָקלדיגער היינט און ניט זיכערער מאָרגן און אַז. וו. און אָט איז אַ קאַפּיטל „אַמעריקאַניזאַציע”... פון דעם האָט זי מן־הסתם ניט געהערט. און, אָט שולן. מיטל־שולן, הויך־שולן, אוניווערזיטעטן, קאָ־לעדזשעס, טעכניקומס. בודינקעס,—אמת׳ע פּאַלאַצן, מיט אַלע באַק־וועמסטע איינריכטונגען. מעטאָדן,—נו, זיכער ניט סאָוועטישע. קאַ־פּיטאַליסטישע הערשאַפט ברויכט קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן. אַמערי־קאַניזאַציע איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן די גאַנצע דערציאונג פון יונגן דור איז געבויט. דער סדר גייט אַזוי: צום ערשט דאָס לאַנד אַמעריקע. דערנאָך געבאָרענער אַמעריקאַנער. נאַטוראַליזיר־טער אַמעריקאַנער איז אַ שטאַפּל נידעריגער. פּרעמד־געבוירענער—אויס מיוחס. פרישע עמיגראַנטן, גרינהאָרנס—נישטיגקייטן. און אַ סדרה פון ווייס און שוואַרץ, פון ראַסע און נאַציע און אַז. וו.

— וואָס־זשע הייסט אַמעריקאַניזירן זיך...?

— דאָס הייסט רעדן און דיינקען אין דער לאַנד־שפּראַך און אָפּגעבן דאָס געזונט און לייב און לעבן דער לאַנד אַמעריקע, וואָס געהערט צו איר באַלעבאָס „קאַפּיטאַל”. ליב האָבן און דינען געטריי דעם ברויטגעבער און ניט מישן זיך מיט ארבעטער פון אַן אַנדער קאָליר, אָדער ראַסע.... פאַרשטייט זי דאָס, ווי ס׳געהער צו זיין?

אָ, יע. אָבער זי וואָלט זייער גערן ווייסן, פאַרוואָס די ארבעטער מאַסן דולדן אַזוי לאַנג? נאָר וואָדען? דאָס איז זי זיכער, אַז ווען

דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָרטן איבערנעמען די ממשלה, וועט מען ניט דאַרפן אַזוי פיל לײַדן, ווײַל די לאַנד איז דאָך אַזוי הויך אַנט־וויקלט און מעכאַניזירט. אַזאַ רײַכע און קולטורעלע לאַנד. די ספּאָרט קלובן אויפ'ן אַמעריקאַנישן שטייגער געפעלן איר זייער. זי באַ־לאַנגט צו אַזאַ קלוב...

די „סטאָלאָוועקע" ביי דער באַן־סטאַנציע איז געווען אָנגעפילט, אונזער אַפּעטיט האָט אונז מיטגעהאָלפן אָפּצוזוכן וואָסער ניט איז פּלאַץ. אָפּגעמיטאָגט, אויפגעזעצט זיך אויף דער באַן אין אַן אָפּע־נעם וואַגאָן, אויסגעמישט זיך מיט אַרבעטער בלוזעס, אַריינגעפלאָכ־טען זיך אין לעבעדיגן שטראָם פון רייד, מעשה'ס און זאָרגלאָזן געּ־לעכטער, אָנגענעמער ווינטל אין פּנים, און פאַר די אויגן די יונגע מיידל, נאָך קיין 19 יאָר ניט אַלט, מיט איר מוטערלעכער זאָרג, מיר, ניט־היגע, זאָלן זיך ניט פאַרבלאָנדזשען, מיט איר יונגנטלעכן נייגיר וועגן אַמעריקע, מיט איר געזונטן אויפנעמען און באַגרייפן, און אַזאַ קלאָרער פאַרשטאַנד,—עך־עך, סאָוועטישע יוגנט, דו...!

:: :: ::

טראַנסקאַווקאַז. באַטום, די הייסע שטאָט מיט אירע האַלב־טראָפּישע פלאַנצן און געוויקסן, פאַרשווינדט שטופּנווייז. אַראָפּ־שטייגן וועלן מיר אין טיפליס ערשט מאָרגן צו. דער צוג האָט זיך אָוועקגעלאָזן מיט אַ פריי־פויגלדיגן פּאָף־פּאָף אין וועג אַריין און שוין געשניטן אַ שטיק אין אָוונט, ערשט נאַדיר גאָר אַזוי־אָ אומגעריכט אַ האַק אָפּ, און סטאָפּ...!

דער קאָנדוקטאָר קומט באַלד צעלויפן און באַרואיגט די פּאַסאַ־זשירן:

— ס'האָט קיין אומגליק ניט געטראָפן. ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. דער מאַשיניסט האָט אַזוי האַסטיג אָפּגעשטעלט דעם לאָקאָמאָ־טיוו. געוואָלט ראַטעווען אַ הויז־חיה, וואָס האָט זיך פון ערגעץ דאָ אַרום פאַרבלאָנקעט אויף די רעלצן.

— געראַטעוועט...?

— ניין. צו שפּעט געכאַפּט זיך. אַ שאָד.

ביים זייט פון הויכן באַן־אָנשיט דרייען זיך אַרום איינציגע אָנ־געשטעלטע מיט פּאָנאַרן. ס'איז דווקא אַ לויטערע נאַכט. נאָר אַ באַן־אָנגעשטעלטער אַן אַ לאַמטערן אין האַנט איז עפּעס ווי איינער וואָס פעלט אים אַ גליד... ניין, ס'איז ניט דאָס. די לאַמטערן איז גאָר פאַר געבן סיגנאַלן... אפשר... וואָסער אפשר?—אַזוי זיכער, ווי מיר שטיי־ען איצט אָט דאָ־אָ. ביז וואַנען וועט מען דאָ שטיין?—ביז מען וועט באַפרייען דעם וועג...

איינער קומט צו נענטער מיט'ן פּאַנאַר. אַ קורצער, אַ דיקלע־כער, נעמט ער זיך אַזוי אָן ביי די אייזערנע טרעפּ־הענטלעך און טוט זיך אַ הוידע אַרויף אין וואַגאָן אַריינגאַנג מיט אַ סאַפּ. ער זוכט עפּעס אַרום און שילט אַזוי געשמאַק אין דער וועלט אַריין:

— אַז דער טייוול זאָל אייך אין די קישקעס אַריין. אַט היצליעס אַזעלכע, ניט קיין מענטשן. אַזאַ בהמה'לע אין ניוועץ אַוועק. קראַנק געווען צו באַוואָרענען דאָס בינדע „סקאַט"... אַט אַ זינד פאַר גאָט און פאַר לייט...

אין טיפּליס אָנגעקומען אין צייט.

מאַלעריש־שיין און מיט אַ פאַרשייטן רייץ באַגעגענט אונז טיפּ־ליס. צעלייגט אויףביידע ברעגן פון טייך „קורא" צופוסנס ביי הויכע נאַקעטע בערג און אין מיטן אַ קאַלייזאָסקאָפּישע פאַרביגקייט. אַזיע און אייראָפּע גיבן זיך די הענט. ברייטע גאַסן, סקווערן, עלעקטרישער טראַמוויי, און אָט, געסלעך אַלטינקע, צעדרייטע, אַלטע פעסטונגען, בלינדע ווענט, טורעמס שפּיזלען זיך אויף הויכקייטן, אַזעלכע מאַוים'־דיגע. טיפּליס איז אַן אַלטע שטאָט, פאַרמאָגט אַ שטיק געשיכטע הינ־טער זיך. אונז אינטערעסירט אָבער די איצטיגע טיפּליס. און אין איצטיגן טיפּליס פּילט זיך די עקשנות'דיגע האַנט פון פּראָלעטאַרי־שער דיקטאַטור איבערצעבויען דאָס לעבן, אָפּצורייניגן זיך פון אַל־טע איינגעוואָרצלטע גלויבנס און מנהגים, וואָס ציען זייער יניקה פון שקלאַפעריי און פאַרגוואַלטונג, פון אויבערהאַר און קנעכט. סאַניטאַ־ריש און העגיענישע אָפּגעשטאַנענע באַפעלקערונג און די קולטורעל־הינטערשטעליגע ווערן מיט אַלע מיטלען אַריינגעצויגן צו באַזוכן לעקציעס, מוזייען און אַנדערע אויפקלערונגס־פּלעצער. און דאָס באַ־גיין זיך מיט זיי איז פּונקט, ווי מיט קאַפּריזנע קינדער.

מען באַגעגנט נאָך די „טשאַדרא" (דעקטוך) אויף פרויען־פּנימ־ער, אָבער איר קאָנט שוין זיין זיכער, אַז דאָס זיינען אַלטע ווייבער. די יוגנט איז שוין סאָוועטיש. אין גאָרקיך באַדינט אונז אַ יונגע מיידל. זי דערקענט אין אונז אויסלענדער. אַמעריקאַנער. אירע קלוגע אויגן נעמען אונז דורך. מען וואַרפט זיך דורך מיט אַ וואָרט, צו צווויי. מיר האָבן אָבער קיין צופיל צייט ניט. מיר ווילן נאָך באַזוכן דעם באָטאַנישן גאָרטן.

— אָ! זייער גוט. אַ זעלטענער פּלאַץ. איר'ט קיין חרטה ניט האָבן. ווייסט איר דעם וועג?

— מיר'ן שוין אויסגעפינען... מיר געזעגענען זיך מיט די אויגן.

מיר ווייסן פון דערפאַרונג, אַז אין דער שעה פון טאָג וועלן מיר זיכער זיך אָנשטויסן אָן פאַרשיידענע עקסקורסיעס אין באָטאַנישן

גאָרטן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אַזעלכע פלעצער ניט בלויז אָנ־צוקוקן, נאָר אויף צום לערנען, און לערנען דאַרפן אַלע בירגער, ניט נאָר ספּעציאַליסטן. און אַזעלכע־אַ עקסקורסיעס איז כדאי נאָכצו־פאָלגן, צוהערן זיך צו די דערקלערונגען פון די לערער און צו די פראַגן פון די שילער. ס'איז אַ שטיק ניט געפאַרבטע לעבן; אַט נעם מיך, ווי איך שטיי און גיי.

מיר באַשליסן אַריינצוגיין אין גאָרטן דורך די צעדרייטע שטע־געלעך, וואָס גילטן דאָ פאַר גאַסן, דורך בערגל און טאָלעכל, אַראָפּ, אַרויף, אַ דראַפּע מיט די הענט, אַן אָנשפּאַר אויף די שפּיץ פינגער, און מיטאַמאָל שוין אינעווייניג, אַט אַזוי־אָ פון העלער הויט; אמת אָריענטאַלישער שטייגער.

טיפליסער באָטאַנישער גאָרטן שפּרודלט מיט אָריגינעלקייט. שולדיג אין דעם איז דער צעבוואַליעטער באַרגיגער באָדן, וואָס האָט זיך נאָך פון ששת־ימי־בראשית פאַרזאָרגט מיט אַזעלכע קאַפּריזנע שניטן און שפּאַלטן, הויכקייטן און נידעריגקייטן אויף אַלערליי אָק־טאַוועס, ברייטע און שמאָלע דורכגאַנגען, טייכלעך, קוואַלן און וואַ־סערפאַלן און וואָס ניט? און דאָס איינשטעלן די פאַרשיידענע בוי־מער, קוסטעס, פלאַנצן און בלומען איז זייער גוט פאַראויסגערעכנט און שיין צוגעפּאַסט. אַזוי פון הימאַלאַאישן צעדער ביז די משפּחות שלאַנקע ציפּרעסן, פון נידעריגן בלוט־וואָרצל ביז'ן אַפגאַניסטאַנישן צעדער, פון קליין געוויקסיגער פּאַלמע ביז'ן פראָבקע־בוים, פון מאָך־געוויקסן ביז האַלב־טראָפּישע און פול טראָפּישע. מען קאָן נאָכגיין טעג נאָך טעג און ניט אָנזעטיגן געגוג דאָס אויג. די געשליינגלטע סטעזשקעס, די אַלטע מוסולמאַנישע בית־עולם'ס אויפ'ן משופּע באַרג, די אַלטע, שטיינערנע ווענט, באַוואָקסן מיט מאָך פון הונדערטער יאָרן אין ווערטיקלאַע הויכקייטן, אור־אַלטע פעסטונגען... אַ! שיין, פאַר־כאַפּט אויג און אָטעם.

און אָט קומען זיי. עקסקורסיעס. פראָפעסאָרן און סטודענטן. לערער און שילער. אַרבעטער פון פאַבריק. רויט־אַרמייער. סתם דורכפאָרער. יונגע קינדער. מען שטעלט זיך אָפּ דאָ און דאָרט. מען הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו יעדער וואָרט, צו יעדער דערקלערונג. נאָטיץ־ביכלעך אין האַנט און מען פאַרצייכנט. יעדער פאַרצייכנט דאָס, וואָס ער נעמט אָן פאַר דאָס וויכטיגע, דערנאָך ווערט דאָס פאַר־צייכנטע פאַרגליכן, דיסקוטירט, אָנגעוויזן אַזוי און אַזוי און אַ קאָ־לעקטיווער שכל שאַרפט זיך און פעסטיגט זיך. מיר, זייטיגע, ווערן אויך אַזוי אַריינגעצויגן, און ס'קומט אויס זיך מיט גוואַלד אָוועקריי־סען פון איין גרופּע צו אַ צווייטער.

מיר גייען ארויס פון דעם־א פראכטפולן באטאנישן גארטן דורכ׳ן טונעל, וואס פירט גלייך אין שטאט אריין. מיר פאררייסן די קעפ א קוק צו טאן אויפ׳ן ריזיגן פעלז, דורך וועלכן דער דאזיגער טונעל איז דורכגעריסן געווארן. דער ריזיגער פעלז טראגט נאך אויף זיך איבערגעבליבענע שטיקער פעסטונג־ווענט פון א לאנגאניגן אמאל. די שטיקער היינגען, ווי פארטריקנטע קרעץ אויפ׳ן וואלדיגן אנטועכץ. אין אריינגאנג פון טונעל א פאר עלעקטרישע לעמפלעך, וואס ווערן פארפאלן הילפלאז אין ווייטערדיגער דיקער פינצטערניש. ביסלעכווייז געוואוינען זיך צו די אויגן, און דער טראט ווערט זיכערער. עס ווייעט מיט פרימיטיוויטעט. די עבאס קייקלען זיך פון אונטן און פון אויבן, שטויסן זיך אן איינס אן צווייטן און קאנען ניט פון דאנען זיך ארויספלאנטערן. די אויסגעלייגטע ברעטער ליינג אויס דעם לאנגען טונעל זיינען ניט צוגעפעסטיגט. פון יעדער טראט ווערן געבוירן נייע ווידער־קולות, די אלטע באפאלן זיי און דריקן זיי אראפ. די ניי־געבוירענע שפארן זיך ארויף, און דער עכא־געקנויל פילט אן דעם גאנצן חלל פון טונעל.

ב״ים „פוניקוליער" (שמאלע באן־ליניע איבער משופע־בארג) ווערן מיר געוואויר, אז דער באן וועט זיך ערשט אויפהויבן אין א שעה 2 טרום. ווארטן קאנען מיר ניט אזוי לאנג. מיר׳ן פארשפעטיגן אונזער צוג. מיר רוען אויף דער לופטיגער ווערענדע ביז דער טראם וועט אונז נעמען אויף צוריק. אזוי פיל נאטור־שיינקייט שפרייט זיך ארום, אז ווערטער באהאלטן זיך אליין, ווילן ניט ביליג מאכן און ווארוואכעדיגן עקזאלטירטן איינדרוק. דער אנגעשטעלטער פארפירט פארוואכעדיגן עקזאלטירטן איינדרוק. דער אנגעשטעלטער פארפירט קאליקע. די רעגירונג האט אים באזארגט מיט דער־א שטעלע. דא פילט ער זיך זייער גוט. ס׳איז אויך זייער אינטערעסאנט צו באגעגענען זיך מיט טוריסטן־אויסלענדער און אויפכאפן שטיקלעך שמועסן און באמערקונגען אויפ׳ן חשבון פון „סאיוז" (סאוועטן־פארבאנד). אבער די מערסטע זיינען דאס ניט פון „אונזער עלעמענט". ווען ס׳קומען ארבעטער־דעלעגאציעס פון אנדערע לענדער, איז אויסגעצייכנט. דאס איז א געווינס. ס׳איז אבער ניט גענוג. מען דארף קומען וואס אפטער און וואס מער, און ניט אויף נאטור־שיינקייטן אויסברייגגען די צייט. די ערד איז אומעטום רייך אין דעם. דער עיקר׳שט איז, אז דער ארבעטער, דער הארעפאשניק זאל פון דעם געניסן. ניט דער עקספלואטאטאר, דער פוסטעפאסניק. באדארף מען דאס אינגאנצן איבערצנדערשן, אט ווי דא־א אין „סאיוז". קומט א הארעפאשניק אהער צו געשיקט פון זיינע מיטארבעטער, איז גוט און וואויל. ער׳ט גיכער

פון אַן אַנדערן אויפנעמען און פאַרשטיין, וואָס ס'איז גוט פאַר אים. האָט ער דעם ריכטיגן מוסטער טאַקע דאָ־אָ, ביי אונז. ניט גענוג קו־מען זיי אַהער, אָט...

:: :: ::

נאַקעטע בערג. מדבר. זאַמד פליגען. זאַמד־מבול האָט פון זיך שטיקער געריסן און אַזוי אין רוים געוואָרפן, ניט אומקוקנדיג זיך וואו און ווי אַזוי. דאַגעסטאַן. ציען זיך קאַראַוואַנען קעמלען אין אַ לאַנ־גער שורה, איינס נאָכ'ן צווייטן, אָנגעלאָדן מיט פּעק אָט אַזעלכע־אָ פון ביידע זייטן, מיט לאַנגפוסיגן קעמלשן שפּאַן איבער זאַמדיגע סטעפּעס. דערפלעך צעזייטע, ווי פון דער האַנט אַהינטער זיך אויס־געשאָטענע, אין שטשעלינעס, אין פעלזיגע פּאַלדן. נידעריגע שטיבלעך מיט די טיפּישע ליימענע דעכער, און זעלטן אַ ברונעם מיט'ן לאַנגן „זשוראַוועל", ווי אַ גאָלאַנסקער האָן מיט אָפּגעפּליקטע פליגלען.

אין פאַרגלייך מיט די נידעריגע הייזלעך, קוקן אויס די מענטשן, ווי הויכע סאָסנעס. מען זעט ניט צווישן זיי קיין שוואַך־לייביגע. די הויכע שמויסענע היטלען מיט די לאַנגע ביז די פּיאַטעס בורקעס מאַ־כען זיי נאָך העכער אויפ'ן אויסזען. די גאַרטלען באַפּוצט מיט כּל־ערליי זילבערנע שטיקלעך. קינזשאַלן אין קונציג געשניצטע און באַ־זילבערטע שיידלעך. גאַנג אַ פלינקער, אַ גרינגער. ס'אַראַ שטאַלטנע פיגורן אַזעלכע, אַ חיות.

מער זאַמד און נאָך מערער. מיר דערנענטערן זיך צו באַקו. פלויטן און צוימען פון ביידע זייטן באַן־ליניע אויף אָפּצוהאַלטן די זאַמד־שטורעמס, ווען זיי צעבושעווען זיך, אַז זיי זאָלן ניט באַגראָבן אונטער זיך די רעלצן. קומט אויפ'ן געדאַנק סיערא־נעוואַדאַ. אין די גרויסע סיעראַס, די הויכע בערג מיט די כמעט אייביגע שנייען, ציען זיך עטלעכע צענדליג מייל די באַוואוסטע „סנאָו־שעדס" (שניי שפּייכ־לערס), צו באַשיצן דעם באַן־וועג פון אַ שניי־איבערפאַל. דאָ דאַרף מען זיך באַשיצן פון אַ זאַמד־איבערפאַל. דאָרט און דאָ. אומעטום האָט נאָך דער מענטש פאַר זיך אַ סך שוועריגקייטן צו בייקומען, נאַ־טור־כּחות איינצוברעכן און צווינגען זיי צו שטעלן זיך אים, דעם מענטש, אין פולער דינסט. מען שטרעבט צו דעם דאָרט. מען שטרעבט צו דעם דאָ. דאָרט פאַרן יחיד, דאָ פאַרן כּלל. דאָרט איז דער באַ־לעבאָס דער געלט־זאַק, דאָ איז דער האָרעפּאַשניק דער באַלעבאָס. דאָרט וויל קאַפּיטאַל אַלץ און אַלעמען אויסמושטירן צו גיין אונטער זיין קאָמאַנדע, צו דינקען, ווי ער הייסט, צו לעבן לויט זיין אָנגעציי־כענטן קאָדעקס און צו שטאַרבן פאַר אים. דאָ וויל האָרעוואַניע באַ־שאַפן אַ נייעם לעבנס־שטייגער און אריינפירן אַזוי פיל פעלקער, אַזוי

פיל ראַסן און שבטים, אָפּגעזונדערטע דורך מנהגים, דיאַלעקטן, גע־וואוינהייטן, גלויבנס, אין אַן איינהייטלעכער וועלט פון פריידיגן שאַ־פען, כדי דערנאָך צו באַקומען צוריק די פולע פרוכט פונ׳ם שאַפן; אדרבא, האַרעוואַני׳ע העלפט נאָך יעדן שבט, יעדן פאָלק און פעלקעלע צו אנטוויקלען זיך אויפ׳ן אייגנעם, אייגנעבוירענעם אופן, כדי צו פאַרגרינגערן און פאַרשנעלערן דעם אייגענעם ווידערגעבורט און כדי צו זיין צוגעפּאַסט פאַר׳ן נייעם סאָציאַליסטישן שטייגער. אָט, דורכ־געריזט אַזאַ מהלך, פון לענינגראַד און אָט איז שוין באַקו, און אור־מעטום דער זעלביגער סאָוועטישער „אין געבוי פון סאָציאַליזם״ מיט דער זעלביגער עקשנות אין פנים פון דער גאַרער „דעמאָקראַטישער״ וועלט... דאָרט איז די „דעמאָקראַטיע״, און דאָ איז די „דיקטאַטור״... ס׳אַרא חוצפה׳דיגער ליגן... ס׳אַרא שאַרלאַטאַנסטווע...

ס׳קען זיין, אַז דאָס לעצטע האָט זיך אַרויסגעריסן הויך אויפ׳ן קול, ווייל אַ מיטפאָרער, וואָס איז געזעסן אין שכנות לעבן פענצטער אין וואַגאָן האָט זיך פון אָנהויב אַ צאַפּל געטאָן, ווי מ׳וואָלט אים אונטער׳ן קאָלנער קאַלטע וואַסער אַריינגעגאָסן, און תיכף צעשמיי־כעלט זיך. אפשר די זאַמדיגע מאָנאָטאָנקייט האָט אנגעוואָרפן אַ לייכטן דרימל אויף די מיד געוואָרענע אויגן, און אַזוי האַלב אין דריי־מעל איז זיך די געדאַנקען אַסאָציאַציע געגאַנגען ביזקל אַרויסגע־שפּאַרט זיך מיט אַ געשריי. קאָן זייער זיין. סיי ווי, אָט באַווייזט זיך אַ „ווישקע״ (טורעם). אַ נאַפט־קוואַל. אָט שוין צוויי. אָט אַ גאַנ־צער מנין. אָט היבשע גרופּעס גאַנצע, און—ע־הע!—אַ וואַלד מיט ווישקעס... הונדערטער, טויזנטער...

— באַ־אַ־קו־ו... — ציט אויס דער קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַנגן אָטעם, און דער באַקוער נאַפטיגער אָטעם טראָגט זיך שוין אויף אונז דורך אָפענעם פענצטער. דער צוג פאַרמעדליעוועט זיין גאַנג. מיר פאָרן אַריין אין אַ ריזיגער נעץ פון רעלצן. וואַגאָנעס, נאַפט־פעסער מיט די ברייטע מיילער־שפּונטן אויף רעדער ציען זיך אָנאויפהער אין לאַנגע, לאַנגע שורות. רויש, געפּילדער פון אויבן, פון אונטן. פולס פון גרויס אינדוסטריע אַרום און אַרום...

אויפ׳ן פעראָן שטייט אַ פרוי. אַ פריידיגע אויפרעגונג אויפ׳ן אָפענעם געזיכט. מויל־טוואָס אויפגעעפנט און אויגן רוען ניט אַ רגע. דאָס איז נאַדיע געקומען באַגעגענען איר שוועסטער.

אַראָפּ און אַריין אין גרויסשטאָטישן הו־האַ. נו, מיר׳ן דאָ פאַר־ווײַלן אַ שטיקל צייט. פאַראַן דאָ, וואָס צו זען און פון עפּעס לערנען. איז ניט געאיילט זיך...

ס׳איז באַקו...

אין און אַרום באַקו

די וואָך צייט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין באַקו, איז געווען אָנגעפּילט ביז איבער די ברעגן מיט אינטערעסאַנטער אָנגעשטרייינג־קייט, וואָס שטופּט אָפּ די מידקייט אויף שפּעטער. שפּעטער, ווען אַלע וויכטיגע ענינים וועלן ווערן צופרידנגעשטעלט, וועט מען דיר, מידקייט, אויך צוּוואַרפן אויפמערקזאַמקייט. דערווייַלע האָב געדולד און דריי ניט קיין ספאָדיק.

ביי נאַדיע׳ן אין וואוינונג אויף פּראָלעטאַרסקע גאַס. אַפריער איז געקומען דער מאַן. ער אַרבעט אויפ׳ן זאַוואָד; אויס קוסטאַר געוואָרן, איז אים גוט. אָפּגעאַרבעט די „סמענע", לויפן אים די אָפּרו־שטונדן אַנטקעגן מיט געזאַנג. ס׳איז פאַראַן אַ סך צו דערציילן, וועט ער. פאַראַן צייט.. דאַווידקע נאָך ניטאָ? — אָט איז ער. קומט אויך פון דער אַרבעט. מען פרייט זיך מיט די געסט, מען פּלאַפּלט, מען פרעגט זיך אויס, מען מישט איינס מיט׳ן אַנדערן. ערשטע מי־נוטן נאָך אַזאַ לאַנג־לאַנגן ניט זען זיך, איז קיין חידוש ניט. דאַוויד־קע, אַ לאַנגאַץ, אַ בחור, דאַר ווי אַ שטעקן, טאַנצט אויך אַרום די געסט. ס׳ערשטע מאָל, אַז ער זעט זיי, און דערצו פון אַזאַ ווייטער מדינה, פון אַמעריקע. אינטערעסאַנט, זיכער. אויף דאַווידקע׳ס יונגן פּנים איז אָבער ניטאָ קיין אינעווייניגסטע פרייַלעכקייט. עפּעס דריקט אים אויפ׳ן האַרצן. טאַטע און מאַמע קוקן זיך איבער. זיי ווייסן שוין, וואָס דאָס איז. אודאי פילן זיי אים מיט, אָבער העלפן קאָנען זיי ניט.

נאַדיע גיסט אויס איר אָנגעוויטאָגט האַרץ פאַר איר שוועסטער. נישט שיין אפילו אָט ביי דעם ערשטן אַרויספאָר אויסצעטיילן אַ חלק צו דער שוועסטער, ווען מען זי האָט ניט געזען אַריבער אַ פערטל יאָר־הונדערט, איז אָבער דאַווידקע... וויבאַלד אַזוי, טרעט נאַדיע גלייך צו צום ענין:

— מען האָט מיין דאַווידקען ניט אַריינגענומען אין דער רויטער אַרמיי. לויט די יאָרן איז ער דוקא פולבאַרעכטיגט דערצו, אָבער צו־ליב׳ן ניט פּראָפּאָרציאָנעלן וואוקס. צו הויך און צו דין, האָט מען אים אָפּגעזאָגט. ניין! ניט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט, נאָר געהייסן פּאָפּראַווען

זיך. נו, גייט דער אינגל אויס. אַ האַרצוווייטאָג צו קוקן אויף אים. איז כאַי וואָלט ער זען צו פּאַפּראַווען זיך, נעמט ער זיך שטאַרק צום האַרצן, טאָ ווי אַזוי קאָן דאָ געמאָלט זיין אַ גוטע פּאַפּראַווקע?

דער פאָטער מישט זיך אַריין.

— נו, אָט בין איך אויך אַ דאַרער, איז וואָס? און דאַווידקע איז דוקא אַ גוטער עסער. און קיין קראַנקער איז ער אויך נישט. ניט מער, דער דאָקטאָר... מיינסטו דער דאָקטאָר ווייסט שוין אַלץ?...

דאַווידקע אַליין איז אָבער אַנטשלאָסן אַריינצוגיין אין דער רויטער ארמיי. וואָס איז ער, אַ קאַליקע, צי וואָס?—אַזאַ פּאַטש אין פּנים וועט ער בשום אופן ניט דולדן...

דערווייל דערמאָנט מען זיך, ווי אָט ערשט ניט לאַנג צוריק, אונטער'ן „טאַטעלע צאַר", איז גאָר געווען אַ גרויסער גליק זיך אויסצודרייען פון דער ארמיי, און פאַר אידן—אודאי און אודאי, און איצט, זע נאָר דעם חילוק...

די פּראָלעטאַרסקע איז ניט ברייטער פון אַן „עלי" אין דעטראָיט, צי אין שיקאַגאָ. אפשר נאָך שמעלער. אַ ליקל, ניט קיין גאַס. דער נאָמען „פּראָלעטאַרסקע" איז ריכטיג צוגעפּאַסט פאַר דער דאָזיגער גאַס. אונטער'ן אַלטן רעזשים האָט עס געהייסן „וואָסקרעסענסקע", צי גאָר „צערקאָווגע". דער פּראָלעטאַרישער רעזשים האָט דאָס געסל באַקליידעט מיט'ן ריכטיגן נאָמען. דער גרויסער טויער מיט דער קליינער קאַליטקע פירן אין הויף אַריין, און דאָ אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנץ נייע פּראָלעטאַרישע וועלטל. די איינוואוינער זיינען אַרבעטער. זיי וואוינען דאָ שוין לאַנגע טערמינען. אייניגע צו פאַר צענדליג יאָר און נאָך מערער. פריער, ווען דער־אָ היבשער הויף האָט באַלאַנגט צו אַ פּריוואַטן אייגנטימער, האָט מען פון זיך די קלעי געצויגן צו באַצאָלן דירה־געלט. צאָלן האָט מען געמוזט, וויפיל דער באַלעבאָס פון הויז האָט געפאָדערט. פּאַרריכטן די דירה האָט יעדער געדאַרפט אויפ'ן אייגענעם חשבון. אין הויז איז שטענדיג געשטאַנען אַ געטראַסקעריי אַזש מויב צו ווערן. אין יעדער דירה האָט זיך געפונען עפּעס אַ שטיקל „מאַסטערסקאיע". פון די קעלער זיינען אָן אויפהער געפלויגן האַמער־קלעפּ, שטויב און פּאַראָך און סתם קולות. האַלטן ריין אַ טיר, צי אַ פענצטער, צי אויפהייבנגען אַן אויסגעפּרעסט פאַר־האַנגל, איז געווען אַרויסגעוואָרפענע מי.

איצט איז אַנדערש. דער הויף באַלאַנגט צום „זשיל־סאָיוז" (איינוואוינער פאַראיין). דער „זשיל־סאָיוז" ווערט פאַרוואַלטעט פון אייגענעם קאָמיטעט. דירה־געלט צאָלט מען אַזוי אַז ס'זאָל דעקן די הוצאות אויף אויפצוהאַלטן אַלע דירות אין גוטן צושטאַנד. יעדער

צאָלט לויט דער צאָל צימערן, וואָס ער פאַרנעמט און לויט'ן פאַר־
דינסט נאָך. קיין מאַסטערסקאַיעס געפינען זיך דאָ מער ניט. די קום־
טאַרן (באַלמעלאָכעס), וואָס האָבן אַליין אויף אייגענע אחריות גע־
אַרבעט, צי אַמאָל אויך געהאַלטן אַן אַרויסהעלפער, צי צוויי, זיינען
אַוועק אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן. ניט אַזוי גרינג און ניט אַזוי
גיך איז דאָס געשען. איניגע האָבן זיך געפילט „פריקרע". אָט אָפּ־
געוועזן ס'גאַנצע לעבן אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, און מיר־ניט, דיר
ניט, ווער אויס באַלעבאָס און ווער אַן אַרבעטער אין צעך, וואו דער
איינצעלנער איז בלויז אַ שרייפעלע אין אַ גרויסער מאַשין. מאָדנע
געפילט זיך. ס'איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ שווערער געוואָרן צו
קאָנקורירן מיט'ן מלוכה'שן טרעסט. דערצו די גרויסע „נאַלאָגן"
(צינזן) און על־כולם, מען האָט זיך געפילט עפּעס ניט אַהער, ניט
אַהין. אַליין האָט מען געהאָרעוועט, ווי אַן אייזל, און געקוקט האָט
מען אויף אַזאַ איינעם, ווי אויף אַ פּריוואַטניק...

האָט מען זיך אַזוי פּאַוואָלינקע איינציקווייז אַרויסגערוקט פון די
אייגענע קאָנורעס און אַריינגעגעבן די נויטיגע אַפּליקאַציעס אין די
צעכן אַזוי און אַזוי. איז אַוועק די סדרה פון אונטערזוכן. ווער
ביזטו? וואָס האָסטו געטאָן? פאַרוואָס ביז איצט ניט געקומען?
און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. נאָר מען איז דאָס אַלץ איבער־
געקומען, און מען איז געוואָרן פולבאַרעכטיגטע „סאָיוזגע", און מען
אַרבעט אין די באַשטימטע ווערקשטיבער. און מאָדנע. פּונקט ווי
פריער האָט מען זיך געפילט „פריקרע" צו ווערן אויס באַלעבאָס, אַזוי
פילט מען זיך איצט שולדיג פאַר'ן אָנהאַלטן דעם „באַלעבאָס" אַזוי
לאַנג. אַזעלכע שוטים געווען! די אייגענע טובה ניט פאַרשטאַנען.
איצט ערשט־אָ האָט מען דאָך אָנגעהויבן צו וויסן פון אַ לעבן. ער־
שטענס, איז מען באַזאָרגט אויף אַלע פאַלן, ווי יעדער סאָיוזנער אַר־
בעטער אויפ'ן זאַוואָד. אויס קאָפּדרייעניש און אויס מורא פאַר'ן
מאָרגנדיגן טאָג. אויס ציטערן פאַר'ן אייגענעם שאָטן. צווייטנס איז
מען דאָך געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, און דאָס איז אַליין
ווערט כל־הגעלטן. ניט אָפּצושאַצן, אָט.

איצט איז אין הויף אויף פּראָלעטאַרסקע אַנדערש. ס'איז שטיל, רו־
איג און ריין, ווי אַ פּלאַץ פאַר מענטשלעכע וואוינונגען דאַרף זיין.
שכנים צווישן זיך זיינען געוואָרן אַ סך פריינטלעכער. מען קומט זיך
צענויף נאָך דער אַרבעט. מען האָט געמיינשאַפטלעכן אינטערעס אין
דער הויז־פאַרוואַלטונג. מען פאַרברענגט צוזאַמען. מען רעדט אַרום
מלוכה־ענינים און מען קריטיקירט אויף וואָס די וועלט שטייט. אין
צעך האָט מען אַ דעה און מען זוכט אויסבעסערונגען, און אָט, מאַ

איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין קולטור־אַרבעט אויך, טאַקע אין צעך גופא. באַזיצט איינער וואָסערע ניט איז פּיאַיגקייטן, ווערן אים גע־געבן אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצוצייכענען אין זיין פאַך, כדי דער־נאָך אַרויסגערוקט צו ווערן אין סאַמע פאָדערגרונט. איין צעך פאַר־וועט זיך מיט אַ צווייטן, ווער וועט וועמען אַריבערשטייגן אין פּראָ־דוקציע, אין קולטורעלן אויפטו,—אַ נייער סאָרט קאָנקורענציע, אַ אינטערעסאַנטערע... דער הויף אויף פּראָלעטאַרסקע אָטעמט איצט פריי.

:: :: ::

שטאָט באַקו. („באַ־קו" מיינט אין פּערסיש „שטאָט פון ווינטן"). די ווינטיגע שטאָט. שיקאַגאָ רופט זיך אויך „די ווינטיגע שטאָט". באַקו שטייגט ווייט אַריבער שיקאַגאָ אויף דעם־אָ געביט. ווינטן זיי־נען פאַראַן אַלערליי. פאַראַן אַ שטאַרקער ווינט, אַ גרויסער בלאָזער אָן קונצן. פאַראַן אַ ווינט, וואָס האָט דוקא ליב צו אַריינגריבלען זיך אין די אויערן. פאַראַן אַזעלכער, וואָס רייסט ביי די פאַלעס און פאַר־שטעקט זיי מיט'ן אונטערשלאַק אַרויף. פאַראַן פשוט'ע שטורעמ־ווינטן, וואָס שיטן זאַמד אין די אויגן. פאַראַן אויך אַזאַ מין סאָרט ווינטל, וואָס איז דוכט זיך אַ נעבעכל, אַ נישטיגס, גיט זיך אַזוי אַ פּלאָנטער צווישן די פיס, ווי אַן אומשולדיגס, נאָר שטענדיג הינטער־אַרומעט און דוקא פון אונטן אַרויף צום פּאָטילניצע אַזוי, אַז ווי מען זאָל זיך ניט קליגן, וועט עס שוין אַראָפּרייסן פון קאָפּ ס'היטל, קאַפּעליוש, צי קאַשקעטל און אַ קויקל טאָן העט־העט אין קעגנזייטי־גער ריכטונג. און ס'האָט מן־מסתם גרוים הנאה דערפון, וואָס ווי מען זאָל זיך ניט ערגעץ זייער איילן, מוז מען זיך אומקערן אויף צו־ריק מיט צעקראַטשעטע הענט און פיס זיך אַ לאָז טאָן צו כאַפּן דאָס אנטלאָפענע.

אַ באַקוער ווינט שליסט אין זיך איין אַלע אויסגערעכנטע אייגנ־שאַפטן מיט אַ גאַנץ שיינעם צולאָג, אַן אָרטיג־אָריגינעלן. אַ באַקוער ווינט, אַז ער צעהוליעט זיך, לושטשעט ער שטיינער און שפּייט מיט שטיקער אין פּנים אַריין. און אַז מען בלייבט שטיין אַ פאַרהלושעטער מיט פאַרשאָטענע אויגן און פאַרשטאָפּטן נאָז, כאַפּט דער מויל אויך אַריין צו פאַרזוכן אַ היבשן חלק. אַזאַ־אָ ווינט איז אָבער ניט קיין אָפּטער גאַסט, נאָר ס'איז גענוג איינמאָל צו פאַרזוכן זיין טעם אויף ניט צו פאַרגעסן אים.

באַקו איז פריערט אויך געווען אַ גרויסע שטאָט. די שטאָט גע־פינט זיך אויפ'ן ברעג פון קאַספּישן ים, פאַרמאָגט זעלטן־גוטע האַ־פענס, אַלטע רואינען־אַנטיקן, זעלטן שיינע בנינים אויף ברייטע גאַסן,

מערק און סקווערן, בולוואַרן און ים־בעדער און אַזוי ווייטער. באַקו איז אויך פריער געווען דער צענטער פון דער נאַפט־אינדוסטריע אין צאַרישן רוסלאַנד. עקספּלואַטירט האָבן אויסלענדישע פירמעס די רייכע נאַפט־קוואַלן. די מעטאָדן פון דער דאָזיגער עקספּלואַטאַציע זיינען געווען ניט נאָר קאַפּיטאַליסטיש־עקספּלואַטאַטאָרישע, נאָר אויך פרעמד־עקספּלואַטאַטאָריש. אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ פרעמד לאַנד מיט'ן איינציגן צוועק אַרויסצוציען פון דאָרט דעם גאַנצן קליאַק, אָנצושעברעווען די בערג פּראָפיטן, זען הוצאות זאָלן זיין די מינימאַלסטע, וואָרים אויסבעסערונגען קאָסטן געלט, און סתם צו וואָסער שוואַרץ יאָר איינפירן מאָדערנע איינריכטונגען אין אַ פרעמד לאַנד...? אַ פרעמד לאַנד איז באַשאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט איר אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט פאַר גרויס־קאַפּיטאַל'ס ציוויליזאַציע... גרויס־קאַפּיטאַל האָט אויפ'ן ציוויליזירטן אופן געזויגן און אויסגעקוועטשט דאָס לעצטע ביסל זאַפט, און דאָס פרעמד לאַנד צוזאַמען מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט האָט געזאָלט בלייבן צעקאַרדאַשעט און אויסגעשעפּט...

די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און סאָוועטן־מאַכט האָבן אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיגער נאַפט־וואַקכאַנאַליע.

און אונטער דער סאָוועטן־מאַכט האָט זיך די שטאָט באַקו אַ סך געאַנדערשט און אַנדערשט זיך אַלץ אויף העכערע שטאַפּלען. די באַפעלקערונג האָט זיך מער ווי געדאָפּלט. די ניי־צוגעקומענע פּאַרקן, קלענערע און גרעסערע, פּעכלען מיט גרין־גראָז, בלומען און ביימער. באַדאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער גאַנצער היגער באָדן איז אָנגעזאַפּטער מיט אַן אייליגער פּאָדקלאַדקע און מיט אַ זאַמדיגן אויבערשיכט. פאַר גראָז און בוים אַ הריגה. און אַז מ'וויל באַטראַכטן און אַרומקוקן באַקו, קען מען דאָס טאָן פון אַ סך פּונקטן. לאָמיר זען. פון האַפן צום שטאָט. ליינג אויס ביים ברעג ליגט איינגעטונקט אין גרינס און באַוואָקסן מיט ביימער און פלאַנצן דער ים־בולוואַר מיט'ן לויטערן שפּריץ־פאָנטאַן אין שיין אויסגעאַרבעטן בעקן־רעזערוואואַר. אַרויף הויבט זיך די שטאָט, ווי אויף טרעפּ. פון מערב־זייט דער אַזיאַטישער טייל, אַלט־שטאָט. צום מזרח—אייראָפּייאישער טייל, ניי־שטאָט. פאַלט מען אַריין אין דער אַזיאַטישער באַקו, איז מען פולשטענדיג אין אָריענט, ניט אין היינטיגן, נאָר אפשר מיט אַ פּאָר טויזענט יאָר צוריק. די געדרייטע ווענעלעך און שמאָלינקע שטעגעלעך, וואו אַ רייטער פאָרט אויף אַן אייזעלע טריט ביי טראָט, ציקלט אויס אַ ניגונ'דל אויף האַלז־טענער און פאַרנעמט מיט זיין איינציגן קערפּער דעם גאַנצן שטח צווישן די ווענט פון ביידע זייטן גאַס. איבעראַשנ־

דיגע הויפלעך מיט באהאַלטענע דורכגאַנגען וואַקסן אויס אומגעריכ־טערהייט, הורבעס ליים, אָפּגעקרישלטע ווענט, האַרבאַטע שוועלן, לאַ־מע טירן, פאַר אַ מאָלער אַן אמת'ער גן־עדן.

שטייט נאָך אָט די אַלטיטשקע באַקו אַרומגעצוימט מיט הויכע ווענט אין קיילעכיגע טורעמלעך. טויערן שווערע, האַמעטנע אַזעלכע, און די צעלויפנדיגע געסלעך שליינגלען זיך אַזוי אין אַלע זייטן אַרויף און אַראָפּ, בערגל, טאָל, בערגל. ניטאָ קיין גלייכער פּלאַץ. פון די רואינען פון דעם שירוואַן־שאַכן פּאַלאַץ איז דאָס בעסטע אָרט אַלץ אַרום צו באַקוקן. דער חרוב'ער פּאַלאַץ, מיט זיינע היילן, באַלקאָנען, סקליעפּעס, טונעלן אַזש ביז'ן „נאַרגעל"־אינזל ווייט אין ים־אַריין (אַזוי זאָגט מען), די לאַנגע און שמאָלע פענצטער, ברייט אינעווייניג און פון אויסווייניג קוים אַ שפּעלטל, — דערמאָנען גיכער אָן אַ אינ־קוויזיציע קאַמער. פון איין זייט פּאַלאַץ, רעכטס, די אייביגע רו פונ'ם דערוויש מיט'ן איינגעוואַליעטן אריינגאַנג, ווי אָן אָפּן פאַרגלי־ווערט מויל מיט אויסגעזעצטע ציינער, און פון דער אַנדערער זייט, לינקס, דאָס איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטן מאָסק־טעמפּל פון עלפטן יאָרהונדערט. נאָך אינטערעסאַנטער איז אַרויפצעקלעטערן אויפ'ן „מיידל־טורעם", וואָס איינער פון די שאַכן האָט אויפגעבויט פאַר זיין געליבטער, זיין אייגן ווייב'ס אַ טאָכטער, און פון סאַמע הויך אַריינ־נעמען אין אויג אי די אַזיאַטישע, אי די אייראָפּייאישע באַקו, אי דעם ים. וויגן זיך אין לופטן הויכע מינאַרעטן, קופּאָלן, שפּיצן און דעכער פון די נייסטע בנינים, און ביים האַפן הוידען זיך מאַסטן, זעגלען, שיי־פען, דאַמפּערס, אַ וואַלד אַ גאַנצער.

האָט איצט אָן אַרבעט די סאָוועטן־מאַכט אַריינצודרינגען אין אָט די־אָ ענגע שפּאַלטן, אַריינברייננגען אהין ניי־ליכט פאַר'ן יונגוואַרג, אויפקלערן די עלטערע און אַריינפירן זיי אַלע אין קאָלעקטיוון וואויל־זיין און אין פּראָדוקטיוון שאַפן. שלעפּט מען צעביסלעך אַרויס פון קראָמען־לעבער, פון וואַרשטאַטן־גריבער צעקנייטשטע באַלמעלאָכעס און מען בויט אויף אַן אַרטעל. קריגט מען אַרויס יונגע קינדער, אינג־לעך און מיידלעך, פון מולאָס (מוסולמאַנישע גייסטלעכע) חדר, און מען אָרדנט זיי איין אין סאָוועטישע קינדער שולן, קינדער־גערטנער, קינדער־היימען. נאָך אַ שפּאַן, נאָך אַ טראָט צום סאָציאַליזם.

אין בוך־קראָם מיט אַ גרויסן אָפּטייל פון אידישע ביכער און זשורנאַלן. זי, אַ נידעריג־געוויקסיגע, פול־בוזימדיגע מיט פייערדיגע אויגן, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פרי־צייטיג געוואָרענער נאָך גאָר יונגער מיידל. ניין, זי האָט שוין אַ טאָכטער פון 7 יאָר. זי איז אַ הי־געבוירענע, אַ טיורקין. אירע עלטערן וואוינען ערגעץ אין דער אַלטער

שטאָט. איר פאָטער האָט איר פארשלייערט, ווען זי איז נאָך געווען במעט א קינד, צו אַן עלטערן טיורק. ביים עלטערן דור איז דאָס אַ געוויינטלעכע זאַך. דער יונגער דור וואַכט אויף, און קעמערלעך פון קאָמיונגיסטן און קאָמיונגיסטקעס צווישן די טיורקן (טאָטעריש־פער־סיש אָפשטאַמונג) זיינען שוין קיין נאָווינע ניט. אַט די־אָ איז איינע פון זיי. זיך באַפרייט פון מאַן. אַ פרעמדער מענטש געווען צו איר. גענומען זיך צום לערנען. איצט איז זי זייער טעטיג, פול מיט לעבן, לערנט זיך גוט, גרייט זיך ארייגצוטרעטן אין אַ הויך־שול, און אין פרייע שעה'ן אַרבעט זי דאָ אין סאָוועטישן בוך־לאַגער.

ניט ווילנדיג קומט אויפן געדאַנק, אַז שפּעטער, און דוקא ניט אין אַ ווייט־אָפּגערוקטן שפּעטער, אפשר נאָכדעם, ווען אַ 2־3 פינף־יאָר פּלענער וועלן דורכגעפירט ווערן דערפאָלגרייך, וועט די סאָוועטיש־פּראָלעטארישע מאכט פארוואַנדלען אַט די־אָ גאַנצע אזיאַטישע באַקו, די־אָ גרויסע נעץ, ווי אַ שפּין־געוועב, פון פּיצע־הייזעלעך צעשאָטן אויף אויסגעלאָמטע שמאָלינקע געסלעך, דער עכטער סימבאָל פון אונ־טערדריקונג און אָרעמקייט, און די אַלטע פּאַלאַצן פון די שירוואַן־שאכן, די געוועזענע הערשער און טיראַנען, מיט די געשניצטע שטיין־קאָלאָנאַדעס, הייגנענדיגע גאַלערייען, טירן און הושאַקעס אין מזרח־סטיל אויסגעאַרבעטער, די וואַזשנע מעטשעטן (געבעט־הייזער) פון פּערסישער און אַראַבישער אַרכיטעקטור, דער אמת'ער סימבאָל פון רוּיבערישערע רייכקייט און אַזוי ווייטער,—וועט מען דאָס אַלץ פאַר־וואַנדלען אין איין גרויסן, פארנעמען אַנטיקן־מוזיי. די סאָוועטישע מאכט קאָן זיך זיכער אַזאַ זאַך פארגינען...

:: :: ::

אראָן ז—ן, אַ געוועזענער קוסטאַר און איצט זאַוואָד אַרבעטער, אַן אייגוואַוינער אויף פּראָלעטאַרסקע גאַס, האָט גערן אָפּגעגעבן זיין פרייען טאָג אויף צו זיין דער וועג־ווייזער פאַר די אָנגעקומענע. אַליין אַ באַקוער תושב פאַר העכער 20 יאָר, קלאָר אין אַלע וועגן און שטע־גען פון נאַפט־צענטער, באַקו, האָט ער זיך געפילט יום־טוב'דיג אין זיין נייער מיסיע. די שפּיציגע קינבאַקן אויף זיין דאַר געזיכט האָבן אויפגעכאַפּט דעם פריידיגן גוס פון אונטער די העלע אויגן און ניט אָפּגעלאָזט. און וואו איז מען ניט אויסגעווען?... אָנגעגאַנגען זיך, אַרומגעקלעטערט. אַרויס פון די אזיאַטישע אַלטקייטן, געקראָכן אויף געדרייטע שווינדל־טרעפּ, אריין אין האַפן, אַרויף אין שטאָט, באַ־טראַכט פּראַכטפולע סאָוועטישע מלוכה־בנינים, אוניווערזיטעט, אַר־בעטער טעאַטער, גראַנדיעזע געביידע פון „באַק־סאָוועט", קלוב „אַלי־באַיראַמאָוו", סאַבונטשינסקער וואָקזאַל פון דער עלעקטרישער באַן,

א זעלטן־וואונדערלעכע קאָנסטרוקציע, אריין אויך אין קאָנטאָר „אָזעט", אָפּגעשטאַט א וויזיט דער אָנזיכטיגער אידישער ביבליאָטעק, —נאָר אויף אָפּרוען זיך און צענויפנעמען די געדאַנקען האָט אראָן געראטן דעם סקווער „זעקס־און־צוואַנציג".

דער טאַלאַנטפולער מאָלער אי. אי. בראָדסקי האָט געשאַפן די בילד „צעשיסונג פון די 26". אויף אויפגעהויבענעם ברעג פון אן אָפּגרונט, צי אן אויסגעגראָבענעם לאַנגן קבר, שטייען די אָן א משפט פאַר׳משפט׳ע באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן, זעקס־און־צוואַנציג גע־טריַע, איבערגעגעבענע און פורכטלאָזע פירער און קעמפער. ביקסן אָנגעשטעלטע פון אַרום רעגענען מיט טויטלעכע קוילן. פון אייניגע קרבנות שטראָמט דאָס בלוט, נאָר זיי האַלטן זיך נאָך אויף די פיס און הויבן די הענט „לעבן זאָל די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע!" אַנ־דערע רייסן אויף די קליידער, אַנטבלויזן די ברוסטן, גרייט אויפצענע־מען דעם טויט. די שיסער אַן ערב־רב פון שינעלן, לאַנגע בורקעס, פּאַפּאַכעס און קעפּקעס פאָלגן אויס די בלוטיגע קאָמאַנדע פון ווייס־גוואַרדייאישע אָפיצערן מיט דער הילף פון ענגלאַנד׳ס גערעכטיגקייט...

ניט געקאָנט דערמאָנען זיך, וואו איך האָב די־אָ בילד געזען; אין לענינגראַד, צי אין מאָסקווע. צוגעקומען צום אַרומגעצאַמטן מיט איינפאַכע נידעריגע שטאַכעטן פּאַרק, אָדער סקווער, וואָס די אַזער־ביידזשאַנער אַרבעטער רעגירונג האָט אויפגעשטעלט צום אָנדיינק פון די 26 מאַרטירער, איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען בראָדסקי׳ס בילד אין איר גאַנצער אויפטרייסלענדיגער שוידערלעכקייט. יע, דאָ קאָן מען אָפּרוען. אָפּרוען און באַפרייען זיך פון רעשטל נאָגנדיגן אַלטן באַ־גאַזש. דאָ קען מען צענויפנעמען די געדאַנקען און אויסשמידן זיי אין יענעם שטאָלענעם ווילן, וואָס קערט איבער אַלטגעזעסענע וועלטן און בויט נייע.

ביים זייט פון רוישיגער גאַס, וואו אַרבעטער בלוזעס שוויבלען און גריבלען, איז אויפגעבויט געוואָרן דער־אָ סקווער־פּאַרק אויף א באָדן, וואו קיין גראָז האָט ניט געקאָנט וואַקסן. איצט איז דאָס איינ־געטונקט אין פרישע גרינסן, בלומען, קוסטעס און בוימער. א בריי־טע קינסטלעכע סאַזשעלקע אַרומגערינגלט און איינגעפאַסט אין שטיי־נערנער ראַם און באַשאָטנט פון בוימער ברייננגט אריין א שטילע ווייכקייט. ביינק אין די אַלייען פאַר מידע זיך אָפּצורוען. קומען אַהער טאַטעס מיט קינדער. קומען אַהער שול־קינדער אונטער אויפ־זיכט פון לערער און לערערינס. קומט אַהער דער אַרבעטער, זעצט זיך אין אַ שטילן ווינקל און לייענט זיין צייטונג. שפּילן זיך אַרבע־

טער־קינדער צופוסנס ביי די גרויע מאָנומענטן פון די 26. אויסגעפורעמט זיינען די דאָזיגע מאָנומענטן פון אָרטיגע אַרבעטער־סקולפּטאָרן. שפּאַצירט מען דורך די אַלייען אויף די אויסגעפּלאַנירטע סטעזשקעס, קוקן אַרוים פון צווייגן דאָ און דאָרט אויסגעקנאָטענע קעפּ און אַזעלכע אָפענע אויגן פון די מאַרטירער. זעקס־און־צוואַנציג, פון עלטסטן ביז'ן אינגסטן. אָט איז שאַאומיאַן, דער עלטערער. הויכער שטערן צעפּאַלדעוועט. טיפער קנייטש צווישן די ברעמען. ווייטער און זיכערער קוק אין די אויגן. און אָט איז דער אינגסטער, נאָך גאָר אַ אינגל, אַ יונגינקער מיט אַזעלכע אומשולדיגע ליפּן, נאָר ס'אָראַ אייזערנער ווילן אין די מויל־ווינקלען און אין די נאָז־פליגל.

אַראָפּ אין הינטערגרונט, אָפּגערונקט פון גאַסן־רויש און טומל, שטייט אונטער סערפּ־און־האַמער דער מאַווזאָליי פון די 26. די שטיינערנע געביידע איז פּראַכטפול אין איר איינפאַכקייט. די טרעפּ פירן ניט צו קיין בלוט־אויסגעווייקטן מזבח, ניט צו קיין צייכן פון טרויער און געוויין. די אויסגעהאַקטע טרעפּ פירן צו אַן אויסגעשטייפטער, מוסקוליסטער האָרעפּאַשנער פיגור. פּאַרטוך אַרום די לענדן און אָרעם אויסגעשטרעקט צו קאָכיגער גאַס, וואו אַרבעטער־בלוזער שוויבלען און גריבלען. סימבאָל פון שאַפן און בויען.

:: :: ::

„סליאָט״ (צוזאַמענפלי״ פון פּראָלעט־שרייבער און אַרבקאָרן פון אַזערבאַידזשאַנער רעפּובליק. צום „סליאָט״ קומען אַזעלכע גרויסע געסט, וועלט־באַוואוסטע פּראָלעטפּעניקעס: יאָהאַן בעכער, בעלאַ אי־לעש און אַנדערע סאָוועטישע און פון אויסלאַנד פּראָלעטאַרישע שרייבער. רודערט באַקו. מען גרייט זיך צום יום־טוב. דער חבר אויפזעער פון באַקוער אידישער ביבליאָטעק שיקט איינלאַדונגען. בעט קומען אין צייט. געקומען צום פּאַרט־קלוב. דער גאַנצער גראַנדיעזער, פילשטאָקיגער בנין איז אילומינירט. דער ברייטער אַריינגאַנג איז צו ענג פאַר'ן געדיכטן מענטשן־שטראָם, וואָס ציט זיך אין איין גוס אַרויף איבער ברייט־ברייטע טרעפּ צו אַן אויבערשטן גאָרן. דילן, ווענט און סטעליעס שימערירן. שנעל־שנעל פילט זיך אָן די הרחבה'דיגע געראַמע, שיינענדיגע אודיטאָריע. יעדער שפּאַן ווערט פאַרנומען. פילשפּראַכיגער געזשום טראָגט זיך איבער קעפּ, וויקלט זיך פאַנאַנדער, שרומפּט איין אויף אַ ווײלע אין אָנגעצויגענער איינגעהאַלטנקייט, כדי מיט מער אימפּעט אַ לאָז טאָן זיך מיט אַ ווייטערן אויסשפּרייט. אויף דער בינע, הינטער די שווערע פאָרהאַנג־פּאָרטיערן, געדיכטער געזעמל פון אָנגעקומענע געסט. אָרטיגע שרייבער, קאָרעספּאָנדענטן, פּאַרטרעטער און פּאָרשטייער, פּרעזידיום און אַזוי נאָענטע חברים. מען באַ־

קאָנט זיך, ווארעמע האנט־דרוקן, מען בייט זיך מיט אדרעסן.

— חבר אילעש, אייערע זאכן אין ניו־יאָרקער „פרייהייט”, אונזער „פרייהייט”...

— אָ, מסתם איבערזעצונגען, גוט... ווי גייט עס דאָרטן...?

— קומט, חבר, זעצט זיך אהער...

— נו, וואָס מאכט עס אויס...

— פארצייכנט אדרעס און טעלעפאָן...

— איר פאָרט פון דאנען אין מאָסקווע...?

— איז גוט. וועלן מיר זיך דאָרטן צענויפטרעפן.

— א גוטער פלאַן...

מיט פריידיגן אויפברויז האָט זיך דער אפּלאָז ארייננגעריסן אויף דער גרויסער בינע דורך די פאנאנדערגענומענע פאָרטיערן. דער אָנגע־פאקטער זאל האָט זיך א וויג געטאָן אויף די כוואליעס פון אינטער־נאציאָנאל:

„...דאָס איז שוין דער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט...”

אָנגעפירט מיט דער פארזאמלונג האָט דער פאָרשטייער פון דער אָרטיגער סאָוועטישער מלוכה אין דער אָרטיגער שפראך. הארציגע באגריסונגען, קורץ געפאסטע, זאכלעכע רעדעס פול מיט גלויבן און דערמוטיגונג. הערצער צוזאמענגעשמאָלצענע, איין גרויסע מאסאָווע הארץ. איין גרויסער מאסאָווער ווילן. איין שטאָלענער פראָלעטאַרי־שער אָרעם...

עך, חברים אין קאמף און אין זיג! יע, דאָס איז שוין דער לעצ־טער און אנטשיידענער קאמף. דאָ איז ער שוין. דאָרט וועט ער זיין. זיכער, חברים...

אויף באַזוך ביי דער רויטער אַרמיי

אריינצודרינגען אין די קאַזארמעס און אין די באַראַקן, וואו די רויט־אַרמייער פירן זייער רוטינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, איז אודאי א ווערטפולער ענין. ארומפאַרנדיג פראַנק און פריי איבער די סאָוועטי־שע רעפובליקן, איז ניט איינמאָל אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אָן גאַנצע פאָלקן און רעגימענטן אויף מושטראָווקע, צי אויף פאַראַדן. וואו ניט וואו געקומען אין באַרירונג מיט איינצעלנע, אָבער וואָס איז דאָס פאַר א פאַרגלייך מיט אַזאַ מעגלעכקייט, ווי אויסצומישן זיך מיט רויט־אַרמייער אין די פּערמאַנענטע פלעצער, דאָרט, וואו דער רויטער סאָל־דאַט איז ביי זיך אין דער היים, ניט אָנגעצויגן. און פאַר דעם יעניגן, וואָס געדיינקט נאָך גוט דעם צארישן סאָלדאַט אין דער צארישער קאַ־זאַרמע, איז אַזאַ באַזוך אודאי און אודאי פון אויסערגעווייגטלעכן וואונש און פאַרלאַנג.

אין באַקו איז די דאָזיגע מעגלעכקייט געשאַפן געוואָרן, און דער וואונטש איז מקוים געוואָרן.

נאַדיע האָט געראָטן צו ווענדן זיך צו דער „מאַמע ווישקאַ״...

„ווישקאַ״ איז דער נאָמען פון דער באַקוער טעגלעכער צייטונג, אין רוסיש. (ווישקאַ אין רוסיש מיינט א הויכקייט, א טורעם. אָנגעטייט אויף די טורעמס איבער די נאַפט־קוואַלן). די „ווישקאַ״ האָט א טעג־לעכן טיראַזש פון 75 ביז 100 טויזנט, איז זייער באַליבט ביי דער באַ־פעלקערונג, ביי די אַרבעטער־מאַסן. צו דער „ווישקאַ״ ווענדט מען זיך אין אַלע פאַלן פון אַלטעגלעכע געשעענישן. די „ווישקאַ״ איז שטענדיג גרייט צו דינען דער האָרעפּאַשנער מאַסע מיט ראַט און טאַט, ווי אַ געטרייע מאַמע. מאַמע ווישקאַ. אַזאַ פאָפולאַריטעט איז ניט אומזיסט.

דער חבר דאַלאָוואַסראַ, דער הויפט פון דער אויסלענדישער אָפּ־טיילונג אין דער רעדאַקציע פון דער „ווישקאַ״, הערט אויס דעם פאַר־לאַנג, באַטראַכט אַ ווײַלע דעם אויסלענדער, טוט א גוטמוטיגן שמייכל און נעמט זיך צום טעלעפאָן. די אונטעררעדונג דויערט ניט לאַנג. חבר דאַלאָוואַסראַ קערט אום צוריק אונזערע צייגניש־דאָקומענטן, רופט אַריין אַ יונגן חבר און גיט אונז איבער אין זיינע הענט:

— זייט אַזוי גוט און פירט אָפּ די געסט אַהין און אַהין. דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר איז איצט ביי זיך אין קאַבינעט. ער וועט די געסט אויפנעמען.

דערנאָך צו אונז:

— דערווייל אַ גוטן, חברים. פאַרפעלט ניט אַרויפצוקומען, ווען מיר זיך דורכשמועסן. מיר האָבן דאָ אייערע צייטונגען אויך...

דער רויט־אַרמייער ביים טיר פון קאָמאַנדיר'ס קאַבינעט ווייסט שוין אַפּנים פון אונזער קומען און אין צערעמאָניעס לאָזט ער וויסן דעם דיוויזיאָנעם, אַז די געסט זיינען דאָ. איינס און צוויי, מיר זיינען שוין אין קאַבינעט. דער צימער ניט קיין צו גרויסער, נאָר אַ באַקוועמער, ליכטיג און אויפגעראַמט. איינפאַכע מעבל. דער גרויסער שרייבטיש איז פאַרלייגט מיט ביכער, פּאַפּירן, צייכנונגען און בראָשורן. צעעפנטע און פאַרמאַכטע. דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר באַגעגנט אונז מיט אַזאַ פּשוט'ער גאַסטפריינטלעכקייט, אַז טאָמער ערגעץ האָט זיך פאַרבאָרגן אַ ניט־ווילנדיגע אָנגעשטריינגקייט, בלייבט עס אויפ'ן שטעל אָן אָפּגעלאָזענע און איבעריגע. מען דערפילט זיך גוט און רואיג אויף דער נשמה. אַ שלאַנקער, בויגעוודיגער, אָנגעטאָן אין וואָכעדיגן מיליטער־אוניפאָרם, צוויי אָרדנס פון רויטן־פלאַג אויפ'ן ברוסט, אַ ריי שטערנדלעך אַרום קאָלנער, אַ יונגער פּנים, קוים מיטל־יעריגע עלטער, וואַרעמע אויגן און פעסטער האַנט־דרוק. ערשט דערנאָך דערוויסן מיר זיך, אַז דער־אָ דיוויזיע־קאָמאַנדיר איז אַ געוועזענער אָפיציר פון דער צאַרישער אַרמיי, איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, האָט מיט זיינע פיאיגקייטן און מיט זיין אויפריכטיגער איבערגעגעבנקייט דערוואָרבן זיך פולן צוטרוי פון דער סאָוועטישער מאַכט, און אין אַנערקענונג פאַר זיינע גרויסע און וויכטיגע פאַרדינסטן איז ער אַהיינגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי, איז דערהויבן געוואָרן פון אַ צאַרישן שטאַבס־קאַפּיטאַן צום ראַנג פון סאָוועטישן קאָמאַנדיר פון אַ רויטער דיוויזיע און איז אויך אָנפאַרטרויט מיט די פליכטן פון דיוויזיע־קאָמיסאַר. אַ דאָפּלטער ראַנג: קאָמיסאַר און קאָמאַנדיר צוזאַמענגענומען. דאָס איז אַ זעלטן־הויכע מדרגה.

— נו, הייסט עס, איר ווילט אַ ביסל פאַרברענגען מיט חברה רויט־אַרמייער. גוט. זיצט אַ ווייַלע, איך בעט אייך. אָט וועל איך באַלד פאַרטיג ווערן... און נאָך אַ קורצער פּויזע: וויפיל זיינט איר אירע?

— זאַלבעדריט.

— גוט, וועט זיין געווען פּלאַץ אין דער קליינער מאַשין...

דער חבר דיוויזיע־קאָמאַנדיר איז אַליין דער שאָפער, און אַ גענייטער טרייבער דערצו. דער לייכטער, זגראַבנער אויטאָמאָביל דערמאָנט

אַן אָפּענעם פּאַטאַנדל פון פּאַרצייטיגער מאָדע, איז אָבער באַקוועם און אין גוטן צושטאַנד. דער קאָמאַנדיר איז העכסט צופרידן מיט דעם־אַ אויטאָמאָבילטשיק. שטענדיג אַ גרייטער ביים שוועל פון דיוויזיע־שטאַב. אַט איצט, ווי איר זעט, זייער שוין צונויפגעקומען.

דער אומגעריכטער אָנקום פון דיוויזיאָנעם אין די קאַזאַרמעס טוט אַ רודער אויף דעם גאַנצן אַרום אויף אַ ווײַלע. אַט אַזוי טרעפט אין אַ שטילן זומערדיגן וועטער, ווען אַ בלעטל טוט זיך ניט אַ ריר, זאָל פלוצלונג דער בוים אַ שעליעשטשע טאָן מיט זיין פולן גרינעם אָנטאָן. נאָר איידער דער גערודער באַווייזט נאָך אַ קאָפּ אויפצוהויבן, ליגט ער שוין אַ פּריטשמעליעטער און אויס.

— חברה קינדאַרעס, אַט האָב איך אייך געבראַכט געסט אַזש פון אַמעריקע. באַקאַנט זיך מיט זיי און נעמט אָפּ אַ גרויסן גרוס פון ווייטע מקומות, און אגב, ליידיגט אויס אייערע הערצער פאַר זיי. קלאָגט אויס פאַר די געסט אייער „ביטער מזל" און פאַרגעסט ניט פאַר'מסר'ן „נאַטשאַלסטווע"...

אָפּגעזאָגט מיט אַ כלומרשט־ערנסטער מינע, זיך צוגעזעצט אויפ'ן ברעג פון אַ „קאָיקע" (בעטל), ארומגענומען מיט די הענט אַ קני און אַ שפּיל געטאָן מיט לאַכנדיגע אויגן איבער יונגע, מונטערע געזיכטער. אַ פרייער האַרציגער געלעכטער האָט אַ קוואַל אַרויס געטאָן פון ברוסטן און העלדזער:

— דער חבר דיוויזיאָנע האָט שטענדיג ליב אַ שפּאַס צו טאָן. און פאַר די געסט אַ דאַנק. זייער אָנגעלייגט.

— נו, דאַנקען וועט איר שפּעטער. אַפּריער פאַרזוכט, וואָס פאַר אַ טעם זיי האָבן... און צו אונז:

— די אַרטילעריסטן וועלן שוין אויף אייך אַכטונג געבן. וואוילע יאַטן. וועט איר זיך דאָ שוין איינוועגס באַקאָנען מיט די איבעריגע מיליטערישע אָפּטיילן. די־אָ קאַזאַרמעס זיינען צו אונז אַריבער בירושה פון אַלטן רעזשים. מיר האָבן אויך נייע, וואָס מיר האָבן שוין אַליין געבויט. ווערט איר פאַרטיג מיט די, וועט מען אייך צופירן אַהין, צו די נייע. וועל שוין באַזאָרגן. נו, אַלדאָסגוטס. ניטאָ קיין צייט...

אויפגעהויבן זיך פלינק, אָנגעקלאַפּט עטלעכע אַרמייער אַזוי־אָ גוט־ברודעריש איבער די פּלייצעס און אַרויס מיט אַ זיגנעוודיגן טראָט.

:: :: ::

דער טייל שטאָט, וואו ס'געפינען זיך די באַראַקן פון אַלטן רעזשים טראָגט נאָך דעם נאָמען „שוואַרצע שטאָט", אַפנים אויך בירושה פון פאַר דער רעוואָלוציע, און ליגט פאַנאַנדערגעוואָרפן אויף אַ נידע־

ריגער פֿלאַכלאַנד. די קאַזאַרמעס פֿאַרנעמען אַ גרויסן שטח מיט בור־דינקעס און הויפֿן. אויסערליך שפּרייט זיך דער קאַזאַרמע שטעמפּל אין זיין פֿולער גרויקייט און האַמעטנעקייט, פּונקט ווי אַמאָל. אינעווייניג איז אַלץ זויבער; די הויפֿן, אַריינגאַנגען, קאָרידאָרן און צימערן. סאַניטאַריש און היגיעניש. פֿונדעסטוועגן, ווי פֿיל מען האָט זיך באַמיט אַרויסצוטרייבן דעם ספּעציפֿישן קאַזאַרמע־ריח פֿון די צאַרסקע שינעלן און פֿון די אָנטעשעס אין די דזשעגעכץ־שטיוול, וואָס די צאַרישע אַרמיי האָט דאָס שטענדיג מיט זיך מיטגעטראָגן,—איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן אַ שיינע פּאַרציע פֿון דעם דאָזיגן ניט־ליבעראַלן גערוך אין די־אָ אַלטע קאַזאַרמעס. מען קאָן פֿון דעם ניט פּטור ווערן, אַזוי האָט זיך עס איינגעגעסן אין די דילן און אין די ווענט, אין די שטיינער און אַפֿילו אין דער לופֿט. סיידן צו פֿאַנאַנדערוואַרפֿן די בנינים.

די רויט־אַרמייער, וואָס פֿירן אונז דורך און ווייזן אָן אַזוי און אַזוי, זאָגן טאַקע, אַז אַזוי וועט מען טאָן. נישטמער וואָדען? די אַרבעטער מלוכה האָט אין דער איצטיגער צייט ווילכטיגערע ענינים צו דערליידיגן, און פֿאָרלויפֿיג קאָן מען נאָך אויסקומען מיט אַזאַ אַלטוואַרג. נישט געפֿערלעך. די נייע באַראַקן זיינען שוין פֿולשטענדיג מאָדערנע. אָט, איר׳ט זען.

איבער׳ן וועג שטייען אויסגעשטעלט באַטאַרייען אויף אַ ליידיגן פּלאַץ. האַרמאַטן און קאַנאָנען פֿון פֿאַרשיידענע קאַליבערן. אייזערנע קעסטלעך אויף צוויי רעדער. אייניגע איינגעדעקט מיט רעדניעס און ברעזענטן. אַרום אַנדערע שטייען גרופּעס אַרטילעריסטן. אַלץ אַזוי רואיג און מיושב׳דיג, נאָר טאָמער אַ טרעוואָגע, איז אין אַ הרף־עין איינגעשפּאַנט און „בערעגיס!..״ (היט זיך. „וואַטש יור סטעפּ״)...

אין איין קאַזאַרמע שטויסן מיר זיך אָן אויף רויט־אַרמייער אוקראַינער. יונגען איינער אין איינעם, אַ מחיה צו קוקן. די ברייט סטעפּיגע אוקראַינישע שפּראַך פֿליסט אַזוי ווי אַ לינדער ווינט איבער פֿולע זאַנגען אויפֿ׳ן פֿעלד. אַרומגענומען די געסט אין אַ ראָד אַזוי־אָ, יעדערער וויל זיין וואָס נענטער, און פֿרעגן זיינען דאָ גאַנצע פּעק און זעק, אָנגעטאַסעוועטע, אַ שטייגער, פֿאַרוואָס וויל אַמעריקע ניט אנערקענען סאָוועטן־פֿאַרבאַנד? אַמעריקע איז טאַקע אַ הויך־אַנטוויקלט לאַנד, אָבער ברעקלען זיך מיט אַזאַ אָנשטעל... עט—מיר׳ן אָניאָגן און אויך איבעריאָגן, אָ־האָ! נאָך ווי אַזוי... און די רויטע אַרמיי,—מ׳קאָן זיך שוין פֿאַרלאָזן, כ׳לעבן. זאָל מען נאָר וואַגן, וועט מען שוין דערפֿילן. מ׳עט דערלאַנגען, אָי, וועט מען...

אַ יונגער בחור׳עץ אין אַ צעשפּילעטער קורטקע פֿאַרקאַטשעט דעם לויזן אַרבל, טוט אַ שטרעק אויס זיין אָנגעשטייפֿטן אָרעם און פּויסט

צענויפגעפרעסט, גיט אַזוי אַ פּאַך אַרויף און אַראָפּ, ווי מיט אַ געזונט־יאַטישן האַמער, און צעלאַכט זיך אויף אַלע ווייסע ציין,—אַט...

איינער, אַן עלטסטער, דערקלערט דאָס וויכער:

— מיר ווילן קיינעמס ניט פאַרנעמען, צו פאַרכאַפּן. לאָז מען אונז נאָר ניט זאַטשעפּען, אַט וואָס. זיכער וועלן מיר זיך פאַרטיידיגן, אויב מ'וועט אונז באַפאַלן. דאָס יע, און מיר קאָנען די מלאכה אויסגעצייכנט...

פּונקט ווי די אַטמאָספער אין די קאַזאַרמעס איז אַ חבר'יש־פריינטלעכע אין דער פרייער צייט, נאַטירלעכע באַציאונגען צווישן איינפאַכן און עלטסטן, אָן קונצן, ווי דאָס מאַסאָווע פאָלק איז אַליין,— אַזוי איז די דיסציפּלין אין צייט פון מיליטער איבונגען און אַנדערע מיליטערישע פליכט אַן אייזערנע, און דוקאַ ניט קיין אָנגעשטרענגטע, ניט מיט קיין גוואַלד־מיטלען אַרויפגעצוואונגען. די סיבות דערפון זיינען דאָ אויפן אָרט און בולט פאַר אַלעמען, אין די קאַזאַרמעס גופא. אַט איז אַ צעטל: קלובן, ביבליאָטעקן, רויטע ווינקלען, ספּאָרט, דראַמאַטישע קרייזן, טעאַטער, עלעמענטאַרע שולן און העכערע. דער טערמין פון מיליטער־דינסט איז אַ צוויי־יעריגער. דער סדר איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז יעדן יאָר באַפרייען זיך פון דינסט אַזוי פיל, וויפיל ס'קומען צו יונגע רעקרוטן, נאָר ס'איז אויסגערעכנט ס'זאָל אויסמאַכן האַלב אויף האַלב. די עלטערע נעמען אויף די אינגערע, ווי אַ באַוואוסטזיניגער מדריך און דערציער נעמט אויף די אָנפאַרטרויטע שילער און סטודענטן. די חבריש'קייט שאַפט פולן צוטרוי, און דער געווינטשטער איינפלוס קומט אויף אַ נאַטירלעכן וועג. די פאַרוואַלטונג אין די קאַזאַרמעס איז אַן אייגענע אויסדערוויילטע. בכלל איז די מיליטער־דינסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אונטער די סאָוועטן אין אַ לערן־קורס, וואָס פירט צו אַ העכערן שטאַפּל, צו אַן אַנערקענטער מדרגה.

פון פאַרוואָרפענע ווינקלען און דערפלעך, נאָך פאַרגליווערט אין אומוויסן און אין אָפּגעשטאַנענקייט, קומען אַריין אין דער רויטער אַרמיי נייע רעקרוטירטע, און ווען זיי פאַרלאָזן די אַרמיי טראָגן זיי אַוועק מיט זך צוריק אַהיים לכל־הפחות אַ סיסטעמאַטישע עלעמענטאַרע בילדונג, אַ קלאָרן באַוואוסטזיין וועגן די פליכטן פון אַ רויט־אַרמייער און „מיר ווילן קיינעמס ניט פאַרכאַפּן, צו באַרויבן; מיר וועלן אָבער ניט דערלאָזן קיינעם אונז צו באַרויבן, אונזערס צו פאַרנעמען...״ בלייבט ביים רויט־אַרמייער איינגעוואָרצלט אין מח און אין האַרצן. דערצו די חבר'ישע דערמוטיגונג און דאָס גרייטקייט אַרויסצוהעלפן דעם אָפּגעשטאַנענעם, דעם אומבאַוואוסטזיניגן אויפצוהויבן זיך אויף אַ **העכע־**

דער מדרגה, דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיגער פאַקטאָר אויף צוצובינדן דעם יחיד צום כּלל, אויף צו גאָרן צו ווערן אַ מיטגליד אין אַזאַ־אַ חבר׳ישער, לעבעדיגער, אַקטיווער משפּחה.

דער רויט־אַרמייער פאָלגט אויס מיט׳ן פולן באַוואוסטזיין די באַ־פעלן פון עלטסטן, ניט ווייל דער עלטסטער, די פּערזאָן, גיט דעם באַ־פעל, נאָר ווייל דער באַפעל אַלס אַזעלכער דאַרף און מוז דורכגעפירט ווערן לטובת דער פּראָלעטאַרישער מלוכה און סדר, וועמעס פּאַרטיידי־גער די רויטע אַרמיי איז. יעדער חבר עלטסטער איז אַ חבר רויט־אַר־מייער. יעדער רויט־אַרמייער קאָן ווערן חבר עלטסטער. דער רויט־אַר מייער ווייסט גענוי פאַרוואָס ער ווערט גערופן אין דער אַרמיי און איז גרייט זיין קאָפּ אוועקצולייגן פאַר זיין גרויסער פליכט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו פאַרטיידיגן זיין אַרבעטער און פויערים מלוכה, זיין אַרבעטער לאַנד, די איינציגע אויף דער ערד. היינט דער גרויסער כּבוד, צו טראָגן אויף זיך אַזאַ התחייבות. און דער אינטערעס דורכ־צומאַכן אַזאַ שולונג, וואו ס׳פולסירט מיט אַזוי פיל יוגנטלעכער טע־טיגקייט, אַזאַ לעבעדיגער לעבן,—עך, סאָוועטישע רויטע אַרמיי, ניטאָ קיין גלייכן צו דיר...

אין לייען־זאַל זיצן רויט־אַרמייער איבער ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. אין קלוב היינגט אויפ׳ן וואַנט די וואַנט־צייטונג. אַלע נע־מען אנטייל אין דער וואַנט־צייטונג, צי מיט קריטיק, צי מיט פּראָבלע־מען, אָנווייזונגען, פּלענער, אָדער גאָר מיט אַ געזונטן קיבעץ. מ׳שאַ־נעוועט זיך ניט. ביי די סאַפּיאָרן (מיליטערישער טייל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויפשטעלן בריקן, אויסלייגן וועגן און אַז. וו.) איז מען זייער פאַרנומען מיט צייכענונגען און מען איז פאַרטאָן אין פאַנאַנדערקלייבן זיך אין פאַרגעבענע אויסרעכענונגען. ערנסטע סטודענטן אין אַן ערנס־טער שול.

אויפ׳ן וואַנט, אין אַן אָנזיכטיג פּלאַץ, היינגען טאַבעלן. די טאַבע־לען ציינן דעם פּראָצענט פון די באַשטראָפטע און די גראַדאַציע פון פאַרזינדיגן זיך פון רויט־אַרמייער, אָנהויבנדיג פון זיין אַריינטרעטן אין דער אַרמיי ביז׳ן פאַרלאָזן. די ליניעס גייען אין דער פאָרמע פון אַ דיאַגראַמע. ס׳ווערט אויך אָנגעוויזן דער פּראָצענט פון דערפאָלג. פוילקייט און נאַכלעסיגקייט ווערן אודאי ניט פאַרשוויגן און ניט פאַר־שטעלט. אָט ווי איינער דערקלערט דעם־אַ טאַבעלן־מעטאָד:

— נו, אונזער סאָרט באַשטראָפן איז ניט איזדיעקעווען זיך און דערנידעריגן דעם פאַרזינדיגטן. מיר זוכן ניט נקמה צו נעמען. אונ־זער צוועק איז אויסצובעסערן. אויסבעסערן אַ שלעכטן, פאַרוואַנד־לען אַ פוילאַק אין אַ טיכטיגן, מאַכן פון אַ נאַכלעסיגן אַן אויפריכטי־

גען, איז אונזער אַלעמענס טובה, אַט. און אַריינפאַלן אין דער הינ־טערשטעליגער טאַבעלע, איז...

ער דערערדט ניט, נאָר ער גיט אַזאַ קרים מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט דערשמעקט עפּעס אַן אָפּשטויסנדיגן, איבלדיגן ריח.

אין אַ זייטיגן בנין מיט די פענצטער אין הויף גייט אָן א זיצונג פון אַלע קאָמאַנדירן אין פּאָלק. לויט די ראַנגען זיינען פּאָרטראַ־טען אויף דער דאָזיגער זיצונג פון א „יעפרייטאָר" (ערשטער שטאָפּל עלטסטער) ביז'ן „פּאָלקאָווניק". אי דער יעפרייטאָר, אי דער פּאָל־קאָווניק באַלאַנגען צום קאָמאַנדירן־צעטל, און אַלס אַזעלכע קומט זיי אויס צו באַטייליגן זיך געמיינשאַפטלעך אין זיצונגען בנוגע זייער פּאָלק. מיר קומען אַריין אין מיטן פון דער זיצונג. די היבשע זאַל איז אָנגעפּילט. דער פאָרזיצער דערקלערט פאַר די באַזוכער דעם אינהאַלט פון דער אַגענדאַ. ער טוט דאָס מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־זאַמלונג. די הויפּט־פּונקטן אויפ'ן סדר־היום זיינען: וועגן און סיס־טעמען, ווי אויפצונעמען און דערציען די יונגע רעקרוטן אויף א צו־געגנגלעכסטן אופן, כדי צו געווינען פולן צוטרוי פון די יונגע. קולטו־רעלער מצב פון פּאָלק. אַלגעמיינער וואוילזיין און צושטאַנד פון פּאָלק. אינסטרוקציעס פאַר די, וואָס באַפרייען זיך פון דינסט.

געמאַכט פּלאַץ פאַר די געסט, און דער מיטינג איז אוועק אין ווייַ־טערדיגן שוואונג. אַלע קאָמאַנדירן זיינען גלייכע צו נעמען אנטייל אין פאַרשלאַגן און דיסקוסיעס. האָט איינער אריינגעבראַכט די געהעריגע באַמערקונג, צי אָנווייזונג, אָדער קריטיק, ווערט ער באַלוינט מיט ערנ־סטער אויפמערקזאַמקייט. אָנגעוויזן אַ פעלער, צי אַ פאַרזען, איז גוט. דאָס איז וויכטיג. מען דאַרף נאָר אַנאַליזירן און אויסגעפינען דעם מקור פון וואַנען דער פעלער האָט זיך גענומען, וועט מען שוין באַזיי־טיגן.

אויף דער קיך באַגעגנט אונז דער שעף אין זיין ווייסן אָנטו! און קודם־כל טרעט ער צו צום ענין פּראָסט און פשוט אַזוי:

— הערט נאָר אויס, חברים. אָנגעטאָפּטשעט האָט איר זיך זיכער איבערגעגנוג, און אָנגערעדט זיך אודאי און אודאי ניט ווייניג, איז דער בעסטער פּלאַן זיך אונטערשפּאַרן דאָס הארץ... דאָס עסן איז גוט און פריש, וועלן מיר אייך אַ ביסל אָנהאָדעווען...

— מיט'ן אָפּדאַנקען איז ער גאָרנישט צופרידן. ניט הונגעריג? קאָן זיין. אָבער פאַרזוכן... הא? וואָס הייסט ניט פאַרזוכן פון סאָ־וועטישן קעסל...? יע פאַרזוכן, ווידען?... אָט דאָס האָט ער האַלט. דאָס איז אַן ענין. נו, „זשיוואָ"... (לעבעדיג, געשווינט) און אַלעמען טוט אַזאַ הנאה, ווען מיט'ן פאַרזוכן צעוואַקסט זיך דער אַפּעטיט. דער

קלונג פון כלים און געשיר פלעכט זיך צוזאַמען מיט פריילעכע, מונטערע שטימען, פראַגן און ענטפערס לויפן איינס ס׳אַנדערע אנטקעגן און נעמען זיך אַרום אין אַ האַרציגן שמועס.

מיט פאַרגעניגן פאַרשרייבן מיר אונזערע איינדרוקן אין טאָג־בוך פון פאָלק און מיר צוזעגענען זיך אויף אַ חבר׳ישן אופן מיט די רויט־אַרמייער אין די אַלטע קאַזאַרמעס. דער קאָמאַנדיר׳ס ברישקע שטייט שוין איינגעשפּאַנט און גרייט אונז אָפּצופירן אַהין צו די נייע באַראַקן. און דער טאָג שטייט ניט, מאַלע וואָס מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי ער איז שוין העכער האַלב אויף יענער זייט, און דער מהלך איז אויך אַ גאַנץ היבשער, — איז געפאָרן. אַרויף אויף הויכלאַנד. אַ נייער געגנט. נייע מאָדערנע בנינים. אַרבעטער וואוינונגען. „אַרמיניקענד”. אַ שיינע, פּלאַנמעסיגע שטאָט, אַ שפּאָגל נייע, אויף אַמעריקאַנישן סטיל. אַמעריקאַנער קאָטעדזשעס. געבויט אונטער די סאָוועטען. אור־אור־ך, ס׳אַראַ רחבות... און די נייע קאַזאַרמעס... פּאַרקעטנע דילן. ווענטילאַציעס אין די איינגעמויערטע שאַפעס פאַר קליידער אויפצוהענגען, און מיט אַלע זיבן זאַכן... אַזוי גאָר? און די ליכטיגקייט, און די פריילעכע טיר און פענצטער, און דער אַרויסקוק אויפ׳ן ים, און פאַר וועמען פאַרבט מען דאָס איבער בעטלעך און טישן? ווער דאַרף דאָס אַהער אָנקומען? — א־א! די „נאָוואָבראַנצעס”... אָט אַזוי גאָר... און די ספּאָרט און מושטיר פּלעצער, און פאַר קערפּערלעכע איבונגען, — צי איז דאָס ניט גאָר אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט... אַ? —

מיר, ווי פון אומקערן זיך פון א פיל־געגאַרטער הוליאַנקע, קומען מיר אָן אין יונגן אָוונט צוריק אויף קוואַרטיר, און מיר לאָזן די געדאַנקען אויסטאַנצן אַ פריילעכע, אומפאַרגעסלעכע קאַמאַרינסקע...

נאַפֿט־קוואַלן און ראַפֿיניר־זאַוואָדן

די נאַפֿט־פֿעלדער אַרום באַקו ציילן 32 הונדערט אַקטיווע קוואַלן. צעוואָרפֿן זיינען די דאָזיגע קוואַלן אין קליינע גרופּן און אין גרויסע. צומאָל קוקן אויס די ווישקעס פֿון ווייטן, ווי אַ געדיכט וועלדל. פֿאַראַן אויך קוואַלן־ווישקעס, וואָס הייבן זיך אַרויס גלייך פֿון אָפּגרונט פֿון ים. דאָס דערמאָנט אָן די אויל־קוואַלן אין קאַליפֿאָרניע. אַרום סאַנ־טאַ־באַרבאַראַ, אויפֿ'ן וועג צווישן סאַן־פֿראַנציסקאָ און לאָס־אַנדזשעלעס, זעט מען אויך אַזעלכע טורעמס, וואָס פּאָמפּען אַרויס פֿון פּאַסיפֿיק די טייערע פֿליסיגקייט. די אינטערעסאַנטסטע נאַפֿט־פֿעלד אַרום באַקו איז די „בוכטאַ איליטשאַ“. דאָס איז אַ ריזיגע שטרעקע אָפּגענומען געוואָרן ביים קאַספּישן ים, אָנגעשאָטן מיט ערד און שטיינער, אויס־געגלייכט אַ פֿלאַכע פֿעלד און בוכשטעבלעך פֿאַרזייט עס מיט ווישקעס. די דאָזיגע „בוכטאַ איליטשאַ“ פֿאַרנעמט זייער אַ חשובֿ'ן פּלאַץ אין דער סאָוועטישער נאַפֿט־אינדוסטריע. דאָס וואָס די בוכטע (ים־אָפּ־טייל) טראָגט דעם באַליבטן נאָמען פֿון לענינען („איליטש“, ווי די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן האָבן אים גערופֿן), איז אַ באַווייז אויף דער גרוי־סער וויכטיגקייט פֿון דער ניי־צוגעקומענער נאַפֿט־פֿעלד. אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פֿון צע־קאַ, האָט דער „נעפֿטאָסטראָי“ פֿאַר אונז איינ־געאָרדנט אַן אַרויספֿאָר אויף דער „בוכטאַ איליטשאַ“ און פֿון דאָרט צו די ראַפֿיניר־זאַוואָדן.

דער ספּעציפֿישער געזשום און דער ווייכער קרעכץ פֿון די נאַפֿט־פּאָמפּעס וויקלען זיך אין די לופֿט־כוואַליעס און צעלויפֿן זיך ווייט אַריבער די טויערן פֿון דער בוכטע. דוכט זיך אויס, אַז די ריזיגע בוכטע מיט'ן גאַנצן וואַלד ווישקעס, ווי שלאַנקע פּיראַמידן, אויפֿ'ן רוקן האָט זיך אַזוי־אָ פֿלאַזמאַ אַ צי אויס געטאָן אַ שטיק אין אָפֿענעם ים אַריין, כּדי צו בייטן זיך מיט אים מיט די הייסע אָטעמס פֿון מויל צו מויל. הוידעט זיך און וויגט זיך דער גאַנצער אָנשיט אונטער די פֿיס, ווי אין אַ ריטמישן טאַנץ.

דער אינזשענער, וועמען די הויפּט־קאַנטאָר האָט קאָמאַנדירט אַלס אונזער וועג־ווייזער און דערקלערער, טוט אַזוי אַרום אַ טאַפּ אויס,

ווער זיינען מיר ?—קענטיג, אַז אים, דער גראַדואירטן נאָך פון אַמאָל, אפשר פון אימפּעראַטאָרסקן אוניווערזיטעט, וואָלט בעסער צום האַרצן געווען, ווען ער פירט זיך דאָ אַרום מיט זיינס גליכן, מיט ספּעציאַליסטן פאַכלייט, ניט מיט סתם וועלטלעכע מענטשן, וואָס רייסן זיך אומעטום אַריינצושטעקן די נאָז און פאַרשטייען אינזשענערסטוואָ פּונקט אַזוי פיל, ווי דער האָן אין „בני־אָדם”. נאָר אַזוי ווי ער קאָן זיך ניט העלפען, טוט ער זיין פליכט... דערפאַר דערפרייען מיר זיך אַלע, און ער, דער אינזשענער, נאָך מער פון אונז, ווען מיר שטויסן זיך אָן אין סאַמע האַרץ פון דער בוכטע אויף איינעם, וואָס איז אויסגעקנאָטן מיט „בוכטאַ איליטשא” און ווייסט אַלע וועגעלעך און שטעגעלעך אויף אויסווייניג. דער־אָ איינער איז א הי־געבוירענער, א טיורק, מיט זיין טאָטאַרישן יאַרמעלקע אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, קאָן ער אויך גילטן פאַר אַ טאָטער. זיין רוסיש איז אַ צעבראָכענער, און בכלל מישט ער זיין שפּראַך צענויף אין ביידע לשונות, רוסיש און טיורקיש. דערפאַר קוקט פון אים אַרויס דער באַוואוסטזיניגער האָרעפּאַשניק מיט אַלע אַטריבוטן אי פון זיינע אויסגעשאַרפטע, בליאַסקענדיגע אויגן, אי פון צעבראַסטעטער, פאַרברוינטער ברוסט, אפשר שוין אַריבערגעשפּאַנט פון מיטעליעריגקייט צום עלטער־פּעריאָד, אָבער דאָס לעבן קוועלט פון אים ארויס אין יוגנטלעכע שטראָמען. ער געפינט זיך שטענדיג אויף דער בוכטע. די בוכטע, זעט אויס, איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן. ווען ער רעדט אַרויס די דאָזיגע צוויי ווערטער „בוכטאַ איליטשאַ”, קומט דאָס אַרויס ביי אים מיט אַ צערטלעכן גלעט. אַליין איז ער א פּשוט'ער אַרבעטער און טראָגט אויף זיך אָנפאַרטרויטע התחייבות'ן. אויב אַזוי, איז נאָך בעסער, ווי געוואונטשן. מיר באַדאַנקען דעם גראַדואירטן אינזשענער און מיר גיבן זיך איבער אין די הענט פון פּשוט'ן האָרעפּאַשניק.

די נאַפט־קוואַלן ווערן באַטריבן אונטער צודעק דורך עלעקטרישער קראַפט. דאָס ברענגט אַריין מיט 20 מיליאָן פּוד בענזין יערלעך מער, ווי אַמאָל. פריער, אונטער דער אָפענער סיסטעם, פלעגט די־אָ מיליאָניגע מאַסע בענזין אויסגעוועפּט ווערן און אַוועקגיין אין ניוועץ. דער מעטאָד פון באַציען דעם נאַפט אויף דער „בוכטאַ איליטשאַ” איז דער נייעסטער און מאָדערנסטער. איין אַרבעטער רעגולירט אין דורכשניט 10 קוואַלן. די צאָל פון די אַרבעטער אַרום און אַרום, אַריינרעכענענדיג די טויזנטער קוואַלן און אויך אויף די ראַפינירער, איז בערך זעקס טויזנט. דערפאַר זיינען אַלע אַרבעטער דאָ מער אָדער ווייניגער קוואַליפיצירטע. ס'טרעפט, אַז אַ קוואַל ווערט מיד, אָדער שעפּט זיך אויס. די קוואַלן ווערן דאָך גרעסער אין צאָל. מען דרילע־

וועט נייע. דער קאַספּי איז ניט קאַרג, און ער פאַרמאָגט אַ שלל מיט נאַפט. עגבערט מען זיין גרונט. מען פאָרשט אוים פרישע פלעצער, און די מי באַצאָלט זיך גוט.

אויף דער־אָ בוכטע זיינען פאַראַן נאַטירלעכע נאַפט־פאָנטאַנען. מען דאַרף צו זיי קיין פאָמפּעס ניט. איינער אַזאַ נאַפט פאָנטאַן זעצט מיט זיילן נאַפט אַרויפצו מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען מוז אים איינהאַמעווען, אַ־ניט, וואָלט ער פאַרפליייצט די גאַנצע בוכטע. אַן אמת׳ער גייזער. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער באָדן אַליין וואָלט אָנגעבאָטן זיין האָב און גוטס צו די סאָוועטן: נאַט, נעמט און ליידיגט מיך אוים...

לעבהאַפטיג גייט אָן די אַרבעט, און די גאַנצע ריזיגע בוכטע קוקט אוים, ווי איין ריזיג־גרויסע פאַבריק מיט מאַשין־אָפּטיילונגען און לאַבאָראַטאָריעס. טשאַנען ווערן אָנגעפילט. איבערפלוס ווערט שנעל און אָן אַ ברעקל פאַרלוסט איבערגעוואָרפן אין ליידיגע פעסער. אַ דריי מיט אַ ראָד, אַ רעדל, איבערגעשטעלט אַ ווייזער, אָפּגערוקט אַ רער, דאָ אויפגעהויבן אַ שטאַנג, דאָרט אַראָפּגעלאָזן, און די גאַנצע מאַשינעריע פאָלגט אוים און קומט נאָך פינטקלעך אַלע פאָדערונגען און ריכטונגען, וואָס ווערן אָנגעוויזן פון דעם סאָוועטישן אָרעם, אָרעם פון האָרעוואַניע. אַ ריזיג־גרויסע בוי־סימפאָניע פון האָרעפּאַשנעם בוי־מייסטער אַלס דיריגענט.

דער רויער נאַפט, וואָס קומט אַרוים פון די קוואַלן, ווערט איבערגעליפערט דורך אונטערערדישע צוגעפּאַסטע רערן צו די ראַפינירזאַוואָדן. די דאָזיגע ראַפינירער געפינען זיך ווייט פון דער בוכטע, טיף אין לאַנד. ספּעציעלע מאַשינען טרייבן דעם רויען נאַפט אין די טרויבן און דורך זיי צו די רייניגונגס־פלעצער. צייט, און פלוס פון נאַפט, און שטרעקע זיינען אויסגערעכנט צום האָר. דער חבר האָרעוואַניק, אונזער פירער, ציינט אָן מיט זיין קנופּיגן פינגער אַהין, צו די ראַפיניר זאַוואָדן. אַ וואַלד מיט קוימענס. פון די קוימענס גייען אַלערליי רויכן; גאָלדיג־זאַמדיגע, אַש־גרויע, בלוילעכע, טונקעלע. אַ רויך־סימפאָניע. יעדער בויג און נויג פון די רויכן איז אָנזיכטיג אין דער לויטערער לופט. דוכט זיך אוים, אַז דאָס איז אַ וואַרנונג צו די שונאים און שעדיגער, אַז סאָוועטן־מאַכט דרימלט ניט, אַז די פראָלעטאַריש אויג האַלט וואַך, און וואַגט נאָר ווער שאָדן צו טאָן, איז...

מיר שטעלן זיך אָפּ פאַזע ברעג, וואו אַן אָפּצאַם פון בעטאָן פאַרהאַלט דעם שטענדיגן אָנשלאָג פון די ים־כוואַליעס. אין אָפּצאַם זיינען פאַראַן עפענונגען אין פאַרשיידענע זייטן און פון פאַרשיידענער מאָס. צו וואָסער נוץ זיינען די־אָ עפענונגען?...

— אויף אַראָפּצואַשווײנקען איבערבלײבעכצן און שמוץ, ווען ס'קלײבט זיך אָן. פון אײן זײט לאָזן מיר אַרײַן דעם ים אויף אָפּצו־טאָן די אַרבעט, און ווען ער איז פאַרטיג מיט'ן אויסרײניגן, לאָזן מיר אים אַרויס דורך דער צווייטער זייט, אַט אַזוי־אָ. און דער קאַספּי טוט אונז די אַרבעט גרונטאָוונע. אַ וואוילער ים דער קאַספּי. אַ באַלשע־וויק...

דער פּנים פון אונזער חבר־פירער, אַ דורכגעקאַרבטער, שמייכלט מיט אַלע קנייטשעלעך. יונג־שעלמיש טאַנצן פינטעלעך אין זיינע אויגן, נאָר ווען ער נעמט דערציילן פון דעם מענשעוויסטישן אויפשטאַנד, פון דעם „מוסאַוואַט" (טאָטערן־נאַציאָנאַליסטן), פון די ענגלענדער, וואָס זיינען געקומען צעפליען אויפ'ן רוף פון „מוסאַוואַט" און פון אַלע געשעענישן פון יאָר 1918, צוקן זיינע ליפּן אין ציטער פון אויפ־רעגונג. פריש איז נאָך ביי אים אין זכרון יענע שטורעמדיגע צייט. אָ! דער „גרויס־בריטאַן"... אַי האָט זיך אים ניט געוואָלט אוועק פון די נאַפט־אוצרות. נו, ער האָט זיך געמוזט מטריח זיין. מיר האָבן אים משלח געווען...

אודאי איז אים אינטערעסאַנט צו אויסהערן פון די קאַליפאָרניער אויל־פעלדער ביים פּאַסיפיק. מוז זיין אַ וואַזשנע בוכטע דאָרטן... ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַקומען די אויבער־האַנט, וועט מסתם יענע בוכטע אויך טראָגן איליטש'עס נאָמען, און — — —

— אָך, כאַפּט זיך אַראָפּ אין אונזער אַרבעטער טעאַטער. מען פירט דאָרטן איצטער אויף „גאָראָד וועטראָוו" (שטאָט פון ווינטן). אַלע באַקוער געשעענישן פון יענער צייט.

אויף זיין געמישטן לשון דערציילט ער אונז פון זיינע איבערלע־בענישן, נאָר דעם אויבנאָן פאַרנעמט ביי אים זיין ליבלינג, „בוכטאַ איליטשאַ".

אַרום דער בוכטע שפּילט זיך דער קאַספּי. אויף דער בוכטע זידט די אַרבעט. איבער זייביידן הייסע זון און רעשטלעך לייכטע וואָלקן. גאָלד און זילבער אין די הימלען און אויף אַ זעקסט חלק פון דער יבשה, פונקט ווי דאָ אויף „בוכטאַ איליטשאַ" אַזאַ גרויסע, אַזאַ בלוט־טיג־הייסע סימפאָניע פון אַ נייעם לעבנסשטייגער... סאָוועטישע בוי־סימפאָניע...

זילבער־פּאַסן, גאָלד־טעראַסן.
זון און לייכטער וואָלקן — —
— — — — — — — — — — — — —
לאָז זיי דרימלען אין די הימלען,—
זיי גענוג געמאָלקן...

רעגימענטן; שטאָל, צעמענט און
רוישיגע מאָטאָרן.
פרייד פון שאפן. בוי־געלאפן
ביז צום העכסטן גאָרן.
לייבער שטייפע. מוחות רייפער.
האָרעפּאַשנע דלאָניעס...
קומט, מאַשינען, אונז באַדינען!
שפּילט אונז בוי־סימפאָניעס.

מערט זיך, ווישקעס, ווי די שישקעס,—
וואָס אייך טוי און רעגן...?
זאָגט ים־קאַספּי: טו ווי ס׳פּאַסט דיר,
נעם!—וואָס דאַרפסטו פרעגן?

נעם דיר באָדן. אָנגעלאָדן
איז מיין גרונט מיט נאפטן...
לאָרד און קיסר שפּילט זיך הייסער
מיט דער פלוי אין קאַפטן...

שורות טורעמס, נייסטע פורעמס,
פּאָמפּען אין איין אָטעם;
אָט אַזוי־אָ, אָט אַזוי־אָ,—
פריש און ניי די נאָטן.

דאָרט אין רוים איז וואַלד מיט קוימענס,
ראַפינירזאַוואָדן.
ווארנען רויכן פון די הויכן:
וואָגט נאָר ווער אונז שאָדן...

לאָרד און קיסר, טאַנצט־זשע הייסער
מיט דער פלוי אין קאַפטן...
און די בוכטע—אָי, א קוכטע!—
פלייצט און פלייצט מיט נאַפטן.

הארציג־חבר׳יש צעזעגענען מיר זיך מיט׳ן יונגן־אלטן, וואָס האָט מיט אזוי פיל פרייד אונז ארומגעפירט און פארטייטשט אונז יעדן שפּאָן פון דערגרייכונג. צי ווייסן מיר, אז צווישן דעם קאַספּי

און דעם שווארצן ים זיינען אויסגעלייגט טרובעס, דורך וועלכע דער נאַפט פליסט אַן איבעררייס פון דאַנען אהין? יע, מיר ווייסן. געזען דאָס אויפ׳ן וועג פון באַטום אהער. נו, אודאי געזען. איצט לייגט מען נאָך אַמאָל אויס נייערע טרובעס. די אַלטע זיינען שוין ניט ביכולת אויפצונעמען דעם איצטיגן נאַפט־שטראָם, אָט. מיט אַ ליב־ווארעמען שמייכל:

— מיר האָבן די צוויי ימים צוריק פאַרברידערט, דעם קאַספּי מיט׳ן שווארצן. זאָלן זיי זיך באַלאַקען, די ברידערלעך. ניטאָ ווער ס׳זאָל זיי שטערן. און דורך די נייע פאַרגרעסערטע רערן וועט דער שמועס צווישן די־אָביידע ימים נאָך לעבעדיגער זיין, און אונזערע סאָוועטן דאַרפן דעם נאַפט, און די־אָ בוכטעטשקע איז ניט פויל און ניט קאַרג...

ווען ער קאָן אָט־אַזוי אַרומנעמען די ריזיגע בוכטע און עס צו־דריקן צום האַרצן.... די בוכטע איז אים אַ געליבטע, די ימים, דער קאַספּי און דער שווארצער, זיינען ברידער, און דורך די טרובעס פליסט דער נאַפטיגער שמועס... און דער „גרויס־בריטאַן״,—אהא! משלח געווען דעם לאָרד, וואָס האָט ניט געוואָלט פון דאַנעט אוועק־גיין... באַצאָלט מיט בעסטן בלוט פון 26 אַזערבאַידזשאַנער טרייסטע זין... פרעמדן חוב געצאָלט... און געזיגט האָבן די סאָוועטן, און איצט — — —

צוויי ימים, צוויי ברידער; ים־קאַספּי, ים־שווארצער,—
פון אויבן צעשיידטע.
פון אונטן דורך רערן פון האַרצן צום האַרצן
צו טיילן זיך גרייטע.

דורך שטאָלענע טרובעס צום צווייטן שיקט איינער
זיין נאַפט פון די טיפן.
האָי, ברודער, ים־שווארצער! איצט שטערט אונז ניט קיינער...
האָב גרייט דיינע שיפן.

די נאַפט־אוצרות מיינע דורך וואַסערן דיינע
פאַר אַלע סאָוועטן.
דער טיוול, דער טיילער אויף „דיינע״ און „מיינע״,
וועט מער דאָ ניט טרעטן.

דער לאָרדל בריטאַניער, געוואָלט האָט ער היניען
אויף אונזערע ברעגן.

אָי, האָט אים געגלוסט זיך דער נאַפטיגער ענין,
דאָס פעטע פאַרמעגן...

פון שנאָל פון דעם האַמער,—זיין לאָרדיש מאָנאָקל
איז העט־אַזש פאַרפלויגן...
נו, שרייט ער זיג טרעמאַלסט, מיר קוילן זיין „באָקל"...1)
און ווישט זיך די אויגן.

ער קאָן ניט דערגרייכן מער אונזערע קוואַלן
און שיפעט: „פאַרפלוכטע..."
אַ לאָך איז אין האַרץ אים דאָס שפּרודלען און פּראַלן
פון דער „איליטש־בוכטע"...

פאַלט מען אַריין אין דער קייט פון די ראַפינירזאַוואָדן, צווישן באַטאַרייען קעסלען, אויוונס, דאָמינאָס, רערן פון אַלערליי גרעב, נעצן גאַנצע, אָט באַווייזן זיי זיך און אָט שוין פון אונטער דער האַנט אַנטרונען,—איז ווי מען וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן פון אַ שטיל־שטילינקן דערפל אין אַ קאָכיגן גרויסן מאַרק, וואו יאַריד רודערט אויף אַלע כלים. דער רויער נאַפט ווערט דאָ אָפּגעבראָכן און אויס־געסאָרטירט, גערייניגט און צעטיילט לויט'ן גראַד און ווערדע, אָנ־הויבנדיג פון מאַזוט (פּראָסטער אָפּזאַץ פונ'ם נאַפט, געדיכט און שוואַרץ), ביז דעם דינסטן, ריינעם טרינק־אויל, וואָס ווערט גענוצט פאַר מעדיצינישע צוועקן. פאָלגנדיגע סיסטעמעז: „פינטשע", „ווילקע", „נאָבעל", און די נייעסטע סאָוועטישע. די נאָבעל־סיס־טעם איז די עלטסטע, נאָך פון די צאַרישע צייטן. וויפיל מען האָט עס ניט אויסגעבעסערט און אויסגעפאַרריכט, ווייעט נאָך אַלץ פון דעם מיט סומנעקייט פון אַלע ווינקלען. שרעקלעך איז דאָ אָנגעגאַנ־גען די שקלאַפעריי. לאַנגע שעה'ן פון פינצטערער פראַצע. אומ־גליקס־פאַלן א טאָג־טעגלעכער ענין. לוין אַ נישטיגער. הנאה האָבן געהאַט דער אויסלענדישער פריץ „נאָבעל" און די בייכיגע צאַרישע קאַסע. מיט דער הילף פון דייטשישע אינזשענערן, און פאַר גוטן געהאַלט, פאַרשטייט זיך, זיינען געבויט געוואָרן די אַנדערע צוויי סיסטעמען. די לעצטע איז שוין דורכאויס געבויט געוואָרן פון סאָ־וועטישע בויער, אייגענע מייסטערס. גייט מען דורך אָט די־אָ נייסטע קאָרפּוסן, די סיסטעמע דיסטיליאַטאָרן, די מאָדערנסטע דאָמינאָ־אויוועגס, און אַלץ איז אַזוי קלאָר—אָפּן פאַר'ן אויג נאָכצופאָלגן דעם ראַפינירפּראָצעס פון אָנהויב ביז'ן סוף.

1) באָקל: פאַרפאַסער פון „געשיכטע פון ענגלישער ציוויליזאַציע". באַ־צייכנט: ציוויליזאַציע.

רויערהייט פליסט דער נאַפט אין די דאָמינאָס. העלישער פייער און טייוולשע היץ אין ווייס־צעגליטן געברויז לייזן אויף די רויע פליסיגקייט אין באַזונדערע כעמישע שטאָפן, גאַז־פאָרמיג (פאַרע) לאָזן זיך אַוועק די פאַנאַנדערגעטיילטע, גרינגערע און שווערערע, צו די אָנגעצייכנטע דיסטיליאַטאָרן, וואו זיי ווערן שטופנווייז קאָנדענסירט, פון סאַמע טונקעלן ביז'ן לויטער דורכזיכטיגן; פון דיסטיליאַטאָר גייט יעדער אויל אַוועק אין זיין טרייבל, און אַ דורכגערייניגטער און געליטערטער קומט ער אָן אין זיין אויפנעם כלי. דער געדריי פון רערן, רערעלעך, טרויבן און טרייבעלעך ציט זיך פון קאָרפּוס צו קאָרפּוס. אָט איז אַ לאַנגע ריי פון קוק־שייבלעך. כעמיקער נעמען ניט אַראָפּ די אויגן פון די־אָ שייבעלעך. דאָ איז די לעצטע סטאַנציע צו רעווידירן דעם פּראָדוקט. טאָמער איז דער קאָליר ניט אַזוי, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, איז גלייך אין לאַבאָראַטאָריע אַריין.

פאַר'ן זייטיגן באַאָבאַכטער איז גלאַט אינטערעסאַנט צו זען, ווי פון איין מוסטער־פליסיגקייט, רוי־נאַפט, קומט אַרויס אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיגע קינדער־פליסיגקייטן: פעטע, ברוין־גרויפנדיגע, שמאַלציג־גלאַנצנדיגע, דינערע און העלערע, ווי ליכטיגע שפּיגלען, און אָט אַזאַ קאָלירלאָזע, ווי ריינער וואַסער. און פאַר די, וועלכע האָבן באַזוכט פאָרד'ס פאַבריקן און פאָרד'ס באַוואוסטע גלאָז־הוטע, איז אודאי אינטערעסאַנט צו זען מיט אייגענע אויגן, ווי אַזוי דער סאָוועטישער קאָלעקטיוו באָרעט זיך צו גובר זיין אַלע שוועריגקייטן פון הינטערשטעליגקייט, טעכנישע און מעכאַנישע, און שפּרייזט מיט אַזאַ אימפּעטיגן טעמפּ ניט נאָר צו דעריאָגן, נאָר אויך אַריבערצויאָגן דעם גרעסטן יחיד־אונטערנעמער.

און נאָך דעם, אַז מען איז שוין פאַרטיג מיט'ן אַרומקוקן, מיט'ן אַרומגיין און אַרומקלעטערן פון אונטערשטע עטאַזשן אַרויף, איבער אָפּגעצאַמטע שמאָלע בריקלעך אויף דעכער אַרום די דאָמינאָס; דורך געביידעס־מאַכינעס אין דורכגאַנגען צווישן מאַשינען און טורבינען; אין לאַבאָראַטאָריעס מיט אַלע מכשירים און קליפּערלעך; אויסגעהערט דערקלערונגען פון טעכניקער, מעכאַניקער, מאַשיניסטן און אינזשענערן, וואָס זיינען אַזוי גרייט און וויליג צו געבן צו פאַרשטיין דעם איינפאַכן בשר־ודם דעם גאַנצן מהות פון דער סאָוועטישער נאַפט־אינדוסטריע; — און נאָכדעם אַז מען האָט שוין דורכגעטראָטן אַלע הויפן, פאַרגעסנדיג אָן מידקייט, אָן שטויב און אָן דעם ספּעציפישן נאַפט־ריח, און מען איז שוין אויף דעם פרייען אינדרויסען, איז נאָך דעם אַלעמען טוט עס ערשט אַ צי אויף צוריק צו אָפּשטעלן זיך און לאַנג־לאַנג צו באַטראַכטן דעם גוואַלדיגן פאַרנעם פון

די סאָוועטן, די אומדערשראָקענע געוואָגטקייט צו לייזן די שווערסטע פּראָבלעמען אויף אַ סאָציאַליסטישן אופן אין פּנים פון ערגסטן און פאַרביסנסטן פיינט, וועלט פון קאַפּיטאַל און אימפּעריאַליזם. אָט דאָס הייסט אַ פאַרמעסטן זיך. סאָוועטישער פאַרמעסט. סאָוועטיש גע־בוי.

:: :: ::

אַן ענגער קרייז. געקומען נעמען אָפּשייד פון די געסט. מענער און פרויען, עלטערע און מיטליעריגע. קיין איינער פון זיי באַלאַנגט ניט צו דער פּאַרטיי. אַ צוויי זיינען פאַבריק צי זאַוואָד אַרבעטער. די איבעריגע זיינען... וואָס זיינען זיי?—עפּעס באַשטימטעס איז ני־טאָ. און אַז דער שמועס צעוויקלט זיך, קומט גאָר אויס, אַז מען איז נאָר געקומען צו אויסלאָדן די שווערע הערצער. איינער, דוכט זיך, איז אַ חזן... אַזוי, ס'הזנ'ט זיך נאָך ביי אידן אונטער די סאָוועטן?—עט, ס'איז ניט דאָס... ס'איז אַן איבערגעקערטע וועלט. איז אַן עק און אַ סוף, איבערגעקוליעט זיך און פּטור. האַלט זיך דאָס דיר נאָך אַלץ אין איבערקערן זיך. ניט אַהער און ניט אַהין... איר פאַרשטייט?—און אונזערע שיינע „אָטשערעדן" (רייען) ביי די קאָאָפּעראַטיוון געזען?—און אַז מען שטייט אָפּ שעה'ן לאַנג, די פיס ווערן פאַרקאָ־ליעט שטייענדיג, מיינט איר מ'קריגט שוין וואָס מען באַדאַרף? אַ נעכטיגער טאָג...

אַ קוק אויף די פּנימ'ער און אויף די קליידער. איינציגע מער אויסגעפּילט, איניגע ווייניגער. אַלע זאַטע. קליידער גאַנצע און ריינע. פרויען אויסגעפּוצט און מאָדישעוואַטע. זיצט מען אַזוי ביים גלעזל הייסע טיי מיט'ן ביסל וואַרעניע (איינגעמאַכץ), מען בייסט צו אַ קיכל, געבעקס און מען פּלאַפּלט. אין געפּלאַפּל וויל איין פרוי אויסגעפינען ביי דער צווייטער, ווי האַלט מיט רייז, צוקער, מעל, וכדומה אַזעלכע קליינינקייטן, וואָרים מען זאָגט, אַז דער, צי יענער מין וועט שוין באַלד ניט סטייען, באַדאַרף מען זיך פאַרגרייטן, כאָטש דערווייל האָט מען נאָך אין די סלאָיעס, אין די זעקלעך, פאַרבאַהאַל־טען אין שראַנק, אין קופערט. נאַדיע שפּרינגט אויף. אָט דאָס טויג דאָך טאַקע אין דר'ערד אַריין. מען לויפט זיך שטעלן אין אָטשערעד, ווען מען דאַרף נאָך ניט... ענטפערט אָפּ איינע, אַז מאַלע נאַדיען איז גרינג צו ריידן. אַז דער מאַן איז אַ „סאָיוזנער", איז טאַקע גוט און וואויל, אָבער אַז ניט, טויג טאַקע ניט. און וואָס דאַרפט איר מער? אַ רעכטע פּאָר זאָקן קריגט מען דען...? גייט שוין אוועק אַ סדרה זאָ־קען און אונטערוועש. אָך! די אַמעריקאַנער. זאָקן זיידענע, אונטער־וועש זיידענע... אַי, אַמעריקע. ווי־זשע קומט מען אַהין...?

אראָן ז—ן דערציילט, אַז ער איז מיט יאָרן צוריק געפאָרן זוכן א תכלית אין קאָלאָמבוסעם מדינה. גענומען ס'עלטערע אינגל מיט זיך און היידא. האָט מען אים אָבער ניט ארייגגעלאָזט. ס'האַרץ האָט געריסן. אָט איז ניו יאָרק פאַר דיינע אויגן, נאָר מען צווינגט דיך צו פאָרן אהין, פונוואַנעט דו ביזט געקומען. גיי שריי שמע־ישראל. מילא פאַרפאַלן. א ברירה געהאַט... נו, למאי זאָל ער לייקענען? אים דוכט, ס'איז בעסער אַזוי. אָט לייענט מען און מען הערט זיך אָן אויך גענוג, אַז דער אַרבעטער ליגט גאַנץ אָפט גוט אין דער אדמה דאָרטן אין גאָלדענעם לאַנד. די רייכע ווערן רייכער און די אָרעמע ווערן אָרעמער. קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז ס'איז זיין גוטער מזל, וואָס מ'האָט אים ניט אריינגעלאָזן אין אַמעריקע. און זינט ווען ער האָט זיך באַפרייט פון זיין קוסטאַרסטווע און איז געוואָרן אַן אַרבעטער אויפן זאַוואָד, פילט ער זיך זייער גוט. אַלאַ, ס'פעלן אוים זאַכן, ציי פראָדוקטן, נו, ווייסט מען דאָך די סיבות דערפון. קאַרג קאָסטן אָפּ די אַלע נייע איינפירעכצן, און די אינדוסטריע וואַקסט פון שעה צו שעה. נייע פאַבריקן, מאַשינעריע... ס'קאָסט געלד.

און ס'קייקלט זיך אַזוי דער שמועס. טענות און תביעות צו דער רעגירונג פאַראַן און פאַראַן. קיין שונאים זיינען זיי ניט, נאָר ס'טוט וויי, מען האָט זיך נאָך ניט צוגעוואוינט צו דיינקען אויפ'ן נייעם שטייגער, און פאַר פרישע מענטשן ווילט זיך זייער אַראָפריידן פון האַרצן, און חסרונות זיינען נאָך דאָ, וואָס, ניין? און אפשר איז מען גאָר מקנא דעם יונגן דור, פאַר וועמען עס ליכטיגט זיך אַזאַ צוויבער־האַפטער מאָרגן. אַנדערע זאָגן דאָס אַרוים אָפן. איינציגע שטיקן דאָס אין זיך.

דאַווידקע קומט צעלויפן אַ פאַרפלאָמטער און אַן אויפגעלייגטער. האָט זיך אָפּגעפּאַרטיגט היינט פריער אין זיין יונגנט־קלוב. אַן אוקראַי־נער כאָר טרעט אויף היינט אָוונט אין סימפאָניע־זאַל. באַדאַרף מען דאָס ניט דורכלאָזן. אין אַרבעטער־טעאַטער איז מען געווען, נו, טאָ זאָלן די אַמעריקאַנצעם אויך זען, וואָס פאַר אַ סימפאָניע־זאַל מיר פאַרמאָגן. גוט. מסכים. יע. דער בנין מיט דער האַלב־אָפּענער פּאָיע, מיט'ן זומער־פּאַווילִיאָן פאַר קאָנצערטן אונטער'ן פרייען הימל—שיין און אנגענעם; אודאי ווען די „אדל־לייט" וואָלטן זען, ווער עס פאַר־נעמט „זייער" פּלאַץ, ווי דער פשוט'ער אַרבעטער פילט זיך דאָ אַזוי בהרחבה'דיג, וואָלטן זיי...

נאָר וועמען גייט אָן אַזאַ מחשבה...? דער גרעסטער טייל פון עולם זיינען אַרבעטער, און זיי, די אַרבעטער, נעמען אויף מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן דעם אוקראַאינער קוואַרטעט. נייע געזאַנגען

און מאָטיוון, אַלטע לידער איבערגעניצעוועט און איבערגעפורעמט אין נייע טענער. אויפבוי און קאַמף. און אונטער די נייע טענער וויגט זיך דער אַרום; באַקו מיט איר האַלב־מיליאָניגער באַפעלקע־רונג, טויזנטער לעבעדיגע נאַפט־קוואַלן מיט די פאַרשפּיצטע וויש־קעס, „בוכטאַ איליטשאַ", ראַפינער־זאַוואָדן, רויטע אַרמיי און אַל־טע און נייע באַראַקן, שוואַרצע שטאָט, ווייסע שטאָט, די נייע אַרבע־טער שטאָט „אַרמיניקענד", אַלטע שטאָט הינטער אַלטע פעסטונג־ווענט אַ פאַרפּלאָנטערטע אין קרומע געסלעך, און נייער שוואונג, און נייער וואוקס,—אויפקום...

:: :: ::

אויפ׳ן וואָקזאַל איז אַ געדרענג ניט דורכצושפּאַרן זיך. אַזאַ געדיכטע מאַסע פּאַרער. נאָר די פּאַסאַזשירן אַליין וואָלטן ניט פאַר־נומען אַזוי פיל אָרט, ווען ניט זייערע קלומקעס. און זעלטן באַנוגנט זיך דאָ אַ פּאַסאַזשיר מיט איין קלומעק. ווען מען זאָל נעמען און צע־טיילן די קלומקעס אין דורכשניט, וואָלט זיכער אויסגעקומען אַ 5־6 אויף איינעם. פון וואַנען נעמט זיך דאָ דער מנהג צו שלעפּן מיט זיך אַזוי פיל פּעק און זעק, איז שווער צו פאַרשטיין. אפשר שטאַמט דאָס פון דעם, וואָס ווען און וואו האָט זיך דאָס דערלויבט דער רו־סישער אַרבעטער און פּויער אַזוי פּראַנק און פריי אומצורייזן?—איז אַז ער איז יע געפאָרן, האָט עס געמוזט זיין אַן אויסערגעוויינטלעכער ענין. ערגעץ איבערזעצן זיך מיט האַב און גוטס אין אַ ווייטער פּראָ־ווינץ. נו, האָט מען מיטגענומען דאָס גאַנצע ביסל בעבעכעס. אפשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס דער באַן־פּאַרקער איז נאָך ניט צוגעפּאַסט צום נייעם דראַנג פון פאָרן און רייזן, קלייבן זיך אָן צופיל אין איין פּלאַץ. מאַכט עס אויך שווער דעם בילעטן־פאַרקויף. פאַלט עס אויך צו לאַסט אויפ׳ן איינציגן בילעט־פאַרקויפער ביים פענצטערל...

דער חבר פון דער ציטונג „ווישקאַ", וואָס האָט אונז אַרויס־געהאָלפן צו באַזאָרגן זיך מיט בילעטן, שמייכלט צו. ס׳איז אַי דאָס ערשטע, איז דאָס צווייטע, און צו ביידע אפשרם וועלן זיך מסתמא אָפּזוכן נאָך עטלעכע. ס׳איז נאָך אין אַ צעבויטעטן צושטאַנד. עס דאַרף זיך אָפּזעצן, אויסשטיין זיך. אָבער מען ווייסט פון דעם, פונקט ווי מען איז ניט בלינד אויף אַ סך אַנדערע קלענערע און גרעסערע ניט נאָרמאַלקייטן. וועט אויף דעם אויך קומען אַ צייט. איצט, אַז מען איז פאַרוואָרפן מיט אַזעלכע דרינגנדיגע אויפגאַבן....

די צוויי שוועסטער קאָנען זיך ניט אָפּרייסן. אָט טוט מען אַ רייד, און אָט ווערט דער פאָדים אַליין פון זיך איבערגעהאַקט. מאָדנע. אַ לעבן לאַנג ניט געזען זיך. געקומען. געפרייט זיך, און שוין. צי

וועט מען זיך וועז עס איז נאָך א מאָל זען, ווער ווייסט...?ביידע שוועסטער זיינען צופרידן, וואָס דער שנעל־צוג האָט זיך פארשפע־טיגט אויף 2 שעה. פון באלאדזשארי געלאָזט צו וויסן טעלעגרא־פיש, אז דער שנעל־צוג אויף מאָסקווע איז 2 שעה שפעט. כאָטש די רייד קלעפן זיך ניט. די רייד שפרינגען און היפערן, ווי זיי וואָלטן זיך אויך פארשפעטיגט און דארפן עפעס אָניאָגן.

— נו, אזוי איז דאָס...

דאָס זאָגט אראָן. דאָס ענטפערט ער זיינע מחשבות אויפ'ן קול. ער האָט זיך אראָפגעכאפט פון דער ארבעט אויף א מינוטקעלע צו ווינטשן דעם „פאָר־געזונט". און ניט געפרעגטערהייט גיט ער צו אליין פון זיך, אז מסתם וועט דער שנעל־צוג אָנקומען אין מאָסקווע אין צייט. וואָרים 3 מעת־לעת פאָרן איז א מהלך רב, און אין 3 מעת־לעת'ן וואָס זעען זיך אָן אָן 2 שעה?

בראַווא־פאטשעריי. דער צוג קומט אָן. ווי פון אן אויפגעעפנ־טער שליוזע טוט א שאָס דער מענטשן־שטראָם צו די וואַגאָנעס.

לעצטער קלונג. צוריק איבער נעץ פון רעלצן. לאנגע שורות נאפט־פעסער אויף רעדער. געראָדער שטארבט אָפּ צוביסלעך. גרופעס קוואלן לויפן פארביי. ווישקעס פרואוון נאָכלויפן און בלייבן הינ־טערשטעליג, גיבן זיך א דריי און אנטרינען.

זיי געזונט, באַקו...

בוכטאַ איליטשאַ...

(סאָוועטישע נאַפט־קוואַלן ביים קאַספּישן ים).

1.

— גו, דערציי׳ל אונז גוטער חבר, ליבער אַלטער,
כאָטש געבראָכן איז דיין לשון,
רוסיש, טיורקיש אין געמיש צוזאַמען,
אפשר טאַטעריש, צי פּערסיש, —
סיי ווי סיי דערציי׳ל אונז.
פרעמדע ווערטער?... אויך אָן ווערטער
וועט ניט שווער זיין צו פאַרשטיין דיך.
דיינע אויגן אויסגעשאַרפטע
אויפ׳ן שאַרפשטיין פון דערפאַרונג;
דיינע הענט און פּיס און אַלע דיינע גלידער
דורכגעדרונגען מיטן שמעלץ, און זוד, און גוס פון טיגל,
די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע...
וועלן שוין פאַר דיר דאָס רעשט דערריידן.

ביי דעם בוי פון דער־אָ בוכטע
ניט מיט הענט פאַרלייגטע ביזט געשטאַנען,
ניט אַ קוק אַ פרעמדן פון דערווייטנס צוגעוואָרפן...
לייב און לעבן,
קאָפּ און האַרץ צענויפגעקנאַטן,—
האָסטו אַלץ אוועקגעגעבן,
און די אַרבעט האָט געזאָטן.
איצטער שיינט אַרוים דיין פרייד, אַ גרויסע,
ווען דו גלעטסט אָט די צוויי ווערטער
„בוכטאַ איליטשאַ...״

פּנים דורכגערונצלט, רירעוודיגע קנייטשן.
אין די קנייטשן,—ווי פיל ליגט באַהאַלטן

אויסגעשמידטער ווילן!
ווי פיל שווערע, הארטע פראצע! —
האָרעפּאַשנע ברוסט צעבראָסטעט.
זון און זאַמד און שטורעם־ווינטן
האָבן ביין און פלייש געשטעמפּלט.
אויף קאָוואַדלע־רעוואָלוציע,
אונטער האמער פון אָקטיאבר
גייסט געהארטעוועט אזוי־אָ,
ווי ניטאָ קיין גלייכן.
פלייצט די פרייד אַ שפּאָגל נייע,
אָט אזעלכע,
אזא רייכע...

שמייכלט פּנים טיף געקארבטער;
אָרעם שטייפער, מוסקוליסטער,
ציט זיך, שטרעקט זיך און פאָלגט נאָך דעם מעסט פון אויגן,
שטעלט זיך אָפּ און פירט מיט פינגער דורכגעקנופּטן:
אָט אַ שטח בײַ דעם קאָספּי־ים פארנומען,
אויסגעלייגט אַ ריזיג פעלד אויף קאספּי'ס אָפּגרונט
און פארפלאָנצט די הויכע טורעמס־ווישקעס,
און די פּאָמפּעס אויף מאָטאָרן...
ביז קאיאָר און פון קאיאָר אָן
טראָגט אונז שפּע אָט די בוכטע,
שפּע נאַפט און קוואַלט אַלץ מערער,
ווי דאָס לעבעדיגע וואָרט פון אונזער לערער,
וועמענס נאָמען זי מיט שטאָלץ טוט טראָגן—
„בוכטאַ איליטשאַ..."

2.

נאָר אָט אַ שטן טוט אַ פּאַל, פארדעקט געקנייטשטן פּנים.
אַ שטורעם רודערט אויף ביים אַלטן אין זכרון...
אַ ציטער צוקט אַ ליפּ, און אויף צוריק
עס טוט אַ שניט אריין זיך שאַרפער בליק:

— נו, נו, געוועזן זיינען שעה'ן...
און אָט די שעה'ן האָבן פון די פיס געוואָרפן,
ווי כוואַליעס אָקעאַנישע.
נאָך ניט צו זיך געקומען פון איינער אזא שעה,

און אָט, אַ צווייטע איז שוין דאָ.
אין יענע שעה'ן, שעה'ן־יאָרן,
וואָס האָבן פון די פיס געשליידערט,
מיר זיינען אָן אַ לעצטן זיפץ געשטאָרבן;
קיין צייט האָט ניט געסטייעט
דעם לעצטן אָטעם אויסצוהויכן...
אין שוימיגן געשלעג פאַרגאַנגען,
אין לויף פון קאַמף,
אין שלייף פון קראַמף.
אין דעם געווירבל טויטלעכן פון יענע שעה'ן
אַליין דער שטורעם האָט פון שרעק געציטערט...
עס האָט געוויטערט
די קאָביג־הייסע בירגער־שלאַכט,
וואָס פון דער פרעמד אַהער געבראַכט.
נו, נו, געוועזן זיינען שעה'ן...
ווי נאַפט געצונדענער געפלאַקערט דאָ אַרום
און אין באַקו...

אַ־האַי, די ווינטן־שטאָט...
הער מיין געזאַנג, באַקו! —
ביי דיר די ווינטן זאַמדיגע, ברייט־ברוסטיגע,
פאַרהלושען אויערן און לושטשען שטיינער;
ביי דיר דער באָדן נאַפטיגער דערשטיקט אין זיך די גראָזן, —
און איצט... ווי שיין אין סאַמע האַרץ דו האָסט
צעבליט די גרינע רו פאַר דיינע העלדנ'ס ביינער,
וואָס האָבן מיט די קעפּ געצאָלט און ניט דערלאָזן
אים, אים, דעם קאַלטן לאָרד, דעם אַנגלאָ־זאַקס,
פאַרשמעלצן דיך אין זיינע חלב־ליכט און סטאַטשיקעס,
ווי וואַקס. — — —

3.

געניטע אויג פאָלגט נאָך דעם שטורץ
פון קוואַליגע פאָנטאַנען,
און ס'מאַנעווירט די פלינקע האַנט
דעם איבערפלוס אין טשאַנען.
און ראָד, און רעדל פאָלגן אויס
דעם אַלטנ'ס קירעוואַניע.

און ווייטער ברויזט מיט הייסע רייד
דער העלד פון האַרעוואַניע:

— פאַרטריבן האָבן מיר דעם גרויס־בריטאַן.
ער האָט אהער מיט פאַנצער אָנגערוקט זיך
צום רוף פון „מוסאוואַט"...
געצאָלט מיר האָבן פּרעמדן חוב.
העי, מוסאוואַט! ניט, מיר, נאָר דו אַליין,
דו ביזט פאַרבליבן זיין „אמבאַל"... 1)
גיי פּוץ די שטיוול דיין בריטאַן
און וואַלגער זיך ביי אים אין שטאַל...

פון האַרעפּאַשנעם פאָלק דאָס בלוט
האָט ניט גערוט.
מי טגרויסן וואָרט „איליטש" אין מויל
אַרויס איז שאַאומיאַן.
און אָט, באפרייט איז „אַזערביידזשאַן" 2) ;—
נאָר אונזער העלד געפאַלן דורך פאַררעטער'ס קויל
צוזאַמען מיט חברים פינף־און־צוואַנציג.
דאָרט אונטער סערפ און האַמער,
אין פּאַרק פון זעקס־און־צוואַנציג,
די גרויע מאָנומענטן שטייען
פון עלטסטן ביז'ן אינגסטן,
פון אונזער האַנט געפורעמט,
מיט אונזער האַנט געמויערט,
צום אָנדיינק פון אונזערע מאַרטירער.

ס'איז אונזער שפּיל „די שטאָט פון ווינטן"
אין אונזער אַרבעטער־טעאַטער...
אָט זעט, ווי ער, דער אַלטער טאַטע,
פון דאַגעסטאַנער טאָל צופוס געקומען
מיט סוקעוואַטן פאַסטוך־דראַנג אין האַנט,
און קאָפּ, ווי ווייסע וואָל געקרויזטער,
און האַלז, און ברוסט פאַרברוינטע און אַנטבלויזטע,
נאָר קלאָר און פריש דער קול,

1) לאַסט־טרעגער.
2) סאָוועטישע רעפּובליק ביים קאַספּישן ים.

ווי שניי אויף שפיץ פון „שאַט־גאָרא״ ;—3)
אַט הערט זיין שטים, ווי ס׳ציקלט אוים אזוי :
הער מיין געזאַנג...! הער מיין געזאַנג...!
וואו ביזטו זון, דו פלינקער יונג?
וואו ביזטו, שאַאומיאן...?
הער מיין געזאַנג...
נאָר אים אין פּנים לויערט שטום אַזאַ געוועב,
(גייט זען אין ארבעטער טעאַטער),
וואָס שרעקט און ציט, ווי אַ מאַגנעט.
און זי, אַ גלאַטע,
די שפּין קוקט סאַמעטדיג
און לאָרדיש הוידעט זיך, אַזוי געלאַסן...
אָ, וועסט ניט נארן אַלטן טאַטן...
צו שפּעט געקומען. שוין אין פּאַלד פון נאַכט
זיין שאַאומיאַן ליגט אומגעבראַכט.
מיט אים צעלעכערט אין אַ זיפּ פון עלטסטן ביז׳ן אינגסטן,—
נאָר עכאָ ציטערט נאָך אין פעלזן־שפּאַלטן,
ווי ס׳וואָלט נאָך אויסגעציקלט טאַטע אַלטער :
הער מיין געזאַנג... מיין שאַאומיאן...

4.

— פיר אונז, פיר אונז, גוטער חבר,
צווישן טשאַנען אָנגעפילטע,
אין אַ וואַלד פון שלאַנקע פּיראַמידן,
און דערצייל אונז, און פּארטייטש אונז
יעדן שפּאַן און יעדע סטעזשקע,
וואָס דיין הארטער זויל האָט אויסגעטראָטן
אויף דעם אַלטן ברעג און אויפן נייעם אָנשניט—
„בוכטאַ אילִיטשאַ״...

פיר אונז, פיר אונז, יונגער אַלטער,
צום פאָנטאַן, דעם גייזער.
שיסט ער דיקן זייל פון נאַפט ארויפצו
אָן אַ מאָטאָר, אָן אַ פּאָמפּע, סתם מיט גוטן ווילן.
ס׳האָט זיך אָפּגרונט אָנגעבאָטן :
נאַט און נעמט מיך, באָלשעוויקעס...
יונג און שעלמיש טאַנצן פינטלעך

3) הויכער באַרג אין קאַווקאַזער קייט.

אין די אויגן פון דעם פירער:
— קאָן איך אַלץ דען אויסדערציילן...?
אז די רחבות, אָט די גרויסע, אָט די ברייטע,
די וואָס שפרייט זיך, ניט צום מעסטן,
איך דאָך בלויז אַ טייל אַ קליינער,
פון דעם קאָלאָסאַלן אויפטו...
פאַראַן ביי אונז די „מאַמע ווישקאַ״.
זי דערשיינט אונז יעדן מאָרגן
אָנגעפּראָפּט מיט אַלץ וואָס נויטיג,
ווי אַ מילגרוים איז מיט קערנער.
איז אַ מאַמע גוט צו קינדער,—
איז די ווישקאַ אונז אַ מאַמע.
זי דערציילט אונז אי פון דאַנען, אי פון דאָרטן,
נעמט און לייענט, ווער איר וויסן.
רחבות פראַן צום שאַפן,
נייעם לעבן איַיסצושמידן;
רחבות פאַר די מוסקולן,
רחבות פאַר׳ן הארצן,
רחבות פאַר׳ן שכל,—
אָט וואָס מיר פאַרמאָגן...
און דאָס רעשט זאָל שוין דערזאָגן
„בוכטאַ איליטשאַ״...

ליב און וואַרעם איז דיין שמייכל,
גוטער חבר, יונגער אַלטער.
לאָמיר דיר אויך וואָס דערציילן:
פראַן אַ לאַנד פון הי אַ ווייטע,
רייך, און שטאַרק, און מעכטיג.
דאָרט אַ גוזמא האַרעוואַניקעס אַזעלכע
גיבן אָפּ די האַרטסטע פּראַצע, גאַנצע לעבנס,
פאַר אַ סקאָרינקע פאַרדאַרטע, פאַר אַ לעפּל מוטנע לינדזן.
דאָרט אַ האָרעוואַניק טאָר ניט קראַנק זיין,
אָדער וואַגן אַלט צו ווערן.
טאָמער טרעפט אַן אומגליק אָט אַזאַ מיט איינעם,
בלייבט ער נאַקעט־הויל אין דרויסן,
ווי אַ בוים אין ווינטער׳ס פרעסט און קעלטן.

דאָרט, אין יענעם לאַנד, איז גרויס די שפע.
אָט די גוזמא האָרעפּאַשניקעס אַזעלכע
האָבן אָנגעבויט דאָרט דאַמבעס, בוכטעס,
שיפן, באַנען, בריקן און פאַבריקן,
הייזער אַזש אין הימל,
וועגן אויסגעפלאַסטערט,—קאַשע כאָטש צו קויקלען;
און ביים ים־פּאַסיפיק גרויסע שטרעקעס
פול מיט ווישקעס, גאַנצע וועלדער אָט אַזוינע,
אפשר מערער, ווי אָט דאָ ביים קאַספּי.
שווערע באַליעס נאַפּט כסדר שלעפּן זיי פון טיפן אָפּגרונט,
לאָדן אָן און לאָדן אויס די שיפן,
טוען כל עבודת פּרך,—
און אַליין, זיי האָבן געאָרנישט,
קוים דאָס חיות צו דערהאַלטן.
נאָר די שפע הערט ניט אויף צו וואַקסן;
און ווען שפּייכלערס ברעכן זיך פון צופיל תבואות,
סקלאַדן פּלאַצן פון כל־טוב פאַרשפּאַרטן,
קראָמען פרייכן מיט די זייטן אָנגעפּוישטע,
שיך און קליידער אַזש ניט אויסצוהאַלטן,
קומט צוגיין דער קוילער „קריזיס"...
(ס'איז אַ לאַנד־מגפה אין דעם לאַנד פון גרעסטער שפע).
שליסן באַלעבאַטים טיר און טויער,
ס'גאַנצע זעט פאַר זיך פאַרנומען אונטער שלאָס און ריגל,
און די האָרעוואַניקעס אין דרויסן
בליבן הונגעריג און אָן אַ שטאָך מלאכה.
שטייען רייען פּוסטע מאָגנס,
מיילן לאַנג, אויף קאַלטע ראָגן,
וואַרטן אויף דעם בעטל־ברויט אַ ביסן,
אויף אַ שפּייז צעקראָכנס...
אין דעם לאַנד פון אַזאַ שפע. — — — —

6.

אויסגעהערט און ניט אַ זילבע,
ניט באַדויער אויף זיין פּנים, ניט אַ צייכן.
אָט די שול די טערפּקע און די שאַרסטקע.
איז ער דאָך אַליין דאָס דורכגעגאַנגען
אָט אָקאַרשט־אָ;

הויט און בײנער דורכגעריבן, דורכגעבויערט,
ביז באַגריפן, און פאַרשטאַנען, און באַנומען
חבר לענין און זײן לערע...
ניט קײן צײט געהאַט אַ טרער פאַרגיסן,
װען זײן אײגן לײב מיט בלוט פון איבגעריסן
פלאַפלען ניט קײן ליפן; נאָר אין בליק צעשטראַלטן
שפּיגלען זיך שוין קאַמפן און געפעכטן,
און פּאַלאַצן אויפגעפּראַלטע...
שפּרינגען רײפן, פליען דיקע שפּונטן
פון די פולע פעסער, — —
און די ברידער האַרזאַשנע װעלן זיך דערגרונטן,
װעלן לערנען, װאָס פאַר זײ איז בעסער...

שװײגנדיק אַזוי אַ װײל געשטאַנען
און דערנאָך מיט פעסטן האַנט־דרוק זיך געזעגנט;
און װען אױגן האָבן זיך מיט פרײד באַגעגנט,
האָט געזאָגט דער חבר האָרעװאַניק
מיט אַ שפּראַך, אַ קלאָרע אָט אַזאַ:

— און די בוכטע בײם פּאַסיפיק װעט מען רופן מיט'ן נאָמען,
װאָס מיר אַלע װײסן און מיר אַלע קאָנען —
„בוכטאַ איליטשאַ..."

מיטן סאָוועטישן שנעלצוג

פון באַקו ביז מאָסקווע איז כמעט אַזאַ שטרעקע, ווי פון ניו־יאָרק ביז סאַן־פראַנציסקאָ. דער שנעלצוג דעקט די־אָ שטרעקע אין 72 שעה. אונזער צוג האָט אָנגעהויבן פון באַקו מיט אַ פאַרשפּעטיגונג פון 2 שעה. פון דערפאַרונג האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז די קאַזאַלעס וועגן די סאָוועטישע באַנען און זייער שטענדיג פאַרשפּעטיגן זיך, אַז זייער ניט־פּינקטלעכקייט איז אַ כראָנישע זאַך צוליב שלעכטער פאַרוואַלטונג און אַז. וו. זיינען טאַקע ניט מער, ווי קאַזאַלעס, אויס־טראַכטענישן. די פּינקטלעכקייט פון די סאָוועטישע באַנען שטייט ניט אָפּ אפילו פון דער אַמעריקאַנער. דאָס הייסט, אַז ניט נאָר דער באַן־פאַרקער צווישן גרויסע צענטרען, ווי לענינגראַד־מאָסקווע, מאָסקווע־כאַרקאָוו, מינסק, קיעוו, אָדעס, צי באַטום־באַקו און אַז. וו., איז געוויינטלעך אַ פּינקטלעכער, נאָר אַז אפילו אויף זייטיגע באַן־צווייגן, ווי זאַפּאָראָזשיע־ניקאָפּאָל, צי אָדעס־טיראַספּאָל, איז דער צוג־לויף געוויינטלעך אַ נאָרמאַלער. און ווער, ווער, מיר אַמעריקאַנער ווייסן דאָך גוט פון אַ „מילק־טריין”... (אַ באַן אַ קריכער, ווי ער וואָלט אויפן וועג זיך כסדר האַלטן אין אָפּשטעלן זיך צו אויסמעלקן די בהמות)...

דער שנעלצוג איז אָנגעקומען אין מאָסקווע פּונקט צו דער מינוט. דורך די 3 מעת־לעת האָט ער אָנגעיאָגט די פאַרשפּעטיגטע 2 שעה, און אומבאַמערקטערהייט.

ווען באַקו האָט זיך אַזוי אָוועקגעטענצלט פון אונז הינטערוויי־לעכס, אַז אפילו אַוועקשטעלנדיג זיך אויף די שפּיץ־פינגער האָט מען זי שוין מער ניט געזען, האָט דער אַרום פאַר אונז פאַנאַנדערגעוויקלט גאָר אַ נייע פּאַנאָראַמע. אַ לאַנדשאַפט מיט אַן אויסוואַל פון פּיי־זאַזשן אויף אַזאַ מאַסשטאַב, אַז ס'איז אַזש געווען אַ רחמנות אויף די בידנע אויגן, וואָס האָבן געשלונגען און געשלונגען גאַנצע לוס־טעס, און זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָנזעטיגן. פון באַלאַדזשאַרי לויפט דער אייזערנער וועג פאַזע דעם קאַספּי אַרויפצו און יאָגט זיך איבער פעטער, גוידערדיגער ערד, איבער בערגלדיג־צעכוואַליעטע

סטעפּעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעקט מיט אַזוי פיל סאָרטן גרינ־קייט, אַזש ממש אַ חיות אויף דעם צו קוקן. און פון דער אַנדערער זייט ליגט זיך אַזוי דער קאַספּי צוגערוקט צום סאַמע ברעג, טוט אַזוי פון צייט צו צייט אַ שלאָבעריג פּעטשל דעם פייכטן, גרויפּנדיגן זאַמד און לאָזט זיך וואוילגיין אין ליכטיגקייט פון טאָג.

נאָך פאַר „בעסלאַן" הויבט זיך שוין אָן צו באַווייזן דער צוויי־קעפּיגער „קאַזבעק". אַ ליניע בערג אַהינטער גראָזיגער גרינקייט. סטאַדעס פי און טשערעדעס שעפּסן. טאַבונעס פערד ספּאָרטעוועז. מען לויפט אין געיעג. אַ הירזש געטאָן, אַ פאַרשקע מיט די צע־שפּרייטע נאָזלעכער, אַ דריי מיטן בויגעוודיגן, לאַנגן האַלז, אַ צי אויס, ווי אַ סטרונע, דעם לאַנגן עק, און אַ פלי, אַ פייל פון בויגן אַרויס. קאָזאַצקע פערד. קאָזאַקישע סטאַניצעס (דערפער). דאָרט, צום צפון־קאַווקאַז, ליגט דער קאָלאָסאַלער „סאָווכאָז" (סאָוועטישע ווירטשאַפט) גיגאַנט. דער געגנט איז „טערסקאַיאַ אָבלאַסט". האָבן מיר נאָך אַ קימאַ־לן „קובאַנסקאַיאַ" און „דאָנסקאַיאַ". דער טייך „טערעק" פליסט אַרויס פון קאַזבעקס אייז־קעלטערס, און דער טייך „קובאַן" ציט זיין חיונה פון די אייז־פעלדער, וואָס געפינען זיך אין אַרענדע ביים ריז „עלברוס"... און אָט איז „בעשטאַו" מיט זיינע פינף האָרבעס. און אָט איז „מאַשוק"... און זע נאָר, ווי מען האָט זיך דאָס אָנגעפּוישט מיט די שנייאיגע פּעלצן און אוועקגע־שטעלט זיך אונטער די הייסע שטראַלן דער זון אויף צו־להכעיס: נאָ, גיי טו מיר עפּעס...

פון דער סטאַנציע „מינעראַלניע וואָדי" צו „קיסלאָוואָדסק" און צו די אַנדערע קאַווקאַזער קוראָרטן איז ניט ווייט, אַ שיבוש. איך הויב אָן כלומר'שט מאַכן הכנות אויף אַראָפּצושטייגן. אָט אַ אינגליש־קייט. ווייס איך דאָך, אַז איך בין ניט אַליין, אַז דער פּלאַן איז פון פריער אָן אויסגעאַרבעטער און אַ באַשטימטער, אָבער אין זיך הער איך ניט אויף צו בונטעווען זיך און בין שטאַרק בייז אויף זיך אַליין, סטייטש און סטייטש...

דער אמת'ער פאַרדראָס איז, וואָס אָט דער־אָ מאַרשרוט קאָסט אונז כאַרקאָוו. יע, מיר באַזונדערס טוט דאָס זייער ווייַ...

איז טאַקע אַ שאָד, וואָרים אָפּגעמאַכט איז געווען מיטן חבר שכנא עפּשטיין, אַז אויף צוריקוועגס זאָלן מיר פאָרן אויף כאַרקאָוו, כדי דאָרט זיך אָפּשטעלן, באַקענען זיך מיט חברים סאָוועטישע שריי־בער און פאָעטן און פאַרברייינגען אַ שטיקל צייט. די צוויי טעג, וואָס מיר זיינען אין כאַרקאָוו געווען, פאָרנדיג פון מאָסקווע, האָבן ניט געקלעקט אפילו אויף אויסצושמועסן זיך ווי געהעריג. דערצו

זיינען אַ סך געווען אַוועק אויף וואַקאַציע. האָט מען פאַרבראַכט אַן אָוונט און אַ נאָכמיטאָג מיטן חבר שכנא און מיט די חברים שרייבער, אַלבערטאָן און סיטאָ, און אַוועקגעפאָרן מיט אַ גרינג האַרץ, אַז מיר׳ן דאָך זיכער אויף צוריקוועגס זיך זען... לסוף — נ־נאַ...

דעם שנעלצוג גייט לחלוטין גאָר ניט אָן אָט דאָס אַלץ, וואָס פּלאָנטערט זיך אין די געדאַנקען. ער שלינגט קילאָמעטערס, רייסט זיך ראַפּטאָם פּאָראויס דורך פעלדער און וועלדער, שטופּט אַוועק אָן אַ זייט גערטנער און לאָנקעס, שפּרינגט איבער טייכן און פייפט אויס אַלע שטעטלעך און דערפלעך, וואָס פּרואוון אים נאָכלויפן. קיין וואַגאָן־רעסטאָראַן פירט ניט אונזער צוג מיט זיך, אָבער קיין מאַנגל אין עסנוואַרג האָבן מיר ניט. אויף די סטאַנציעס טראָגט מען צו אַנטקעגן ברויט, מילך, געבראָטענע הינער, אייער, פּרוכט און אַז. וו. קויף איין און גרייט זיך אָן, וויפיל דיין האַרץ גלוסט. מיר האָבן אונזער קופּעי באַהאַנגען מיט גרויסע קרענץ שמעקעדיגע עפּל. אי פאַר זיך געהאַט גענוג, אי אַנדערע מכבד געווען. הייסע, געזאָטענע וואַסער פאַראַן אומעטום אויף טיי צו פאַרקאָכן. און דאָרט, וואו די באַן פאַרהאַלט זיך אַ ביסל לייגנער, איז דאָ צייט אַראָפּצוגיין אין בופעט און אָפּעסן אַ געוויינטלעכן מיטאָג. אָפטמאָל אפילו זיך דורכ־צושפּאַצירן לייגג־אויס די וואַגאָנעס, צי אויפן פּעראָן. אגב באַקאָנט זיך וואַגאָן מיט וואַגאָן. די רוסישע באַרעדעוודיגקייט איז פאַר־בליבן ביים סאָוועטישן בירגער, און דער סאָוועטישער בירגער האָט זיך אַ נעם געטאָן צום פאָרן. זיינען פול די וואָקזאַלן, זיינען פול די וואַגאָנעס, און ס׳איז לעבעדיג אויף די סטאַנציעס.

דעם אויסלענדישן טוריסט דערקענט מען. דעם אַמעריקאַנעם אודאי און אודאי. קוקט מען אים נאָך, ווער מיט נייגיר און קנאה, ווער מיט אַ שמייכל, און ווער סתם אַזוי זיך. איז אַזאַ איינער אַ צוגעלאָזטער, איז ער שוין פאַרזיכערט פון לאַנגווייליגקייט, בפרט אַז מען דאַרף ניט קיין טאָלמעטשער, איז מען דאָך אַן אייגענער מענטש, איז שוין גאָר וואויל ווי די וועלט. דאַרף מען וויסן, וואָס טוט זיך אין דעם און אין יענעם לאַנד, און וואָס טוט זיך אויף יענער זייט ים, און מען דאַרף זיך אַ גרויס טאָן מיט דעם, וואָס סאָוועטנפאַר־באַנד איז געוואָרן דער אינטערעסאַנטסטער ענין פון דער גאָרער וועלט...

איינגעטיילט קאָן דאָס ווערן אַזוי־אָ: די וואָס פאָרן צוליב ערנסטע ענינים, ווי אַ שליחות אויסצופירן, אַ רעפּאָרט ברייגגען פון אַן אונטערנעמונג, פון וואוקס פון דער פּראָדוקציע און אַז. וו. זיינען מערסטנס פאַרטאָן און פאַרטיפט אין זיך. פאַלט מען אַריין אין אַ

שמועס־שטראָם, איז מען מער גענויגט צוצוהערן זיך איידער אַליין צו ריידן. די, ווידער וואָס פאָרן אויף אורלויב זיך אָפּצורוען, אָדער שוין פון אורלויב צוריק, זיינען געוויינטלעך אין אַן אויפגעלייגטער לוינע, און עס שפּרודלט פון זיי מיט גוט־ברודערישקייט און מיט האַרציגן געלעכטער. דעם גרעסטן טייל פאַרער שטעלן צו די פויע־רים מיט די אומצייליגע קלומקעס. צווישן די־אַ קויקלט זיך דער שמועס, ווי אַ וואַסערפאַל איבער טרעפּ. טאָמער שטייגן אַראָפּ אייני־גע, פּאַסן זיך באַלד אריין די ניי־צוגעקומענע, און ס'פליסט זיך ווייטער אוועק אַן איבעררייס. די איינגערע טיילן זיך געוויינטלעך אויס אין גרופּן, און אָפטע געזאַנגען אין אימפּראָוויזירטע כאָרן פרישן אָפּ די מאָנאָטאָנקייט פון גוס רייד.

ס'איז ניט קיין נאָווינע צו הערן, ווי מען רייבט אַ זייט דער רעגירונג. מען האָט טענות. שאַפן זיך צדדים. איינער ציינט אָן אין „קראַסני וואָאין" (רויט־אַרמייאישע צייטונג), ווי אַ פּשוט'ער רויט־אַרמייער טיילט אריין אַ חלק נאַטשאַלסטווע פאַר נאַכלעסיג־קייט. אָט אַ מאָלאָדיעץ! — מען דאַרף זיי געבן איבער די קעפּ, אַזעלכע לאָ־יוצלח'ס... וואָסערע לאָ־יוצלח'ס? שעדיגער, סאַבאָ־טאַזשניקעס... רוק און לענד צעברעכן. צערייבן ווי מאָן און אויפן פּייער...

אונזערע נאָענסטע שכנים אין וואַגאָן זיינען אַ פּאָרפאָלק, נאָך יונגע מענטשן. ער, אַן אינזשעניער, איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַמעריקאַנער טיכטיגקייט און מעטאָדן פון די גראַנדיעזע און מעכטיגע אינדוסטריען, און די נייעסטע דערפינדונגען און מאָדערנ־סטע מאַשינען, אין „פאָרדיזאַציע"... ער האַלט פון פאָרד'ן אַן עולם ומלואו. מוז זיין אַ זעלטענער אָרגאַניזאַטאָר, ווייסט אויך פון „דזשענעראַל מאָטאָרס". ווען ער וואָלט געקראָגן אַ קאָמאַנדיראָווקע... נו, זיכער וואָלט דאָס אים צופרידנגעשטעלט. זי, זיין יונג ווייבל, איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַמעריקאַנער הילוך... אַ פאָלק טראָגט כסדר זיידענע אונטערוועש און זיידענע זאָקן. וועגן איינצלהייטן פאָרשט זי כסדר אויס ביי דער אַמעריקאַנקע און איז זייער צופרידן, ווען יענע לאָזט זיך ריידן. ווען איר מאַן קריגט אַ קאָמאַנדיראָווקע... נו, אודאי וואָלט דאָס איר גרויס הנאה טאָן, וואָרים ער וואָלט דאָך זיכער איר עפּעס געבראַכט פון דאָרט אַ מתנה... זי גיט דערנאָך צו פאַרשטיין, ווי אַ מין פאַרענטפערונג, אַז דאָ־הי אין לאַנד זיינען נאָך אַזעלכע זאַכן ניט בנמצא. לוקסוס?... יע, פאַראַן אַזעלכע חסידים, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן, אַז מען דאַרף דעם נאַרישן לוקסוס אויסקאָ־

רעניען, אָבער... עט! זאָל נאָר אַלץ אַוועק כשורה, וועט מען פּראָ־
דוצירן, וועט מען געברויכן, אָט...

:: :: ::

ביי קאָלאָמנע באַגעגענען זיך די צוויי טייכן „מאָסקווע" און „אָקע". די הימלען זיינען האַרבסטיק־סומנע. אַ רעגן קלייבט זיך, מאַכט לאַנגע שהיות און מאַראָסיעט אונטער דערווייליע אַזוי אויף באַרג. אונטער דער גרויער כמורנעקייט שטייט די אַלטע קאָלאָמנע אונטער אַ משא פון אַזוי פיל קלויסטערס, אַזש אַ שרעק. אַנטקעגן איז דער אַלטער באַיאַרסקער הויף אַרומגעמויערט מיטן שטיינערנעם צאַם און מיט די קיילעכיגע טורעמס־פעסטונגען אין די ווינקלען. אָט דאָס איז דער ראָמאַנאָוו־נעסט, דער אַמאָליגער. פון דעם־אָ פינצ־טערן ווינקל זיינען דאָס צוגעשטעלט געוואָרן זעלבסטהערשער, וואָס האָבן געקנוטעוועט די גרויסע און ברייטע רוסישע אימפּעריע אין אַ משך פון איבער 300 יאָר...

אַ סקרוך גייט דורך איבער אַלע זיבן הויטן. און וואָס איז דאָ געווען פאַר דער רעוואָלוציע? מן־הסתם אַ מאָנאַסטיר; איין פינצטערניש האָט פאַרביטן אַ צווייטע. נו, און איצט...? — פאַרן אַרבעטער, פאַרן פּויער, פאַרשטייט זיך. די מלוכה טוט שוין דאָס אויסנוצן פאַרן פאָלק, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. מ'קען זיך שוין אין גאַנצן פאַרלאָזן... ניטאָ קיין בעלנים זיך אַריינצולאָזן וועגן דעם אין פּרטים. ס'איז אַ פאַרשטענדלעכער ענין פאַר אַלע־מען, איז ניטאָ וואָס צו ברייען.

וועגן קרויט, וואָס באַדעקט און פילט אָן אַלע פייכט־נעפּלדיגע פעלדער אַרום און אַרום, זיינען דוקא פאַראַן גענוג בעלנים צו ריידן. דער געגנט דאָ איז אַ קרויט־געגענט. ס'איז הימל און ערד און קרויט, און קרויט איז דער עכט־רוסישער מאכל. איז די גערעטעניש פון קרויט אַ וויכטיגער אינטערעס. הערט מען, „קאָלכאָז" און „סאָווכאָז", און אַ גאַנצע פאַבריקאַציע פון שטעלן קרויט און איינזייערן, און דורך וואָסערע מעטאָדן, און אויף וועלכע אופנים. איז מען פאַר, איז מען געגן, ווייזט מען מעלות, זוכט מען חסרונות... ס'איז אַ זאַך, וואָס אַלע האַלטן פאַר כדאַי צו עסק'ן זיך מיט דעם.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די קרויט־פעלדער. אונזער שנעל־צוג האָט פון זיי פאַסן געריסן און געוואָרפן אויף הינטער זיך גאַנצע פלאַכטעס. נאָר אָט־אָט לויפן אונז אַנטקעגן ווילעס און דאַטשעס,

פאַרשטעטלעך און קלענערע סטאַנציעס. פּאַסאַזשירן צערוקן זיך, יעדער צו זיינע פּעקלעך. אויפליִגן, פאַרבינדן, צוגרייטן צום אַראָפּ־שטייגן. מען איז פאַרהאַוועט און מען כאַפּט אַ שטויס אַהער און אַהין פון די וואַגאָנעס, וואָס שטופן זיך איינס אויף ס'אַנדערס, אָדער גיבן זיך אַ שפּאַר אויף הינטערוויילעכס. הייסט עס 3 מעת־לעת אָפּגעקאַטאַיעט? יע, גאַנצע 72 שעה, און פּונקט צו דער מינוט. אָט זעט...

אין פּנים טוט אַ פלייץ מאָסקווער קאַבינער אימפּעט — — —

טשיסטקאַ...

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שוין אַ פּאָר מאָל פאָרגעקומען „טשיסטקאַ״ (ריינינונג). אַ פּאַרטיי־ריינינונג, אַ ריינינונג פון אָנגעשטעלטע אויף מלוכה־פּאָסטן. דער צוועק פון אַזאַ „טשיסטקאַ״ איז אַ פאַרשטענדלעכער: אויסצוגעפינען און פעסטצושטעלן וועלכער עלעמענט איז אַ געזונטער און ווינטשנסווערטער צו פאַרבלייבן אין דער פּאַרטיי, אָדער ווער פון די אָנגעשטעלטע איז פאַרטרויענסווערט צו אָנפירן מיט אַ מלוכה־ענין. מאַכט ניט אויס, פון וואָס פאַר אַ גראַד דער ענין זאָל ניט זיין,—און ווער עס באַלאַנגט צום ניט־טויגבאַרן און שעדלעכן עלעמענט, און מוז דערפאַר באַזייטיגט ווערן.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד רעדט מען גאַנץ אָפן און מען באַדויערט שטאַרק דעם טרויעריגן פאַקט, אַז צווישן די רעגירונגס־באַאַמטע געפינען זיך נאָך אַ סך שלעק און אָנשיקענישן, פון וועלכע מען דאַרף פטור ווערן. ס׳געפינען זיך אויך צווישן זיי באַוואוסטזיניגע שעדיגער, שכורים און פּויליאַקעס, אָדער סתם קאַריעריסטן. אַ שעדלעכער עלעמענט. אין דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן זיך אויך אַריינגעשמוגלט געננג טויגעניכצן, פּוסטע קעפּ און ביטראַקעס, אויך פאַרבאָרגענע שונאים פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, און סתם אַזעלכע, וואָס ווילן אויסנוצן די פּאַרטיי פאַר אייגענע אינטערעסן.

די „טשיסטקע״ דערגרונטעוועט זיך צו די אַלע שלעכטע עלעמענטן, שלעפּט זיי אַרויס אויפן אויבערפלאַך, אַנטפּלעקט זייער אמת׳ן געשטאַלט פאַר אַלעמענס אויגן און שיקט זיי אַוועק אַהין, וואוהין זיי באַלאַנגען. די „טשיסטקע״ איז אויף אַזאַ אופן אַ פּראָצעס פון בלוט־ריינינונג. אין אַזאַ בלוט־ריינינונג נויטיגן זיך צומאָל אויך גוטע חברים, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו דערגרייכן די מדרגה פון באַהערשן זיך אַליין אין געוויסע פאַלן, וואָס מיסברויכן זייער אמט אין באַנעמען זיך מיט קלענערע אָנגעשטעלטע און אַז. וו. אַזאַ־אַ „טשיסטקע״ באַפרייט דעם אַפּאַראַט פון אָנגעקליבענע פרעמדע און

שעדלעכע שטאָפן און פרישט אָפּ די ענערגישע מאַשין פאַר ווייטער־דיגער נוצלעכער אַרבעט.

די „טשיסטקע" ווערט אָנגעפירט פראַנק און פריי. טיר און טויער זיינען ברייט אָפן פאַר אַלעמען. מען איז זייער גערן, אַז וואָס מערער אומפּאַרטייאישע זאָלן בייוואוינען די פּאַרטיי־ריייניגונג. יעדערער אין זאַל האָט דאָס פולע רעכט צו באַטייליגן זיך און אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם, וואָס ווערט גערייניגט, צו לויבן אים, אָדער טאַדלען, צי קריטיקירן און אָנווייזן אויף זיינע מעשים. סיי פּאַרטייער, סיי ניט־פּאַרטייער האָבן דאָס פולע רעכט צו שטימען פאַר, אָדער דאַגעגן דעם גערייניגטן. דער גערייניגטער קריגט דאָס לעצטע וואָרט צו ענטפערן אָנגרייפער, מודה צו זיין אויף פעלערן, אָדער צו אײַבערצייגן, אַז דאָס זיינען ניט קיין טעות'ן. ער קריגט אויך דאָס ערשטע וואָרט אין זיין ריייניגונגס־פּראָצעס. פון דער פּלאַטפאָרמע מיט'ן פּנים צום עולם עפנט ער אויף זיין אייגענע ביאָגראַפיע און לאָזט ניט דורך קיין איין וויכטיגע איינצלהייט אין זיין לעבן ביזן איצטיגן מאָמענט. די וואָס באַהאַלטן, אָדער זוכן צו פאַרטושן איינִיגע פאַקטען צוליב געוויסע צוועקן, פאַר אַזעלכע איז אין גרעסטן טייל דער סוף גאָר נאַרנישט קיין אָנציִענדיגער. קיינע מאַניפּאָרגעס וועלן ניט העלפן. דאָס באַהאַלטענע שווימט אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער, אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע.

די קאָמיסיע פירט אָן זאַכלעך און רעגולירט דעם פּראָצעס. אין אַזאַ־אָ קאָמיסיע געפינען זיך פאַבריק־אַרבעטער, איינער אָדער מער, לויטן באַשטאַנד פון דער קאָמיסיע. דער סעקרעטאַריאַט פאַרצייכנט פּינקטלעך אַלץ, וואָס עס קומט פאָר און אַלץ, וואָס עס ווערט אַרויסגעזאָגט.

אודאי וועט זיין ווערט צו פאַרצייכענען עטלעכע אַזעלכע פאַלן פון דער „טשיסטקאַ", וואָס מיר האָבן בייגעוואוינט אין פאַרשיידענע ערטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָט זיינען זיי:

אויפן פּלאַטפאָרמע שטייט אַ פרוי פון נידעריגן וואוקס, אַ שטשופּלע. לויט איר חשבון שוין אַ מיטל־יעריגע. אויסזען יונג און קוועקזילבערדיג. זי שטאַמט פון האָרעפּאַשניקעס. געווען אומוויסנד און אַ גלויביגע. כסדר תפילה געטאָן. דער מאַן אירער איז געפאַלן אין דער וועלט־מלחמה. דעם יונגן זון האָט זי פאַרלאָרן אין בירגער־קריג. געבליבן איינע אַליין מיט דער שווערער פּראַצע און אין נויט. געבאָרעט זיך, און אין שטענדיגן קאַמף די אויגן געעפענט. איצט איז זי שטאָלץ מיט איר פּאַרטיי־ביכל. זי פאַרנעמט אַ שטעלע לויט אירע פייאיגקייטן אין אַ מלוכה־אַנשטאַלט...

יעדער וואָרט אירער קלינגט מיט האַרציגער אויפריכטיגקייט. האָרעפּאַשנע פּראָסט־און־פּשוט׳קייט. נאָר ווען זי דערמאָנט איר מאַן און איר יונגן זון, טוט זיך איר קלאָרע שטים מיט אַמאָל אַ בראָך איבער, און אַ שלוכץ רייסט זיך אַרויס, ווי אַן אומגעריכטער ווייכער, און טרייסלט אויף אַלע הערצער. דער גרויסער אָנגעפילטער זאַל האָט אַ ציטער געטאָן. דער פאָרזיצער הויבט אויף זיינע גלאָסענע, ווייכע אויגן אויף דער גערייניגטער, נאָר איידער ער באַוויזט צו באַרואיגן זי, שטייט זי שוין אַליין אַ שמייכלענדיגע מיט דערטרונקענע צוויי בלישטשענדיגע טרערן אין די לויטערע אויגן...

— זאָלן מיר די אַלע חברים פאַרזאַמלטע מוחל זיין מיין ווייבער־רישע שוואַכקייט...

אויף דער איינלאַדונג פון פּרעזידיום צו מעלדן זיך צום וואָרט, צי האָט ניט עמיצער אויסצוזעצן בנוגע דער־אָ חבר׳טע, טראָגט זיך דורך אַ שטראָם פון שטימען...

— נו, וואָס קען מען דאָ שלעכטס זאָגן?

— אַ וואוילער מענטש אָט די־אָ, הלואי אַ סך אַזעלכע.

— ניטאָ וואָס צו בריין. אַ מאָלאָדיעץ, אָט וואָס...

— אָפּשטימען און פאַרטיג...

ביים אָפּשטימען הויבט זיך אויף אַ וואַלד מיט הענט, און לאַנג געדויערט די בראַוואָ־פּאַטשעריי און האַרציגע באַגריסונגען, ווען די חבר׳טע פאַרלאָזט די פּלאַטפאָרמע.

מען רייניגט דעם חבר איוואַנאָוו. אַ מאַן אין די דרייסיגער. פּריציש־אינטעליגענטישער אויסזען. פאַרנעמט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אין אַ מלוכה־געשעפט. אין זיין אויפעפענען דאָס האַרץ פאַרן עולם פילט זיך, אַז ערגעץ איז אַ הינטער־טירעלע ניט אויפגע־עפנט. ער וואַרגט זיך מיט אַ וואָרט דאָ און דאָרט. ער איז נערוועז. זיינע אויגן בלאָנדזשען אום, ווי זוכנדיג עפּעס אַ סאָלידן אָנשפּאַר. קיינער שטערט אים ניט, אָבער דער פּאָדים פון זיין לעבנס־געשיכטע פּוטעט זיך. ערגעץ זיינען דאָ קניפּעלעך. איבערהויפּט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן זיין אָפּשטאַמונג און דערציאונג, פילט זיך אַ ניט־דערזאָגן, אַ ניט־קלאָרקייט.

צו דער דיסקוסיע מעלדן זיך אַ סך. עס האָגלט מיט פאַקטן און אָנווייזונגען, ווי אַזוי דער חבר איוואַנאָוו האָט זיך באַנומען אין אַזאַ און אַזאַ פאַל. גישט קאָמוניסטיש, נישט נאָענט צום האַרצן געהאַט די אָנפאַרטרויטע אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אַן אַרבעטער אין אַ פאַרשמאָלצעוועטער בלוזע, זעט אויס גלייך פון

פאַבריק זיך אַראָפּגעכאַפּט אהער, שניידט, ווי מיט אַ מעסער, אַזוי צו זאָגן:

— צו וואָסער טייוול טויג דאָס דרייען מיטן עק? מען דאַרף נעמען דעם אָקס פאַר די הערנער, אַט־וואָס... זאָל דער חבר באַווייזן, אַז מיר אַלע זאָלן פאַרשטיין זיין תוך. ווער איז ער און ווי אַזוי קומט ער צו אונז...?

די קאָמיסיע רעכנט זיך מיטן נערוועזן צושטאַנד פון דעם גע־רייניגטן. אפשר איז ער ניט ביכולת אַלץ קלאָר און דייטלעך אַרויס־צוברייננגען מיטן צונג, טאָ זאָל ער דאָס טאָן מיט דער פען... וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז דער חבר זאָל אַלץ קלאָר און געוויסנהאַפּ־טיג אָנשרייבן שוואַרץ אויף ווייס און צושטעלן צו דער קאָמיסיע פאַר אויספאָרשן... וואָס דיינקען די פאַרזאַמלטע וועגן דעם־אָ פּלאַן? צי איז מען מסכים דערויף?—אָ, יע, דאָס איז יושר'דיג. אויף דעם זיינען אַלע מסכים.

אַ חבר'טע אין נעטן אָנטון איז פּאַרטיג מיט איר ראַפּאָרט. זי איז אַ טוערין אויפן קולטורעלן געביט. האָט אַ שאַרפן צונג און ווייסט ווי צו באַנוצן זיך מיט אים. נאָר אַ שטראָם פון קריטיק און פּראַ־געס, וואָס צילעווען „ניט אויפן ברעם, נאָר אין אויג", טוט זיך אַ לאָז פון אַלע זייטן. עפּעס איז מען ניט צופרידן מיט דער־אָ חבר'טע קולטור־טוערין. זי ענטפערט אָפּ יעדן איינעם זייער געשיקט און געווינט איר פּאָזיציע. דאָס שטערט אָבער ניט דער שאַרפער באַ־מערקונג פון צווישן עולם: טאָקע אַ „באַי־באַבאַ" (אַ פרוי אַ כוואַט), נאָר אונז וועסטו ניט נאַרן... נישקשה, וועסט זיך אַרויסצייגן. מיר'ן שוין זען...

דער חבר יעקישעוו, אַ „ווידוויזשענעץ", פּילט זיך אפילו אין פּראָצעס, פון זיין רייניגונג, ווי אַ פיש אין וואַסער. אַ מאַסאָוויק דורך און דורך. אַ טייל פון דעם גאַנצן האָרעפּאַשנעם עולם, וואָס פּילט אָן דעם גרויסן זאַל. מען הערט אים אויס געשפּאַנט, נאָר ווען ער ענדיגט, ווערט ער ערשט אומברחמנות'דיג גענומען אויפן צימבל. מען רייסט פון אים פּאַסן טאָקע דערפאַר, ווייל אַ „ווידוויזשענעץ". יע, אַ גוטער קאָמוניסט, וואָס אמת, איז אמת. טאָ פאַרוואָס וואַקלע־נישן אין יענעם און יענעם פאַל...? און פאַרוואָס אַרויסגעוויזן נישט קיין קאָמוניסטישע באַציאונגען צו די און די אין זיין רשות...? צי האָט זיך ביי אים ניט אָפּט דער קאָפּ פאַרדרייט פון גדלות...?

לאַנגע שעה'ן האַלט אָן די דיסקוסיע. דער גערייניגטער ראַנגלט זיך און שלאָגט אָפּ אָנפאַלן. ער גיט אויך צו און איז מודה אויף

טעות׳ן. נאַסטיעזש עפנט ער אויף זיין האַרץ און נשמה. אדרבא, זאָלן חברים אַרויסברענגען אַלע פּרטים. פון טעות׳ן לערנט מען א סך.

עס ווערט שפּעט, און די זיצונג שליסט זיך מיט דעם, אַז די דיסקוסיע וועט מען פאַרענדיגן אויף דער מאָרגנדיגער זיצונג, און די וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן זאָלן ניט פאַרפעלן צו קומען אין צייט.

אודאי דאַרף זיין פּריקרע פאַר א זייטיגן צו זען, ווי שילער פון א פּאָליטעכניקום מעלדן זיך צום וואָרט צו קריטיקירן זייער לערער און אָנצואווייזן מיט קאָנקרעטע פאַקטן, צי איז דער־אָ לערער און דערציער זייערער ראוי צו באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי, צי ניט. און אודאי וואָלט דאָס אויסקוקן דעם זייטיגן מאָדנע משונה און ווילד, ווי אַזוי דער דאָזיגער לערער און דערציער נעמט אויף דעם ענין מיטן גאַנצן ערנסט, און פונקט ווי ער סטאַרעט זיך צו אַרויסווייזן זיך אַלס ווירדיגן פּאַרטיי־מיטגליד אין פּנים פון אַלע פאַרזאַמלטע, אַזוי סטאַרעט ער זיך נאָך מער צו ריינוואַשן זיך אין די אויגן פון זיינע שילער. דער לערער גיט אָפּ עקזאַמען פאַר די תּלמידים און פילט זיך העכסט גליק־לעך, ווען דער עקזאַמען געראָט אים אָפּ. אָדער ווען ער אַנערקענט זיין טעות און פאַרזיכערט אויף וויטער דאָס אויסצומיידן, און די שטודירנדיגע נעמען אויף זיין צוזאָג מיט גלויבן און צוטרוי,—אָ! דאָס איז זיין, דעם לערערס, בעסטער אַטעסטאַט.

און אָט איז נאָך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. אין הויז פון קאָ־מינטערן גייט אָן די פּאַרטיי־ריייניגונג. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פאַרזאַמלט מען זיך אין אונטערשטן שטאָק. דאָ געפינען זיך געשולטע איבערזעצער. יעדערער באַנוצט זיך מיט דער שפּראַך, וועלכע איז אים האַנטיגער, אויף וועלכער ער קען זיך אויסדריקן אַם קלאָרסטן און דאַרף ניט זוכן אַ וואָרט אין קעשענע. די איבערזעצער גיבן אי־בער גלייך אויפן שטעל וואָרט פאַר וואָרט, כדי די אָנוועזנדיגע זאָלן ווייסן געגוי דעם, צי יענעם ענין. די מערסטע אָנגעשטעלטע אין קאָ־מינטערן באַזיצן מסתּם מער ווי איין שפּראַך, מען איז אָבער ניט מחויב צו זיין אַ שפּראַכנקענער. קען געמאָלט זיין, אַז דער געריייניג־טער רעדט אין רוסיש, און עמיצער זאָל אים אַ פראַגע שטעלן אין ענגליש, צי אין אַנאַנדער לשון, אָבער צום פּונקט און אין קאַרב אַריין. אויף דעם זיינען די געשולטע טאָלמעטשער. די זיצונג בלייבט אומגעשטערט.

דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע רופט אַרויס אַ חבר לויטן צעטל נאָך. ס׳איז זיין ריי צו געריייניגט ווערן. אויף דער פּלאַטפאָרמע גייט אַרויף דער אַרויסגערופענער און דערציילט זיין געשיכטע. ער

איז אַ חבר מיט אַ סטאַזש פון אַ פּאָר צענדליג יאָר אין דער אַרבע־טער באַוועגונג. אַ געבוירענער דאָרט און דאָרט, דערצויגן געוואָרן אַזוי און אַזוי, איז פון אַזאַ און אַזאַ אָפּשטאַמונג. נאָך פאַר דער רע־וואָלוציע איז ער געווען געצוואונגען צו עמיגרירן אַהין און אַהין. גע־אַרבעט אין די און די פאַבריקן, באַלאַנגט צו דער און דער יוניאָן, גענומען אַנטייל אין די און די סטרייקס, וויפיל מאָל געווען אַרעס־טירט, צי אויסגעזעסן אַ טערמין אין תפיסה און אַז. וו. נאָך דער רע־וואָלוציע אומגעקערט זיך צוריק, טעטיג געווען אין די און די קאַמפּן און אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָנגעוויזן טאָג, חודש און יאָר אַזוי און אַזוי. אַ באָלשעוויק.

געקייטלט האָט זיך זיין קלאַסנבאַוואוסטזיניגע טעטיגקייט אין אויסגעהאַלטנקייט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף אין רינגען פון טעג און יאָרן, איינס אין דאָס אַנדערע ווי אַריינגעפלאָכטן, נאָר אַ פּאָר יאָר זיינען עפּעס פאַרבליבן הייגנגענדיג אין דער לופטן, און דער געריינינגטער האָט די פּאָר יאָר איבערגעהיפּערט, ווי מען שפּרייזט אַריבער איבער אַ טויטער און ניט אַנגענעמער זאַך. געענדיגט.

וואָס־זשע האָט פּאַסירט מיט דעם חבר אין די אויסגעלאָזענע פּאָר יאָר?... געווען פּאַסיוו. קיין אַנטייל ניט גענומען אין דער באַ־וועגונג, ניט צוליב יאוש, אָדער פאַרלאָרן דעם גלויבן. ניין. פּשוט געפונען זיך אין אַזאַ אַפּאַטישן צושטאַנד און געלאָזן זיך באַהערשט צו ווערן פון דעם. איז אים פּשוט אַ חרפּה און אַ שאַנד צו דערמאָ־נען פּאַר חברים...

אַזוי גאָר?—און עס גייט אַוועק אַ גאַנצער רעפעראַט, אַז אַזאַ שעמען זיך פּאַסט זיך גאָר ניט אַריין אין באָלשעוויסטישער אידעאָ־לאָגיע. פּטור ווערן באַדאַרף מען דערפון. אויסוואָרצלען מיטן קאָ־רען, אָט. עס דאַרף אָנשטיין צו אַנטפּלעקן די פעלערהאַפטע פּאַסי־וויטעט באַגלייך מיט דער פּרוכטבאַרער אַקטיוויטעט, און אויב פאַר זיך אַליין איז שוין דער ענין קלאָר אפילו, און וועט זיך שוין מער ניט איבער׳חזר׳ן, איז דאָס אָבער נויטיג פאַר אַנדערע צו לערנען פון דעם אַזוי און אַזוי. אַן אויסגעהאַלטענער פּאַרטייער טאָר זיך ניט פּיעסטען מיט אַזאַ ניט־קאָמוניסטישער, שעדלעכער שעמעוודיגקייט, און ביי אַ פּאַרטיי־ריינינגונג אַוודאי און אַוודאי...

אין קאַך פון סאָוועטישן טיגל

זונטאָג. ערשטער סעפּטעמבער, 1929. אין מאָסקווע. מיר פאַרצייכענען מיט א כיון דעם טאָג, חודש און יאָר. מיר געפינען זיך אין סאַמע קעסל־קאָך פון סאָוועטישן סאָיוז (פאַרבאַנד). דאָ האָט יעדער טאָג זיין טעמפּאָ און לעבט זיך אויס פול. יעדער היינט נעמט איבער די ירושה פון נעכטן מיטן פולן באוואוסטזיין פון די גרויסע התחייבות'ן פאַר וויטערדיגער אָנפירערשאַפט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. אזוי וועט אויך דער מאָרגן אריינגיין אין זיין ראָלע. דאָס איז אונזער ערשטער און קורצער באזוך אין מאָסקווע. מיט א צוויי מאָנאַטן שפּעטער וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף א לענגערן באַזוך. דער סאָוועטישער שמעלץ־טיגל וועט פאַר דער דאָזיגער צייט אָנגיין מיט זיין אַרבעט, און נייע אויפטועכצן וועלן זיכער שוין זיין אויסגעפורעמט.

זונטאָג, דעם 1טן סעפּטעמבער, 1929, איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע דער „סליאָט" (צוזאַמענפלי) פון דעם קאָמיוג (קאָמוניסטישע יוגנט) מיט א גרויסן וואונדער שיינעם פּאַראַד. א פּאַראַד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אן אמת'ער פאָלקס יום־טוב, א מאַסאָווער. א סאָוועטישער פּאַראַד גרויסט זיך ניט מיט רייכן פּוץ און גאָלדשימער און האָט גאָר ניט אין זינען צו אויספּיינען זיך פאַר דער וועלט, ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַנדערע לענדער, אָדער אָנצוואַרפן א מורא אויף עמיצן. א סאָוועטישער פּאַראַד צייכנט זיך אויס מיט קוואַליגער פרייד פון שאַפן און בויען און נייעם, גערעכטן אויפטו. אַזא פּאַראַד וויקלט זיך פאַנאַנדער מיטן אָנוואוקס פון פרישע מאַסן און טראָגט אין זיך דעם גראַנדיור פון ספּאָנטאַנער סטיכייאישקייט. א פּאַראַד פון דעם קאָמיונג צום שלום פון צוזאַמענפלי—אודאי און אודאי.

שטייפער, דראָטיגער זונטאָג. טאָג פון טיפן, רויטן אָטעם. קלאַפּט דאָס פולע האַרץ אויס, ווי א יונגע פויק, די ברוסטיג־געזונטע פרייד: די יוגנט גייט! די יוגנט פּאַראַדירט! און די יוגנט האָט

זיך אַ שפּרייט אויס געטאָן איבער מאָסקווער גאַסן און בולוואַרן אין די הונדערטער טויזנט. צענדליגער און הונדערטער אָרקעסטרען אין יונגטלעכן אויפברויז. די אַלט־יונגע מאָסקווע־שטאָט מיט אירע פאַב־ריקן און זאַוואָדן, דערציאונגס־אַנשטאַלטן און מוזייען, סעדער, פאַר־קען, מאָנומענטן און סקווערן; מיט די טורעם שפּיצן און קופּאָלן פון אַלטן קרעמל, און אפילו מיט די האַרטע ברוק־שטיינער האָט זיך יונג און זינגעוודיג אַזוי אַ לאָז געטאָן אויף די קאַמפּלוסטיגע כוואַ־ליעס פון אינטערנאַציאָנאַל:

— סאַלוט דער יוגנט! סאַלוט דער רויטער, יונגער גוואַרדיע!...

פאָראויס, פאָראויס צום מאָרגנשטערן,
חברים מיר אין קאַמף, אין שלאַכט!
מיט באַיאָנעטן און געווער, און
אַ וועג פאַר זיך געמאַכט...
פאָראויס אָן שרעק! און האַרטער טרעט,—
די פאָן פון יוגנט העכער, העכער! זעט,
מיר, די יונגע גוואַרדיע
פון פויער, אַרבעטסמאַן.
מיר ,די יונגע גוואַרדיע
פון פּראָלעטאַריאַט...

דער ברעג פון מאָסקווע־טייך האָט זיך אפשר דאָ אומיסטנע אַזוי־אָ אַ בויג־אויס געטאָן און אַ לאָז געטאָן זיך פון אונטן אַרויף, ווי אַ ריז־וואָלט אין אויפגעלייגטקייט איינגעבויגן זיין ריזיגן רוקן פאַר אַ מחנה יונגוואַרג: קומט, יאַטן, טוט נאָר אַ קלעטער אַרויף, לאָמיר אַ שפּיל־טאָן אין יום־טוב טאָג. סאַמע אויבן ליכטיגער, ווייסער, מוי־ער. אינמיטן—גרין־גראָזיגער שמח אַרומגערינגלט מיט הויכע סאָס־נעס. אונטן — רחבות׳דיגע טריבונע שמעקט מיט פרישן האָלץ. ציליע, קאָמסאָמאָלקע און סטודענטקע, וואָס האָלט שוין ביים פאַר־ענדיגן דעם אינזשענערן־קורס, איז זיך גאָר מחיה צו זען אירע נייע פריינט און חברים אויף דער טריבונע. זאָלן די אויסלענדישע חברים זיך אָנזאַפּן מיטן יוגנט פרייד. גוט אַזוי. וועלן זיי אַ גרוס ברייננען אהינצו אין ווייטן לאַנד פון מאָסקווער קאָמיוגיסטישן פּאַראַד אין טאָג פון „מיוד" (אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט טאָג). און פון דער טרי־בונע טוט דאָס אויג אַ שווים אומגעשטערט איבער אַ ים פון יונגע קעפּ, אַ אָקעאַן אַ גאַנצער. פייערלעכקייט רוישט און ברויזט. אויפ־לעב אויף אָקסלען, פרייד אין די הענט און געזאַנג אין טראָט. פלאַ־

טער פון רויטע פאָנען — אַ וואַלד אַ רויטער. בוימער באַזעצט מיט צושויער דערוואַקסענע. סטאַיעס זינג־פייגל אין שענסטן געזאַנג. מאַרש, מאַרש, פאָנענטרעגער, פאָראויס!—

חבר ריקאָוו באַגריסט די יוגנט אין נאָמען פון אַלפאַרבאַנדישן העכסטן סאָוועט. חבר אונשליכט—אין נאָמען פון דער רויטער אַר־מיי. דער חבר מאַטראָז רעדט אין נאָמען פון רויטן פלאָט. דער יונ־גער דייטשישער קאָמיוניסט פייערט אָפּ שטורמישע באַגריסונג גע־בראַכט פון יוגנט־פראָנט און וויקלט אויף די רויטע פאָן, די מתנה צום „סליאָט”...

— הורא! לעבן זאָל די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע יוגנט...!

„פאַרק אָטדיכא אי קולטורי” (פאַרק פון אָפּרו און קולטור). ס'איז ערשט דאָס צווייטע יאָר זינט דער דאָזיגער פראַכטפולער פאַרק איז אָפן פאַר די מאַסן. אַמאָל האָט דאָס געהייסן „ניעסקוטשני סאַד” (ניט אומעטיגער גאָרטן), געווען אַ סך קלענער אין שטח און שטענ־דיג געהאַט אונטערן סאַמע נאָז הורבעס אָפּפאַל און ברוך. אפשר איז אַמאָל דער גאָרטן געווען ניט קיין אומעטיגער צוליב הוליאַנקעס שכור'ע און שאַנסאָנעטנעם פאַרגעניגן. קיין געזונטער אָרט איז דאָ געווים ניט געווען, און קיין פּלאַץ פאַר קולטור אודאי ניט. מאָסקווער שטאָט־סאָוועט האָט דעם „ניעסקוטשני סאַד” אָפּגערייניגט פון שמוץ אויסערלעך און אינערלעך, פאַרגרעסערט דעם שטח און אָט איז אַ פאַרק פאַר אָפּרו און קולטור פאַרן האָרעוואַניק. ברייטע אַלייען, בלו־מען־בייטן, לאָנקעס, שפּריץ־פאָנטאַנען, רעסטאָראַנען פאַר מאַלצייטן און טיי־שטיבער פאַר לייכטע צובייסנס. קלובן און לייען־זאַלן. אַ באַזונדער זאַל פאַר ערנסטערע לייענער, וואָס פאָדערן שטילקייט. פאַרן יונגוואַרג אַ שטאָט אַ באַזונדערע אויסגעבויט; שפּיל, טענץ, ספּאָרט און טעאַטער און באַזונדערע קינדער־קלובן. פון די הויכע וועראַנדעס איז גוט אַראָפּצוקוקן אויף די מחנות שפּאַצירער, אויף דער שטאָט־פּאַנאָראַמע און אויף די שיפן און לאָדקעס, וואָס טראָגן זיך אום אויף און אָפּ איבערן טייך אונטער טאַנצנדיגע טענער פון אַ האַרמאָשקע, צי באַגלייט פון געזאַנג און געלעכטער. און נאָכן פּאַראַד האָט זיך דער קאָמיוג אַ שיט געטאָן איבערן גרענעצלאָזן פאַרק און דורכגעפירט מאַנעווערס עכט־מיליטעריש און אוועקגעמאַרשירט, האַלטנדיג הויך דעם לאָזונג „מירן באַשיצן דעם אַרבעטערס פאָטער־לאַנד פון שונא, וואָס לויערט אויף אים”...

צווייטער טאָג. מיר גייען פון קרעמל. אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן און גאַסן, געטאַפּט מיט די פיס פינצטערע דורכגאַנגען אין אַל־

טע קלויסטערס און טעמפּלען, אויסגנגעווען אין די געווער־מוזייען און די שאַצקאַמערן פון די געוועזענע צאַרן און הערשער, וואָס בלענדען מיט זעלטענע כּלים, שניצערייען, קרוינען און סתם אוצרות. באַטראַכט אפילו די „שאַפּקאַ מאָנאָמאַכאַ" (מאָנאָמאַכ'ס היטל), דעם טורעם „איוואַן וועליקי" (דער גרויסער איוואַן), די צאַר־פּושקאַ און „צאַר קאָלאָקאָל" (צאַר הארמאַט און צאַר גלאָק). אין זכרון פּלאָנטערן זיך זכרונות פון פריעסטער יוגנט. מאָסקווע די זיבנבערגלדיגע. דער קרעמל, דער נעסט פון די זעלבסטהערשער, וואָס האָבן אַזוי ברוטאַל און אויסגעלאַסן געשאַלטעוועט און געוואַלטעוועט איבער דער ברייט־צעוואָרפענער רוסישער אימפּעריע. ווען איז דאָס געווען?— דאָך אָט ערשט־אָ, און היינט...! מער וועלן זיך קיין צאַרן ניט קרוינען אין קרעמלס טעמפּל. אין קרעמלס פעסטונג זיצט פעסט און זיכער דער העכסטער מלוכה־ראַט פון די אַלפאַרבאַנדישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, און דער גאַנצער גראַנדיעזער און גוואַלדאַווענער קרעמל איז איין גרויס־גרויסער פאָלקס־מוזיי.

ניט ווייט פון דעם „וואָקס" (אַלפאַרבאַנדישע געזעלשאַפט פאַר קולטורעלע באַציאונגען מיט אויסלאַנד) קומט אונז אָן אַנטקעגן מר. עף־א . . . גוט. דערפרייט זיך. מען קען זי. איז אויסגעצייכנט. מר. עף־א איז קאָרעספּאָנדענט פון דער ענגלישער „דעילי ניוס" אין דעטראָיט, באַווייזט ער איצט סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די אינטערעסן פון זיין צייטונג. זייער שיין. וואָס־זשע איז ער אויפגערעגט?— נו, אויפגערעגט איז ער ניט אומזיסט. ביי די באָלשעוויקעס איז קיין טאָלק ניטאָ און קיין פּינקטלעכקייט אודאי און אודאי נישט. אָט האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן באַאַמטן אין „וואָקס" צו באַגעגענען זיך אויף דער און דער שעה אינדערפרי און יענער איז ניט געקומען צו דער באַשטימטער צייט. איז איינמאָל אוועק. נומער 2 איז נאָך ערגער. א מעשה מיט פילמען פאַר זיין קאָרעספּאָנדענטן קאַמערע. געראַטן האָט מען א סאָרט, וואָס טויג לחלוטין ניט, און די וואָס וואָלטען יע געטויגט איז ניט צו באַקומען אין מאָסקווער קאָאָפּעראַטיוון. א שיינער בוי פון סאָציאַליזם... מילא, מוז מען דאָס באַציען פון אויסלאַנד. אויך פאַרפאַלן. האָט מען שוין די באַשטעלונג געמאַכט, שוין דעפּעשירט אויך איין מאָל, צי צוויי מאָל, און גאָרניט... זיץ און וואַרט אויף פילמען... ווי לאַנג שוין אין מאָסקווע?—ס'צווייטע וואָך אודאי... אַזוי? שוין אַלץ?... ניין. פאַראַן נאָך נומער 3. מיסטער עף־א האָט שוין ניט געהערט פון זיין פרוי א היבשע צייט און ווייס ניט, וואָס איבערצוקלערן. זיין פרוי געפינט זיך ערגעץ אין אייראָפּע. מיסטער עף־א איז זייער א ליבעראַלער מענטש מיט א ווייטער

השגה, האָט א ברייטן קוק אויפן לעבן, האַסט צו פאַרטשעפען א פליג אויפן וואַנט, נאָר ווען מען היינגט אויף סטאַלינען, וואָלט אים געוואָרען ליכטיג אין די אויגן... ער וואָלט אפילו געגעבן זיין הסכמה אויפן קאָמוניזם... אָט.

אויף טווערסקאַיאַ. פון הינטער אונזערע פלייצעס רוקט זיך פּלוצלונג אַריין אַ קאָפּ צווישן אונזערע און באַגריסט אונז אין ענגליש: „האו־דו־יו־דו...?״ (וואָס מאַכט מען גוטס). אָט א שמחה, חבר ג. וואו געפינען זיך די חברים און פריינט? — דער איז אויף אורלויב. אַ צווייטער איז אַזוי ניטאָ אין דער היים. הכלל אַזוי און אַזוי, דערפאַר ווערן מיר צום קומענדיגן מאָרגן אַזוי אנגענעם איבערראַשט, ווען די חברים און פריינט מענדל און אַסתר ד. קלאַפּן אָן צו אונז אין האָטעל צימער. ביידע זיינען פאַרנומענע מענטשן. דער חבר ד. טראָגט אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין דער טעקסטיל אינדוסטריע. ער קען זיך ניט דערלויבן צופיל צו פאַרברענגען זיין צייט אויף שמועסן, כאָטש ער איז זייער גערן אַ לופטער צו טאָן עראינערונגען מיט נאָענטע חברים און גוטע געסט. ער אַליין קען ניט מיטגיין. ניטאָ קיין צייט איז ערשטנס, און צווייטנס, זאָלן בעסער די באַזוכער ניט זיין אונטער קיינעמס איינפלוס. ס׳איז בעסער אַזוי.

די פאַבריקן „קאַלינין״, „פרונזע״ און „קראַסנאָכאָלמסק״ געפינען זיך ניט איינע לעבן די אַנדערע, נאָר זיי שטעלן צוזאַמען א קייט אין דער טעקסטיל פראָדוקציע. פון איין זייט קומט אַריין דער רויער שטאָף און פון דער אַנדערער זייט קומט אַרויס פאַרטיגע מאַטעריע גרייט צום געברויך. געפינען זיך שוין דאָ וועבערייען פון מאָדערנסטען שניט. מעכאַניזירטע וועב־געשטעלן, 10—12 אין צאָל, אַרבעטן אונטער דער השגחה פון איין אַרבעטער. קאָרפּוסן נייע מיט די בעסטע היגיענישע איינריכטונגען, און אַלטע געביידן אָנגעפּאַקטע מיט מאַשינען און שמאָלינקע דורכגאַנגען. אַזוי אויך די פאַרבערייען. מען באַנוצט נאָך די אַלטע דערפאַר, ווייל מען האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצובויען אַזוי פיל נייע, וויפיל מען דאַרף. מען פאַרענדיגט ערשט דעם ערשטן יאָר פון דער „פיאַטילעטקע״, און אויפגעטאָן האָט מען שוין דוקא אַ היבש ביסל פאַר דער קורצער צייט, וואָרים צוזאַמען מיטן פאַנאַנדערוויקלען די אינדוסטריען פאָדערן זיך א סך, זייער א סך ביי־זאַכן. אָט אַרבעטער־וואוינונגען. בויען זיך שטעט גאַנצע פאַר דער אַרבעטער־באַפעלקערונג, פונדעסטוועגן קען מען נאָך ניט די אַלטע דירות ליקווידירן, ווייל ס׳איז נאָך גרויס דער מאַנגל אין דירות.

האָט יעדע פאַבריק איר „יאַסלי”, איר קלוב און טעאַטער, איר ביבליאָטעק און מעדיצינישע סטאַנציע און אַלע אַנדערע אַטריבוטן פאַרן אַרבעטערס פיזישן און קולטורעלן וואוילזיין. זיינען נאָך פאַראַן געגנוג אָפּגעשטאַנענע, וואָס באַגרייפן נאָך ניט געגנוי דעם גרויסן מהות פונם סאָציאַלן איבערבוי. זיינען דאָ פּשוט׳ע פּוילּיאַקעס און באַוואוסטזיניגע שעדיגער, שונאים פון דער רעוואָלוציע. וואָרטשען די אומצופרידענע פאַרוואָס מען דערלאַנגט זיי ניט פון אַלעם גרייטן אָט שוין, באַלד אויפן שטעל. שטייט מייסטער פּראָלעטאַריאַט אין האָרעפּאַשנעם אָנטון, קאָלנער צעשפּילעט, ברוסט צעבראַסטעט, אַרבל פאַרקאַשערט ביז איבער די עלנבויגן און טאָגט און נעכטיגט ביים סאָוועטישן שמעלץ־טיגל, שמעלצט און פורעמט נייעם שטייגער אויף אַלע געביטן. האַלט די פּראָלעטאַרסקע האַנט פעסט אין איר דלאָניע אַלע פעדים פון דעם גרעסטן און שענסטן וועלט־געוועב.

קאָך, קאָך, סאָוועטישער טיגל. וואָס אַ טאָג מערער, אַלץ ווייניגער פּסולת. מיט יעדער שעה נענטער צום אויפשטייג און קולטורעלער דערהויבונג. דאָס אַלטע אַטראָפּירט און איינגעשרומפּען. דאָס נייע לעבט, וואַקסט און געדייעט.

סוף אָקטיאַבר און אָנהויב נאָיאַבר, 1929. צוריק אין מאָסקווע די פייערונג פון 12 יאָר אָקטיאַבר־רעוואָלוציע איז שוין אויפן נאָז. אין „אינטוריסט” (געזעלשאַפט צו באַדינען טוריסטן פון אַלע לענדער) איז פריילעך. רוסיש, ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און נאָך שפּראַכן דרייען זיך אַרום אין קאַראַהאָד איבער זאַלן און קאָרידאָרן, פאַרטשעפּען זיך אָן שרייב־טישן, ספּאָטיקען זיך אָן ביינקלעך, שפּאַרען זיך צו אויף קושעטקעס, פאַלן אַריין איינס ס׳אַנדערע אי די רייד און בלייבן די זעלביגע גוטע פריינט, ווי פריער. אינטערנאַציאָנאַל.

איינער, אַ שוואַרץ־הויטיגער, ווי אַ נעגער, נאָר געזיכטציגן און האָר פון אַן אַריער, פרעגט זיך נאָך ביי אן אָנגעשטעלטן, וואו צו קריגען אַזאַ און אַזאַ שייבל פאַר זיין קאַמערע. דער געשפּרעך גייט אין ענגליש. קומט ער ניט פון אַמעריקע...? יע, געוועזן יאָרן דאָרט. געאַרבעט ביי פאָרדן, אויסגעריסן געוואָרן אין דער זוניגער קאַליפאָרניע, פאַרשוואַרצט געוואָרן לויט אַלע דינים פון עקספּלואַטאַציע אין דער פרייער מדינה. געקומען אַהער אויף אייגענער אחריות צו דערלערנען לופט־פּליערײַ. אַליין איז ער געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין זיין היימלאַנד, אין אינדיע. אין אַמעריקע איז ער געפאָרן צו דערגאַנצן זיין בילדונג און צו דערלערנען זיין פאַך. אַ מע־

כאַניקער איז ער אַ גוטער און אַ טיכטיגער. דאָס יע. נו, ס'האָט אים לעצטנס געצויגן, פּשוט ווי מיט צוואַנגען, צו קומען אַהער אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, וואו הויט־קאָליר און ראַסע שפּילן קיין ראָלע ניט און וואו דער אַרבעטער איז אַליין אויף זיך באַלעבאָס און האַר. אמת, ער האָט זיך אָנגעליטן, ביז ער איז אַהער געקומען און די ער־שטע צייט נאָכן אָנקומען; אָן אַ שפּראַך און מיט קאַרגע מיטלען. מיט וואָס צו פאָרן צוריק איז סיי ווי ניט געווען. באַשלאָסן ביי זיך בעסער דאָ צו שטאַרבן, איידער צוריק גיין. איצטער?—איצטער איז ער אַ סאָוועטישער אַרבעטער. אַרבעט אויף דעם און דעם זאַוואָד, און אָט איז זיין יוניאָן־ביכל... זיין ברייטער שמייכל מיט די צעגלאַנצ־טע אויגן דערריידן שוין פאַר אים דאָס איבעריגע. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי זשע קומט ער אין אינטוריסט אין אַ וואָכעדיגן טאָג? האָט זיך זיין זאַוואָד אָפּגעשטעלט?... צעלאַכט ער זיך אַפריער ווייסציי־נערדיג אַזוי, נאָר באַלד ווערט זיין פּנים טויט־ערנסט, און ער ענט־פערט מיט אַ ציטער אין קול, ווי עמיצער וואָלט אים בלוטיג באַליי־דיגט:

— אָפּגעשטעלט גאָר... איר מאַכט חוזק, צי וואָס? די אַרבעט איז אין פולן יאָג. דאָס בין איך גאָר קראַנק געוואָרן. פאַרקילט זיך מסתמא. נו, האָט דער דאָקטאָר באַפוילן זיך לייגן אין בעט און אויסרוען זיך. היינט געפילט זיך שוין גוט, שוין גרייט געווען זיך שטעלן צום וואַרשטאַט. זאָגט דער דאָקטאָר: ניין. סט'קומען מאָרגן. רו נאָך אַ טאָג. נוץ איך דאָס אויס פאַר איינינע קליינינקייטן. אָט האָט איר די גאַנצע געשיכטע „אין שאָלעכץ פון אַ נוס"...

ער שווייגט אָפּ אַ ווײַלע און גיט צו מיט אַ טריאומף:

— און אָט זעט אַליין דעם חילוק. איך בין קראַנק געוואָרן, טו קיין אַרבעט ניט, רו זיך נאָך אויס אַן איבעריג טאָג און קריג פולן באַצאָלט פאַר דער גאַנצער צייט. אָט דאָס הייסט געזאָרגט פאַרן אַר־בעטער. וואַרט איך שוין אומגעדולדיג אויף מאָרגן. די אַרבעט רופט און וואַרט. נויטיג איז די אַרבעט און געשמאַק איז אַזאַ אַרבעט, גלויבט מיר.

אין שמאָלן פאַרקל לייגנג אויס דעם קרעמל־וואַנט שטייט איינער אויף אַ לייטערל אָנגעשפּאַרט אויף אַ בוים און ברענט עפּעס אויס מיט אַ גאַזאָלין־שטורקאַץ. ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. אַ סקולפּטאָר און אַ שניצער, דערצויגן אין אַ סאָוועטישער קונסט־אַקאַדעמיע. גע־וואונען געוויסע אנערקענונג. פאַר איינינע אויסצייכענונגען שוין אויך באַקומען אַ מתנה פון אָרטיגן פּראָלעטאַריאַט. איצט, ערב די גרויסע אָקטיאַבער־פייערונגען שאַפט ער אַ מתנה פאַרן פּראָלעטאַריאַט. נוצט

ער אױס אָט דעם־אָ מאָדנעם קנופּ פון בױם און שניצט קונציג אױס אױף אים אַן עפּיזאָד פון די רעװאָלוציאָנערע טעג. מיטן געזאָלין־שטורקאָץ סמאָליעט ער אַרום די רױע ברעגן פון געשניץ. זײן פּנים לױכט פון פרײד, װען אַ האַרעפּאַשניק, גײענדיג צו דער אַרבעט אָדער פון דער אַרבעט, שטעלט זיך אָפּ אױף אַ מינוטקעלע, באַטראַכט דאָס שניצערײ און גיט זײן הסכמה אױף דער געלונגענער אַרבעט.

אױפן רױטן סקװער גײען אָן די הכנות צום גרױסן יום־טוב. אַ שטיק פונם סקװער איז אָפּגעצאַמט און פאַרמאַכט. אינעװײניג בױט מען איבער לענינס מאַװזאָלײ. געזאָלט פאַרטיג װערן צום 7טן נאָ־װעמבער, צום פײער־טאָג פון 12־יאָר אָקטיאַבער, איז אָבער ניט אַרױסגעקומען. פאַר'נומען געװען מיט בילכערע אַרבעט. און חבר לע־נין װעט קײן פאַראיבל ניט האָבן. אינדוסטריאַליזאַציע איז װיכטי־גער. אינדערהױך איבערן סקװער און איבער קרעמלשע שפּיצן רױשן מאָטאָרן אין דער לופטן. גאַנצע סטאַיעס שטאָלענע פײגל פּרובירן זײערע כחות אױס. אין אָװנט ערב דעם 7טן װילט זיך זײן אי אין פּראַכטפולן קאָלאָנען זאַל, אי אין גרױסן טעאַטער. אין גרױסן טעאַ־טער האַלט אָפּ דער מאָסקװער שטאָט־ראַט זײן יום־טוב'דיגע זיצונג. די ריזיגע בינע איז דעקאָרירט אין רױטן. רױט־אַרמײער אױף דער ערן־װאַך. דעלעגאַציעס פון די װײטסטע װינקעלעך פונם סאָװעטן־פאַרבאַנד אין זײערע הײמישע קאָסטיומען, אַ געפּעקט פון קאָלירן. דעלעגאַציעס פון אַנדערע לענדער, און אָט קומט אַרױף די אַמערי־קאַנער אַרבעטער דעלעגאַציע. עס רעדט דער אַלפאַרבאַנדישער „סטאַ־ראָסטע", חבר קאַלינין. די פּראָזשעקטאָרן אַרבעטן מעשים, קריכן דעם סטאַראָסטע אין די אױגן. בײזערט ער זיך אָן גוטמוטיג און יאָגט זײ פון זיך, װי אַ גוטער זײדע טרײבט פון זיך זײנע ליבע אײניקלעך, די שטיפערישע יאַטלעך, װאָס לאָזן דעם זײדן ניט רײדן.

באַגריסונגען. בײם אױפטריט פון דײטשן קאָמיוג שפּרינגט אַזש אױף פון פרײד דער אַלטער קאַלינין און שעפּט נחת הױפנװײז. סטאַלין קומט ערשט אָן, װען די פאַרװײלונגס־פּראָגראַם איז אין גאַנג. ער שלײכט זיך אַרײן אין לאָזשע און זעצט זיך אַװעק הינטער קאַ־לינינען. ער װערט אָבער באַמערקט, און ס'ברעכט אױס אַ ספּאָנטאַנע שטורמישע אָװאַציע. סטאַלין מאַכט זיך ניט װיסנדיג און האַלט אָן זײן הינטערגרונט פּאָזיציע. די אָװאַציע צעװאַקסט זיך. דאָ מישט זיך שױן אַרײן דער סטאַראָסטע קאַלינין, שטורכעט אָן מיטן עלנבױגן דעם עקשן סטאַלין און שטופּט אים מיט גװאַלד אַרױס צום פאָדער־גרונט. דער חבר סטאַלין האַלט ניט קײן רעדעס. ער באַגריסט נאָר מיט די אױגן און צוריק צו זײן װינקל.

די ליוסטרעס אין קאָלאָנען־זאַל שפּאַרן זייער ליכטיגקייט צווישן קעפּ און פּלייצעס פון אַזאַ געדיכטער מאַסע, אַזש ווי פון איין שטיק געגאָסן. און וואָס טוט זיך אין די אַנדערע טעאַטערס, קלובן, זאַלן דאָ אין מאָסקווע און אין אַנדערע סאָוועטישע גרעסערע און קלענערע צענטערן, און אין ווייטע שטעט און דערפער, און אין פאַרוואָרפענע ווינקלען פונם ריזיג־גרויסן סאָוועטן־לאַנד...? אומעטום אַזוי, אומעטום... און מאָרגן — — —

דער פּאַראַד פון 7טן נאָוועמבער, אין פּייער־טאָג פון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע, אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע באַדאַרף מען אַליין מיט די אייגענע אויגן זען און ניט פאַרלאָזן זיך אויף יענעמס באַשרייבונגען. די שיינע עטלעכע שעה פון מיליטערישן פּאַראַד פליען אַוועק אומבאַמערקט. די אויגן לאָזן זיך אַוועק אין אַ ווילדן טאַנץ פון איין מיליטער אָפּטיילונג צום צווייטן, כאַפּן אַ שווים איבער אַ ים פון רויטע פאָנען, פאַרפּלאָנטערן זיך צווישן צענדליגער אָרקעסטערס, רייסן זיך אַרויס און ווערן פאַרפאַלן אין אָקעאַנען מונטערע, יונגע, געזונטע פּנים'ער; שפּרינגען אַוועק מיט די רעגימענטן פוסגייער, רייטער, מאָטאָרציקליסטן, וועליסאָפּעדיסטן, און טוז נאָך די קאַנאָנען לייכטע און שווערע, און טאַנקעס גרויסע און קליינע, אַרטילעריע, קאַוואַלעריע, און ברייט געעפנטע הוידען זיך די אויגן און וויגן זיך אויף די אויסגעשפּרייטע הורא געשרייען און סאַלוט־געברום.

די פּאָרשטייער פון אויסלענדישע מלוכות סאַלוטירן די סאָוועטישע רויטע פאָן. מען האַסט די סאָוועטן, אָבער דער פּראָלעטאַרישער רויטער און אויסגעצייכנט־אויסגעמושטירטער פויסט וועקט דרך־ארץ, אַפּנים אַזוי...

און ערשט דערנאָך, ווען דער מיליטערישער צוג איז פאַרטיג, עפנט זיך אויף דער גום פון פאָלקס־מאַרש אויף אַלע שליוזן. מיליאָניגע מאַסע אין געשלאָסענע רייען דעמאָנסטרירט לויט זאַוואָדן, פאַבריקן און צעכן. אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און קלובן. פּלאַקאַטן, שלאָג־ווערטער און לאָזונגען. פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג. טראָגן טאַטעס זייערע פּיצלעך קינדער הויך אויף די אַקסלען, פרייען זיך צוזאַמען און הערן זיך צו צו די הויך־ריידער אַרום, וואָס ברענגען די ווערטער פון ווייטע רעדנער און לייגן זיי קלאָרע אַריין אין די סאַמע הערצער. און דער פּאַראַד ווערט ניט מיד, פלייצט דעם גאַנצן טאָג און שפּרייט זיך מיט געזאַנג איבער גאַסן און געסלעך, איבער מערק און סקווערן ביז ער פאַלט אַריין אין דער אילומינירטער נאַכט אַריין און צעהוליעט זיך אויפסניי.

אַזאַ פּאַראַד באַדאַרף מען זען מיט די אייגענע אויגן, און האָט

מען אַזאַ פּאַראַד געזען, וועט ער שוין אויף אײביג אין זכרון פאַר־בלײבן.

:: :: ::

סאָפיע און סטיוו גײען אום איבער מאָסקווע און גאַפן. אַלײן זײנען זײ געבוירענע אַמעריקאַנער. זײ וואױנען אין פּאַריז, וואו זײ גיבן זיך אָפּ מיט קונסט, איבערהויפּט מיט מאַלערײ. דאָס איז זײער פאַך. בײדע יונגע מענטשן, גוט־דערצויגענע, באַלעזענע, מיט ברײ־טער וועלט־אָנשויאונג, אויסגעהאָדעוועט אויף בורזשואַזער קולטור, זײנען זײ שוין אַלע לענדער אײראָפּײאישע אויסגעווען, אַלע קונסט־ווינקלען באַזוכט. האָט מען זיך אָראָפּגעכאַפּט אין מאָסקווע. באָל־שעוויסטישע רעוואָלוציע האָט די גאַנצע וועלט אויפגעטרײסלט און האַלט זי געשפּאַנט כסדר, באַדאַרף מען זיך דערקונדיגן, וואָס איז דאָס אַזוינס. גײט מען אום און מען גאַפּט. איז מען צופרידן, וואָס מען איז אַהער געקומען. ס'האָט זיך געלוינט. אָ, מען וועט שוין אויפנעמען אַ לענגערע נסיעה איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען לערנט זיך די רוסישע שפּראַך. נישט כדאי צו זײן אָפּהענגיג פון איבערזע־צער און טאָלמעטשער. דערווײלע האָט מען שוין באַזוכט קונסט־גאַ־לערײען, טעאַטערס, קינאָס און מען איז זײער אַנטציקט. דער איי־שער קאַמער טעאַטער איז דאָך גאָר אַן אַנטיק. מעיערכאָלד'ס אײנ־פאַלן און אויסשטאַטונג זײנען זעלטענע קונסט־שטיקער. די קינאָס, אָפּערעס, באַלעט און דראַמעס... ס'איז דאָך אַלץ אויסגעצײכנט. הײנט דאָס שפּילן, די דעקאָראַציעס און די קײנע דעקאָראַציעס, דורכאויס אַ נײער צוגאַנג, אויסטערלישער שטײגער און מיט אַזאַ פּאַרנעם, ניט סתם אַ פּוצערײ אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײן, נאָר מיט אַ מײן, אַ טיפן און אַ ברײטן אַזאַ־אָ... און ס'איז קונסט. אָ, יע. דאָס איז אַ פאַקט.

טאָ ווי־זשע באַדאַרף מען דאָס פאַרשטײן? הא? — נאָך אַמאָל. לאָמיר זיך אָקאָרשט פאַנאַנדערקלײבן אין דעם ענין. ס'איז דאָך קונסט, און קונסט איז דאָך עפּעס אַזאַ מין שאַפונג, וואָס שטײט, אָדער שוועבט אויף פליטערלעך מחוץ פון וואָכעדיגער אַלטעגלעכקײט. רײנע קונסט... אַ פּאָליטיש, אויסערהאַלב עקאָנאָמיקע און אַז. וו. אַזוי האָט מען געלערנט. אַזוי געווען אײנגעגלויבט. לסוף — זע נאָר, וואָס די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט דאָ אָפּגעשפּילט אַ חתונ'קע; גענומען אָט־די־אָ אײדעלע קונסט מאַטעריע און אַרײנגעוועבט אין קאַמף פון קלאַסן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. קומט גאָר אויס, אַז דאָס מלאכ'ל קונסט איז גאָר אַ פּשוט'ע דינסט, באַגלײך מיט דער וויסנ־שאַפט. ס'געווענדט זיך בלויז, בײ וועמען דאָס דינט, בײ דער בור־

זשואזיע, אדער ביים פראלעטאריאט... ווער עס איז באלעבאס איבער דעם לעבן, דער נוצט אויס די קונסט און איבט אויס איר איינפלוס אויף וועמען מען באדארף. הייסט דאס קונסט איז פראפאגאנדע...

די צוויי יונגע קינסטלער, וועלכע זיינען געבוירן און דערצויגן געווארן אין דער גאלדענער אמעריקע און האבן כסדר געשטודירט די קינסטלערישע אייראפע מיט אלע קנייטשעלעך, און צאצקען זיך כסדר מיט קונסט און האלטן דאס איינגעוויקלט אין שניי־ווייסער וואטע, ס'זאל אויף דעם חלילה קיין שפרינקעלע ניט פאלן,—גייען אום איבער מאסקווע, ווי אין א הינערפלעט. אליין ניט ווּיסנדיג, פורעמען זיי זיך אויך צו ביסלעך איבער אין קאך פון פאליטישן טיגל. איז שוין קיין וואונדער ניט, אז דער 5־יאר פלאן, אט דאס מגושמ'דיגע איילעניש פון דעריאגן און איבעריאגן די אנטוויקלטע לענדער, אינדוסטריאליזאציע, מעכאניזאציע, פארדיזאציע און אז. וו., איז שוין קיין וואונדער ניט, אז דאס אלץ ווערט פאר די יונגע קינסטלער פון ריינער קונסט א זייער אינטערעסאנטער ענין. באדארף מען דאס דערלערנען מער גרינטלעך, ווארים—דוכט זיך—דאס האט אויך א שטיקל קרובה'שאפט מיט קונסט...

מענדל ד. איז ארויסגעקראכן מיט אלע פיר אין זיין זכרון און האט אויסגענישטערט יעדן פארבארגענעם צעל אין זיין מח, כדי ארויסצוקריגן דאס גאנצע ביסל ענגליש, וואס האט זיך דארט ערגעץ פארוואלגערט. זיין חבר'טע אסתר זיצט דערביי מיט אן אנגעשטריינגט קנייטשעלע צווישן די שווארצע ברעמען און איז גרייט אים ארויסצוהעלפן אין פאל פון נויט. זייער טאכטער, די 17־יאריגע מאיא, פארשטייט אפילו א ווארט ניט אין ענגליש, פונדעסטוועגן איז זי אינגאנצן „געהער און אויפמערקזאמקייט”. עס גייט איר ממש אין לעבן, אז די „אמעריקאנער פראנצויזן” זאלן באנעמען דעם גרויסן מהות פון 5־יאר פלאן אויף אלע געביטן. די 17־יאריגע מאיא האט זיך צוגעבונדן צו סאפיען און צו סטיוון, האט זיי אפילו ליב באקומען פאר זייער אפנקייט און אויפריכטיגער באנעמונג. דער טאטע אירער, אן אקטיווער, ענערגישער טוער, שטענדיג א פארנומענער, עסט ניט אין צייט און שלאפט זיך ניט אויס געווג, איז כמעט אליין א גאסט ביי זיך אין דער היים. איצט אבער איז מאיא זיכער, אז דער טאטע וועט דעם דאזיגן ענין „פיאטילעטקע” ניט איבערלאזן ניט פארענדיגט. זיצט מאיא אין ענגן קרייז פון עלטערע חברים און די געסט און הערט זיך אנגעשטריינגט צו צום שמועס, וואס איר טאטע פירט מיט די אמעריקאנער פראנצויזן אויף א שפראך, וואס איז איר, מאיען, אינגאנצן פרעמד.

דער 5־יאָר פּלאַן איז אַ לעבעדיגער אַקט. אַ זאַך, וואָס לעבט, איז געניויגט צו ענדערונגען און צו אַנטוויקלונג לויט אומשטענדן. אַ לעבעדיגער אַקט וואַקסט און אַנטוויקלט זיך בעסער און געזינטער אויף דער פריי. אויף גאַסן, מערק, סקווערן, אין פּלעצער, וואו די אַרבעטער מאַסן פאַרזאַמלען זיך, באַוועגט זיך דער 5־יאָר פּלאַן אויף מאַפּעס, בייטאָג און ביינאַכט, אונטער זונליכט און ביים שיין פון עלעקטרישע לאָמפּן: אַזויפיל און אַזויפיל אָפּגעטאָן נעכטן, דאָס און דאָס ווערט געטאָן היינט און אַזוי און אַזוי געפּלאַנעוועט אויף מאָרגן. יעדער נויג דייטלעך אָנגעוויזן. יעדער שטריך און בויג פּינקטלעך פאַרצייכנט. שטעל זיך אָפּ און לייען, טראַכט זיך אַריין און גיב צו, אַז דו האָסט עפּעס צו צוגעבן, פאַר אָדער געגן.

— דער 5־יאָר פּלאַן, דער ערשטער, איז אונזער גרונט־שטיין פאַרן סאָציאַליסטישן אויפבוי. דערנאָך וועט גיין דער צווייטער 5־יאָר פּלאַן, דער דריטער. דערווייל האַלט מען ביים אָנהויב, ביים לייגן דעם פונדאַמענט. גרויס פאַרזיכטיגקייט און גרויסער אָנשטריינג. יעדער טראָט ווערט נאָכגעקוקט פון אַ שטאַרקן שונא, וואָס רינגלט אַרום פון אויסווייניג. אינעווייניג אַ סך אָפּגעשטאַנענקייט און ניט ווייניג שונאים—שעדיגער. אָן דער שווערער און לייכטע אינדוסטריען קען מען זיך פון אָרט ניט אַ ריר טאָן. מוז מען דאָס ברייגגען צו געהעריגער הויך, צו דער נויטיגסטער שטופּע. האַנט אין האַנט מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע מוז גיין דער ווירטשאַפטלעכער איבערבוי. קאָלעקטיוויזאַציע פון פּויער אין דאָרף. מיר גייען איצט ערשט־אָ אַריין אין צווייטן יאָר פון אונזער ערשטן 5־יאָר פּלאַן. דער ערשטער יאָר האָט שוין אין אַ היבשער מאָס אַריבערגעשטיגן דאָס אָנגעצייכנטע. דער צווייטער יאָר וועט נאָך ווייטער אַ שפּאַן טאָן. 40 פּראָצענט פון די תבואות פון גאַנצן פאַרבאַנד וועט זיין אין אונזער האַנט. דאָס איז לכל־הפּחות. וועט דאָס אונז געבן די אויבערהאַנט אויף דעם וויכטיגן געביט.

צוזאַמען מיט דאָס אַלץ טאָר בשום אופן ניט פאַרנאַכלעסיגט ווערן דער קולטורעלער געביט. אָנגעהויבן פון אלף־בית, זיך געלערנט שרייבן, לייענען. דאַרף מען אַכטונג געבן, וואָס צו לייענען. דאַרף מען האָדעווען אַ נייעם דור, וואָס זאָל בעסער אויסטויגן צום נייעם לעבנס־באַגריף. מוז מען איינוועגס אויפקלערן די עלטערע, עפּענען זיי די אויגן אויף אַלץ און די פינצטערניש ליגט אַזוי איינגעוואָקסן און איינגעוואָרצלט, אַז אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן. קאָלאָסאַלע אַרבעט. קאָלאָסאַלער פאַרנעם. און דאָ וואַקסן דיר אויס נייע און נייע פּראָבלעמען. איינס געקייטלט אין צווייטן. ניט אָפּצוטיילן, ניט אויסצומיי־

דען. נייע פאַבריקן און זאַוואָדן, נייע מאַשינען און נייע אַרבעטערשטעט, קלובן און קולטור־הייזער פאַרן האָרעפּאַשניק. אָט נאָר־וואָס פאַרענדיגט אין מאָסקווע דעם פּלאַנעטאַריום. איז דאָך דאָס אַ טייערזעלטן פאַרווײַלונגס־פּלאַץ פאַרן האָרעוואַניק. לערנט דאָרט דער אַרבעטער, מאַן צי פרוי, מערער אין איין אָוונט, ווי פון רעדעס און דרשות אין משך פון וואָכן. זעט ער פּנים אל פּנים, ווי ערד, לבנה, זון און שטערן באַוועגן זיך. אנטפּלעקן זיך פאַר אים די נאַטור־געזעצן אין זייער גאַנצער פּשטות, און פון זיינע אויגן פאַלט אַראָפּ דער אָבערגלויבערישער צודעק פון דורות און דורות. אָבער אויסצובויען אַזאַ ריזיגע געביידע מיט אַלע מאַשינען און מכשירים נעמט צו אַ שלל מיט מיטלען, אַ סך ענערגיע.

און וויפיל נאָך זאַכן אַריינגענומען אין 5־יאָר פּלאַן...! אויסגעפּלאַנירטע פון פריער און נייע צוגעקומענע, אָט. און אַז דער ערשטער יאָר איז אַוועק און איבערגעלאָזן פרוכטבאַרע רעזולטאַטן, איז טוט דיר אַ וואַקס אויס די באַגייסטערונג: דער 5 יאָר זאָל אין 4 געשען! ניט קיין שטיפערישער קאַפּריז איז דאָס. דאָס איז אַ נויטווענדיגקייט... נו, יע. אָט אַזוי איז דאָס. „פּלאַנעטאַרי” און „טורקסיב”. (טורקעסטאַן־סיביר באַן־ליניע).

דער חבר מ. ד. האָט שווער געהאָרעוועט ביז ער האָט אַרויסגעסקראָבעט זיין ביסל פאַרלעגערט ענגליש און דאָס אָפּגעפרישט, אָבער דורכגעפירט האָט ער זיין מיסיע בישלומות. די צוהערער זיינע האָבן יעדן וואָרט געשלונגען, כאָטש ער אַליין האָט קיין אוניווערסיטעט און קיין קאָלעדזש אפילו ניט אָנגעשמעקט...

⁘ ⁘ ⁘

זונטאָג נאָכמיטאָג. מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז אָנגעפילט איבער די ברעגן. דער פּאַרטער, די יאַרוסן אין די 5—6 גאָרן, אַלע לאָזשעס פינקלען מיט שיינענדיגע געזיכטער. אַ געהויבענער יום־טוב. אויף דער גרויסער בינע, אויף דער זייט פאָרהאַנג, אַ טיש און שטולן פאַרן פּרעזידיום און רעדנער. אַהינטערן פאָרהאַנג אויף יענער זייט גרייט מען צו די אויסשטאַטונג פאַר דער פאָרשטעלונג, וואָס וועט אויפגעפירט ווערן גלייך נאָך די באַגריסונגען לכבוד דעם געהויבענעם יום־טוב. אַזעלכע באַרימטע שוישפּילער, ווי קאַטשאַלאָוו און זיין גלייכן, נעמען אנטייל. וואָס איז געשען?—דאָס פייערן די „שווייקעס” (נייטאָרינס) פון דער און דער ניי־פאַבריק דעם איבערגאַנג פון אַן 8־שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג אויף אַ 7־שעה'דיגן.

די פאָרזיצערקע, אַ ווידוויזשענקע פון פאַבריק, עפנט די פייערונג מיט אַ קורצער און זאַלעכער רעדע. אַ ריי באַגריסערקעס און

באַרגיסער טרעטן ארויס איינער נאָכ'ן צווייטן. מען רעדט צום פּונקט און טאָלקאָווע. אייגע אַן אַרבעטערקע רעדט אין נאָמען פון איר צעך. זי שילדערט איינפאַך און קלאָר דעם אונטערשייד פונם נעכטן און היינט, די ליכטיגע פּערספּעקטיוון פון דעם מאָרגן, און אילוסטרירט מיט זיך אַליין, דערציילנדיג פון איר אייגענעם פינצטערן נעכטיגן לע־בען, פאַרזונקען אין שקלאַפערײַ און אין אומוויסנהייט, און איצט, אַט זעט, חברים און חבר'טעס...

טרערן פון פרייד רינען איבער אירע באַקן אומבאַמערקט פאַר איר אַליין, און דער גרויסער טעאַטער ווערט שיר צעשפּאָרט פון די פלאַמיגע אַפּלאָדיסמענטן.

לייכט און מיליטעריש זשוואַווע קומט אַרויף אַ באַגריסער אין אַ כאַקי־קורטקע מיטן פּאַס איבערן אַקסל. רווישיגע אָוואַציע... אונ־זערע אויגן באַגעגענען זיך אין אַ בליץ־שנעלן לויף און—אַט איז מאַקס העלץ... ווי בחוריש יונג ער איז דאָס פאַר דער קורצער צייט געוואָרן. ווי לאַנג איז שוין זינט מיר האָבן זיך באַקענט אויפן שיף צו לענינ־גראַד? סך־הכל 3 מאָנאַטן, און אַט סאַרא אונטערשייד. מיר באַ־גריסן זיך מיטן קוק אויף דערווייל. שפּעטער כאַפּן מיר ערשט דעם ריכטיגן שמועס און טיילן זיך מיט איינדרוקן. מאַקס העלץ פילט זיך זייער גוט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ווי קאָן גאָר אַנדערש געמאָלט זיין? אמת, די שפּראַך איז אפשר אַ שטיקל שטערונג... ניין! אַט גאָר אַ שטערונג, אָן איינפאַל אַ ביסל, ער איז דאָך ביי זיך אין דער היים... ער וואונדערט זיך, וואָס מיר קלייבן זיך שוין צוריק. אזוי שנעל?...

:: :: ::

ציליע און ווראַטשקע וואוינען אַ טיר לעבן אַ טיר. ציליע רעדט וועגן ווראַטשקען, ווי פון אַ הייליגער. האָט אַ פאַמיליע, אַ מאַן און אַ קינד, און אזאַ טיכטיגע, מיט ליב און לעבן איבערגע־געבענע טוערקע. פאַר דער פּאַרטיי איז קיין זאַך איר ניט צו שווער. אָ, זי, ווראַטשקע, וועט זיך מחיה זיין, ווען מיר קומען צו איר אויף טיי. גוט. שפּינט זיך דער פאָדים אַרום פאַרשיידענע ענינים בנוגע אַרבעטער און אַרבעט, פּאָליטישע אינטערעסן, די העצע פון די ווייס־גוואַרדייער אויפן מאַנדזשורישן גרענעץ, רירט מען אָן די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער, וואוקס און איינפלוס פון דער קאָמ־פּאַרטיי, לאַגע פון די אַרבעטער אין אַמעריקע, קומט שוין צו רייד, אַז ציליע האָט אַ ברודער אין ניו יאָרק. שוין געוואָרן אַ דאָרטיגער תושב. אַרבעט ערגעץ אין אַ פאַבריק. ציליעס טאַטע, שוין אין די זעכציגער, אַן אַלטמאָדישער איד, וואוינט אין מאָסקווע, באַלאַנגט

צום סאָיוז און אַרבעט אויף אַ זאַוואָד. דער זון האָט גענומען צו־שיקן פון צייט צו צייט געלט דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט דאָס געלט אָפּגעשיקט צוריק צום זון און אים אַזוי געשריבן:

„מיין טייערער זון! אודאי טוט מיר זייער פרייען, וואָס דו פאַרגעסט ניט דיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, אָבער קיין שטיצע באַדאַרפן מיר ניט. געלויבט איז דער אויבערשטער, איך בין אַן אַרבעטער און בין נאָך ביכולת צו טאָן מיין חלק, און ווי באַלד איך באַלאַנג צום סאָיוז, האָסטו שוין ניט וואָס צו זאָרגן וועגן אונז. זעסטו, מיט דיינע אַמעריקאַנער גליקן בין איך דוקא גאָר ניט אַזוי זיכער. טאָ בעסער שפּאָר וואָס דו קענסט פאַר זיך און דיין הויזגעזינד"... דער אַלט־מאָדישער אַלטער טאַטע וואָלט זיך געוואונשן צו האָבן דעם זון אָט דאָ, אין סאָוועטנפאַרבאַנד...

פרייטאָג צו נאַכט זיצן מיר ביים טיש ביי די אַלטע אין הויז. ציליעס אַלטע מאַמע היט אָפּ דעם שבת און גיט אַכטונג אויף איר אַלטן, אַז ער זאָל אויך צומאָל ניט פאַרגעסן וועגן רבונו־של־עולם. קיין מוסר זאָגט זי דעם אַלטן דוקא ניט, אָבער ער פאַרשטייט שוין אויפן וואונק. אַרום טיש זיצן נאָך געסט, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער צוליב די אַמעריקאַנצעס. אויף די מערסטע פון זיי ליגט נאָך בולט דער שטעמפּל פון אַריסטאָקראַטישער אינטעליגענץ, געוועזענע. אין לויף פון שמועסן און דערציילן דערקייקלט מען זיך צום ציוניזם, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע תקומה אין סאָוועטנפאַרבאַנד. איינער באַמערקט מיט אַ זיפץ, אַז זיין טאָכטער איז אַ פאַרשיקטע דאָרט און דאָרט צוליבן ציוניזם... אויף דער פראַגע, וואָס הייסט מען האָט זי פאַרשיקט צוליב ציוניזם, ענטפערט ער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן:

—למאי זאָל איך לייקענען? זי האָט עפּעס געטאָן, וואָס מען טאָר נישט. געוועזן פאַרמישט...

ציליעס אַלטער טאַטע שמייכלט צו זיך אין דער גרויער באָרד אַריין, ווי ער וואָלט געזאָגט: עט, נאַרישקייטן. פאַר גאָרנישט פאַר־שיקט מען ניט... זיכער האָט זי עפּעס געטאָן און איז געווען פאַר־מישט אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט... אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד...

:: :: ::

אסתר זאָגט: נו, אָט פאַרלאָזט איר שוין אונז. ווערט זיך בייג־קען. פלעגן מיר שוין אין אָוונטן וואַרטן אויף אייך. פון די טעאַ־טערן פלעגט איר ברענגען אַזאַ באַגייסטערונג מיט זיך. געווען אַנ־גענעם און גוט זיך צוצוהערן צום פאַרגלייך צווישן אייער אַמערי־קאַנער אידישן קונסט־טעאַטער און אונזער אידישן קאַמער־טעאַטער

דאָ אין מאָסקווע; דעם חילוק אין באַנעמען, אין אויפפירן, אין דעקאָראַציע, אין שפּילן גופא און אַז. וו. אין אַזעלכע שטיקער, ווי שלום־עליכם׳ס, מענדעלים און אַנדערע. למשל, די אויפפאַסונג פון „שימעלע סאָראָקער”, צי מענדעלים „טונעיאַדעווקע” מיט דער „קליאַ־טשע” באַ אייך דאָרט און ביי אונז דאָ. אודאי וויסן מיר אַליין, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד גייט מען צו צום ענין קונסט מיט אַן אַנדער מאָס און וואָג, פּונקט ווי מען טוט דאָס אין אַלע אַנדערע לעבנס־אינטערעסן. דער סאָציאַליזם ווערט דאָ געבויט אויף אַלע געביטן. נו, קומען באַזוכער, וואָס האָבן אויגן צו זען, אויערן צו הערן און אַ קלאָרן פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין און צו אָפּשאַצן זאַכן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, איז דאָס געשמאַק צו אויפנעמען, אָט...

די 17־יאָריגע מאַיאַ טענה׳ט, אַז מיטן אַוועקפאָרן פון די געסט ווערט זי, מאַיאַ, באַרויבט פון אַזאַ פאַרגעניגן, ווי זיך אַ ביסל „ארומ־צורייסן” מיט זיי. דאָס איז דאָך פּשוט סקאַנדאַליעז... זי לאַכט דערביי שעלמיש מיט אירע שיינע אויגן און שטימט איין אויף אַ קאָמפּראָמיס; זאָל מען אָנהאַלטן כאָטש אויף ־ער ערשטער צייט אַ קאָרעספּאָנדענציע, וועט מען שוין זיך קאָנען „ארומרייסן” אין די בריוו...

מענדל איז אַזוי פאַרנומען, אַז ער האָט קיין צייט ניט אפילו צו ביינקען. ער וואָלט גערן געוועזן צו באַגלייטן די חברים און פריינט צום וואָקזאַל, ער האָט אָבער אַ וויכטיגע סעסיע, אין וועלכער ער מוז זיך באַטייליגן. ווען ס׳איז געקומען צו רייד, אַז פון זיין ביאָגראַפיע און רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונגען וואָלט כדאי געווען צו שאַפן אַזאַ און אַזאַ זאַך, טרייסלט ער זיך אָפּ מיט ביידע הענט: אָט, געפונען פון וועמען צו שאַפן אַ העלד... לאָזט געמאַך, איך בעט אייך. ביים געזעגענען זיך זאָגט ער נאָר אויף גיך:

— אי, חברה, חברה, מיט רייד אַליין קאָן מען ווייט ניט אַוועק־גיין. אַרבעטן דאַרף מען, אָט־וואָס. און מיט חשק דאַרף מען טאָן די אַרבעט. שלאָבעריגקייט איז אַ הריגה. און וואָס איז דער חילוק, וואו מען טוט די אַרבעט?... אָט האָט איר באַרייזט אונזערע סאָוועטישע רעפּובליקן. ס׳איז אַן אונטערשייד אין פּלאַץ, אין נאָמען, דער תוך איז דער זעלביגער. סאָוועטישער געבוי אומעטום...

ריכטיג און אין סאַמע קאַרב. אין געדאַנק לויפט דורך אין רייע שטעט און צענטרען, גרעסערע און קלענערע. וואָס איז דער חילוק? מאָסקווע, צי כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, צי באַקו, אָדער, צי אפילו די קליינע טיראַספּאָל,—אומעטום סאָוועטישער געבוי. אומעטום זידט

און קאכט דער סאוועטישער שמעלץ־טיגל, און אט זיינען מיר אין מינסק, הויפטשטאט פון סאוועטישער ווייס־רוסלאנד.

מינסק וואקסט און צעשפרייט זיך. בוי פון אוניווערזיטעט און פון גרויסן טעאטער איז אין פולן גאנג. מען ארבעט ביי די גראנדיעזע בנינים בייטאג און אפילו ביינאכט אונטערן שיין פון גרויסע עלעקטרישע לאמפן. נאיאבר גייט אט־אט אוועק, און כדי צו האבן די דאזיגע געביידעס אונטער א דאך איידער די פרעסט טוען א פאל אריין, מוז מען די ארבעט א יאג טאן אט אזוי־א. סאוועטישער טעמפא. די הויז פון קאמונאלער באנק איז א פראכט, לויט לעצטן פאסאן. אויפשריפטן אין אלע עפנטלעכע פלעצער אין 3 לשונות: ווייס־רוסיש, רוסיש און אידיש, טראמוויי און אווטאבוסן שטענדיג געפאקט. עלעקטרישער טראמוויי שפאגל־ניי און רחבות׳דיג איינגעארדנט. דעם חבר ק. פארשאפט דאס גרויס פארגעניגן. דאס איז זיין ארבעט. פון אמאליגן טראם איז אין מינסק קיין זכר ניט געבליבן. און וואס פאר א פנים וואלט דאס געהאט אקעגן דעם איצטיגן טראמוויי געבויט מאדערנע אין אלע פרטים... זט! נאר מער פון אלץ פרייט זיך דער חבר ק., וואס ער האט באוויזן צו פארענדיגן דעם „נאקאז" מיט א וואסערע 4־5 חדשים פריער פאר דער אנגעצייכנטער צייט. אט.

צוזאמענפאר פון אקטיוו פון ווייסרוסלענדישן „ציק". ערך 300 דעלעגאטן מיטגלידער פון „ציק" זיינען פארטראטן. פייערלעכע דערעפענונג פון צוזאמענפאר אין אוונט. גרויסער, באקוועמער און העל־באלויכטענער זאל רוישט, ווי א בינשטאק. ארבעטער און פויער האלטן רעדעס, גלידערן פאנאנדער פראבלעם נאך פראבלעם, אמפערן זיך וועגן דעם, ווי די און די פראגן בעסער צו לייזן. פויער אין לאפטיעס פון מינסקער בלאטעס זיצט אין „דאס קרעסטיאנינא" (הויז פארן פויער), ווי דער אמאליגער פריץ ביים טאטן אין ווינגארטן. הערט ער אויס א לעקציע וועגן פיצוכט, וועגן פעלד־מיסטיגן. אויפן עקראן זעט ער אין לעבעדיגע, באוועגלעכע בילדער אזעלכע וויכטיגע פאר אים נייעסן, פון וועלכע ער האט ערשט נעכטן ניט געחלומט צו חלום׳ען. אויפן סקווער זעצט ער זיך ברייטלעך אויף א באנק אונטער א בוים און הערט זיך איין, וואס די ראדיא האט אים צו דערציילן און עפעס אין א ענין אים אויפקלערן. עסן און שלאפן, ביבליאטעק און פארוויילונג זיינען גרייט פאר אים טאקע דא־א גופא, אין זיין „דאס קרעסטיאנינא", און ציכטיג, און ליכטיג, און ריין. און וואו איז ניטא אזא הויז פאר׳ן פויער? צי דאס איז לענינגראד, צי כערסאן; מאסקווע, צי מינסק, אומעטום סאוועטי־

שער באַנעם פון נייעם לעבנסשטייגער. מלוכה פון אַרבעטער און פויער.

אין אידישן געריכט גייט אָן אַ משפט. דער ענין איז דירה־געלט. געריכט־זאַל היבשלעך אָנגעפילט. ביז וואַנען דער חבר ריכטער גרייט זיך צו אַרויסצורופן די צדדים, כאַפּט דעריייל איינער אַריין אַ פּאָר צי פון זיין פּאַפּיראָס אַזוי בגנבה און בלאָזט דעם רויך צו זיך אין אַרבל אַריין. די לאָקאַטאָרן טענה'ן, אַז קיין דירה־געלט קומט ניט פון זיי. די אייגנטימערין פון הויז, אַ צוגעפּוצטע דאַמע מיט אַ פּאָפּעליאַטן פּנים, טענה'ט פאַרקערט. אויף די פראַגן פונם ריכטער ענטפערט זי אָפּ אין רוסיש. דער ריכטער באַמערקט אין אַ געלאַסענעם טאָן, אַז דאָ, אין דעם געריכט, ווערן די משפּטים געפירט אין אידיש, אין פּשוט'ן מאַמע־לשון... צי ווייסט זי גאָר ניט פון דעם?... אָ, יע, זי ווייסט יא פון דעם, נישט מער וואָדען? אין רוסיש וועט זי זיך בעסער אויס'טענה'ן...

אַן אַלטער איד אין אַ פאַרשמאָלצעוועטן כאַלדעכעם מיט צענומענע פּאָלעס, ווי אַראָפּגעהאַנגענע אונטערגעהאַקטע פליגלען, טוט זיך אַ טראָג־אַריין אין געריכט־הויז און גלייך דורכן מיטלסטן דורכגאַנג צום ריכטערס טיש. וואָסי? ער וויל אויסגעפינען צי האָט מען זיין זון באַפרייט, צי חלילה פאַר'משפּט... איז וואָס־זשע פלוצלונג אין מיטן דרינען, און דוקא צום ריכטער?... אַי, זאָלט איר מיר געזונט און שטאַרק זיין. אַ טאַטנס האַרץ טוט וויי, און דער „סודיאַ" (ריכטער) איז דאָך אַליין אַ איד, קאָן מען דאָך טאַקע ביי אים אַליין אַלץ אויסגעפינען, איז פאַרוואָס־זשע ניט?... דער ריכטער שמייכלט דעם אַלטן אַנטקעגן נאָך פון דערווייטנס: באַפרייט, באַפרייט... דער אַלטער שיט אויס אַ זאַק מיט ברכות אויפן ריכטערס קאָפּ און אויף דער „סאָוועטסקע וולאַסט" (סאָוועטישע מאַכט). אַלע לאַכן.

פון רעדאַקציע „אָקטיאַבר" קומט אַ רעפּאָרטער פאַר אַן „אינטערוויו" און אויך אָפּצונעמען גרוסן פון מאָסקווע, פון אידישע ראַיאָנען און אַז. וו. דער פאָטאָגראַפער איז שוין אויך דאָ מיטן אַפּאַראַט און גאַנצן קלאַפּערגעצייג. שווימט אַרויף די ציון־וואַקכאַנאַליע אין די פאַראייניגטע שטאַטן, די מעשה לייוויק־רייזען. אַלע זיינען מסכים, אַז די חברים שכנא עפּשטיין און משה כץ האָבן געגעבן די ריכטיגע אָפּשאַצונג פון דער דאָזיגער חברה פיינשמעקער... און אַז די אויפנאַמע פון רייזענען איז אַ פאַרדריסלעכער טעות, נאָר מער פאַרלירן רייד אויף דעם איז לחלוטין נישט כדאי.

דער חבר גערשנבאַום אין מינ־אָזעט (מינסקער אָזעט) דריקט אויס זיין פולע באַדויערונג, וואָס מיר האָבן ניט גענוג צייט צו אָפּ־

שטאָטן אַ לאַנגן וויזיט אין די אידישע „קאָלכאָזן" (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן) אַרום מינסק. דאָס זיינען באמת מוסטער־ווירטשאַפטן. דער חבר קאַץ פון בעל־אָזעט (ווייס־רוסישער אָזעט) איז אויך אין הסכם מיט דעם און ער רעדט מיט באַגייסטערונג בנוגע די אויפטועכצן אין די אידישע קאָלכאָזן.

אין קוראַסאָווטשינע, ניט ווייט פון מינסק, געפינט זיך די אַגראָנאָמישע שול מיט אָפּטיילונגען פאַר סעדעריי, גערטנעריי, פּיצוכט, פעכטעריי און אַנד. אַ סטודענט פון דער־אָ שול דערציילט אין זיין „אַ ביסל געשיכטע" אַזוי וועגן דער דאָזיגער שול־פערמע:

„די אידישע שול־פערמע אין קוראַסאָווטשינע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1900 דורך דער „יעקאָ". דער צוועק איז געווען צוצוגרייטן קאָלאָניסטן פאַר אַרגענטינע און פאַר פּאַלעסטינע. די דערציאונג איז געווען נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעז, און דער כאַראַקטער פון דעם אַנשטאַלט איז געווען אַ צדקה'שער... דער רייכער „יעקא" האָט קיין מיטלען ניט אויסגעפעלט, און די שול האָט ביז די מלחמה־יאָרן אויפגעבליט. געקומען זיינען די שווערע טעג און יאָרן, אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן. בנינים חרוב און אַז. וו. און אַז. וו. ביז ערשט אין יאַנואַר פון 1928, קאָן מען זאָגן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעקאָנסטרוקציע פון דער שול־פערמע, וואָס איז רעאָרגאַנעזירט געוואָרן אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער שול פאַר דער פויערישער יוגנט..."

אַריינגענומען ווערן אין דער דאָזיגער שול־פערמע נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ מיטלשול. די סטודענטן און סטודענטקעס קריגן אַ סטיפּענדיע פון דער רעגירונג חודש'לעך פאַר דער גאַנצער צייט פון אָנגעצייכנטן קורס. די שול פאַרמאָגט פיזישן און ביאָלאָגישן קאַבינעטן, כעמישע לאַבאָראַטאָריע, מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע, אַ נייעם פּיטאָמניק פון פרוכט־בוימער. אַרום און אַרום האָט די שול־פערמע אַן ערך פון 200 העקטאַר ערד. די הויפן זיינען גרויסע, ברייטע. גענוג אָבאָרעס פאַר די בהמות, שטאַלן פאַר פערד און חזירים. אײַן אָסיען זיינען די בלאָטעס, אומדערטרעגלעך. אָבער מען האָט נאָך ניט באַוויזן צו אויסברוקירן דאָס, וואָס נויטיג איז. ס'פעלן מיטלען אויס אויף אַ סך נויטיגע איינריכטונגען און אויסבעסערונגען אפילו אין די בנינים אינטערנאַטן פאַר די שילער. אָט איז דער טעאַטער נאָך אין אַן אָפּגעלאָזענעם צושטאַנד און די בינע איז נאַקעט און הויל, נאָר וועדליג די חורבות, וואָס מען האָט איבערגענומען בירושה, איז דאָס שוין גאָלד. קאָנט איר זיך שוין שאַפן אַ באַגריף...

דער חבר דירעקטאָר נעמט זיך קאַטבלוטיג צו ציפערן. ־אָט האָט איר שוואַרץ אויף ווייס און זעט, אַז ניט קוקנדיג אויף אַלע שוועריגקייטן האָבן מיר דאָך פאָרט דערגרייכט, אַז היינטיגס יאָר וועט די פערמע זיך שוין אַליין איינגאַנצן אויסהאַלטן און ס׳וועט נאָך בלייבן אַ פּאָר טויזנט רובל פּראָפיט. וועט מען זיך ערשט אַ נעם טאָן צו ברייננען אַלץ אין ריכטיגן סדר און איר מעגט שוין זיכער זיין, ס׳וועט גיין אַ גאַנג...

יע, זיכער וועט גיין אַ גאַנג. אַלע אַרבעטן אין פעלד, אין גערטנער, אין דער אָראַנזשעריע, אין פּיטאָמניק, אַרום און אין די אָבאָרעס, שטאַלן, — אַלץ ווערט געטאָן דורך די סטודענטן און סטו־דענטקעס. און פול מיט פרייד און געזאַנג גייט אָן די אַרבעט. פּויערישע יוגנט אונטער סאָוועטישן רעזשים. לימודים געפירט אין אידיש און ניטאָ קיין סימן פון אתה־בחרתנו׳שער פּאַדקלאַדקע.

אויפן לייטערל פון אַרום דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע פּאָרעט זיך אַ סטודענטקע. זי מעסט אוים דעם רעגן־פאַל און פאַר־צייכנט אין נאָטיץ־ביכעלע אַזוי און אַזוי און זינגט זיך אונטער דער־ביי הארציג זים. אין קלוב ברייננט אַ שילער אין אָרדנונג די וואַנט־צייטונג, שטעלט אוים די אַרטיקלען נאָכן סדר נאָך און קוקט זיך אויף קיינעם ניט אום. לערער און תלמידים איין פריילעכע משפּחה אַרום אַ פריילעכן סדר־היום.

מיר דערווייטערן זיך פון דער שול־פערמע צום שליאַך צו. פון אָן אויבערשטן גאָרן דורך אָפענע פענצטער באַגלייט אונז געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

:: :: ::

אין סטויבעך, ביים גרעניץ, באַגעגנט אונז פוילן מיט אירע בלישטשאַטע צאַצקעס און בלעכלעך. ווי קאָמיש, סאַראַ אומזין... אַליין פון זיך ווענדן זיך די בליקן צוריק אַהין, וואו אויף אַ זעקסט־חלק פון דער יבשה גייט אָן אַזוי אימפּעטדיג, אַזוי עקשנות׳דיג דער אויפבוי פון אַ נייַ לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות, סאָוועטישער געבוי...